This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

סאָוועטיש

8

1983

היימלאנד

סאָוועטיש היימלאַנד

ליטעראריש-קינסטלערישער
כוידעש-זשורנאל

אָרגאן פון שרײַבער־פארבאנד פון ססר

דערשײַנט פון 1961

פארלאג „סאָוועטסקי פּיסאטעל"
מאָסקווע

אווגוסט

8

1983

אינהאַלט

צום 90־טן געבורטסטאָג פון וולאַדימיר מאַיאַקאָווסקי. די ליד וועגן סאָוועטישן פּאַספּאָרט. דער קעמפּ „ניט געדיייגעט" 3

שמועל גאָרדאָן. בא דער וואָלגע (ראָמאַן) . . . 9

יאָסל בוכבינדער. שטייט מײַן טויבנשלאַק צעעפנט (לידער) 56

פון אונדזער קלאַסיק. יוסעף אָפּאַטאָשו. אַף יענער זײַט בריק 60

מוישע פּענס. אַז פינקלען זאָל דײַן שויב (לידער) . 68

75 יאָר נאָך דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ . 71

לעוו בערינסקי. דאָס זיסע אומענדלעכע לעבן (לידער) 78

לעוו אַרקאַדיעוו, אַדע דיכטיאַר. די אומבאַוווּסטע (דאָקומענטאַלע דערציילונג) . . 83

פּרעסע־קאָנפערענץ פונעם אַנטיציוניסטישן קאָמיטעט פון דער סאָוועטישער געזעלשאַפטלעכקייט 102

דינע כאַריק. אין זײַן ליכטיקער שײַן 114

זיכרוינעס פון אַ מאַשיניסטקע. מאַניע לאַנדמאַן. וואָס איך געדענק וועגן יעכעזקל דאָברושינען . . 121

ליטעראַטור־קריטיק. ביבליאָגראַפיע. פראַגן פון קונסט

נאָכעם אויסלענדער. בוזי אָליעווסקי 124

פעריאָדישע אויסגאַבעס אין די סאָציאַליסטישע לענדער . 130

אונדזערע מיטיילונגען. וויקטאָר לעבעדעוו. מאַטעריאַלן וועגן דער געשיכטע פון יודאַיזם און וועגן זײַן קריטיק אינעם קסאַוויאַד־פאָנד פון דער מעלוכישער עפנטלעכער ביבליאָטעק אַפן נאָמען פון מ. יע. סאַלטיקאָוו־שטשעדרין 132

דאָרע גאַבע. אין אָוונט 136

מוזיק און עסטראַדע 138

אַפן קינאָ־עקראַן. באָריס שיינין. מיכאַיל ראָם און זײַן פילם „געוויינלעכער פאַשיזם". 141

מיר אינפאָרמירן אונדזערע לייענער. בעגין האָט געוווּסט (באַם „רונדן טיש" פון דער „ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ") 148

בלעטערנדיק זשורנאַלן און צײַטונגען 158

דאָס איז טשיקאַווע 161

מאַטעריאַלן פאַר אַ לעקסיקאָן פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור 165

פאַר די, וואָס לערנען ייִדיש 168

לאָמיר זינגען נײַע לידער 171

כראָניק 131, 157, 160, 164

רעזומע (רוסיש, ענגליש) I

הויפּט־רעדאַקטאָר

א. ווערגעליס

רעדקאָלעגיע:

כ. ביידער (**שטעלפאַרטרעטער פון הויפּט־רעדאַקטאָר**), ש. גאָרדאָן, ט. גען, נאָטע לוריע, ב. מאָגילנער, ב. מילער, כ. מעלאַמוד, ה. פאָליאַנקער, י. שוסטער (**פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר**), י. שרײַבמאַן

צום 90־טן געבורטסטאָג
פון וולאדימיר מאיאקאָווסקי

די ליד וועגן סאָוועטישן פאספאָרט

כ׳וואָלט וועלפיש
דעם ביוראָקראטיזם
פארטיליקט.
ניטאָ קיין רעשפעקט
פאר מאנדאטן,
יעדעס פאפירל
אָן קיין שום כילעק
כ׳וואָלט שיקן
צום טאטנס
טאטן.
נאָר אָט דאָס...
די קופּע
און קאיוטעס
לענגויס

א באַאמטער
א העפּלעכער
שורעוועט.
די פּאספּאָרטן קוקט מען,
איך אויך
נעם ארויס
מײַן ביכעלע
דאָס פּורפּוראָווע.
צו אייניקע פּעסער
שמייכלט מען מילד,
אף אנדערע — מ'קוקט,
ווי אף קוואטש.
מיט אַפּשײַ נעמט מען
א פּאס
מיטן בילד
פונעם ענגלישן
אלטן לייבאטש.
האלטנדיק זיך
אין איין פּארנויגן,
פונקט ווי טיי-געלט
און מיט כניפּעלעך געהעריקע,
פּרעסנדיק דעם גוטן אָנקל
מיט די אויגן,
נעמט מען
די פּעסער פון אמעריקע.
אין פּוילישן
קוקט מען מיט מאַדנע האוויײַעס.
ווי א ציג אין אפּישע,
אים לייענען
מיט פּליײַס
פּאָליציייִשע אויגן
פארשטארטע.
פונוואנען
און וואָס איז דאָס פאר א נײַס
אין דער געאָגראפישער קארטע?
און ניט אויסגעקערעוועט
דעם גראָבן קאָפּ
און אפילע
אָן געפיל
אָן יעדן,
נעמט מען
בא דענער
די פּאספּאָרטן אָפּ,
און בא אלע
אנדערע
שוועדן.
און פּלוצעם
האָט דעם הער
ווי א בראנד
א צעפלאמטער
צעקרימט דאָס מויל
אין איין ווײַלע.
דאָס נעמט אין האנט
דער הער באַאמטער

מייַן
רויטהויטיקע פּאַספּאָרטייַלע.
ער נעמט זי,
ווי מע נעמט
א באָמבע,
א פלאַם,
א שטעכלער,
אַן אָנגעשארפט מעסער,
ער נעמט
ווי א שלאַנג,
א פארפולטע מיט סאַם,
א שלאַנג
פון צוואנציק מעטער.
ס'טוט א ווונק
פילבאַדייַטנדיק
דעם טרעגערס בליק,
די פעק איז ער גרייט
אייַך אומזיסט פארטראָגן.
צעטראָגן
דער זשאנדארם
טוט א קוק אפן שפּיק,
דער שפּיק — אפן זשאנדארם
טוט א קוק צעטראָגן.
מיט וואָס פאר א טייַנעג
זיי וואָלטן מיך א קלאַמער טאָן,
זיי וואָלטן מיך
געקרייציקט און צעפּאסעוועט
דערפאר,
ווייַל איך האַלט אין האַנט
דעם באַהאמערטן,
דעם באַסערפּטן
סאָוועטישן פּאַספּאָרט.
כ'וואָלט וועלפיש
דעם ביוראָקראַטיזם
פארטיליקט.
ניטאָ קיין רעשפּעקט
פאר מאַנדאַטן,
יעדער פּאַפּירל
אָן קיין שום כילעק
כ'וואָלט שיקן
צום טאַטנס טאַטן.
נאָר אָט דאָס...
ווי אן אויצער
פון זעלטנסטן מין
ציט פון קעשענעס ארויס
מייַן האַנט.
לייענט
און זייַט מיר מעקאַנע —
איך בין
א בירגער פון ראַטנפארבאַנד.

יידיש — ע מ. קאַזאַקעוויטש

קעמפּ „ניט געדײַגעט״

מ׳האָט גאָר געדאַרפֿט פֿאַרווערן
דער נאַכט, אָט דער הולטײַקע,
שטערן-גיפֿטלעך שאַרפֿע
אין רוימען
טאָן א שאָט.
איך ליג דאָ
אין א ביידל,
אין קעמפּ „ניט געדײַגעט״.
ס׳איז אַלץ מיר ניט צום האַרצן דאָ.
איבעריק...
א שאָד...
ס׳הודיען און פאַרגייען
סירענעס אויפֿן הודזאָן,
ווי זיי וואָלטן קווענקלען זיך:
הודזשען אָדער נײַן?
בעסער שוין ניט הודזשעט —
די פּאַסאַזשירן מוזן
אויפֿכאַפּן זיך,
טראַכטן,
ליבן,
עסן גיין.
סאַמע
לעם מײַן פֿאָנעם
די אייביקײַט נעמט יאָגן —
אָנענדלעך צעפּעכערט איז איר עק — די צײַט.
קליידער, וועש, וואָלט קאָנען
יעדער איינער טראָגן,
ווען די צײַט
וואָלט וועבן
ניט קיין צײַט,
נאָר צײַג.
כ׳וואָלט שפּאַנען צײַט
אין רימענס:
קריך ניט ווי א פֿייגער!
לאָד זי אָן מיט אַרבעט —
יאָג און טראָג
און רײַב!
ס׳זאָל די צײַט ניט קריכן
לאַנגזאַם נאָכן זייגער,
נאָר דעם זייגער גיך
די צײַט זאָל טאָן
א טרײַב.
דער אַמעריקאַנער
האַלט זיך
אין איין רימען.
בלענדט די וועלט מיט ניו-יאָרק.
געזען שוין, שטעלט אײַך פֿאָר.
הונדערט גאַרנס קאָן ער
גאָרענען ביז הימלען,
גאָרנס, דעכער, גאָרנס.
און אָט דאָס איז גאָר.

אַט האָבן מיר פאַרוואָרפן
איבער טהאַמען
וויסטע
א בריק צום קאָמוניזם
פון הונדערט יאָר
די לענג.
איז האלטן מיר
דעריבער
אונדזער נאָז פאַריסן?
איז קוקן מיר אף אונטן
מיט פאַראַכטונג?
ניין.
מיר דולן מיט קיין בריקן
קיינעם ניט
די מויכעס,
ווייל וואָס איז דען א בריק?
א צוקילונגס-פאַבריק!
מאָלט אייך,
אָן א הויז
איז ניט קיין לעבן אויכעט
אף אזא
דערהויבענעם
וווּנדערבאַרן בריק.
אין וועלט אין סאָציאַלער —
די זעלבע נאַרערייען:
דער טאָג-לוין
דריי דאָלאַרן —
באַקום, און מעגסט זיך גיין.
און וויפל געלט בא פאָרדן?
וואָס איז דאָ צוברייען?
אַט דאָס בא אייך הייסט לעבן?
נו, קולידזש, זאָגט אליין!
א מענטש
(כאָטש פאָרד אליין)
צום לעבן
פיל באַדאַרף דען?
ס'איז פאָרד
מיט זיינע „פאָרדן" גרויס,
אליין איז ער
א מוק.
אַך, מיסטער פאָרד,
פאַר אייער
הינטן דעם פאַרדאַרטן,
צוויי גראַמען
„פאָרדן"
איז דען ניט גענוג?
די איבעריקע —
„גיט אין עמקאַכא[1]"
אוועק עס,
א דענקמאָל ט'מען דערפאַר
אייך אופשטעלן
באַם לעבן.

---

[1] „עמקאַכא" (MKX) די פאַרוואַלטונג פון דער מאָסקווער קאָמונאַלער ווירטשאַפט.

מיר וואַלטן
אײַער בילדל
אופהענגען אף טשוועקעס.
נו, מיסטער פֿאַרד,
איז גיט איר?
א מאקע
וועט ער געבן.
די וועלט ליגט
בא דעם בײַדל
אַנגעדרודלט-כמורנע,
פֿלוצלינג
בליצט א כאַלעם,
פֿלאצט ווי א ראקעט אוף.
ערגעץ נאַ'נט, דערבײַ דאַ
שטײַפע שטימען שטורמען:

«Мы смело в бой пойдем
За власть Советов»...

סארא כאַלעם מאַלט עס
די נאכט, אַט די הולטײַקע!
נאַר איז עס דען א כאַלעם?
ס'הייבט זיך גאַר ניט אַן.
דאַס זינגען
קאַמסאַמאַלצעס
אין קעמפּ „ניט געדײַגעט",
און מיט דער ליד
זיי טרײַבן
קיין מאַסקווע דעם הודזאַן...

יידיש — י. זעלדין



שמועל גאָרדאָן

באַ דער וואָלגע

ראָמאַן

1

פון אָנפאנג איז ליוווי דעמבאַ געווען זיכער, אז דאָס שפּילן פונעם בלאָז-אָרקעסטער דערטראָגט זיך צו אים אין וואלד-שטיבל פון א טראנזיסטאָר צי פון א מאגניטאָפאָן, וועלכן עמעצער פון די טוריסטן האָט איַנגעשלאָסן. די טוריסטן, מיט וועמען ער איז סאָף טאָג געקומען היַנט אהער צו פאָרן, זיַנען דאָך ניט אין דעם עלטער, אז זיי זאָלן מאכן נאכט נאָך איידער ס'איז געוואָרן רעכט טונקל. מענטשן פון זיַן עלטער זיַנען צווישן זיי, דאכט זיך, ביכלאל גאָר ניטאָ. קימאט דורכויס איינע יוגנט, באַ וועמען ס'האָט א קנאפּע ווערדע זיך דורכפאָרן באַ אזא היץ א אָנדערהאלבן מעסלעס אין א דושנעם וואגאָן, זיך אָנטרייסלען דערנאָכדעם א פיַין ביסל קילאָמעטער אף א לאסט-מאשין, און נאָכן אריבערשיפלען זיך מיט דער בארזשע אפן אנדערן ברעג פון דער וואָלגע זיך שלעפּן צופוס מיט די קלומקעס און רוקזעקלעך ביז דער היפשלעך דערוויַטערטער טוריסטישער באזע אין וואלד. זאָגן אָבער, אז די נעסיִע איז געווען פאר אים שוין גאָר צו א שווערע, אז זי האָט אים שטארק אויסגעמאטערט, וועט ער עס ניט. עמעס, ער קאָן זיך טאקע ניט גליַיכן צום איבעריקן אוילעם, ער איז פאָרט שוין, ווי מע זאָגט עס, אריַינגעפאָרן אינעם פינפטן יאָרצענדליק, נאָר איבעריקס פילט ער עס דערוויַל ניט אין זיך, כאָטש ער האָט זיך פארלאָזט לאנגע געדיכטע וואָנצעס, ערטערוויַז שוין אפילע באמערקבאר גראָווע.

פארלאָזט האָט ער זיך אָט די וואָנצעס ערשט מיט א פאָר יאָר צוריק, ווען דער קעסלזאוואָד, וווּ דעמבאַ האָט ביז דאן געארבעט, האָט אים געשיקט פאר א מיַיסטער פון די שלאָ-

סער- און טאָקער-וואַרשטאַטן אין דער ניי-געעפנטער פּעטעו[1]. קוים איז אים פאַרגעשטאַנען האָבן צו טאָן מיט פערצן-פופצניאָריקע כעווריע, האָט ער פונעם ערשטן טאָג זיך באַמיט אויסזען באַיאָרטער. פאַר אַן עלטערן מענטשן, לייווי געדענקט עס פון דער אייגענער קינדהייט, האָט יונגוואַרג מער אַפּשיי, מע הערט זיך צו אים גאָר אַנדערש צו. אָן אָט די וואָנצעס האָט ער דאָך גופע באַ זיך אַליין ניט אַרויסגערופן יענעם דערעכערעץ, וועלכן ער האָט איצטער צו זיך, כאָטש געעלטערט האָבן זיי אים בלויז אויסערלעך. אַזוי אָבער איז ער פאַרבליבן דער זעלבער, ווי ביז דעם, פילט זיך נאָך באַ זיך גאַנץ יונג און קרעפּטיק. אַלנפאַלס, ניט ווייל דער וועג האָט אים אויסגעמאַטערט האָט ער זיך געלייגט אַזוי פרי שלאָפן, ניט דערוואַרט זיך אַפילע אָפן ערשטן שטערן. אים האָט פּאָשעט פאַרשיקערט דער וואַלד מיט זיינע אָנגעזאַמלטע פאַר דעם לאַנגן זומער-טאָג איינגעשטאַנענע רייכעס, אים אָפּגעשוואַכט און פאַרשלעפּערט מיט זיין געדיכט-קלעפּיקער וואַרעמקייט.

דערווייל קאָן ער וועגן דער טורבאַזע נאָך אייגנטלעך גאָרניט זאָגן. ער האָט זי ווי געהעריק פּאָשעט ניט געזען, אַז ער זאָל כאַפּן פון איר אַזעלכע היספּיילעס, ווי זיין יינגערער קאָלעגע, דער לערער פון געשיכטע באַ זיי אין פּעטעו יולי אַראָנאָוויטש דרויאַנאָוו, וועד ס'האָט אים צוגערעדט פאָרן אַהער מיטן ווייב פאַרברענגען דעם אורלויב. יולי דרויאַנאָוו איז שוין דאָ צום דריטן מאָל. אים איז דאָס דאָזיקע ערטעלע אָף דער וואָלגע אַזוי געפעלן, אַז אויסער ווי אַהערצו, זאָגט ער, וועט ער מער אינערגעץ ניט פאָרן אָפּרוען. ער וועט ניט פאַרבייטן אָט די טורבאַזע אָף דעם בעסטן סאַנאַטאָרי אין קרים צי אָף קאַווקאַז.

מעגלעך ער טרייבט ניט שטאַרק איבער, דער גוטמוטיק-שמייכלענדיקער יולי אַראָנאָוויטש, וועלכער דאַרף ביכלאַל קיין סאַך ניט אָף צו ווערן אַנציקט און באַגייסטערט. פון דעם אָבער, וואָס ער, לייווי, האָט באַוויזן דערווייל זען, קאָן ער בלויז זאָגן, אַז די וואָלגע איז דאָ ווירקלעך זייער אַ ברייטע, דער ברעג אַ זאַמדיקער, דער וואַלד אַרום די לייכטע זומערדיקע שטיבלעך פון דער טורבאַזע אַ געדיכטער און טרוקענער. פון צווישן די שלאַנקע סאָסנעס זעען זיך אַרויס די פאַרוואַקסענע זשיגוליער בערג אָף יענער זייט וואָלגע, וועגן וועלכע יולי האָט אים אָנגעדערציילט אינדערהיים געשיכטעס, איינע סוידעספולער פון דער אַנדערער.

צי ניט פון דאָרטן, פון די זשיגוליער בערג, דערטראָגט זיך עס אַהערצו דאָס שפּילן, האָט לייווי אַ קלער געטאָן. אין פענצטערל קוקט טאַקע אַריין אַ פול אויסגעשטערנטער הימל, נאָר פאַר דער יוגנט איז עס ניט קיין צייכן אָף צו מאַכן נאַכט. ביפּראַט, אַז מע איז ערשט סאָף טאָג געקומען אַהער צו פאָרן און ניט באַוויזן נאָך אַלצדינג זען און אומעטום זיין. צו דער אַרבעט דאַרף מען זיך דאָך מאָרגן ניט פעדערן. מע וועט באַווייזן זיך אויסשלאָפן. אָפּאָנעם, אַז אַזוי טאַקע איז עס, מע האָט פאַרכאַפּט מיט זיך אַ טראַנזיסטאָר און זיך פאַרקליבן אין די בערג, ווי די באָכערים און מיידלעך באַ אים אין דאָרף, ווו לייווי האָט אַמאָל געווינט, פלעגן אין אַזעלכע אויסגעשטערנטע זומער-נעכט זיך פאַרקלייבן מיט געזאַנג באַ אַ סטערטע אין סטעפּ...

אָט אַזוי האָט דער מייסטער פון פּעטעו לייווי נאַומאָוויטש דעמבאָ אַ קלער געטאָן פון אָנפאַנג, צוהערנדיק זיך צום בלאָז-אָרקעסטער, וואָס האָט אים אופגעוועקט פון שלאָף. שפּעטער אַ ווײַלע איז ער שוין ניט געווען באַ זיך אַזוי זיכער, אַז דאָס שפּילט אַ טראַנזיסטאָר צי אַ מאַגניטאָפאָן, ווייל צוזאַמען מיטן שפּילן האָט זיך איצט אויך דערטראָגן אַ פאַרטויבטער טומל פון אַ סאַך שטימען. ווער קאָן עס אַזוי ראַשן? די טוריסטן, מיט וועמען ער איז געקומען צו פאָרן? יוגנט טומלט אָבער ניט אַזוי. יוגנט, אַז זי צעלאָזט זיך, פילדערט זי גאָר אַנדערש. דאָס דערקענט מען לויטן איבערשרייען און איבערשלאָגן איינער דעם צווייטן, לויטן הילכיקן געלעכטער! ווער זשע פאָרט קאָן עס אַזוי טומלען? באַם אַריבערשיפלען זיך אַהער איז נאָך געווען גוט ליכטיק. ער וואָלט זיכער באַמערקט, ווען אויסער זיי זאָלן זיך דאָ געפינען אויך אַנדערע טוריסטן. דער אַרום האָט זיי אָבער באַגעגנט פאַרטייעט-שטיל, ווי זיי וואָלטן זיך אַרויסגעזעצט אָף אַ פוסטן פאַרוואָרפענעם אינדזל.

וויאַזוי דאָס אַלץ זאָל ניט אויסזען לייווין מאָדנע, דאָך געפינט ער ניט דערוף קיין אַנדער ענטפער, אויסער דעם, אַז אויך דער צוגעטויבטער טומל, וועלכער רייסט זיך פון מאָל צו מאָל אַריין אינעם שפּילן, דערטראָגט זיך אַהערצו, אין וואַלד-שטיבל, פונעם זעלבן איינגעשלאָסענעם מאַגניטאָפאָן צי טראַנזיסטאָר. און קוים אַזוי, האָט ער מער ניט וואָס זיך צוצוהערן. ער קאָן רויק שלאָפן. און לייווי האָט זיך אָפּגעקערט פונעם פענצטערל, צוגעמאַכט די אויגן. נאָר זיי באַלד צוריק געעפנט. אינעם שפּילן און פאַרטויבטן טומל האָט זיך אום-

---

[1] פּ ע ט ע ו — פּראָדוציר-טעכנישע שול.

געריכט אַרײַנגעמישט אַן אָפּהילך פֿון טריט. די טריט האָבן זיך האַסטיק דערנעענטערט. לייווי האָט ניט באַוויזן אויפֿהייבן דעם קאָפּ נאָך פֿון קישן, ווי ס'האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אין פֿענצטערל.

— לעוו נאָומאָוויטש!

דאָס איז געווען יוליס קאָל, אַ האַפּערדיקס און מונטערס, ווי שטענדיק.

אין אַ פּאָר רגעס אַרום האָט זיך ווידער דערהערט אַ פּויק אין שײַבל:

— לעוו נאָומאָוויטש, איר שלאָפֿט?

ער זאָל ניט אויפֿוועקן דאָס ווײַב, איז לייווי, ניט אָפּרופֿנדיק זיך, אַראָפּ פֿונעם געלעגער און אָף די שפּיץ פֿינגער צוגעגאַנגען צום פֿענצטערל.

— וואָס האָט געטראָפֿן? — האָט ער, אַרויסשטעקנדיק דעם קאָפּ אין אָפֿענעם לופֿטשיקל פֿונעם פֿענצטער, שטיל געפֿרעגט דעם קוים אײַנשטייענדיקן אָף אַן אָרט דרוויאַנאָוון.

דער לערער פֿון געשיכטע האָט פֿאַרכידעשט אָנגעקוקט דעם מײַסטער:

— ווי קאָנט איר עס שלאָפֿן? איר הערט ניט, וואָס סע טוט זיך?

— נו, איך הער, אַז סע שפּילט מוזיק און אַז סע טומלט זיך...

— איר שטעלט זיך גאָר ניט פֿאָר, ווי ס'האָט אונדז דאָ הײַנט אַלעמען אָפּגעגליקט! און מער פֿון אַלעמען מיר מיט אײַך! שוין טוט זיך אָן און קומט! מיר קאָנען נאָך פֿאַרשפּעטיקן.

דעמבאָ האָט ניט איבערגעפֿרעגט, מיט וואָס האָט דאָ הײַנט אַלעמען אַזוי אָפּגעגליקט, באַזונדערס זיי ביידן, און וווּהין קאָנען זיי עס פֿאַרשפּעטיקן? צוגעהערט זיך אַ ווײַלע, צי האָט ער ניט אופֿגעוועקט ליזען, האָט לייווי אַרופֿגעכאַפּט אָף זיך אין דער פֿינצטער די הויזן, די שטעקשיך אָף די פֿיס און אַזוי, האַלב אַן אָנגעטאָנענער, אַרויס צו זײַן ייִנגערן קאָלעגע אין דרויסן.

— וואָס האָט פֿונדעסטוועגן אַזעלכעס פּאַסירט? — האָט לייווי, נאָך אַלץ מוירע האָבנדיק, אַז סע קאָן זיך אופֿכאַפּן דאָס ווײַב, שטיל געפֿרעגט, צוהאַלטנדיק דערבײַ מיט די הענט די הויזן, זיי זאָלן באַ אים, אָן דעם רימען, וועלכן ער האָט אין אײַלעניש פֿאַרגעסן נעמען, זיך ניט אַראָפּגליטשן.

— איר ווייסט טאַקע בעעמעס פֿון גאָרניט? אַ וועלט מיט מענטשן זײַנען פֿון אָוונט אָנגעפֿאָרן אַהער, געבראַכט מיט זיך אַן אָרקעסטער...

— אַן אָרקעסטער? — לייווין האָט עס פֿאַרוווּנדערט מער פֿון אַלץ. — און איך בין געווען זיכער, אַז דאָס שפּילט אַ טראַנזיסטאָר. און וווּהין זײַנען זיי עס אָנגעפֿאָרן? צו אונדז אָף דער טורבאַזע?

— הערט, מירן מיט אײַך דאָ לאַנג נאָך אַזוי שטיין? איך וועל אײַך אָפּן וועג אַלץ דערציילן. טוט זיך אָן און קומט. מאַכט עס אָבער אָף גיך, וואָרעם מיר קאָנען פֿאַרשפּעטיקן. אונדזערע טוריסטן זײַנען שוין קימאַט אַלע דאָרטן.

נאָר לייווי האָט זיך אַלץ ניט גערירט פֿון אָרט:

— ס'איז אַ סאָד, צי וואָס? כ'וויל וויסן, ווו איז עס דער דאָרטן, און וואָס קאָנען מיר דאָרטן אַזעלכעס פֿאַרשפּעטיקן?

אויך נאָך דעם, ווי דרוויאַנאָוו האָט אים געזאָגט, וווּהין רופֿט ער אים מיט זיך, האָט דעמבאָ נאָך אויך ניט אײַנגעזען באַנומען, צו וואָס דאַרף ער עס אינמיטן דער נאַכט זיך לאָזן לויפֿן, ווי אַ ייִנגעלע, ווען עס דערהערט שפּילן אַן אָרקעסטער.

— וויפֿל איז דער זייגער?

— שוין באַלד נײַן.

— ווי? קיין נײַן נאָך ניטאָ? און איך האָב געמיינט, אַז ס'וועט שוין באַלד נעמען טאָגן. — לייווי האָט פֿאַרזיכטיק געעפֿנט די טיר, נאָר זי גלײַך צוריק פֿאַרמאַכט. — כ'ווייס ניט, וואָס מע טוט. ס'איז מיר אַ שאָד וועקן ליזען. ביז זי שלאָפֿט אײַן...

— צו וואָס דאַרפֿט איר זי וועקן?

— און ווי, אַז זי וועט זיך אופֿכאַפּן און דערזען, אַז איך בין ניטאָ?

— הערט, כ'האָב גאָרניט געוווּסט, סאַראַ טרײַער און איבערגעגעבענער מאַן איר זײַט. מיט איין וואָרט, איר גייט? כ'וועל דאָך איבער אײַך זיכער פֿאַרשפּעטיקן, פֿאַרפֿעלן דאָרט אַזוינס, וואָס מע טאָר בשום-אופֿן ניט דורכלאָזן. מיר זײַנען מיט אײַך, פֿאַרגעסט ניט, לערער פֿון פֿעטעו און האָבן פּאַשעט קיין רעכט ניט דורכלאָזן אַזאַ גליקלעכן צופֿאַל.

פֿאַרלאַנגען פֿון דרוויאַנאָוון, אַז ער זאָל אים געבן גענוי עס פֿאַרשטיין, גענוי עס דערציילן, בײַס יענער שטייט קוים אײַן, אָט-אָט וועט ער זיך לאָזן לויפֿן, איז פּאַשעט קינדעריש. דאָך האָט עס ניט אָפּגעהאַלטן לייווין, ער זאָל אים פֿונדעסטוועגן ניט אַ פֿרעג טאָן:

— אָבער אינקורצן קאָנט איר מיר כאָטש זאָגן, וואָס דערוואַרט אונדז אַזעלכעס, אַז מיר מוזן דאָרט אומבאַדינגט זײַן?

— כ'האָב אײַך דען ניט געזאָגט? די אַנגעפּאַרענע זײַנען געוועזענע בויער פון דער וואָלגער „געס"[1]... וועטעראַנען. ס'וועט דאָרט בײַ זיי הײַנט זײַן אַ פּײַערלעכע ליניִקע, ווי בײַ פּיאָנערן... יעדערער וועט אָפּגעבן אַ ראַפּאָרט וועגן זיך... ס'איז שוין אַזאַ טראַדיציע בײַ זיי. כ'וועל אײַך אָפּן וועג גענוי אַלץ דערציילן...

די וואַרעמקייט פון דעם פאַרגאַנגענעם טאָג אין וואַלד איז געווען נאָך געדיכטער און קלעפּיקער, איידער פון אָוונט. זי האָט אַרויסגעעטעמט, האָט זיך געדוכט, ניט נאָר פון די מיט זון אָנגעזעטיקטע ביימער און גראָזן, נאָר אויך פון די אַראָפּפינקלענדיקע שטערן אין הימל.

— יאָגט ניט אַזוי. — יולי האָט מיט זײַן האַסטיקן גאַנג שיר ניט געגויט לייווין צײַטנ־ווײַז נאָכלויפן.

— מיר פאַרשפּעטיקן, — און יולי אַראַנאָוויטש האָט ווידער געשפּרײַזט מיטן זעלבן האַסטיקן טראָט. דאָס האָט אים אָבער ניט געשטערט גענוי איבערדערציילן לייווין אַלץ, וואָס ער האָט זיך דערוווּסט וועגן דעם אָנגעפּאַרענעם אוילעם און וועגן דער פאַרשטייענדיקער פײַערלעכער ליניִקע בײַ וואָדימען, באַם יונגנמאַן מיט די לאַנגע געקרײַזלטע באַקנבאָרדן, מיט וועמען ער שטייט אײַן צוזאַמען אין איין שטיבל. וואָדים האָט שוין באַוויזן זײַן בײַ די וועטעראַנען און געקומען פון דאָרט צו לויפן נאָכן קינאָ־אַפּאַראַט, ווײַל דאָס, וואָס עס שטייט דאָרטן הײַנט פאָר, דאַרף ווערן פאַרהיט, זאָגט ער, אין דאָקומענטאַלע קאַדרען.

— און נאָך האָט ער מיר דערציילט. מיר אַלע האָבן דאָך געמיינט, אַז אויסער אונדז איז דאָ מער קיינער ניטאָ. לאָזט זיך אויס, אַז אַ קילאָמעטער אַנדערהאַלבן — צוויי פונדאַנען איז אַ טאַבאָר.

— אַ ציגײַנערשער?

דרויִנאָוו האָט זיך צעלאַכט.

— ווו האָט איר הײַנטיקע יאָרן געזען בײַ אונדז אַ ציגײַנערשן טאַבאָר? דער טאַבאָר, וווּהין מיר גייען, איז גאָר אינגאַנצן אַן אַנדערער. איר וועט קיינמאָל ניט טרעפן, ווער סע וווינט דאָרט.

— מאַרסיִאַנער, — האָט זיך אַרויסגעכאַפּט בײַ לייווין, וועלכער איז ביז לאַנג ניט געווען געגויגט צו שפּאַסן, ביפראַט בײַ אַזאַ ערנסטן געשפּרעך, ווי ס'האָט מיט אים פון דער ערשטער מינוט אָן פאַרפירט יולי אַראַנאָוויטש.

פאַר דעם לערער פון געשיכטע איז לייוויס ענטפער ניט געווען אויף אַזויפיל אומדער־וואַרט, אַז דאָס זאָל אים קאָנען איבעריקס פאַרוווּנדערן. ער אַליין האָט, אייגנטלעך, אויך קימאַט אַזוי אָפּגעענטפערט דעם שאָכן זײַנעם, ווען יענער האָט, דערציילנדיק וועגן דעם דאָזיקן טאַבאָר, אים פאַרגעבן די זעלבע פראַגע. דרויִנאָוו האָט עס ניט אויסבאַהאַלטן פון לייווין:

— שטעלט אײַך פאָר, כ'האָב אויך, פונקט ווי איר, ניט געקאָנט טרעפן, ווײַל ניט אַזוי אָפּט באַגעגנט מען אַזעלכעס. דער טאַבאָר, ווי ס'האָט מיר דערציילט וועגן אים מײַן שאָכן וואָדים, דאָס איז אַ גרויסער ברעזענטענער געצעלט, ווו צוזאַמען מיט פּאַשעטע, געוויינלעכע אַרבעטער פאַרברענגען זייער אורלויב פאַראַנטוואָרטלעכע טוער, אָנגעזעענע לײַט. ניט אַלע־מען האָט וואָדים פאַרגעדענקט, נאָר אייניקע פון זיי האָט ער מיר אָנגערופן. דאָס איז דער פּאַרזיצער פונעם שטאָטראַט, דער רעקטאָר פונעם פּאָליטעכנישן אינסטיטוט, צוויי דירעקטאָרן פון די גרעסטע זאַוואָדן אין געגנט, אַ באַרימטער פּראָפעסאָר... יעדע פיר יאָר פאַרברענגען זיי דאָ אַזוי זייער אורלויב.

— פאַרוואָס יעדע פיר יאָר? — האָט לייווי געפרעגט, ניט אָנהייבנדיק באַנעמען, צו וואָס, אַשטייגער, דאַרפן אַזעלכע פאַראַנטוואָרטלעכע טוער, אַזוינע אָנגעזעענע לײַט, פאַר וועמען עס זײַנען אָפן, ווי ער שטעלט זיך פאָר, די טירן פון די בעסטע סאַנאַטאָריעס און פּאַנסיאָנאַטן, פאַרברענגען דעם אורלויב אין אַ ברעזענטענעם געצעלט אָן די אַלע באַקוועמ־לעכקייטן, צו וואָס אַ שטאָטישער מענטש, און נאָך אַזעלכע אָנגעזעענע מענטשן, זײַנען זיכער געוווינט. אויסער אַלעם קערן זיי, מיסטאַמע, זײַן, לויט די שטעלעס און אַמטן, וועלכע זיי פאַרנעמען, שוין ווײַט ניט קיין יונגע לײַט, עטוואָס עלטער ניט נאָר פון יולין, נאָר געוויס אויך פון אים, דעם עטלעך־און־פערציקיאָריקן לייווין.

[1] געס — הידראָ־עלעקטראָסטאַנציע.

— אזוי איז שוין אײַנגעפירט, — און דרויאַנאָוו, פאַרופנדיק זיך ווידער אף זײַן שאָכן, אף וואָדימען, וועלכער האָט פאַר דער קורצער צײַט, וואָס ער איז דאָרטן געווען, באַוויזן, ווי ער זאָגט, אַלץ דערגיין, האָט גענוי עס אַלץ איבערדערציילט לײיווין. — איין מאָל אין פיר יאָר, אינעם לעצטן שאַבעס פון יול כוידעש, פאָרן זיך אהער צונויף פון פאַרשיידענע עקן לאַנד די געוועזענע בויער פון דער וואָלגער „געס”. אף דער פײַערלעכער ליניקע גיט יעדער איינער פון זיי אָפּ א מין באַריכט וועגן זיך פאַר די לעצטע דורכגעגאַנגענע פיר יאָר, וואָס מע האָט זיך ניט געזען. פאַריינס דערמאָנט מען זיך געוויינלעך, וואָס איז יעדן איינעם פון זיי און אַלעמען צוזאַמען אויסגעקומען בײַשטיין און אויסשטיין באַם בויען די „געס”. דאָס צונויפפאָרן זיך צוזאַמען פון צײַט צו צײַט איז, פאַרשטייט זיך, ניט קיין נײַס. ס'איז דאָס זעלבע אויך אײַנגעפירט בא געוועזענע שילער פון איין קלאַס, בא געוועזענע סטודענטן פון איין קורס. כ'האָב אָבער קיינמאָל ניט געהערט, מע זאָל זיך צונויפקומען אזוי אָפּט און דערבײַ יעדעס מאָל אין איינעם און דעם זעלבן טאָג. מיסטאמע שטעקט עפּעס אין דעם, ווי קלערט איר, לעוו נאומאָוויטש?

איז אָבער לעוו נאומאָוויטש פונקט אין דער מינוט ניט געווען הי. ער איז געווען בא זיך אין וואָלד-שטיבל, צוגעלאָפן געדאַנקלעך אהין א קוק טאָן, צי האָט זיך ניט אופגעכאַפּט ליזע, און איבער דעם פאַרהערט, וואָס האָט אים דרויאַנאָוו געפרעגט. אף יעדן פאַל האָט ער א דריי געטאָן מיטן קאָפּ, ס'האָט געדאַרפט לעפּיערעך באַטײַטן: ער קאָן אים דערווײַל דערויף ניט ענטפערן, ער דאַרף זיך, הייסט עס, נאָך אפריער באַטראַכטן.

צי דער לערער פון געשיכטע האָט עס ווירקלעך אזוי אופגענומען און איז געווען נײַגעריק צו הערן, וואָס וועט אים דעמבאָ דערויף ענטפערן, צי ער אַליין האָט זיך איצט אזוי פאַרטראַכט שוין וועגן דעם, נאָר ס'איז דורך א היפּשע ווײַלע ביז יולי אַראָנאָוויטש האָט ווידער געלאָזט זיך הערן, דאָס מאָל, ווי לײיווין האָט זיך אויסגעגעבן, נאָך מער באַגײַסטערט, שיר ניט אַרויסזינגענדיק איטלעכס וואָרט, און ווידער פאַרופנדיק זיך אף זײַן שאָכן, אף וואָדימען:

— די אײַנוווינער פונעם טאַבאָר, ווי זיי אַליין האָבן אָנגערופן דעם געצעלט, ווו זיי פאַרברענגען דעם אורלויב, זײַנען אויך וועטעראַנען פון דער וואָלגער „געס”, זיי זײַנען אָבער פון די, וועלכע האָבן זיך נאָכדעם אף שטענדיק באַזעצט דאָ אין דער געגנט. ווען מע האָט געבויט די סטאַנציע, האָבן זיי געאַרבעט מיט די אָנגעפאָרענע וועטעראַנען ווער אין איין בריגאַדע, ווער אף איין באַצירק, געווען צוזאַמען אין איין קאָמיוגישער אָרגאַניזאַציע. צווישן די אײַנוווינער פונעם טאַבאָר, ווי כ'האָב אײַך שוין געזאָגט, זײַנען פאַראַן אויך אזעלכע, וואָס האָבן ביז איצט זיך ניט צעשיידט מיט זייערע פּראָפעסיעס, פאַרבליבן, ווי געווען, פּראָסטע, געוויינלעכע אַרבעטער.

וואָס איז דער לערער פון געשיכטע אויסן געווען, האָט לײיווי זיך געפרעגט, מיט דעם איבערכאַזערן פאַר אים, אַז צוזאַמען מיט די אָנגעזעענע לײַט, ווי דרויאַנאָוו רופט זיי, פאַר-ברענגען אינעם זעלבן געצעלט זייער אורלויב אויך פּאַשעטע, געוויינלעכע אַרבעטער? נאָך מער אופהייבן אין זײַנע אויגן די אָנגעזעענע אײַנוווינער פונעם טאַבאָר?

— ווי איר זעט, לעוו נאומאָוויטש, — האָט יולי אַראָנאָוויטש באַגײַסטערט פאָרגע-זעצט, — שטייט אונדז הײַנט פאַר בײַזײַן אף א לימעד פון געשיכטע. גופא דאָס אַליין שוין, אויב זיך גוט דערין אַרײַנטראַכטן, איז דאָך א קאַפּיטל געשיכטע. און דאָס, וואָס די וועטע-ראַנען וועלן הײַנט דערציילן אף דער פײַערלעכער ליניקע — וויאַזוי זיי האָבן איבערגע-צאַמט די וואָלגע און אויסגעבויט אפן ברעג פון דעם נײַבאַשאַפענעם יאַם די הידראָסטאַנציע, איז דאָך אוואַדע און אוואַדע א קאַפּיטל געשיכטע. — דרויאַנאָוו איז מיטאמאָל שטיין געבליבן, ווי ער וואָלט גייענדיק ניט געקאָנט עס אזוי באַדײַטנדיק אַרויסברענגען. — איר ווייסט, וועגן וואָס איך טראַכט די גאַנצע צײַט? ווען מיר קאָנען, טראַכט איך, אַראָפּברענגען הײַנט אהער-צו אונדזערע כעוורע פון פּעטע, זיי זאָלן בײַזײַן אף דער ליניקע!.. איבערדערציילן די כעוו-רע, וואָס וועלן מיר דאָ הײַנט מיט אײַך זען און הערן, איז איין זאַך, און גאָר עפּעס אַנדערש, ווען זיי וואָלטן אַליין עס אַלץ הערן און זען.

— געוויס זײַנען פאַרן יונגוואַרג נייטיק אזעלכע באַגעגענישן.

— ביפראַט, אַז ס'זײַנען זיך צונויפגעקומען אף דער באַגעגעניש ניט סטאַם אַרבעטער, נאָר עכטע אַרבעטער. איך מיין ניט, לעוו נאומאָוויטש, אַז מע דאַרף אײַך דערקלערן דעם אונטערשייד. פאַר מיר, אַשטייגער, איז אַן עכטער אַרבעטער ניט דער, וועלכער קען גוט זײַן פאַך, כאָטש דאָס איז, פאַרשטייט זיך, ווײַכטיק, זייער ווײַכטיק, נאָר דער, ווער עס איז דערצו נאָך פאַרליבט אין זײַן פאַך, גרויסט זיך דערמיט, וואָס ער איז אַן אַרבעטער. הײַנט

שטייט אונדז פאַר בײַצווײַזן אַף אַ באַגעגעניש פֿון אַזעלכע־אָ מענטשן, עמעס, ניט אַלע פֿון זיי זײַנען שוין איצט אַרבעטער.

דאָס שפּילן פֿונעם בלאָז־אָרקעסטער צוזאַמען מיטן אָנוואָקסנדיקן טומל האָבן זיך דער־טראָגן שוין פֿון גאָר נאָענט. מיט יעדן ווײַטערדיקן שפּאַן האָט זיך אַלץ שטאַרקער געלאָזט פֿילן דער קילער אָטעם פֿון דער וואָלגע. צווישן די סאָסנעס האָבן שוין אַ פּאָר מאָל אַ פֿינקל געטאָן בלויע פֿײַערלעך. דרויאַנאָוו האָט פֿאַרגיכערט דעם טראָט, פֿאַרזעצנדיק דערבײַ דעם ניט פֿאַרענדיקטן געדאַנק:

— אַלנפֿאַלס, מיר מיט אײַך דאַרפֿן באַזונדערס זײַן דאַנקבאַר די אײַנוווינער פֿונעם טאַבאַר. דאָס האָבן זיי דאָך צוגעגרייט דעם הײַנטיקן יאָמטעוו. זיי זאָלן זיך ניט געווען פֿאַר־קלײַבן אַהערצו, אין שכיינעס מיט אונדז, נאָר ערגעץ אַנדערש־וווּ, וואָלט די הײַנטיקע באַ־געגעניש, פֿאַרשטייט זיך, אויך פֿאָרגעקומען, אָבער מיר וואָלטן שוין אַף איר ניט בײַגעווען. פֿאַר אונדז וואָלט עס געווען אַ גרויסער אָנווער.

— כ׳פֿאַרשטיי פּאָרט ניט... — מיט זײַן צוריקגעהאַלטנקײַט איז לייווי אויסן געווען אָפּקילן אַ ביסל דעם באַגײַסטערטן און אַנציקטן דרויאַנאָוון, וועלכער איז געניגט שיר ניט אין אַלץ אײַנזען אַ קאַפּיטל געשיכטע. — נו, צו וואָס, זאָגט מיר, איז נייטיק געווען, אַז אַזעלכע געהויבענע לײַט זאָלן צוליב איין אָוונט, צוליב דער הײַנטיקער באַגעגעניש, זיך באַזעצן אַף אַ גאַנצן כוידעש אין אַ געוויינלעכער פּאַלאַטקע, ווי סאָלדאַטן אַף מאַנעוורעס. איך פֿאַרשטיי עס ניט.

— אַז ס׳איז ניטאָ דאָ וואָס צו פֿאַרשטיין. ס׳איז גאַנץ פּאָשעט, — דער לערער פֿון געשיכטע האָט אויך וועגן דעם איבערגעגעבן לייווין מער ברייטער און גענויער, ווי אים האָט עס דאָס זעלבע דערציילט דער שאָכן. — פֿאַר איינע צוויי טעג גרייט מען ניט צו אַזאַ באַ־געגעניש. און כּוץ אַלעם האָבן זיי פֿאַרבעטן די אָנגעפּאַרענע פֿאַרברענגען דאָ מיט זיי צוזאַ־מען אַ שטיקל צײַט. איצט איז אײַך שוין קלאָר? און אויב ניט, — האָט דרויאַנאָוו צוגעגעבן מיט זײַן גוטמוטיקן שמייכל, — קאָנט איר זיך אָנפֿרעגן גופֿע בא זיי. דער געצעלט איז ניט קיין קאַבינעט. קיין פּראָפּוסק אַרײַנצוגיין אַהין דאַרף מען ניט. און זיך פֿאַרשרײַבן מיט אַ כוידעש צי צוויי פֿאַרפֿריִער אַף אַן אופֿנאַם דאַרף מען אויך ניט. גיי פֿראַנק און פֿרײַ אַרײַן אַהינצו, צו וועמען דו ווילסט. מע דאַרף אַפֿילע אין דער טיר ניט אָנקלאַפּן. אַ געצעלט האָט דאָך ניט קיין טיר.

— דאָס האָט אײַך אויך דערציילט אײַער וואַדים? ווען האָט ער באַוויזן אַזוי גענוי עס אַלץ דערגיין?

— כ׳האָב דאָך אײַך געזאָגט. ער איז אַ פּאַטאַ־רעפּאָרטיאָר, האָט צו טאָן מיט קינאָ, און אַזעלכע מענטשן שטעקן אומעטום אָן, זיי קלאָרן זייער גיך אַלץ אויס. יאָ, שיר ניט פֿאַר־געסן. זײַענדיק דאָרט בא זיי, האָט וואַדים געהערט זאָגן, אַז מע ריכט זיך דאָ הײַנט אַף אַ געהויבענעם גאַסט, ער איז אויך אַ וועטעראַן, פֿון די געוועזענע בויער פֿון דער וואָלגער הידראָסטאַנציע.

און כאָטש יולי אַראָנאָוויטש האָט מיט קיין איינציק וואָרט ניט דערמאָנט מער דעם גע־צעלט און זײַנע אײַנוווינער, נאָר גענוי אַרומגערעדט, וויאַזוי אויסנוצן אַף די לימודים די הײַנטיקע פֿאַרשטייענדיקע באַגעגעניש אַף דער פֿײַערלעכער ליניקע, אַז בא זייערע שילער פֿון פֿעטעו זאָל שטאַרקער אויפֿלאַמען יענץ באַזונדער פֿײַערל, אָן וועלכן די אַרבעט פֿאַרשאַפֿט ניט קיין פֿאַרגעניגן, נאָר איז בלויז אַ זאַך פֿון כאַיונע, דאָך איז בא לייווין געווען דער אײַנ־דרוק, אַז ניט בלויז צוליב דעם, ער זאָל בײַזײַן באַם איבעררוף אַף דער לינייקע, פֿירט אים איצט מיט זיך אַהינצו דרויאַנאָוו. דער באַגײַסטערטער לערער פֿון געשיכטע איז, אַפּאָנעם, אויך אויסן אים ווײַזן, ווי פֿראָסט און צוטריטלעך עס פֿירן זיך אויף די אָנגעזעענע אײַנוווינער פֿונעם געצעלט, ער וויל דערמיט, זעט אויס, אים ענטפֿערן אַף דעם, וואָס לייווי האָט אנומלטן אין יוליס אָנוועזנהײַט געהאַט אַ זאָג געטאָן, נאָך דעם ווי ער האָט אין מעשעך פֿון העכער אַ כוידעש זיך ניט געקאָנט דערשלאָגן אַף אַן אופֿנעם צום פֿאָרזיצער פֿון ראַיויספּירקאָם. לייווי האָט אָבער דערבײַ דאָך אויך דערציילט אַן אַנדער צופֿאַל, פּונקט דער הייפּעך צו דעם, אַ געשיכטע וועגן איינער זײַנער אַ באַגעגעניש מיט אַ מענטשן פֿון אַ פֿיל העכערן אַמט, ווי די, וועלכע ס׳האָט אים איבערגערעכנט דרויאַנאָוו, דערציילנדיק וועגן די אײַנוווינער פֿונעם געצעלט. ס׳קאָן דאָך ניט זײַן, אַז דרויאַנאָוו, וועט עס זעט אײַן אין דער מינדסטער ענדערונג פֿון דער צײַט אַ קאַפּיטל געשיכטע, זאָל האָבן אַזעלכעס פֿאַרגעסן.

2

אף דער לאַנקע, ווו דער בלאַז-אָרקעסטער האָט מיט זײַן שפּילן פארזאמלט די אָנגע-
פאַרענע געסט און צוזאמען מיט פיל אנדערע פון דער טורבאזע פארנארט אויך די צוויי
לערער פון פּעטער, איז שוין אַלץ געווען גרייט אַף אָנצוהויבן די יאָמטעוודיקע באגעגעניש:
ס'האָבן העל געלויכטן אַף די פריש ארומגעהובלטע סלופעס די עלעקטרישע לאָמפּן, פאנאנ-
דערטיילנדיק מיט זייער שײַן און שאָטן די האַלב קײַלעכיקע לאָנקע אַף צווייען — אַף א
בונט-גרינער באַם ארויסגאַנג פונעם וואַלד און א געדיכט-פארטונקלטער באַם אראָפּלאָזן זיך
צום טײַך; אַף די צונויפגערוקטע טישן, פארשפרייטע מיט צײַטונגען, זײַנען געווען צעשטעלט
אין צוויי לאַנגע רייען טעלער און טעלערלעך, קעלישעקלעך, גלעזער און קווארטלעך. לעבן
די אופגעפּראָפּטע פלעשער ווײַן און בראָנפן, לעבן די שאכטלעך קאָנסערוון, שיסלען מיט
גרינס זײַנען געלעגן אָנגעשניטן בערגלעך ברויט, וווּרשט, קעז, געוויכערטע פיש און אַנ-
דערע צובײַסנס; דער באַטאמטער רייעך פון געבאַקנס און געבראָטנס פון דער נאָענטער קיך
האָט אויך אונטערגעזאָגט, אז ס'איז בלויז געבליבן, אז די באַלעבאַטים, וועלכע האָבן באַצײַטנס
דאָס אַלץ צוגעגרייט — די אײַנוווינער פונעם ברעזעטענעם געצעלט, — זאָלן פארבעטן די
צונויפגעפאַרענע געסט צום טיש. דערווײַל איז ניט געווען צו זען, אז סע זאָל האַלטן דערבײַ.
דער צונויפגעזאַמלטער עולם איז געווען אַרײַנגעטאָן אין טאַנצן, געהאַלטן ווי אין איין
דערוויײַז, אז פאַרן עסן גייט גראָד יאָ אָן א טאנץ. און געטאַנצט האָט מען אַף דער באַלויכ-
טענער זײַט פון דער לאָנקע, זיך געדרייט אין א וואַלס מיט אימפּעט און ברען, אז בלויז פון
צוקוקן זיך האָט לייווין געשווינדלט אין די אויגן.

מער פון אַלע האָט פארכידעשט לייווין מיט זײַן האַסטיקן טאַנצן א מאַנצבל אין א גע-
שטרײַפטער מאַטראָסישער טעלניאַשקע. ער דאַרף זײַן, ווי צו זען, ניט אַף קיין סאַך יינגער
פון אים.

ווען די אָרקעסטראַנטן האָבן געמאַכט א שטיקל איבעררײַס, אָפּגעלייגט אין א זײַט די
אינסטרומענטן און דער טאַנצנדיקער עולם האָט זיך אומגעקערט צו די דערבײַשטייענדיקע
רעדלעך, ווו מע איז געווען אַרײַנגעטאָן אין דערמאָנען זיך די דורכגעגאַנגענע קאָמיִגישע
יאָרן אַף דער בויונג פון דער הידראָסטאַנציע און אין אויסדערציילן, וואָס עס איז זיך מיט
יעדן איינעם פון זיי פארלאָפן פאַר דער צײַט, וואָס מע האָט זיך ניט געזען, האָט דעמבאָ א
פרעג געטאָן דרוויאַנאַוון:

— פארוואָס הייבט מען ניט אָן? דער זייגער איז דאָך שוין אָט באַלד צען. צי באַ זיי
איז דאָ אײַנגעפירט אָנהייבן די סימכע, ווי צו נײַ-יאָר, האַלבע נאַכט און זי פארציִען ביז
גרויסן טאָג?

וואָס האָט אים געקאָנט דערוף ענטפערן יולי, אויב ער איז אַהער געקומען באַגלײַך מיט
לייווין און שטייט די גאַנצע צײַט לעבן אים?

— אבי איר האָט מיך אונטערגעטריבן, — האָט לייווי אים אויסגערעדט, — געצייטערט,
אז מירן פארשפּעטיקן.

— פונוואַנען זאָל איך געווען וויסן, אז מע וועט אזוי פארציִען? כ'פארשטיי נאָר ניט,
לעוו נאַומאָוויטש, וואָס האָט איר דערפון פארלאָרן? איר דאַרפט מאָרגן פרי אופשטיין צו
דער אַרבעט און האָט מוירע, אז איר וועט זיך ניט אויסשלאָפן?

— א מאָשל.

— הײַנט וואָס זשע ערגערט איר זיך?

— ס'איז מיר פּאָשעט א פארדראָס. איר זאָלט ניט געווען מיך אזוי אונטערײַלן, וואָלט
איך עפשער אופגעוועקט מײַן ליזען און זי אויך מיטגענומען. אָבער אז ס'איז געגאַנגען אין
איינע אײַלעניש, איינס און צוויי, איז דאָך ניט שײַעך. שיין וועט זײַן, אויב זי וועט זיך
אופכאַפּן און דערזען, אז איך בין ניטאָ.

— איר האָט מוירע, זי זאָל ניט א קלער טאָן, צי זײַט איר ניט באַ א צווייטער? —
דרוויאַנאָוו האָט זיך צעלאַכט. — ווייסט זי, דאַכט זיך, זייער גוט, אז איר זײַט ניט פון די מע-
נער, וועמען מע דאַרף, ווי מע זאָגט עס, נאָכקוקן. ווען אַלע מאַנצבלען זאָלן זײַן אזוי טרײַ און
איבערגעגעבן זייערע פרויען, ווי איר אײַער ליזען, וואָלט געווען, שטעל איך מיר פאָר, גאַנץ
אומעטיקלעך אַף דער וועלט. דאָס שפּאַס איך, פארשטייט זיך. אָט איז מײַן שאָכן. מירן זיך
באַ אים באַלד אַלץ דערוויסן, — יולי אראַנאָוויטש האָט א רוף געטאָן צו זיך דעם יונגנמאַן
מיטן קינאָ-אַפּאַראַטל אַפן אַקסל, וועמען ער האָט דערזען שטיין באַ איינעם פון די רעדלעך. —

וואדים, איר ווייסט ניט, וואָס האָט דאָרט בא זיי אזעלכעס פּאסירט? פאַרוואָס הייבט מען ניט אָן? דער זייגער איז דאָך שוין באלד צען.

— אָן פינף מינוט צען, — האָט לייווי פאַרפינקטלעכט.

— און ווען אפילע עלף, איז וואָס? די באגעגעניש וועט זיך בא זיי סיַיווי פאַרציִען אף א גאנצער נאכט, און ביז טאָג איז נאָך העט-העט, א וועלט מיט ציַיט. אנטשולדיקט. איך מוז גיין.

נאָר וויִאזוי דער יונגערמאן אין די היפּש אָפּגעטראָגענע דזשינסאָווע הויזן מיטן קינאָ-אפּאראט אפן אקסל האָט ניט געיַילט, פונדעסטוועגן האָט לייווי אים נאָך אף עטלעכע מינוט פאַרהאלטן:

— ווער איז יענער-אָ אין דער מאטראָסישער טעלניאשקע? איר האָט געזען, וויִאזוי ער האָט געטאנצט? ס'האָט מיר אזש געשווינדלט פון אים אין די אויגן.

— דאָס איז דער פּאַרזיצער פונעם וואָלגער שטאָטראט. די היַינטיקע באגעגעניש פון די וועטעראנען איז דעריקער זיַין אופטו, ער האָט זי צוגעגרייט. פאַר דעם, ווי מע האָט אים אויסגעווײַלט פאַרן סעקרעטאר פון דער קאָמיוגישער אָרגאניזאציע אף דער בויונג פון דער „געס", איז ער געווען א בעטאָנשטשיק.

— און דער, מיט וועמען ער גייט, ווער איז? — לייווי האָט אָנגעוויזן אף א וווּקסיקן פּולבלעכן מאנצבל מיט דער פאָרויס ארויסגעשטעלטער, ווי אף א פּאראַד, קיַילעכדיקע ברוסט.

— דער איז פון גלאוווק.

— דאָס האָט איר וועגן אים מיר געזאָגט, אז מע דערוואַרט דאָ היַינט זייער א געהוי-בענעם גאסט? — האָט דרוויאנאָוו געפרעגט.

— ניין, ניט וועגן אים. דער איז אויך אן אָנגעזעענער מענטש, א הויך באאמטע פּער-זאָן. ער איז שעף פון א גלאוווק, פאַרגעסן פון וועלכער, און יענער איז א פאַרטרעטער פון א מיניסטער. ער האָט אָבער ניט געקאָנט קומען.

— דער פאַרטרעטער פונעם מיניסטער איז אויך א וועטעראן פון דער „געס"?

— זיכער. אניט וואָלט מען אים דאָך אף היַינט ניט געוווען אהער פאַרבעטן. ער איז געווען דאָ איינער פון די אָנגעזעענסטע אינזשעניערן. דער איז אויך אן אָנגעזעענער אינ-זשעניער. — און פונקט וואדים וואָלט ערשט איצט געהאט באמערקט, אז די ביידע לערערס האָבן זיך פאַרקליבן אין דער פאַרטונקלטער זיַיט פון דער לאָנקע, פאַרכידעשט געפרעגט, — וואָס שטייט איר דאָ? גייט צו נעענטער.

— מיר האָבן ניט ליב זיך שטופּן אויבנאָן, — האָט אָפּגעענטפערט פאַר ביידן דעמבאָ,— פונדאנען זעט זיך אויך ניט שלעכט.

— יאָ, פונדאנען זעט זיך טאקע אויך ניט שלעכט, — האָט זיך אָנגערופן צו לייווין זיַין יינגערער קאָלעגע, ווען וואדים איז אוועק. — פאַר אונדז איז אָבער גיט ווייניקער וויכ-טיק הערן, וואָס וועט מען דאָרט היַינט ריידן, דערציילן. פונדאנען, האָב איך מוירע, וועלן מיר ניט אלץ דערהערן.

נאָר אויך נאָך דעם ווי דער באומרויִקטער יולי אראָנאָוויטש האָט עס ארויסגעזאָגט לייווין, איז ער אויך ניט אָפּגעגאנגען פון אים, גלייך ס'זאָל אים פאַרשטיין פאַרטיַיטשן זיַין עלטערן קאָלעגע דאָס אלץ, וואָס זיי וועלן דאָ היַינט זען און הערן און אין וואָס דרוויאנאָוו זעט פאַרפריִער שוין איַין א קאַפּיטל געשיכטע.

— אף דער ליניקע!

דער ארומיקער באנאכטיקער וואלד האָט זיך אָפּגערופן אף דער באפעלעריש קלינגעוו-דיקער שטים פונעם מאנצבל אין דער מאטראָסישער געשטריַיפטער טעלניאשקע מיט א היל-כיקן וויַיט-פאַרקיַיקלטן ווידערקאָל.

— סמירנאָ! — האָט אין א וויַילע ארום פונסניַי א הילך געטאָן די זעלבע שטיַיפע שטים.

און ווען די ליניקע, די לאנגע צעצויגענע ריי, וועלכע האָט מיט איין עק געגרייכט דעם וואלד און מיטן אנדערן די פאַרטונקלטע זיַיט פון דער האלבקיַילעכיקער לאָנקע, איז געשטאנען פאַרגליווערט, ווי מיליטער אף א פּאראַד, האָט דורכגעקלונגען דער דריטער באפעל:

— אניוטע מאקאראָווא און אנדריי גלייזער! אופהייבן די פאָן אפן פלאַגשטאָק.

אינעם פיַיערלעכן שפּילן פונעם אָרקעסטער, וואָס האָט באגלייט דאָס אופהייבן די פאָן אפן הויכן שטאנג, האָט לייווי אופגעכאפּט בלויז איין-און-איינציקן קלאנג, וועלכן ער האָט נאָכאנאנד איבערגעכאזערט אין זיך, פאַרטויבנדיק מיט אים אלע איבעריקע קלאנגען: גלייזער. גלייזער. גלייזער.

יענעם אָבער האָט מען דאָך גערופן ניט אנדריי, — גיט לייווי שטיל צו זיך א זאָג, ווי ער וואָלט ערשט איצט זיך עס דערמאָנט. — אײַזיק האָט מען אים גערופן. אײַזיק גלייזער.

אי די פרוי מיטן הויך פארקעמטן קאָפּ האָר, אי דער קליינוואקסיקער מאנצבל אינעם העלן אַנצוג, וועמען דער געוועזענער סעקרעטאר פון זייער קאָמיוגישער אָרגאניזאציע אין יענע יאָרן האָט פײַערלעך ארויסגערופן פון דער ריי אופהייבן די פאָן אפן פלאגשטאָק, זײַנען אָבער געשטאנען צו לייווין מיט דער פּלייצע.

— גיט נאָר א קוק, ווו אונדזערע האָבן עס אָנגעשפּארט. — יולי אראָנאָוויטש האָט אָנגעוויזן לייווין מיט דער האנט אפן פארזאמלטן רעדל פון זייער טורבאזע. — זיך פאר-קליבן סאמע אויבנאָן. קומט, לאָמיר אויך צוגיין.

— הא? — לייווי האָט זיך ווי אופגעכאפּט. — יאָ, יאָ. גייט טאקע צו נעענטער. איך וועל אויך באלד צוקומען.

ווען דער מאנצבל צוזאמען מיט דער פרוי האָבן זיך אומגעקערט צוריק אין דער ריי און זײַנען געשטאנען שוין איצט צו לייווין מיטן פּאָנעם, האָט ער אויך גאָרניט באמערקט אין אים אזעלכס, אז ס'זאָל אים מיט עפּעס דערמאָנען אײַזיקן. יענער, אף וויפל לייווי געדענקט, איז גאָר געווען העכער פון דעם. עפּשער האָט ער, לייווי, פּאָשעט פארהערט? דער פאָרזיצער פונעם שטאָטראט האָט גאָר אָנגערופן אן אנדער פאמיליע-נאָמען?

אזוי צי אנדערש, נאָר לייווין איז שוין איצט געגאנגען ניט אזוי אין דעם, אז ער זאָל אין אָט דעם קליינוואקסיקן מאנצבל, וועלכער האָט צוזאמען מיט דער פרוי ארופגעצויגן די פאָן אפן פלאגשטאָק, דערקענען אײַזיק גלייזערן, מיט וועמען ער האָט זיך ניט געזען העכער צוואנציק יאָר, ווי אין דעם, אז יענער זאָל אים ניט דערקענען. און דעמבאָ, האָבנדיק שוין ארופגעטראָטן אף דעם באַלויכטענעם טייל פון דער לאָנקע, איז צוריק ארײַן אין שאָטן, זיך פארקליבן אהין נאָך טיפער.

איצט, ווען דער אָרקעסטער האָט אָפּגעשפּילט דעם פײַערלעכן מארש און איז אנשוויגן געוואָרן, האָט לייווי ערשט דערהערט, ווי הויך עס קלאפּט בא אים דאָס הארץ, פארטויבט דעם איבערוף אף דער ליניקע. עס דערגייען צו אים אהער בלויז די אָנגערופענע פאמיליע-נעמען, פראָפעסיעס און אמטן, וועלכע ווערן ארויסגעבראכט הילכיק און דײַטלעך:

— דמיטרי שעוועלענקאָוו... געווען א שטיינהאקער... איצט בין איך א דאָצענט אין בארג-אינסטיטוט.

... — איוואן לאוורואָוו... אן אינסטרומענטאלשטשיק... אצינד א אינזשעניער...

... — מאריע ליאפּונאָווא... א מוליערן.

... — וולאדימיר גאָלוב — אן עקסקאוואטאָרשטשיק. איצטער אויך אן עקסקאוואטאָר-שטשיק...

... — אנדריי גלייזער... א שאָפער... אצינד דירעקטאָר פון א זאוואָד.

ווו זײַנען געווען באשעפטיקט אף דער בויונג פון דער וואָלגער הידראָסטאנציע די איבעריקע וועטעראנען פון דער ליניקע און וואָס טוען זיי איצט, האָט לייווי שוין ניט גע-הערט. דאָס אלץ, צוליב וואָס דער יאָמטעוודיק אופגעלייגטער און באגײַסטערטער יולי דרויאנאָוו האָט אים אופגעהויבן פון געלעגער און געבראכט מיט זיך אהער צו פירן, האָט מיטאמאָל אָנגעווירן פאר אים די גאנצע ווערט. צי איז אָט דער, וועלכער האָט זיך אָנגע-רופן אנדריי גלייזער, אײַזיק צי ניט אײַזיק, איז אים איצט מער גאָרניט אָנגעגאנגען. צו דעם, אז אייניקע אנדערשן זיך איבער די נעמען, איז ער פונלאנג שוין געוווינט. ער מיט דרויא-נאָוון האָבן דאָך אייגנטלעך אויך זיך איבערגעאנדערשט די נעמען. יויעל איז ניט דאָס זעלבע, וואָס יולי, און לייווי איז ניט אינגאנצן דאָס זעלבע, וואָס לעוו. עפּשער צושיקן צו אָט דעם גלייזערן דרויאנאָוון, ער זאָל זיך דערוויסן בא אים, צי האָט ער אין דער יוגנט ניט געוווינט אין א דאָרף און צי איז ער ניט געווען דאָרט א שאָפער? אויב יאָ, איז זאָל יוליק, ווי ער רופט אים מערסטנטייל הינטער די אויגן, זיך פאריינס אויך דערוויסן, צי איז אָט דער גליי-זער אראָפּגעקומען אהער אליין, צי מיטן ווײַב. צוליב וואָס שיקט אים לייווי עס אויסקלאָרן, וועט יוליק פרעגן...

ווען לייווי זאָל עס אפילע געווען פויעלן בא זיך און א רוף טאָן צוליב דעם דרויאנאָוון, וועט יולי סײַווי ניט דערהערן. דער לערער פון געשיכטע האָט שוין באוויזן זיך פארקלײַבן סאמע אויבנאָן. ער שטייט לעבן דער פײַערלעכער ליניקע, האָט, אפּאָנעם, מוירע דורכלאָזן א וואָרט דערפון, וואָס יעדערער דערציילט דאָרט וועגן זיך. יולי אראָנאָוויטש איז, פארשטייט זיך, זיכער, אז אויך ער, דער מײַסטער, הערט זיך צו אלצדינג צו און טראכט דערבײַ איצט וועגן דעם זעלבן: ווי נייטיק און וויכטיק עס איז, אז בא אזעלכע באגעגענישן, ווי די היינ-טיקע, זאָלן בײַזײַן די שילער פון זייער פעטער, זיך אָנשטעקן, ווי דרויאנאָוו האָט געזאָגט,

מיט דער ראָמאַנטיק פון יענע קאָמיוגישע יאָרן, וועלֿכע די וועטעראַנען פון דער „געס" האָבן פאַרהיט אין זיך ביז איצט. לֿייווי האָט א טראַכט געטאָן וועגן דעם, אָבער באַלד דערפון פאַרגעסן. אים האָט זיך גרייַלֿעך געוואָלט וויסן, וויִאזוי וואָלט יולֿי אַראָנאָוויטש אופגענומען אָט דאָס, וואָס עס איז מיט העכער צוואַנציק יאָר צוריק זיך פאַרלֿאָפן צווישן אים, לֿייווי דעמבאָ, און איַיזיק גלֿייזערן. דעם יאָמטעווודיק-אופגעלֿייגטן און באַגייַסטערטן יולֿין, שטעלֿט זיך לֿייווי פאָר, וואָלט געוויס פאַרווּנדערט, ווי קאָן עס א מענטש, וועלֿכער איז שוין באַלד א זיידע און איז אזוי טרייַ און איבערגעגעבן דער פרוי זייַנער, מאַכן ביז איצט נאָך א וועזן פון א געשעעניש, וואָס איז זיך פאַרלֿאָפן מיט אים אין דער ווייַטער יוגנט און האָט ניט די ווערט, אז מע זאָלֿ זי ביכלֿאַלֿ געוועזן פאַרגעדענקען. ווייַזט אויס, אז פאַר אים, לֿייווין, איז עס ניט אינגאַנצן אזוי, וויבאַלד ער האָט אופגעציטערט, דערהערנדיק די פאַמילֿיע פונעם שאָפער פון זייער קאָלֿווירט. ער מוז צורופן דרוּיאַנאָוון, בעטן אים, ער זאָלֿ צוגיין אויסקלֿאָרן...

און אויב ס'וועט זיך אַרויסווייַזן, אז דאָס איז איַיזיק, איַיזיק גלֿייזער פון זייער דעמלֿטיקן קאָלֿווירט, — האָט דעמבאָ, פאַרקלֿייַבנדיק זיך נאָך טיפער אין שאָטן, געפרעגט בא זיך און ניט געוווּסט, וואָס זיך דערוף צו ענטפערן. ער וועט דאָך ניט פאַרפירן מיט אים, ווי ייִנגלֿווייַז, קיין געשלֿעג. לֿייווי איז אפילֿע ניט זיכער, צי וועט ער צוגיין צו אים. וואָס האָט ער מיט אים איצט צו ריידן? און אויב איַיזיק האָט אים באַמערקט און וועט צוגיין? איַיזיק וועט וועלֿן זיך איבערבעטן מיט אים, דערמאָנען, אז זיי זייַנען געוועזן אין דער יוגנט נאָענטע כאַווירים, דערבייַ וועט ער די גאַנצע שולֿד אַרופוואַרפן אף פרידען. וואָס איז ער, איַיזיק, הייסט עס, שולֿדיק, אויב פרידע האָט אין דער לֿעצטער מינוט אויסגעווײלֿט פון זיי ביידן אים און ניט לֿייווין? ניט אין דעם אָבער גייט דאָך עס, און איַיזיק פאַרשטייט דאָס גאַנץ גוט! ניין, ער לֿייקנט ניט, לֿייווי, אז ער איז אין דער יוגנט געוועזן פאַרלֿיבט אין פרידען, האָט זי זייער לֿיב געהאַט. זייַן בענקשאַפט צו איר האָט זיך בא אים פונלֿאַנג שוין אויסגעוועפּט. ער ווייסט ניט, צי ער וואָלֿט מיט פרידען, ווי שטאַרק ער האָט זי ניט לֿיב געהאַט, געוועזן אזוי גלֿיקלֿעך, ווי ער איז מיט לֿיזען.

דערמיט, וואָס אַנדריי גלֿייזער האָט נאָכן איבערוף אף דער פייַערלֿעכער לֿינייקע אויסגעקלֿיבן פאַר זיך אַן אָרט באַם יאָמטעווודיק געדעקטן טיש סאַמע אַנטקעגן דעם גרויסן העלֿלויכטנדיקן לֿאָמפּ אפן סלופּ און מיטן פּאָנעם צו לֿייווין, וועלֿכער איז אַלֿץ נאָך געשטאַנען פוּנדערווייַטנס, איז אויסגעקומען, ווי ער זאָלֿ וועלֿן געבן לֿייווין די מעגלֿעכקייַט זיך צוקוקן



צו אים. און וואָס לענגער לייווי פאָלגט אים נאָך — אַלץ מער הייבט ער אָן אויסגעפינען אין אים ענלעכס מיט זײַן אמאָליקן כאַווער פון דער יוגנט. אױף וועמען האָט ער זיך עס מיטאמאָל פארקוקט אהער? אױף אים, לייווין? ער האָט אים באמערקט און דערקענט? לייווי וואָלט, מעגלעך, עפשער געגלייבט אין דעם, אָבער די לאַנגע געדיכטע וואָנצעס האָבן אים אזוי געענדערט, אז אפילע פאר זײַנע באקאַנטע, וועלכע האָבן אים געזען א סאך שפּעטער, וואָלט שווער געווען אים גלײַך צו דערקענען. און ווער איז די פרוי, וואָס זיצט לעבן אים באם טיש און ווענדט זיך נאָכאַנאַנד צו אים? ניין, ס'איז ניט פרידע. זי, וויִאזוי זי זאָל זיך ניט געווען ענדערן, וואָלט ער גלײַך דערקענט. לויטן פארוואָרפן דעם קאָפּ צוריק, פּונקט ווי עס זאָלן איר די גאַנצע צײַט איבערפאַלן די האָר איבער די אויגן, וואָלט ער זי דערקענט, קיין איינע פון די פרויען באם טיש האָט אים דערוויַיל ניט דערמאָנט מיט זיך פרידען. עפשער איז אײַזיק, אויב דאָס איז ווירקלעך טאקע אײַזיק, געקומען גאָר אהער אליין און אומזיסט זוכט ער זי דאָ, לייווי, ארום? און עפשער איז אײַזיק זיך מיט איר פאנאנדערגעגאַנגען? און עפשער, די שאָ זאָל ניט זײַן...

און אין דער זעלבער רעגע, ווען לייווי האָט וועגן דעם א קלער געטאָן, האָט ער זי דערזען.

איצט האָט ער שוין זיכער ניט וואָס צו צווייפלען, ווער זיצט עס מיטן פּאָנעם צו אים בא דעם יאָמטעוודיק געדעקטן טיש. אים האָט ניט אונטערגעפירט דאָס פאָרגעפיל, אז ער וועט פונעם ערשטן אויגנבליק דערקענען פרידען. זי איז געגאַנגען פון קיך, געטראָגן א טאַץ מיט אָנגעשניטן ברויט. ארויסגעלייגט די אָנגעשניטענע פּענעצעס אפן טיש, האָט זי מיטן ליידיקן טאַץ זיך אומגעקערט צוריק אין קיך, פונוואַנען ס'איז געגאַנגען א שארפער רייעך פון געקאָכטס און געבראָטנס.

האַלטנדיק זיך נאָך אַלץ אין דער טונקלעניש, האָט לייווי זיך שטיל דערנעענטערט צו דער קיך. ווי נאָר פרידע וועט זיך ווײַזן, וועט ער איר פארצאַמען דעם וועג, ניט אָפּלאָזן, ביז ער וועט איר אַלץ ניט ארויסזאָגן. ער האָט איר א סאך, זייער א סאך וואָס צו זאָגן. ער וועט ניט אויסבאהאלטן פון איר, ווי שטארק ער האָט זי ליב געהאט און ווי שרעקלעך פײַנט ער האָט זי באקומען, זי, צוזאמען מיט איר מאן נאָך יענעם ווינטערצונאכטס. ניין, ס'איז ניט פרידע. ער האָט א טאָעס געהאט. דאָס איז אן אנדער פרוי ארויסגעקומען פון קיך. און ווי לייווי איז ניט געווען זיכער אין דעם, דאָך האָט ער איר נאָכגעקוקט, זי ארויסבאגלייט מיט אן אָנגעשטרענגטן בליק ביז די טומלדיקע טישן. יולי אראָנאָוויטשן זעט ער שוין איצט ניט פונדאנען. ער איז אָבער דאָרטן, יוליק, און איז, פארשטייט זיך, זיכער, אז אויך ער, לייווי, שטייט דאָרט ערגעץ נאָענט, פארפעלט ניט קיין וואָרט פונעם דערציילטן בא די טישן וועגן דעם דורכגעלעבטן דאָ, בא דער בריונג, זעט אויך אײַן אין דעם א קאפיטל געשיכטע. וואָס וואָלט געזאָגט דער זעלבער לערער פון געשיכטע, ווען ער דערוויסט זיך, מיט וואָס איז עס איצט פארנומען זײַן קאָלעגע, דער מײַסטער און לערער פון פּעטעו לעוו נאומאָוויטש דעמבאָ?

3

— אנדריי, דו ווייסט, ווער סע האָט דער ערשטער פאָרגעלייגט, מע זאָל דיך שיקן לערנען? איך! דאָס האָב איך געהאט פאָרגעלייגט. און ווייסט פארוואָס?

דער, וועלכער האָט עס געפרעגט, איז געזעסן צו לייווין מיט דער פּלייצע. נאָר לייווי האָט אים גלײַך דערקענט. דער געהויבענער גאַסט פונעם גלאַווק, וועמען ער האָט פאָרן איבערוף אױף דער פײַערלעכער ליניִיקע געזען ארומשפּאצירן איבער דער לאָנקע אין דער באגלייטונג פונעם פאָרזיצער פון דעם שטאָטראַט, האָט זיך אויסגעטיילט באם טיש מיט זײַן הויכן וווּקס און געגאָלטן קאָפּ, וואָס האָט זיך געלויכטן אונטער די שטראַלן פונעם לאָמפּ אפן דערבײַיִקן סלופּ. גערעדט האָט דער געהויבענער גאַסט רויִק, געלאַסן, אָבער מיט א זיכערקײַט, ווי א מענטש, וועלכער ווייסט פארפריִער, אז וואָס ער זאָל ניט זאָגן, וועט אים קיינער ניט דערווידערן, און ווי לאַנג ער זאָל ניט ריידן, וועט קיינער אים ניט איבערשלאָגן, ניט וואגן זיך ארײַנשטעלן אפילע מיט אן איינציק וואָרט. לייווי האָט אויך ניט געזען, צו וועמען דער געהויבענער גאַסט פונעם גלאַווק האָט זיך עס געווענדט. צווישן די פארזאמלטע באם טיש זײַנען געווען פאראן דאָך עטלעכע אנדרייען, פּונקט מיסטאמע ווי עטלעכע וואסי-ליס צי וולאדימירס. און אויב אפילע ער האָט זיך עס געווענדט צו אײַזיקן, וועמען אַלע רופן

ווי צו זען, מיט זײַן איבערגעאנדערשטן נאָמען — אנדריי, — איז גייט עס לייווין אויך שטארק ניט אָן. אלנפאלס ניט אַף אזויפיל, אז ער זאָל צוליב דעם זיך נעענטער צוקוקן צום טיש און זיך דערווײַטערן פון דער קיך, וווהין ס'איז פארשווונדן מיטן ליידיקן טאַץ זי, פרידע.

— איך געדענק שוין ניט איצטער, ווער האָט עס מיר דעמלט דערציילט, — איז צו לייווין ווידער דערגאנגען די געלאסענע שטים פונעם מאנספארשוין מיט דער פאַרויס ארויסגעשטעלטער, ווי אַף א פאראד, קײַלעכדיקער ברוסט, — אָבער די געשיכטע, וויאזוי דו האָסט כאסענע געהאט, האָב איך, זעסטו, פארגעדענקט. זי איז מיר גוואלדיק געפעלן. ס'האָט באַוויזן, אז דו ביסט א יונג מיט א כאראקטער, מיט אן אײַזערנעם ווילן. קוים האָסטו עפּעס פארטראכט, ווערסטו ניט אָפּטרעטן, זיך אומבאדינגט עס דערשלאָגן. און ווי איר זעט, — דאָס האָט ער זיך שוין געווענדעט צו אלעמען באם טיש, וועלנדיק, אפּאַנעם, זיי נעמען פאר איידעס אַף צו באשטעטיקן, ווי ווײַט-זעענדיק ער איז אין זײַן פאָרויסזאָגן, — האָב איך ניט געהאט קיין טאָעס. אונדזער אנדריי האָט זייער פיל דערגרייכט. איך ווייס גאנץ גוט, וואָס עס איז אזעלכעס אָנפירן מיט א זאוואָד. פאר דעם, ווי מע האָט מיך אריבערגעפירט אין מײַן איצטיקער שטעלע אין גלאווק, בין איך א שטיק צײַט אויך געווען דירעקטאָר פון א זאוואָד, עמעס, פון א פיל גרעסערן, איידער בא אונדזער אנדרייען. נאָר דאָס מאכט ניט אויס. ער וועט מיט דער צײַט נאָך אויך אָנפירן מיט א גרויסן זאוואָד. ער האָט מיט זײַן כאסענע האָבן דערוויזן, אז ער איז א דרייסטער און מוטיקער מענטש, קאָן זיך שלאָגן פאר זײַן גליק, און אזעלכע מענטשן זײַנען מיר געפעלן. זיי וועלן אין לעבן ווײַט אוועקגיין, פיל דערגרייכן.

— איז אָט פארוואָס זײַט איר, וויקטאָר ניקאָלײַעוויטש, לאָזט זיך אויס, אזוי באשטאַנען, אז מע זאָל שיקן גלייזערן זיך לערנען.

— דו האָסט דען ניט געוווּסט, פאשע?

די קעלט, וואָס האָט מיטאמאָל דורכגענומען לייווין, האָט אלץ אָפּטער אים פארהאקט דעם אָטעם. פון דעם, וואָס דער פאָרזיצער פונעם שטאָטראט, וועלכער איז אין יענע ווײַטע יאָרן געווען אַף דער בויונג סעקרעטאר פון דער קאָמיוגישער אָרגאניזאציע, האָט אָפּגעענטפערט דעם שעף פונעם גלאווק, וועלכער האָט אין יענע ווײַטע יאָרן אויך דאָרט געארבעט, איז לייווין ניט געווען אינגאנצן נאָך קלאָר, צי דעם פאָרזיצער פונעם שטאָטראט האָט פארוווּנדערט, וואָס ער האָט ערשט איצט זיך דערוווּסט, פארוואָס וויקטאָר ניקאָלײַעוויטש איז דעמלט אזוי באשטאנען, אז מע זאָל שיקן גלייזערן זיך לערנען, צי אים איז ביכלאל ניט באוווּסט די געשיכטע מיט אײַזיקס כאסענע האָבן, און וואָס דער געהויבענער גאסט פון גלאווק זעט אײַן א מוסטער פון קענען זיך שלאָגן פאר גליק און זיגן אינעם געשלעג.

— דו געדענקסט, פאשע, וויאזוי מע האָט אַף דער זיצונג פונעם סטראָיקאָם געקײַכט פון געלעכטער, ווען איך האָב איבערדערציילט די געשיכטע?

ניט בלויז ווײַל וויקטאָר ניקאָלײַעוויטש האָט, דערמאָנענדיק וועגן דעם, זיך דערבײַ הויך צעלאכט האָט ער ארויסגערופן בא לייווין א ווידערגעפיל צו זיך. לייווי האָט ניט געקאָנט פארטראָגן דאָס ווענדן זיך צו יענעם אַף „דו" און באם ייִנגלשן נאָמען, בייס יענער זאָגט אים „איר" און רופט אים באם פולן נאָמען און פאָטערנאָמען. אויב בא וויקטאָר ניקאָלײַעוויטשן איז עס פאָשעט א פארבליבענע געוווינהײַט פון יענער צײַט, ווען די אלע, מיט וועמען ער זיצט דאָ באם טיש, זײַנען געווען נאָך גאָר יונג, ייִנגלעך נאָך קימאט, איז פארוואָס האָט די זעלבע געוווינהײַט זיך ניט פארהיט באם פאָרזיצער פונעם שטאָטראט? ער האָט, מיסטאמע, אין יענע יאָרן דאָך גערופן דעם יונגן אינזשעניער וויטיא און ניט וויקטאָר ניקאָלײַעוויטש? קאָנטיק, אז בא דעם גאסט פונעם גלאווק איז עס פון יענע געוווינהײַטן, פון וועלכע ער וויל זיך ניט באפרײַען. ס'איז צו גלייבן, אז ער באגייט זיך אזוי מיט אייניקע אויך אַף דער נײַער שטעלע זײַנער. אז קיינער האָט אים דאָרט ביז אהער דערוף ניט אָנגעוויזן, קאָן נאָך לייווי אי דערלאָזן, אי אפילע פארשטיין. נאָר פארוואָס ווײַזט אים דאָ קיינער דערוף ניט אָן, דאָס קאָן דעמבאָ שוין ניט באנעמען. קיינער פון די אָנגעפאָרענע וועטעראנען איז דאָך פון אים ניט אָפּהענגיק, אז מע זאָל ניט וואגן עס אים זאָגן. פאָשעט ניט צו באַנעמען, וויאזוי קאָן עס דער פאָרזיצער פונעם שטאָטראט, ווי העפלעך ער זאָל ניט זײַן, ניט אָנווײַזן יענעם כאָטש אַף דעם, אז מע רופט אים ניט מיטן פריִערדיקן ייִנגלשן נאָמען פאשע. לייווי שטעלט זיך ניט פאָר, אז יולי אראָנאָוויטש זאָל זיך ווענדן צו אים ניט באם פולן נאָמען און פאָטערנאָמען, אויב ער, לייווי, ווענדט זיך ניט צו אים אזוי, כאָטש זיי זײַנען צווישן זיך אויך גאנץ נאָענט און פונלאנג באקאנט.

— מע האָט זיך פון דער געשיכטע מאמעש געהאלטן בא די זײַטן. געדענקסט, פאשע? — וויקטאָר ניקאָלײַעוויטשן איז צו אלעמענס פארוווּנדערונג באפאלן מיטאמאָל א געלעכטער, אז ער איז זיך שיר ניט פארגאנגען.

— אומזיסט נעמט איר מיך פאר אן איידעס, וויקטאָר ניקאָלײַעוויטש. אָך וויפֿל איך געדענק, בין איך דערבײַ ניט געווען. נאָר עפּעס איז צו מיר נאָכדעם דערגאַנגען פֿון דער דאָזיקער געשיכטע. כ׳האָב עס שוין אָבער פֿונלאַנג פֿאַרגעסן.

— וואָס איז עס פאר א געשיכטע? — האָבן זיך אָנגערופֿן עטלעכע פֿון די דערבײַ-זיצנדיקע באַם טיש.

— איר האָט זי דען ניט געהערט? — וויקטאָר ניקאָלײַעוויטשן האָט עס געכידעשט. — ווי קומט עס, איר זאָלט זי ניט וויסן? מיסטאמע האָט איר שוין פֿאַרגעסן. כאָטש אזא גע-שיכטע איז אומעגלעך צו פֿאַרגעסן. נאָר ווײַבאַלד איר געדענקט זי ניט, וועלן מיר בעטן אַנדריייען, ער זאָל זי אײַך איבערדערציילן. ס׳איז זייער א טשיקאַווע מײַסע. א טשיקאַווע, א פֿריילעכע און דערצו זייער א באַלערנווודיקע.

— אויב אַזוי, איז דערצייל זי אונדז אויך, — איז מען צוגעשטאַנען צו גליייזערן פֿון אַלע זײַטן טיש.

— דערצייל... דערצייל... — האָט לייווין זיך געוואָלט מיטשרײַען מיט אַלעמען, ווײַל וועגן דעם, וואָס עס איז זיך פֿאַרלאָפֿן ווײַטער אין יענעם ווינטערדיקן אָפּדערנאַכט, א שאָ פאר זײַן פאָרן אין דאָרפֿראַט זיך צעשרײַבן מיט פֿרידען, ווייסט ער אַפֿילע ווייניקער פֿון דעם אָנגעלייגטן גאַסט, פאר וועמען דאָס אַלץ איז ניט מער ווי א פֿריילעכע מײַסע, מיט וועלכער ער פֿאַרווײַלט, ווי ס׳איז צו זען, זײַנע באַקאַנטע און געסט.

לייווי דעמבאַ קאָן סאָפֿקאָלסאָך אַלץ דערלאָזן, דערלאָזן אַפֿילע דעם געדאַנק, אז אײַ-זיק האָט געקאָנט זיך אויספּײַנען מיטן אָפּנעמען בא אים א שאָ פאר דער כאַסענע די קאַלע און זי אַוועקפֿירן מיט זיך, אז קיינער בא זיי אין דאָרף זאָל די ערשטע צײַט ניט וויסן וווהין. אָבער אז אײַזיק זאָל עס פֿאַרוואַנדלען אין א פֿריילעכער געשיכטע יענעם צו פֿאַרווײַלן, ווי ער האָט וועגן דעם דערהערט עס דאָ איצטער, און ניט פֿון אַבי-וועמען, האָט דעמבאַ זיך ניט געריכט. צום ערשטן מאָל פאר די דורכגעגאַנגענע העכער צוואַנציק יאָר האָט דער שטילער, שעמעוודיקער לייווי דעמבאַ דערפֿילט, ווי ער ווערט דערשטיקט פֿון צאָרן. ער איז אים באַפֿאַלן מיט א ווילדער קראַפֿט, לאָזט אים דאָ מער ניט אײַנשטיין, שטויסט אים צום טיש... לייווי פֿאַרשטייט ניט, פֿאַרוואָס לאָזט זיך אײַזיק אַזוי לאַנג בעטן? ער וויל דערמיט מער אויסנעמען באַם עולעם, ווי אן אַקטיאָר אָף דער בינע, צי עפּעס מאַטערט אים, לאָזט אים ניט דערציילן דאָס געשעענע, ווי א טשיקאַווע פֿריילעכע געשיכטע?

— ווערסט זיך נאָך לאַנג לאָזן בעטן? ווילסט, וועל איך זי דערציילן. איך ווייס די געשיכטע בעסער פֿון אים. ערנוואָרט.

— איז דערציילט.

קאָפֿל?

ווען לייווי זאָל די זעלבע שטים, אָט די צאַרטע, זינגעוודיקע, האַלב-מיידלשע שטים, געווען דערהערן ניט נאָר אין צוואַנציק, נאָר אַפֿילע אין דרײַסיק צי פֿערציק יאָר אַרום, וואָלט ער זי אויך גלײַך דערקענט. און זיך וווּנדערן, וואָס ער האָט דאָ אויך געטראָפֿן קאָפּ-לען, האָט ער זיכער ניט וואָס. ס׳איז גלאַט א כידעש, וויאַזוי איז אים באַלד ניט געקומען אָפֿן זינען, אז אויב דאָ איז אײַזיק, דאַרף דאָ אויך זײַן קאָפֿל. וויפֿל אַנערעך קאָן ער איצט אַלט זײַן, זייער דעמלטיקער אָנפֿירער פֿונעם דראַמאַטישן קרײַזל אין דאָרף? אַלנפֿאַלס, על-טער פֿון אים. דערמיט אַליין שוין, וואָס קאָפֿל איז פֿאַרלאָפֿן אײַזיקן דעם וועג און ער וועט אָנשטאָט אײַזיקן דערציילן די כאַסענע-געשיכטע, האָט ניט איבערגעלאָזט בא לייווין דעם מינדסטן סאָפֿעק, אז קאָפֿל איז פֿאַרבליבן דער זעלבער, ווי מיט צוואַנציק יאָר צוריק — א מענטש, וועלכער מוז שטענדיק צודינען עמעצן פֿון די, וועמען מע פֿאַרבעט אָף אַלע פֿאַר-זאַמלונגען אין פּרעזידיום און וועמענס נאָמען מע דערמאָנט אָפּט פֿון דער בינע. בא אים איז עס שוין אַרײַן אין דער נאַטור, ער קאָן שוין, זעט אויס, אָן דעם ניט אויסקומען. קאָפֿל פֿאַרלאַנגט ניט פֿון יענעם פֿארן צודינען קיינע באַלוינונגען. ס׳איז אים גענוג, אז ער קאָן זיך אָנגעבן פאר יענעמס א נאָענטן באַקאַנטן. די העכסטע באַלוינונג פאר קאָפּלען איז געווען דער אָפּשײַן, וועלכער איז געפֿאַלן אָף אים פֿון דעם, וועמען ער האָט באַדינט און צוגעדינט.

צווישן די, וועמען קאָפֿל האָט פֿון צײַט צו צײַט באַדינט און צוגעדינט בא זיי אין דאָרף, איז אויך געווען דער טראַקטאָריסט און קאָמבײַנער לייווי דעמבאַ. נאָר באַזונדערס לאַנג איז ער זיך געהאַט צוניפֿגעגאַנגען מיט אײַזיקן. און ווען אײַזיק האָט אין איינעם א טאָג, לייווי ווייסט ביז איצט ניט פֿאַרוואָס, זיך אומגעריכט צעקריגט מיט פֿרידען און איז פֿאַר-שוווּנדן פֿונעם דאָרף, האָט קאָפֿל, שיר ניט אָף מאָרגן, און מיטן זעלבן פֿלײַס, מיט דער זעל-בער איבערגעגעבנקײַט, גענומען צודינען אים, לייווין, נאָכגעגאַנגען, ווי א שאָטן, אָפּגע-טראָגן אים די מינדסטע נײַס. פֿאַרוואָס האָט ער קאָפּלען גלײַך ניט דערווײַטערט פֿון זיך,

ניט ארויסגעוויזן זייַן ווידערגעפיל צו אים, קאָן עס לייווי אויך איצט ניט באַנעמען. קענטיק, אים האָט געשטערט זייַן צוגעלאָזנקייַט, זייַן שעמעוודיקייַט אינעם אופירן זיך מיט מענטשן, אַז ער זאָל אָפן געווען ארויסווייַזן קאַפלען, ווי דערווידער ער איז אים, דערווידער מיטן בלאָנדזשענדיקן שמייכל אַפן קייַלעכדיקן ליכטיקן געזיכט, אַף וועלכן עס שפראָצן שיטער-לעך די האָר, מיט דער הימלשער בלויקייַט אין די אויגן, מיט דער דינער האלב-מיידלשער שטים. ווען ער, דער שטילער, שעמעוודיקער לייווי דעמבאַ, זאָל זיך געווען דעמלט פאַר-שטעלן, אַז דער זעלבער, וועלכער איז געווינט צודינען, קאָן זייער לייַכט פאראטן, ווי קאַפל איז זיך באַגאַנגען מיט אים... איינגאַנצן אָבער קיין סאָד, אַז קאַפל האָט געהאַט א שייַכעס צו דעם, וואָס עס איז זיך פאַרלאָפן אין יענעם ווינטער-פאַרנאַכט, איז פאַר לייווין ניט גע-ווען, כאָטש קאַפל האָט אליין זיך געהאַט אָנגעבאָטן זייַן איינער פון די צוויי איידעס פון כאַסנס צאַד, וועלכע וועלן אין טאָג פון דער כאַסענע אים באַגלייטן, לייווין, אין שכיינעס-דיקן יישעוו, ווו עס געפינט זיך דער דאָרפראַט — א קילאָמעטער זעקס-זיבן פון זייער יישעוו.

— אין וועמען פון די צוויי באָכערים, וועלכע האָבן מיט איר ארומגעשפאַצירט, איז פרידע געווען מער פאַרליבט, זאָל זי אונדז אליין זאָגן. פרידע! ווו ביסטו פאַרפאַלן געוואָרן? פרי-דע!

פאר לייווין איז ניט געווען אומדערוואַרט, אַז די טשיקאַווע און פריילעכע געשיכטע, ווי עס האָט זי אָנגערופן דער הויכבאַאַמטער פונעם גלאַווק, וועט דערציילן ניט אייַזיק, נאָר זייַן צודינער קאַפל. איינגאַנצן אומדערוואַרט אָבער איז געווען פאַר לייווין, וואָס דער דער-ציילער האָט בלויז אָנגעגעבן דעם נאָמען פונעם אנדערן באָכער און אַז ער איז א טראַקטאָ-ריסט, נאָר קיין איין מאָל ניט אָנגערופן זייַן פאַמיליע. קאַפל האָט זיך אליין דערצו דערטראַכט, צי דאָס האָט אייַזיק אים שוין אונטערגעזאָגט?

— געווען איז דער טראַקטאָריסט און דער קאָמבייַנער, לייווי הייסט עס, א שיינער, וווקסיקער באָכער, און זייער א גוטער פאַרדינער. אָבער פאַר מיר איז פון סאַמע אָנהייב אָן געווען קלאָר, ווי צוויי מאָל צוויי איז פיר, אַז פרידע וועט כאַסענע האָבן ניט פאַר אים, נאָר פאַר אנדרייען. לייווי איז געווען צו א שטילער באָכער, פון די באָכערים, וואָס אליין וועלן זיי קיינמאָל ניט כאַסענע האָבן, נאָר וועמען מע דאַרף כאַסענע מאַכן. אנדערש וועלן זיי בלייַבן פאַרזעסן. און אנדריי איז געווען פונקט דער הייפעך, א באָכער א ברען, מיט א כאַראַקטער, ווי ס'האָט דאָ וועגן אים געזאָגט אונדזער פילגעאַכטער וויקטאָר ניקאַלייַעוויטש. אין איינעם אָן אָוונט, איך בין גראַדע פונקט געווען דערבייַ, איז צווישן אנדרייען מיט פרי-דען דורכגעלאָפן, ווי מע זאָגט עס, א שוואַרצע קאַץ, אויסגעבראָכן א באַרויגעז, זיי האָבן זיך צעקריגט.

— דאָס איז שוין איבעריק, — האָט אים אָפגעשטעלט אייַזיק, — און גענוג עס דיר אַזוי ארומאָלן און ארומשפילן. ביסט דאָך ניט אַף דער בינע.

„האַצמאַך"! לייווי האָט זיך קוים אייַנגעהאַלטן ניט ארויסצוברענגען אַף א קאָל דעם צונאָמען, מיט וועלכן מע האָט בא זיי אין דאָרף געקרוינט דעם אָנפירער פונעם קאָלווירטישן דראַמאַטישן קרייַזל, וואָס האָט געשפילט אין דער „קישעפמאַכערן" האַצמאַכן, פאַרגעשטעלט אים פאַר א לעץ, וועלכער פאַרווייַלט דעם עולעם.

— ע, ניין, — האָט זיך אַרייַנגעמישט וויקטאָר ניקאַלייַעוויטש, — אויב דערציילן, איז געניוי, מיט אַלע איינצלהייטן, ווי דו האָסט עס דעמלט געהאַט דערציילט.

דער געהויבענער גאַסט האָט מיט זייַן אופירן זיך באַם טיש נאָך מער פאַרוווּנדערט לייווין. צו וואָס איז דעם שעף פונעם גלאַווק געווען נייטיק פון אָנהייב אויסבאַהאַלטן, אַז ער געדענקט ניט, ווער האָט עס אים אַלץ איבערגעגעבן.

וויאַזוי און איבער וואָס איז דעמלט אויסגעבראָכן צווישן אייַזיקן מיט פרידען א בא-רויגעז און אָנגעהאַלטן בא א האַלב יאָר, האָט לייווי שוין ניט געהערט. פון קיך איז ארויס-געקומען די, ווער ס'האָט אין יענעם ווייַטן ווינטערצונאַכט געדאַרפט ווערן און איז ניט גע-וואָרן זייַן ווייַב און וועגן וואָס אייַזיקס צודינער, לויט דער אָנווייַזונג פונעם הויכבאַאַמטן פונעם גלאַווק, דערציילט איצט, ווי וועגן א פריילעכער טשיקאַווער געשיכטע, פאַרווייַלט מיט איר די פאַרזאַמלטע באַם טיש. פרידע, האָט לייווי, דערזעענדיק זי, א קלער געטאָן, וואָלט לויטן פאַרלאַנג פונעם הויכבאַאַמטן מיסטאָמע אויך דערציילט וועגן דעם זעלבן, ווי א טשי-קאַווע פריילעכע מייַסע. זי וואָלט דערבייַ זיך געוויס איבערגענומען: אין איר זייַנען געווען פאַרליבט צוויי באָכערים. איין פאַרליבטער באָכער האָט זי אָפגעשלאָגן באַם צווייטן פאַר-ליבטן באָכער, זי אַוועקגעגאַנגען בא אים א שאָ פאַר דער כאַסענע, שיר ניט פון אונטער דער כופע, ווי מע האָט גערעדט וועגן דעם נאָכדעם בא זיי אין דאָרף. זי וואָלט, מיסטאָם, אויך איבערגעכאַזערט דאָס זעלבע, וואָס דער גאַסט פונעם גלאַווק האָט געזאָגט וועגן איר

מאַן, אַז אײַזיק האָט דערמיט באַוויזן זײַן דרייסטקײַט און מוטיקײַט, באַוויזן, ווי־אַזוי מע דאַרף זיך שלאָגן פֿאַר גליק און קאָנען יענעם באַזיגן.

— לייווי? — פֿרידע האָט קוים אײַנגעהאַלטן דעם טאַץ מיטן געבעקס. ער האָט זיך אַ גליטש געגעבן פֿון אירע הענט. — לייווי? — האָט זי ווידעראַמאָל אַרויסגעבראַכט מיט אַ פֿאַרכאַפּטן אָטעם, נאָך אַלץ ניט גלייבנדיק, אַז זי איז זיך ניט טויע, אַז זי זעט פֿאַר זיך ווירקלעך לייווין, לייווי דעמבאָ. — ווי קומסטו אַהער? פֿונוואַנען? ווי־אַזוי? ניין, דאָס ביסטו טאַקע? דו, ליאָווינקע. דעמבאָ?

— איר האָט זיך ניט געריכט מיך דאָ הײַנט באַגעגענען? איך האָב זיך, שטעלט אײַך פֿאָר, אויך ניט געריכט אײַך דאָ טרעפֿן, — און ניט אַזוי קאַלט און צוריקגעהאַלטן, ווי אים האָט זיך עס געוואָלט, צוגעגעבן: — אין לעבן אָבער קאָן אַלץ פּאַסירן. מע דאַרף צו אַלץ זײַן גרייט.

פֿרידע האָט אַ קוק געטאָן אויף אים און גאָרניט געענטפֿערט, בלויז נידעריק אַראָפּגע־לאָזט דעם קאָפּ. די פֿאַרלוירנקײַט אין איר בליק — לייווי האָט עס גלײַך באַמערקט — איז געווען ניט אַזוי פֿון דעם, וואָס זי האָט אים דאָ אומגעריכט באַגעגנט, ווי פֿון זײַן ווענדן זיך צו איר אין מערצאָל, אויף „איר". דערמיט אַליין שוין האָט ער איר געגעבן דײַטלעך קלאָר אָנצוהערן, אַז ער האָט אַלץ פֿאַרגעדענקט, גאָרניט פֿאַרגעסן.

נאָך דעם ווי לייווי האָט איר אַזוי אָפּגעענטפֿערט, וואָלט פֿרידען מיסטאָמע ניט פֿאַר־וווּנדערט, ווען ער גיט זיך באַלד אַ דריי אויס און גייט אַוועק, איבערלאָזנדיק זי נאַריש אַזוי שטיין מיטן טאַץ אין די אויסגעשטרעקטע הענט. ווי דערנידעריקט דאָס וואָלט פֿאַר איר ניט געווען, וואָלט זי דערויף גיכער אײַנגעגאַנגען, איידער אויסהערן, וואָס טראַכט ער וועגן איר. נאָר אין דער זעלבער רגע, ווי ער האָט זיך געקליבן עס איר זאָגן, האָט ער זיך באַגעגנט מיט אירע גרויסע שוואַרצע אויגן. זיי האָבן צו אים אַראָפּגעשמייכלט פֿונעם קײַלעכדיק־ברייטלעכן געזיכט מיטן טיפֿן כיין־גריבעלע אויפֿן קין. מיטן דאָזיקן שמייכלען האָט זי שטאַר־קער צעפֿלאַקערט אין אים די סינע, וועלכע ער האָט ביז אַהער אײַנגעהאַלטן אין זיך, ניט געוואָלט זי אויסלאָדן, ווי זי וואָלט נאָך ניט געווען אינגאַנצן צײַטיק. די סינע האָט אים איצט אַזוי אַרומגעכאַפּט, אַז ער קאָן זיך איר שוין מער ניט קעגנשטעלן. זי וועט, דאַכט זיך, באַלד אַזוי אַרויסשרײַען פֿון אים, אַז מע וועט זיך צונויפֿלויפֿן אַהער פֿונעם טיש. מער פֿון אַלעמען וואָלט עס איבעראַשט יולין. און ניט ווײַל ער האָט ביז אַהער קיינמאָל ניט געהערט, אַז לייווי זאָל ווען־ניט־איז העכערן אויף עמעצן די שטים, זיך דערלויבן עמעצן באַליידיקן.

יוליק איז, אַפֿאָנעם, אויך געווען אײַנשטימיק מיט אייניקע זייערע קאָלעגן פֿון פּעטעו, און דערפֿאַר, זעט אויס, האָט ער זיך ניט אַרײַנגעמישט, ווען אין לערער־צימער איז אָנומלטן, אין זייער ביידנס אָנוועזנהײַט, מיטאַמאָל אַוועק אַ רייד וועגן יידן, אַז זיי זײַנען שטאַרק צונויפֿגעלעבט צווישן זיך, נעמען זיך אָן איינער פֿאַרן אַנדערן, האַלטן אונטער איינער דעם צווייטן און גאָט באַהיט, זיי זאָלן אין עמעצנס אָנוועזנהײַט זיך דערלויבן מיט עפּעס מעווײַעש זײַן זייערן אַ יידן. איגנאַטיעוו, דער לערער פֿון פֿיזיק, האָט עס אַפֿילו געהאַט באַגרינדעט, פֿאַרופֿנדיק זיך אויפֿן באַרימטן געזעץ: צוויי געגנשטאַנדן קאָנען ניט אין איין און דער זעלבער צײַט זיך געפֿינען אויף איין און דעם זעלבן אָרט. דאָרט, וווּ עס הערשט אייביקער אַכדעס, אייביקע ליבע, דאָרט קאָן ניט הערשן קיין סינע. ניטאָ פּאַשעט קיין אָרט פֿאַר דעם. לייווי האָט געהאַט ניט ווייניק מיט וואָס צו דערווײַזן, אַז ס'איז ניט אַזוי, און ער וואָלט עס זיי דערוויזן. ס'האָט זיך אָבער דערהערט אַ קלונג, אָנגעזאָגט, אַז עס האָט זיך פֿאַרענדיקט די האַפּסאַקע, און די לערער זײַנען זיך פֿאַנאַנדערגעגאַנגען איבער די קלאַסן. עפּעס פֿון דעם, וואָס ער האָט געהאַט דערויף צו ענטפֿערן, האָט ער באַוויזן זיי זאָגן. אויף זיך, פֿאַרשטייט זיך, האָט ער זיך ניט פֿאַרופֿן, כאָטש ער האָט געהאַט מיט וואָס, און אין דעם וועט דער לערער פֿון געשיכטע זיך קאָנען הײַנט איבערצײַגן.

דאָס שטיין אַזוי אַנטקעגן פֿרידען און שווײַגן קאָן דאָך אייביק ניט אָנהאַלטן. ווען דען, אויב ניט איצט, וועט ער איר אַרויסזאָגן דאָס, וואָס עס האָט זיך בײַ אים אָנגעזאַמלט פֿאַר די אַלע יאָרן פֿון זינט זיי האָבן זיך צעשיידט און וועגן וואָס ער האָט איבערגעטראַכט, ווען ער האָט זי דאָ אומגעריכט דערזען. זי און איר מאַן. פֿרידע וועט דאָך ניט שטיין און צוּוואַרטן, ביז קאָפּל וועט ענדיקן פֿאַרווײַלן דעם עולם מיט אָט דער כאַסענע־געשיכטע, מיט וועלכער, ווי לייווי האָט זיך הײַנט עס דערוווּסט, אײַזיק האָט זיך פֿאַר אַלעמען אויסגעפּײַנט און אַזוי אויסגענומען מיט איר בײַ דעם הויכבאַאַמטן גאַסט! ווען וויקטאָר ניקאָלײַעוויטש, פֿאַר וועמען אײַזיק איז געוואָרן אַ מוסטער, ווי־אַזוי זיך צו שלאָגן פֿאַר גליק, זאָל, אַשטייגער, געווען זײַן אַ לערער בײַ זיי אין פּעטעו, וואָלט אים זיכער באַנק געטאָן, לעמײַ האָט ער ניט אַראָפּ־געבראַכט מיט זיך אַהער זײַנע יונגע שילער, זיי זאָלן אויסהערן די דערציילטע געשיכטע,

וועלכע קאַפּל צעלייגט אַף טעלערלעך, אַזוי ווי ער פאַרלאַנגט עס פון אים. פאַרלאַנגט און באַפעלט. אין דעם, אַז איַיזיק האָט זיך מער ניט אַריַינגעמישט, געלאָזט קאַפּלען דערציילן מיט אַלע איינצלהייַטן, ערטערוויַיז אַפילע צוגעבן עפּעס פון זיך, אַבי נאָר עס זאָל זיַין פריי־לעכער, לעכערלעכער, האָט לייווי ניט געצווייפלט. איַיזיק האָט ניט ווידערשפּעניקט דעם הויכבאַאַמטן פונעם גלאַווק, ניט בלויז פון מוירע, אַז ער קאָן דערפון פאַרשפּילן, שטעלן דער־מיט אין קאָן די שטעלע זיַינע. ווער עס קאָן דערלויבן, אַז מע זאָל פאַר אַ טיש מיט מענטשן אַזוי ריידן וועגן אים און זיַין פרוי, שיידט זיך פאַשעט מיט גאָרניט אונטער פון זיַין צודינער. איַיזיק האָט דערמיט דערוויזן, אַז ער איז אויך אַ באַדינער, דינט דעם, וועלכער רופט אַרויס בא אים, לייווין, אַ מאָדנעם ווידערגעפיל צו זיך, אַ ווידערגעפיל און אַ פיַינטשאַפט.

נאָר ניט דערפון, ווען לייווי זאָל אַפילע זיַין זיכער, אַז ער וועט זי דערמיט ביז גאָר באַליידיקן, וועט ער אָנהייבן זיך צעצאָלן מיט איר. דער כעזשבן איז צו אַ גרויסער, אַז ער זאָל דערפון אָנהייבן. ניטאָ קיין געמיינערס, ווי דערנידעריקן אַ מענטשן, דערצו נאָך אין אַלעמענס אָנוועזנהייַט, ווי מע איז זיך מיט אים באַגאַנגען. ניטאָ! וויפל אָבער קאָן ער אַזוי שטיין אַנטקעגן איר און שוויַיגן? ער קאָן נאָך אַלץ ניט פאַרשטיין, וואָס עס קומט מיט אים דאָ פאָר? ער האָט, דאַכט זיך, אַלץ דורכגעטראַכט און איבערגעטראַכט, און ער ווייסט פאָרט נאָך ניט, וויאַזוי אָנצוהייבן. ער ווייסט בלויז, אַז ער דאַרף אָנהייבן דערפון, אַז זי זאָל גלייך דערפילן זיַין פיַינטשאַפט. פאַר דעם, אַז זי וועט ניט וועלן אים אויסהערן און אַנטלויפן, האָט ער ניט מוירע. ער וועט איר פאַרצאַמען דעם וועג, זי צווינגען אים אויסהערן.

דער זעלבער שמייכל אין אירע גרויסע שוואַרצע אויגן, וואָס האָט מיט יעדער רעגע אַלץ שטאַרקער צעפלאַמט אין אים די סינע, האָט ענדלעך אים אונטערגעזאָגט, וויאַזוי און פון וואָס אָנהייבן. ער וועט אָנהייבן דערפון, זי זאָל ניט פאַרגעסן, אַז פאַר איר שטייט ניט יענער לייווי דעמבאָ, וואָס דעמלט, און אומזיסט קוקט זי אַף אים מיט אויגן פון אַ פאַרשולדיקט קינד, וואָס ווייסט פאַרפריִער, אַז מע קאָן זיך אַף דעם לאַנג ניט בייזערן, אַז ווי עס זאָל זיך ניט געווען פאַרשולדיקן, וועט מען עס אים סיַיווי מוחל זיַין, אַלץ פאַרגעבן.

זעט אויס, ער האָט ניט דערינגען קיין טאָעס. זי דערוואַרט עס טאַקע, דוכט זיך, פון אים. און ווי זי זאָל אים וועלן דערין איבערציַיגן, האָט זי אין איין אויגנבליק אַראָפּגעשטעלט דעם טאַץ מיטן געבעקס אַפן גראָז און, מיידלש־יונג, אונטערשפּרינגענדיק, אַרומגעכאַפּט אים באַם האַלדז:

— לייווינקע...

אָנשטאָט זי האַרב אָפּשטויסן פון זיך, אַ זאָג טאָן איר דערבייַ אַזוינס, זי זאָל אָפּשפּרינגען פון אים און פאַרגעדענקען עס אַפן גאַנצן לעבן, האָט לייווי, צו זיַין אייגענער פאַרווונדערונג, זי גאָר געפרעגט, פונקט דאָס זאָל אים געווען מיט עפּעס אָנגיין:

— וואָס איז געשען? וואָס איז מיט דיר, פריידקע?

דערפון, וואָס ער האָט איר דאָס מאָל געזאָגט „דו" און ווי אין די פריִערדיקע יאָרן זי אָנגערופן פריידקע, האָט זי מיטן באַזונדערן פרויִישן כוש דערפילט, אַז זי איז אים אַלץ נאָך טיַיער, אַז ער האָט זי נאָך אַלץ ליב, און ווילנדיק ניט ווילנדיק, צום וויפלטן מאָל שוין אין איר לעבן, אים פאַרגליַיכט מיט זיַין געוועזענעם כאַווער פון דער יוגנט, מיט איר מאַן, איַי־זיקן. ווען מיט איַיזיקן פּאַסירט דאָס זעלבע, וואָלט זי זיך מיט אים אַנדערש באַגעגנט. זי וואָלט פאַשעט מוירע געהאַט זיך מיט אים טרעפן אָט אַזוי־אָ, אויג אַף אויג. לייווי איז, אָפּאָ־נעם, ביז איצט נאָך פאַרבליבן דער זעלבער שטילער, שעמעוודיקער, ווי געוועזן. נאָר מיט עפּעס איז ער איר פאָרט ליב. זי האָט ניט צוגעקלערט, ווען זי האָט, צעטוליענדיק זיך צו אים אין דער דאָזיקער מינוט, אַרויסגעבראַכט, קימאַט אָן אַ שטים:

— איך האָב דיך זייער ליב געהאַט...

— צו וואָס זאָגסטו עס מיר? — און כאָטש לייווי האָט ניט אַרויסגעוויזן קיין מינדסטן ניַיגער צו דעם, וואָס פריידע האָט אים געזאָגט, דאָך האָט ער געדולדיק געוואַרט, זי זאָל אים ענטפערן. און ווען פריידע האָט זיך ניט אָפּגערופן, געקוקט אַף אים און געשוויגן, האָט לייווי ניט געקאָנט זיך בײַקומען, קעדיי ניט איבערפרעגן:

— אַנטקעגן וואָס האָסטו מיר עס געזאָגט?

עס זיַינען דורך נאָך עטלעכע שטומע רעגעס, ביז וואַנען פריידע האָט אים אָפּגעענטפערט:

— כ'וויל, דו זאָלסט עס וויסן, — און ווידער שעפּטשענדיק, קימאַט אָן אַ שטים. — בלויז דיך איינעם האָב איך דעמלט אָפּנעמעסן ליב געהאַט.

— און דערפאַר האָסטו כאַסענע געהאַט פאַר אַ צווייטן?

— איך בין דערין ניט שולדיק.

— כ׳פארשטיי ניט, — ער האָט געוואָלט צוגעבן און מיט א מער הארבן קאָל: „מיר גייט עס לאַכלוטן ניט אָן”, נאָר פארשוויגן.

— ווילסט וויסן דעם עמעס?

— אשטייגער? — האָט ער געפרעגט, ווי ער זאָל איר צוליב טאָן.

— ווער איז דערינען שולדיק, ווילסטו וויסן? — ס׳איז דורך א רעכטע ווײַלע ביז פרידע האָט אָפּגעהאקט געענטפערט. — דו. יאָ, דו ביסט דערינען שולדיק. קוק ניט אזוי אָף מיר. יאָ, לייווינקע, יאָ. מער פון אַלעמען ביסטו דערינען שולדיק.

— אַליין?

— הא?

— מער האָסטו מיר גאָרניט צו זאָגן?

— דיר איז עס ווייניק?

— יאָ, ווייניק. זייער ווייניק. איך האָב דיר א סאך מער און א סאך וויכטיקערס צו זאָגן.

זי האָט אופגעהויבן אָף אים די אויגן, דערשראָקן זיי צוריק אראָפּגעלאָזט.

— נו, איז זאָג... ווארט נאָר צו א מינוט... איך וועל אָפּטראָגן דאָס געבעקס.

— ווייסט באַווייַזן, — און פארצאמט פרידען דעם וועג, ווי נאָר זי האָט זיך אָנגעבויגן צום טאַץ.

זי האָט אים ווי ניט דערקענט. אירע גרויסע שווארצע אויגן זײַנען מיטאמאָל קלענער געוואָרן.

— מע ווארט דאָך... א טיש מיט מענטשן ווארטן דאָרט...

— קיינער ווארט דאָרט ניט אָף דײַן געבעקס. מע איז דאָרט איצט פארנומען מיט פיל וויכטיקערס. — לייווי האָט זי שטײַף אָנגענומען פאר דער האנט און זי צוגעפירט נעענטער צו דעם באַלויכטענעם טייל פון דער האלב-קײַלעכדיקער לאָנקע, פונוואנען ס׳האָט זיך געזען דער טיש מיטן פארזאמלטן עולם. — הערסט?

— וואָס?

— הערסט, ווי מע פארגייט זיך דאָרט פון געלעכטער?

— נו איז וואָס?

— נו איז וואָס, פרעגסטו? — ס׳האָט אים פארשלאָגן דער אָטעם. ער האָט קוים ארויסגעבראכט פון צווישן די ציין. — דאָס לאכט מען דאָך פון מיר! פון מיר לאכט מען עס דאָרט!

— איך פארשטיי ניט, וואָס דו רעדסט.

— ווייסט מיר עפשער באלד זאָגן, אז פאר דיר איז עס ביכלאַל א נײַס, הייבסט נעבעך ניט אָן צו וויסן, אז מע האָט פון אונדזער כאסענע-געשיכטע געמאכט א שפּאס אָף צו פארווײַלן? מיט מיר אָבער שפּילט מען זיך ניט! דו הערסט? מיט מיר שפּילט מען זיך ניט! איך בין ניט דער, וואָס געווען. פארגעדענק עס!

— איך הייב דיך ניט אָן צו פארשטיין. וועגן וואָס רעדסטו? — צוהערנדיק זיך צום טומל באם טיש, האָט זי נאָך מער פארכידעשט געפרעגט. —וועלכער שפּאס? וואָס פאר א שפּיל? וואָס פאר א פארווײַלן זיך? וואָס איז מיט דיר, לייווי? וויִאזוי האָסטו געקאָנט דערלאָזן אין געדאנק, אז... — נאָר אין דער זעלבער רעגע האָט פרידע זיך אַליין איבערגעשלאָגן, ניט זײַענדיק אינגאנצן נאָך זיכער, אז ס׳האָט זיך איר ניט אויסגעוויזן, אז קאָפּל האָט ווירקלעך ארויסגעבראכט לייוויס נאָמען. און ווען זי האָט ווידער דערהערט ארײַנמישן אינעם דערציילטן לייוויס נאָמען, איז בא איר פון אומגעריכטקײַט פארפאלן געוואָרן די שטים.

— ער איז באם זינען? — האָט זי הייזעריק אויסגעשריִען. — וויִאזוי וואגט ער? ווּ איז אנדריי? פארוואָס דערלאָזט ער עס? פארוואָס פארמאכט ער אים ניט דאָס מויל? סארא נישטיקער נעפּעש אָט דער קאָפּל איז! כ׳האָב עס גאָר אָף אזויפיל ניט געוווּסט. איך וועל אים מער קיינמאָל אָף דער שוועל ניט ארופלאָזן. ווּ איז עס אײַזיק? פארוואָס שטעלט ער אים ניט אָפּ? פארוואָס לאָזט ער אים פּלאפּלען דער רועך ווייסט וואָס!?

— דאָרטן איז ער, אײַער אײַזיק, דאָרטן.

— וויִאזוי זשע דערלאָזט ער עס, מאכט אים ניט צו דעם פּיסק? — און פונקט ווי ער, לייווי, האָט א ווײַלע פריִער אָנגעכאפּט פרידען פאר דער האנט און זי צוגעפירט אהער, האָט פרידע איצט אָנגענומען לייווין בא דער האנט און זיך אומגעקערט מיט אים צוריק אין דער טונקלעניש, וווּהין ס׳איז שוואכער דערגאנגען דער פריילעכער טומל באם טיש. — סארא נישטיקער, נידערטרעכטיקער נעפּעש אָט דער קאָפּל איז, — האָט זי איבערגעכאזערט, — כ׳האָב זיך גאָר אָף אזויפיל ניט פאָרגעשטעלט. אים וועט עס גלאט ניט אָפּגיין. זײַ זיכער. — און שוין קימאט אינגאנצן א באַרוּיִקטע זיך געווענדט צו לייווין. — עמעצער קען דיך דען דאָ,

וואָס דו מאכסט דערפון א וועזן? איין לֿיאָווע איז פאראַן אף דער וועלֿט? צי ער האָט דיך אייך אָנגערופן בא דער פאמילֿיע?.. — און עטוואָס שטילֿער: — אויב דו ווילֿסט וויסן דעם עמעס, איז שולֿדיקער פון אלֿעמען אין אלֿץ, וואָס עס איז זיך דעמלֿט פארלֿאָפן, טאקע בלֿויז קאָפּלֿ.

— איך פרעג דיך דען וועגן דעם, וואָס דו זוכסט נאָכאנאנד, אף וועמען ארופוארפן די שולֿד? מיט א מינוט פריִער האָסטו געמאכט פארן שולֿדיקסטן מיך, איצט מאכסטו...

— דו אויך! ביידע זײַט איר שולֿדיק! ביידע! — און, פארשטעלֿנדיק דאָס פּאָנעם מיט די הענט, זיך צעוויינט.

— דאָס זעסטו, פרידע, איז שוין אינגאנצן איבעריק. צו וואָס אָט דאָס וויינען? וועסט מיר מיט דײַנע טרערן גאָרניט דערווײַזן, און איך דארף ניט, אז דו זאָלֿסט מיר דערווײַזן. מיר גייט פון לֿאנג שוין עס אלֿץ ניט אָן. אָבער דאָס, וואָס איר האָט געמאכט דערפון א שפּאס, א פארווײַלֿונג פאר אײַערע געסט, אָט דאָס, זעסטו, וועט אײַך גלֿאט ניט אָפּגיין. — לֿייווי האָט דערבײַ ניט געהעכערט די שטים. ס׳איז אָבער ארויסגעבראכט געוואָרן אזוי, אז פרידע האָט ניט דערקענט זײַן קאָלֿ. — קיינעם פון אײַך וועט עס גלֿאט ניט אָפּגיין. ניט דיר, ניט דײַן אנדרייען, ניט אײַער צודינער, האָצמאכן, און אויך ניט אים, ווי הייסט ער דאָרט, דער הויכבאאמטער פון אײַער גלֿאווק, וויקטאָר ניקאָלֿײַעוויטשן. קאָנסט עס אים איבערגעבן!

אינעם נאָענט פארבײַגייענדיקן יונגנמאן האָט לֿייווי דערקענט יולֿיס שאָכן, וואדימען. לֿייווי האָט אים צוגערופן. וואדים האָט אים אויך גלֿײַך דערקענט, ניט אויסבאהאלֿטן זײַן פארוונדערונג, וואָס ער האָט געטראָפן דעם לֿערער פון פּעטען, בא אזא אויסערגעוויינלֿעכער געשעעניש, ווי דער הײַנטיקער אָוונט, ווײַטלֿעך אָפּגעזונדערט פון אלֿעמען.

— דאָס שטייט איר דאָ אזוי די גאנצע צײַט און האָט גאָרניט געהערט און ניט געזען?

— פארוואָס עפּעס גאָרניט געהערט און ניט געזען?

— וואָס קאָן מען הערן פונדערווײַטן? — דערזען, ווי די פרוי, מיט וועמען לֿייווי איז געשטאנען, איז אָפּגעגאנגען אין שאָטן, האָט וואדים פּילֿדײַטיק א ווונק געטאָן אין איר זײַט און איז אנשוויגן געוואָרן, פאריכטנדיק אפן אקסלֿ דאָס נידעריק ארויפגעהאנגענע קינאָ-אפּאראטלֿ.

— איר גייט שוין אוועק? — האָט לֿייווי אים געפרעגט.

— דערווײַלֿ נאָך ניט. וואָסי?

— און דער שאָכן אײַערער, יולֿי אראָנאָוויטש, איז אויך נאָך ניט אוועק?

— קיינער פון אונדזערע טוריסטן, אף וויפלֿ כ׳האָב באמערקט, איז דערווײַלֿ ניט אוועק. אלֿע זײַנען נאָך דאָ.

— און ביזוואנען, קלֿערט איר, קאָן זיך עס פארציִען?

— די הײַנטיקע באגעגעניש? זי וועט זיך פארציִען, ביזוואנען דער אָרקעסטער וועט ניט מיד ווערן שפּילֿן און דער אוילֿעם וועט ניט מיד ווערן זינגען און טאנצן. דערווײַלֿ האָט מען נאָך ניט פארענדיקט מיט דער סודע. איר וואָלֿט פונדעסטוועגן צוגעגאנגען א ביסלֿ נעענטער. מע רעדט דאָרט וועגן זייער טשיקאַווע זאכן.

— כ׳האָב געהערט, — און שטילֿ, גלֿײַך ער זאָלֿ עס דארפן אויסבאהאלֿטן פון דער שטייענדיקער אין א זײַט פרידען, געפרעגט:

— איר אײַלֿט ערגעץ?

— ניין, ס׳האָט זיך מיר פּאָשעט פארגלֿוסט א ביסלֿ דורכגיין, — און מיטן פּילֿבאדײַטנדיקן שמייכלֿ זײַנעם: — איר ווילֿט מיך עפּעס בעטן?

— אײַך וועט ניט פארשווערן, אויב מירן אײַך בעטן אָפּטראָגן צום טיש דעם טאָץ געבעקס?

— פארשטייט זיך, אז ניין. ביטע.

פרידע האָט שווײַגעוודיק צוגעקוקט פון דער זײַט, ווי לֿייווי האָט פּאָרזיכטיק אופגעהויבן פונעם גראָז דעם טאָץ מיטן פרישן געבעקס און פּאָרזיכטיק עס איבערגעגעבן דעם אומבאקאנטן יונגנמאן מיט די לֿאנגע געקרײַזלֿטע באקנבארדן.

געדארפט געוועזן עפּשער וואָרענען וואדימען, ער זאָלֿ אים ניט ארויסגעבן, ניט זאָגן דערווײַלֿ דרויִאנאָוון, אז ער האָט אים דאָ געזען מיט א פרוי? נאָר צו וואָס פארלֿויפן זיך דעם וועג, אויב ער ווייסט נאָך אלֿיין ניט, וויִאזוי וועט זיך פארענדיקן זײַן הײַנטיקע אומגעריכטע באגעגעניש מיט אָט דער פרוי און מיט איר מאן. לֿייווין איז פּלֿוצעם ארויף אפן געדאנק, אז קיין מער פּאסיק אָרט פאר א געשלֿעג, אויב ס׳וועט דערצו דערגיין בא אים מיט אײַזיקן, ווי אָט דאָ, איז שווער זיך פאָרשטעלֿן. פון איין זײַט דער ברעזעטענער געצעלֿט, ווו עס פארברענגען צוליב דער הײַנטיקער באגעגעניש זייער אורלֿויב צוזאמען מיט פּאָשעטע

געווינלעכע ארבעטער אַנגעזעענע לײַט, פֿון דער אנדערער זײַט די ברייטע וואַלגע און די זשיגולי̇ער בערג.

— ווייסט, — האָט פרידע זיך אַנגערופֿן צו אים, ווען וואדים מיטן טאַץ געבעקס אַף די אויסגעשטרעקטע הענט האָט זיך דערווײַטערט פֿון זיי, — דו האָסט זיך זייער שטארק געענדערט. איך הער דיך מאמעש אוף צו דערקענען.

— דאָס האָבן זיי מיך אזוי געענדערט, — און, אַנווײַזנדיק אַף זײַנע וואָנצעס, ווי אַף דער איינציקער סיבע פֿון זײַן געענדערטקײַט, געגומען זיי נידעריקער אראָפּצי̇ען צום קין.

— דײַנע וואָנצעס, ווי דו האָסט געזען, האָבן מיר ניט געשטערט דיך גלײַך דערקענען. אָבער איצטער...

— איצטער האָסטו דערזען אין מיר אַן אנדער לייווין, ווילסטו זאָגן?

— יאָ, — האָט פרידע פארקלערט געענטפערט, נאָכפֿאָלגנדיק, ווי ווירדיק לייווי קעמט פֿאנאנדער מיט די פֿינגער די נידעריק אראָפּגעהאנגענע ערטערווײַז שוין גראָווע וואָנצעס.

— און וועלכער פֿון זיי איז דיר מער געפֿעלן? נו, פֿארשטייט זיך, דער פֿרי̇ערדיקער, פֿאַרט געווען ייִנגער אַף צוואנציק יאָר. וועגן זיך אָבער, זעסטו, פֿארשפּאַרסטו מיך אזעלכעס צו פֿרעגן. דו האָסט זיך לאַכלוטן ניט געענדערט. פֿארבליבן די זעלבע, ווי געווען. צי כ׳האָב א טאָעס?

— איך בין דאָך אויך געווען ייִנגער אַף צוואנציק יאָר.

— יאָ?

— אַף גאנצע צוואנציק יאָר ייִנגער.

קאָנטיק צו איר איז נאָך אַלץ ניט דערגאנגען, וואָס איז ער מיט דעם אַלעם אויסן געווען איר זאָגן, און אז דאָס אַלץ, וואָס ער האָט איר ביז אהער ארויסגעזאָגט, איז ניט מער ווי א מין צוגרייטונג צו דער פֿאַרשטייענדיקער שלאכט, ווי ס׳איז אָנגענומען אין אזעלכע פֿאלן עס איצטער צו רופֿן. זי זאָל עס געווען באנעמען, וואָלט זי אים זיכער אזוי ניט אָפּגעענטפֿערט.

— ניין, ניט אַף קיין צוואנציק יאָר, — לייווין האָט האנאָע געטאָן, וואָס ער קאָן איר אָנווײַזן אַפֿן דאָזיקן טאָעס, פֿארגעסנדיק, אז ער איז דער ערשטער זיך טויע געווען אין כעזשבן, — נאָר קימאַט אַף גאנצע איין און צוואנציק יאָר. — ער האָט איר צוליב געטאָן און גלײַך באמערקט: — אַף דיר אָבער איז עס ניט צו זען. פֿין א רוי̇קן און גלי̇קלעכן לעבן, ווי באוווּסט, עלטערט מען זיך ניט.

— דו ביסט זיכער אין דעם?

— אין וואָס?

— אז איך האָב רוי̇ק און גלי̇קלעך געלעבט די אַלע יאָרן?

— כ׳פֿארשטיי. נו,ווירקלעך, ווי̇אזוי קאָנסטו עס זאָגן א מענטשן, מיט וועמען דו ביסט שיר ניט געשטאנען שוין אונטער דער כופּע, אז דו האָסט געלעבט גלי̇קלעך. און איך, זעסטו, כאָטש כ׳לעב מיסטאמע עטוואָס ערגער פֿון דיר, איך בין דאָך ניט קיין דירעקטאָר פֿון קיין זאוואָד, ווי דײַן מאַן, נאָר א געווײנלעכער לערער פֿין א פּעטעו, פֿונדעסטוועגן קלײַב איך זיך ניט באקלאָגן פֿאר דיר. פֿארקערט, איך באהאַלט ניט אויס פֿון דיר, אז כ׳בין גלי̇קלעך.

— מיך פֿרייט עס.

איצטיקס מאָל האָט לייווי ניט געקאָנט באנעמען, וואָס באטײַט דער פּונסנײַ באוויזענער שמייכל אין אירע אויגן. זי גלייבט אים ניט, אז ער איז גלי̇קלעך, צי ווײַל ער האָט דערמאָנט די כאסענע-געשיכטע, ווי פֿארבײַגייענדיק, ווי א זאַך, וועלכע גייט אים לאַכלוטן שוין ניט אָן, האָט דערפֿון שוין פֿונלאנג פֿארגעסן, און דערמיט זי אינגאנצן באפֿרײַט פֿון דער שרעק, וואָס עס האָט זי ארומגעכאפּט צוזאמען מיט דער פֿרייד, ווען זי האָט אים דאָ הײַנט דערזען. אזוי צי אנדערש, נאָר לייווי האָט איר דערויף אופּריכטיק אָפּגעענטפֿערט:

— א דאנק.

צו זײַן גרויס פֿארוווּנדערונג, האָט פרידע זיך אַף דעם אָפּגערופֿן:

— איך האָב דיר עס געזאָגט גאנץ ערנסט און מיט דער פֿולער אופּריכטיקײַט, אז מיך פֿרייט עס.

— איך האָב דיר, דאכט זיך, אויך גאנץ ערנסט און אופּריכטיק אָפּגעדאנקט. זאָג מיר בעסער, פֿארוואָס שטייען מיר די גאנצע צײַט. לאָמיר זיך ערגעץ צוזעצן.

— ניין, ניין, איך קאָן זיך מער ניט פֿארהאַלטן. איך מוז גיין.

— ווּעסט באווײַזן.

— איך קאָן ניט. איך קאָן זיך דאָ לענגער ניט פֿארהאַלטן.

— דו האָסט מוירע, דײַן אײַזיק זאָל ניט א קלער טאָן, אז מע האָט דיך בא אים אוועק־געגאַנווועט? ווייסט ער דאָך, אז דיר איז שוין ניט קיין נײַנצן יאָר, מע זאָל דיך ארויסגאַנ־ווענען. דערצו, ווי דיר איז באוווּסט, טויג איך ניט אָף צו זײַן אזא גאַנעוו... קורץ גערעדט, קאָנסט שרײַען, ניט שרײַען, סײַווי, ביזוואַנען דו וועסט מיר אַלץ ניט אויסדערציילן, וועל איך דיך ניט אָפּלאָזן. פאַרשטייסט דען ניט, אז כ׳וועל זיך דערמיט ניט ווענדן צו קאָפּלען. איך וויל אויסהערן די געשיכטע פון דיר און מיט אַלע אײנצלהײַטן אזוי, ווי דאָס האָט לויטן פאַרלאַנג פון אײַער הייכבאַאמטן פון גלאַווק דערציילט הײַנט אין דײַן אײַזיקס אָנוועזנהײַט אײַער איבערגעגעבענער צודינער.

דאָס אימפּעטפולע שפּילן פונעם אָרקעסטער, וואָס האָט זיך מיטאַמאָל ארײַנגעריסן אינעם אָנוואַקסנדיקן טומל, האָט ארויסגענאַרט פונעם טיש דעם יאָמטעוודיקן אוילעם, און אײנע צוויי מינוט אים צעטײלט אָף טאַנצנדיקע פּאָרלעך און זיי פאַרדרייט אין א וויכערדיקן טאַנץ.

— איך וואָלט דיך אויך פאַרבעטן אָף א וואַלס, — האָט לייווי, נאָכפאָלגנדיק פונדאַנען נאָך די טאַנצנדיקע פּאָרלעך, זיך אָנגערופן צו דער פאַרלוירענער פרידען, — האָב איך אָבער ביז איצט זיך נאָך ניט אויסגעלערנט טאַנצן, און דאָס איז, ווי איך פאַרשטיי עס איצטער, אויך געווען אײנע פון מײַנע דעמלטיקע גרויסע כעסרוינעס. דו ביסט דאָך געווען די בעסטע טענצערין אין דאָרף. נו, פאַרוואָס האָסטו מיך ניט אויסגעלערנט טאַנצן? אײַזיקן יאָ, און מיך ניט? עפּשער ווערסטו מיך איצט א ביסל אונטערלערנען? — ער האָט אוועקגעלײגט די האַנט איר אָפן אַקסל, זי ארומגענומען, א דריי געטאָן זיך מיט איר א פּאָר מאָל און זי אָפּגעלאָזט, ארויסגעוויזן דערמיט, אז ווי צו א פרוי איז ער גלײַכגילטיק צו איר. לייווי האָט געוווּסט, אז פרידען וועט עס באַליידיקן, איר האָט עס ניט געקאָנט נישט באַליידיקן.

— איך וועל גיין... איך מוז גיין...

— מיט וועמען קלײַבסטו זיך עס דאָרט טאַנצן, וואָס דו אײַלסט אזוי אַהין? דו זעסט דען ניט, אז דו האָסט פאַרשפּעטיקט? אײַער גלאַווק האָט זיך שוין צוגעקליבן מיט וועמען צו טאַנצן. און דײַן אײַזיקן גייסטו איצטער ניט אָן. ער איז פאַרנומען מיט מער וויכטיקערס, מיט צודינען דעם געהויבענעם פאַרשטייער. איין קאָפּ איז, דאַכט זיך, פרײַ. אָף וויפל איך געדענק, איז ער אויך געווען א גוטער טענצער.

— האָסט מיר שוין אַלץ ארויסגעגעבן, צי דו האָסט מיר נאָך וואָס צו זאָגן? — אירע בלײך געוואָרענע ליפּן האָבן געציטערט, אָט־אָט וועט זי זיך צעוויינען.

— מיר דוכט, — האָט לייווי, ניט אָפּוועדנדיק פון איר זײַן בליק, רויִק געענטפערט, — אז איך האָב דערווײַל דיר נאָך גאָרניט געזאָגט דערפון, וואָס כ׳האָב דיר צו זאָגן. כ׳וויל אָבער פריִער דיך אויסהערן, זאָלסט מיר באַאריכעס דערציילן, ווי מע האָט דאָ הײַנט דער־ציילט פאַרן פאַרזאַמלטן אוילעם, וואָס עס איז זיך דעמלט פלוצעם פאַרלאָפן. כ׳האָב געהערט בלויז דעם אָנהייב. דאָס ווײַטערדיקע האָב איך איבער דיר פאַרהערט. אזוי, אז דיר וועט עס אויסקומען מיר איבערדערציילן.

— כ׳פאַרשטיי דיך ניט, לייווי, צו וואָס איז עס דיר נייטיק? צו וואָס? ס׳איז דאָך שוין א געשיכטע פון אײסעך ווען. איך האָב דאָך שוין א זון פון צוואַנציק יאָר, א סטודענט.

— ס׳מאַכט ניט אויס, ס׳האָט צו דעם קיין שײַכעס ניט. דו האָסט, זאָגסטו, א דערוואַק־סענעם זון, און איך האָב א דערוואַקסענע טאָכטער. זי האָט פאַרענדיקט הײַאָר דעם צענטן קלאַס און איז אָנגעקומען ארבעטן.

— ווו?

— אָף א זאַוואָד.

— זי האָט זיך שלעכט געלערנט?

— וואָס עפּעס פלוצעם?

— הײַנט פאַרוואָס איז זי ניט געגאַנגען אין אינסטיטוט?

— אויב אַלע וועלן נאָך דער שול גיין אין די אינסטיטוטן, ווער זשע וועט דעמלט ארבעטן?

— דו רעדסט עס ערנסט? — האָט פרידע געפרעגט מיט א שמייכל.

לייוויען האָט עס ניט איבעריקס פאַרוווּנדערט, כאָטש ער האָט מיט איר נאָך קיינמאָל ניט גערעדט אזוי ערנסט, ווי איצטיקס מאָל. ער געדענקט עס זייער גוט. ווײַזט אויס, ער האָט אין זײַן צוריקגעהאַלטענעם, אפילו הארבלעכן אופירן זיך מיט איר פּאָרט דערלאָזט אומבאַמערקט אזעלכעס, זי זאָל דערזען אין אים דעם אמאָליקן לייווין און אופהערן מוירע האָבן פאַר זײַנע וואָרענונגען, אז ניט איר, ניט אײַזיקן וועט עס אזוי גלאַט ניט אָפּגיין. צי ניט אין זײַן אריבערגיין מיט איר אזוי גיך צוריק אָף „דו", און מיטן אָנהאַלטן מיט איר א

געשפּרעך, וואָס האָט קיין שײַכעס ניט צו דעם, וואָס ער האָט איר צו זאָגן און וועט עס איר זאָגן, זעט פרידע דאָס אײַן. און דאָך האָט לֿייווי אונטערגעהאלטן דעם זײַטיקן געשפּרעך, וועלֿכן פרידע האָט מיט אים פארפירט.

— כ׳גלֿייב ניט, אז דו זאָלסט עס מיינען ערנסט. סײַדן דו באהאלטסט אויס, אז זי האָט זיך שלֿעכט געלֿערנט.

— קיין דרײַערס אלֿנפאלֿס זײַנען בא איר ניט געווען. מער פינפערס, איידער פירערס.

— מיט גאַלֿע פינפערס איז אויך ניט אזוי פּאָשעט אָנקומען אין אינסטיטוט, אויב מע האָט ניט דערצו די נייטיקע באקאנטשאפט. ווייסטו גאָר וואָס, זאָלֿ זי אָנגעבן די פּאַפּירן צו אונדז אין פּאָלֿיטעכנישן. אײַזיק האָט דאָרט גרויס באקאנטשאפט. כ׳ווילֿ זיך מיט אים דורכריידן.

דער געשפּרעך צווישן זיי איז ווידער אראָפּ אַף א זײַטיקן שטעג און דערמאָנט מיט זיך א פרידלֿעכע שפּילֿ, וועלֿכע ווערט צומאָלֿ געפירט ערעוו א צוזאמענשטויס. געוויינלֿעך אָבער פירט זי דער, ווער עס קלֿײַבט זיך אָנפאלֿן, און דאָ פירט זי גאָר, פרידע, די, וועמען סע שטייט פאָר זיך פארטיידיקן. דעמבאָ, אלֿנפאלֿס, האָט וועגן דער דאָזיקער פארבאָרגענער שפּילֿ ניט געוווסט. אים איז קיינמאָלֿ ניט אויסגעקומען זי פירן. און אויב ער האָט פאָרט געלֿאָזט זיך ארײַנציִען אין איר, איז בלֿויז דערפאר, ווײַלֿ ער האָט ניט געקאָנט אָנהייבן דעם דערצאָרנטן געשפּרעך זײַנעם מיט פרידען פאר דעם, ווי זי וועט אים ניט אנטפּלֿעקן דעם סאָד, וואָס איז די אלֿע יאָרן געווען פון אים פארבאָרגן. כאָטש אײַנשטילֿן אין אים זײַן דערצאָרנטקײַט, אויב ס׳זאָלֿ זיך ארויסווײַזן, אז פרידע איז ניט אינגאנצן שולֿדיק, וועט זי ניט דערמיט. לֿייווין איז שוין איצט געגאנגען ניט אזוי אין פרידעס און אײַזיקס שולֿד קעגן אים. דער ווינט, וועלֿכער האָט פאנאנדערגעבלֿאָזן אין אים דאָס טלֿיִענדיקע די אלֿע יאָרן פײַערלֿ אין א פלֿאם, איז געווען פאר לֿייווין איצטער דער, ווער ס׳האָט, ניט קענענדיק אים, אײַנגעזען אין זײַן דעמלֿטיקער אופירונג פאכדאָנעס, געפאלֿנקײַט און אין אײַזיקן א מוסטער פון געוואגטקײַט, פון העלֿדישקײַט, דער, ווער ס׳האָט פארוואנדלֿט דאָס פאָרגעקומענע צווישן אים, פרידען און אײַזיקן אין א פריילֿעכער פארווײַלֿונג.

4

די דערצאָרנטקײַט אין אים האָט ניט געמאכט פאר קיינעם פון זיי קיין אויסנאם. זי האָט אים אונטערגעזאָגט, אז אויך פאר פרידען איז עס ניט מער שוין ווי א שפּאס, זי פארווײַלֿט אויך דערמיט אירע נאָענטע און באקאנטע, ווי זייער צודינער קאָפּלֿ, לֿויטן פארלֿאנג צי באפעלֿ פון דעם הויכאָנגעשטעלֿטן פונעם גלֿאווק.

און ווײַלֿ לֿייווי האָט ערשט איצט וועגן דעם א קלֿער געטאָן, האָט ער אין פרידעס קאָלֿ דערפילֿט א באהאלטענע שפּילֿ, ווען זי האָט זיך צו אים געווענדט, איבערכאזערנדיק:

— אײַזיק וועט זיך ניט אָפּזאָגן. כ׳ווילֿ זיך מיט אים דורכריידן.

— איך בין דיר, פארשטייט זיך, זייער דאנקבאר, ס׳איז אָבער ניט נייטיק. און מיט אײַזיקן ווילֿ איך אליין זיך דורכריידן. אומבאדינגט זיך מיט אים דורכריידן.

— כ׳האָב גאָר אנדערש ניט געקלֿערט, אז דו וועסט זיך מיט אים איבערבעטן. ווייסטו וואָס, כ׳ווילֿ אים באלֿד צורופן.

— צו וואָס? כ׳ווילֿ אים ווי-ניט-איז אליין אָפּזוכן. איר פאָרט דאָך נאָך הײַנט מיסטאם ניט אוועק.

— מיר פאָרן אָפּ מאָרגן.

— ווען?

— אינעם צווייטן האלבן טאָג.

— נו, אויב אזוי, האָבן מיר נאָך צײַט.

— און וווּ פאָרסטו אוועק?

— איך ווילֿ דאָ נאָך זײַן לֿאנג, א גאנצן כוידעש, — לֿייווי האָט זיך געלֿאָזט פירן פון איר אין אָט דער שפּילֿ אלֿץ ווײַטער און ווײַטער.

— און ווו שטייסטו דאָ אײַן?

— ניט ווײַט פון אײַך, אַף דער טורבאזע. אין סאמע וואלֿד. דו קלֿײַבסט זיך עפּשער קומען אין געסט?

— ביסט דאָ אַליין?
— ניין, מיטן ווײַב.
— זי קער באַ דיר זײַן, שטעל איך מיר פאָר, שטאַרק אַ שיינע.
ס'איז ניט געווען שווער זיך אָנשטויסן, אַז זי דערוואַרט פון אים, ער זאָל איר ענטפערן דערויף: „נאָר ניט אַזאַ שיינע, ווי דו", און דאָס איז ווירקלעך געווען אַזוי. אָבער געענטפערט האָט ער איר:
— יאָ, זייער אַ שיינע.
— און אויך אַ געבילדעטע מיסטאַמע?
— פאַרשטייט זיך.
— זי איז אַן אינזשעניער, אַ דאָקטער, צי הענכער?
— אַלנפאַלס ניט נידעריקער. זי איז אַן אַרבעטערן, זי אַרבעט אויפן זעלבן קעסל-זאַוואָד, ווו די טאַטע און ווו איך האָב פריִער געאַרבעט... — און קעדיי פאַרענדיקן אויף דעם די באַהאַלטענע שפּיל, וועלכע פרידע פירט מיט אים, האָט לייווי, ווי נאָר זי האָט אים פאַרגעבן אַ נײַע פראַגע, זי האַרב איבערגעשלאָגן: — און מיט וואָס פאַרנעמסטו זיך, אויסער דעם, וואָס דו ביסט אַ דירעקטאָרס אַ ווײַב? צי דײַן באַשעפטיקונג באַשטייט טאַקע בלויז דערין, וואָס דו ביסט אַ דירעקטאָרס אַ ווײַב?!
גיכער פון אַלץ האָט לייווין זיך עס מיסטאַמע אויסגעוויזן, אַז פרידע פאַרמעסט זיך אַנטלויפן. יעדנפאַלס איז ער איר נאָכגעגאַנגען די עטלעכע שפּאַן, וועלכע זי האָט געמאַכט אין דער ריכטונג צו דעם מער באַלויכטענעם טייל פון דער לאַנקע, ווו דער אָרקעסטער האָט מיט זײַן שפּילן קיינעם ניט געלאָזט אײַנשטיין, אַלעמען אַרײַנגעשלעפּט אין אַ וויכערדיקן טאַנץ. דאָס איינציקע, אין אַ זײַט פאַרבליבענע, פּאָרל איז געווען ער און פרידע. נאָר ווען פרידע האָט זיך דערנענטערט צום טאַנצנדיקן אוילעם נאָך אויף אַ טראָט, האָט לייווי זי אָפּגעשטעלט, איר פאַרצאַמט מיט זיך דעם וועג אַהינצו. פרידע האָט זיך צעלאַכט:
— דו היטסט מיך אָפּ, כ'זאָל ניט אַנטלויפן? איך בין נאָך דערווײַל ניט קיין אַרעסטירטע, אַז מע זאָל מיך היטן. צי דו האָסט אַן אָרדער מיך צו פאַרהאַלטן?
— איך האָב.
— איז עפּשער וועסטו מיר אים ווײַזן?
— ווײַזן? — לייווי האָט זי אַ נעם געטאָן אויף די הענט און, שטײַף צודריקנדיק זי צו זיך, אָפּגעטראָגן פון דער באַלויכטענער זײַט לאַנקע. פרידע האָט זיך ניט געוועהרט, געוואָלט אים דערמיט זאָגן, אַז זי טרויט זיך אים אײַנגאַנצן אָן, אַז זי האָט פון דער ערשטער מינוט דערוואַרט, אַז אַזוי, בלויז אַזוי און ניט אַנדערש וועט זיך ענדיקן זייער הײַנטיקע אומגעריכטע, צופעליקע באַגעגעניש.
פאַר לייווין איז דאָס געשעענע אין אָט די עטלעכע רגעס געווען אָבער אינגאַנצן אומדערוואַרט.
— בלויז דיך איינעם האָב איך ליב געהאַט. בלויז דיך איינעם... גלייב מיר...
וואָס האָט פרידע אים נאָך אָנגעטרויט, האָט לייווי שוין ניט געהערט. אַראָפּלאָזנדיק זי פון די הענט, האָט ער מיטאַמאָל דערפילט, ווי מיט זײַן צורירן זיך צופעליק צו אירע הייסע ליפּן האָט ער צוגעלאָשן אין זיך די דערצאַרנטקײַט, וואָס זי האָט אין אים אופגעוועקט, ווי נאָר ער האָט זי דאָ הײַנט דערזען. ער וועט זיך דאָך קיינמאָל ניט מויכל זײַן, אויב ער וועט ניט אויסלאָדן הײַנט פון זיך די אָנגעזאַמלטע סינע, ניט אַרויסגעבן איר אַלץ, וואָס ער האָט זיך געקליבן איר זאָגן.
— אַנדריי וואַרפט עס מיר ביז איצט נאָך אויס. ביז איצט אייפערט ער מיך צו דיר.
— וועלכער אַנדריי? — האָט לייווי צעטומלט געפרעגט. — נו יאָ, ס'איז מיר פון קאָפּ גאָר אַרויס, אַז דײַן אײַזיקן רופט מען איצט אַנדריי.
— וואָס זוכסטו? — איז פרידע פאַרכידעשט געבליבן שטיין.
— איך זוך, ווו זיך צוצוזעצן.
— ניין, ניין, כ'מוז זיך שוין אומקערן.
— אומזיסט באַאומרויקסטו זיך. כ'וועל דיך סײַווי אַזוי גיך ניט אָפּלאָזן. איך וועל דיך ניט אָפּלאָזן, ביז כ'וועל דיר אַלץ ניט אַרויסזאָגן. איך האָב אַ סאַך דיר וואָס צו זאָגן, און אַזוינס, וואָס דו מוזט עס וויסן.
פרידע האָט זיך באַמיט ניט אַרויסווײַזן פאַר אים, אַז זי האָט באַמערקט די פאַרענדערונג אין זײַן קאָל, די האַרבקײַט, מיט וועלכער ער האָט איר דאָס אַלץ געוואָרנט, און געפּרוּווט עס אויך פאַרוואַנדלען, ווי פריִער, אין אַ שפּאַס.
— דו וועסט מיר מאָרגן דאָס אַלץ אַרויסזאָגן.

— כ׳האָב מוירע, אז ביז מאָרגן קאָן איך עס נאָך פארגעסן. דו לאכסט? אלנפאלס, ביזוואנען סע שפּילט דער אָרקעסטער, וועל איך דיך ניט אַפּלאָזן. — און ווידער ארומקוקנדיק זיך אין אלע זײַטן, פאָרגעזעצט: — ס׳ערשטע מאָל אין לעבן טרעפט זיך מיר א דאטשע, ווו ס׳זאָל ניט זײַן ווו זיך צוזעצן. ניט קיין בעסעדקע, ניט קיין באנק, ניט קיין שטאם פון א בוים אפילע. כ׳פארשטיי ניט, וויִאזוי קומען אויס אָן דעם די אָנגעזעענע אײַנוווינער פונעם געצעלט? זיי האָבן זיך דאָ באזעצט, זאָגט מען, ניט אף א טאָג און ניט אף צוויי, א גאנצן כוידעש קלײַבן זיי זיך דאָך דאָרט פארברענגען. אווו איז בא זיי דער פליאזש? דאָרט דארף געוויס זײַן ווו זיך צוזעצן. הער זיך אוף ארומקוקן. קיינער, אויסער דעם יונגנמאן, האָט דיך ניט באמערקט מיט מיר. איך קען אים. ער איז ניט פון די נײַגעריקע. שפּאן זיכערער. קיינער קוקט אונדז ניט נאָך.

באם אראָפּלאָזן זיך צו דער וואָלגע האָט לייווי אָנגענומען פרידען פאר דער האנט און שטיל, ווי אויסבאהאלטנדיק עס פון זיך אליין, אײַנגערוימט:

— איך האָב דיך זייער ליב געהאט. ביז דיר האָב איך קיינעם אזוי ניט ליב געהאט.

— דו ביסט אויך געווען מײַן ערשטע ליבע. און די ערשטע ליבע, זאָגט מען, איז די סאמע שטארקסטע. זי פארגעדענקט זיך אפן גאנצן לעבן.

— בא אלעמען אזוי?

— דו ווילסט זאָגן, אז דיר האָט עס ניט געשטערט זיך פארליבן אין א צווייטער?..

— און דיר כאסענע האָבן פאר א צווייטן.

— איך האָב דאָך, ווי דו ווייסט, אים אויך ליב געהאט, נאָר ניט אזוי שטארק ווי דיך. גלייבסט ניט?

דער ניט הויכער האלב-זאמדיקער אראָפּבארג האָט זיי צוגעפירט צום סאמע טײַך.

— זעסט, כ׳האָב ניט קיין טאָעס, אז מירן דאָ געפינען ווו זיך צוזעצן, — לייווי האָט איר אָנגעוויזן אפן צוגעבונדענעם שיפל, וואָס האָט זיך לײַכט געוויגט אף די אויסגעשטערנטע שעפּטשענדיקע כוואליעס. ער האָט צוגעשלעפּט דאָס שיפל הארטער צום ברעג, געהאָלפן פרידען זיך ארײַנזעצן, און ווען דאָס צוגעבונדענע שיפל האָט זיך שוין ווידער געוויגט אף די שטיל אָנלויפנדיקע און אָפּלויפנדיקע כוואליעס, איז ער מיט איין שפּרונג אריבערגעקומען דעם ברייטן פּאס וואסער און זיך פארקליבן צו פרידען אף דער באנק, א זאָג געבנדיק דערבײַ:

— סארא שיינע בערג די זשיגוליִער זײַנען, מאמעש די אויגן ניט אָפּצורײַסן.

— דו זעסט זיי צום ערשטן מאָל?

— יאָ.

— און איך זע זיי שוין, מיסטאמע, דאָס טויזנטסטע מאָל. כ׳האָב דאָך דאָ געארבעט אף דער בויונג פון דער הידראָסטאנציע.

— דו?

— דיך וווּנדערט עס?

כאָטש דעמבאָ האָט ביז איצט נאָך, ווי אים האָט זיך אין די דאָזיקע מינוטן געדוכט, פארהיט אין זיך פון יענער ווײַטער צײַט, ווען פרידע איז געווען א מעלקערן אף דער פערמע, דעם באזונדערן רייעך פון אירע אָנגעהאָרעוועטע פינגער, דעם רייעך פון פריש געמאָלקענער מילך, אויסגעמישט מיטן דופט פון זאפטיקן גראָז, דאָך איז אים שווער געווען זיך פאָרשטעלן, אז אָט די גלאטע פינגער מיט די לענגלעכע ארומגעפײַלטע נעגל האָבן ווען-ניט-איז זיך צוגערירט צו אן אײַטער פון א קו, געהאלטן א היי-גאָפּל אין דער האנט. און נאָך שווערער איז אים געווען זיך פאָרשטעלן, אז אָט די צארטע, אויסגעיידלטע הענט, באצירטע מיט גאָלדענע פינגערלעך, האָבן געהאט צו טאָן מיט הליבעס שטיינער און צעמענט, געהאָלפן איבערצאמען דער וואָלגע דעם וועג... אָנשטאָט ארויסזאָגן עס איר, האָט ער זי גאָר געפרעגט, צי דערמאָנען איר ניט די אנטקעגנליגנדיקע זשיגוליִער בערג די סקירדעס בא זיי אַפן סטעפּ.

— צי דו האָסט שוין באוויזן עס אלץ פארגעסן?

— אומזיסט קלערסטו אזוי. איך האָב גאָרניט פארגעסן. מיר געדענקט זיך אָבער ניט, אז בא אונדז אפן סטעפּ זאָלן געווען זײַן אזעלכע הויכע סקירדעס.

— די וואָלגע איז דאָ זייער א ברייטע, — האָט לייווי אין א ווײַלע ארום זיך פונסנײַ אָנגערופן.

— פאראן אין דער אומגעגנט פיל ברייטערע ערטער.

— זשמורע צו א ביסל די אויגן.

— צו וואָס? נו, גוט, כ׳האָב צוגעזשמורעט.

— כ׳ווייס ניט, ווי דיר, נאָר מיר, ווען איך קוק אזוי אף דער וואָלגע מיט צוגעזשמו-

רעטע אויגן, גיט זיך מיר אויס, אז איך זע פאַר זיך אַן אופגעאַקערטן סטעפּ. צי דו האָסט באַוויזן שוין פאַרגעסן, וויאַזוי עס האָט אויסגעזען דער אופגעאַקערטער סטעפּ?

צוליב וואָס פרעגט ער עס איר? ניט צוליב דעם האָט ער זי פאַרהאַלטן, זיך פאַרקליבן מיט איר אַהער אין שיפל. ער האָט דאָך געוואָרנט, אַז ער האָט זייער אַ סאַך איר צו זאָגן.

אינעם איבערשעפּטשען זיך פון די כוואַליעס האָט פרידע דײַטלעך דערהערט: „זעסט ניט, אַז כ'האָב דיך אויך איצטער ליב. זייער ליב..."

אינעם זעלבן שעפּטשען פון די אַנלויפנדיקע און אָפּלויפנדיקע כוואַליעס האָט לייווי אַלץ דײַטלעכער אופגעכאַפּט: ניט אָפּקילן אין זיך דעם צאָרן. לייג ניט אָפּ. הײַנט, בלויז הײַנט, דאַרפסטו זיך מיט איר צעצאָלן.

דאָס שפּילן פונעם אָרקעסטער איז דערגאַנגען אַהער שוין פיל שטילער און אין עטלעכע מינוט אַרום אינגאַנצן אַנשוויגן געוואָרן. פרידע האָט אויסגעוואַרט אַ ווײַלע און זיך האַסטיק אופגעהויבן. לייווי איז געבליבן זיצן.

— דו גייסט ניט? בלײַבסט דאָ? — האָט זי, לײַכט צורירנדיק זיך מיט דער האַנט צו זײַן אַקסל, קינדעריש אומבאַהאָלפן אים געפרעגט.

— וווּהין?

— מיר האָבן דאָך אָפּגערעדט.

— אַז...

— אַז ווי נאָר דער אָרקעסטער הערט אויף שפּילן... — און מיט אַ פעסטערער שטים: — איך פאַרשטיי דיך ניט. צוליב דעם, אַז דו זאָלסט מיך פרעגן, וואָס עס דערמאָנען מיר די זשיגוליִער בערג און די וואָלגע, האָסטו מיך געבראַכט צו פירן? אָט דאָס איז אַלץ, וואָס דו האָסט מיך געהאַט צו פרעגן און זאָגן?

— זעץ זיך צו, — ער האָט זיך אַליין געוווּנדערט, ווי רויִק ער ווענדט זיך צו איר.

— ניין, ניין!

— זעץ זיך צו, — האָט ער נאָך מער רויִקער איבערגעכאַזערט, — איך וועל דיר אַלץ אַרויסזאָגן. אַלץ. אָבער נאָכדעם.

— ווען נאָכדעם?

— נאָכדעם ווי דו וועסט מיר ענטפערן, — ער האָט עס אַרויסגעבראַכט קעגן דעם אייגענעם ווילן שוין אַ ביסל צו הויך און איז געווען געניויט זיך אַליין איבערשלאָגן, זיך צווינגען פאַרהיטן דערווײַל נאָך אין זיך די געדולדיקײַט פון אַ לערער, וואָס האָט צו טאָן מיט פערצן-פופצניאָריקע כעוורע פון אַ פעטעו, וועלכע שיידן זיך אונטער פון שילער אינעם זעלבן עלטער אין אַ געוויינלעכער שול. — כ'וויל פאַרשטיין, כאָטש מיר איז עס איצט אייגנטלעך אַלצייינס, צו וואָס איז דיר נייטיק געווען די שפּיל מיט מיר אין כאָסן-קאַלע, אויב דו האָסט פון סאַמע אָנפאַנג געוווּסט, אַז סײַווי וועסטו פאַר מיר ניט כאַסענע האָבן, נאָר פאַר אײַזיקן.

פון דעם האַסטיקן קער האָט דאָס שיפל זיך שאַרף אַ וויג געטאָן:

— ווער האָט עס דיר געזאָגט? ווער האָט געקאָנט דיר אַזעלכעס זאָגן?

— ווער?

— יאָ. ווער?

— אײַער באַדינער און צודינער קאָפּל. און ניט איך איינער האָב עס געהערט. ער האָט עס געזאָגט פאַר אַ טיש מיט מענטשן. דײַנער איז אויך געווען דערבײַ און עס גע-הערט.

— ס'קאָן ניט זײַן. ס'קאָן ניט זײַן, אַז אײַזיק זאָל הערן אַזוינס און שווײַגן.

— וועסט אים פרעגן.

— וויאַזוי איז עס מעגלעך, פאַרשטיי איך ניט. גאָט מײַנער, פונוואַנען נעמען זיך אַזעלכע נישטיקע באַשעפענישן, ווי אָט דער קאָפּל? צו וואָס שלעפּט אים אײַזיק אומעטום מיט זיך נאָך? ער קאָן ניט געפינען קיין אַנדער אַגענט פון באַזאָרגונג? וויאַזוי האָט דער דאָזיקער נעפּעש געקאָנט אַזעלכעס זאָגן? קאָפּל האָט זייער גוט געוווּסט, אַז בלויז דיך איינעם האָב איך אַפּאַנעמעסן ליב געהאַט, כאָטש קיינער האָט מיך מיט דיר, דאַכט זיך, קיינמאָל ניט געזען שפּאַצירן זאַלבעצווייט, נאָר שטענדיק אינדרײַען, מיט אײַזיקן. איך לייקן ניט, אײַזיק איז מיר אויך געווען געפעלן, אָבער אַפּאַנעמעסן פאַרליבט בין איך געווען בלויז אין דיר. דו האָסט עס, פאַרשטייט זיך, געפילט, ניט געקאָנט נישט פילן. דו וועסט דאָך מיר ניט זאָגן, אַז דו ווייסט ניט, איבער וועמען האָב איך זיך מיט אים דעמלט צעקריגט און פאַרוואָס האָבן מיר זיך צעקריגט. אויב דו האָסט עס שוין פאַרגעסן, קאָן איך דיר דערמאָנען.

עפּעס פֿונעם פֿאַרלאָפֿענעם איז זײַן לעבן האָט ער פֿאַר די דורכגעגאַנגענע יאָר שוין באַוויזן פֿאַרגעסן. אָבער ניט דערפֿאַר, ווײַל ער האָט זיך געניייטיקט, אַז פֿרידע זאָל אים דערמאָנען, איבער וואָס און פֿאַרוואָס האָט זי זיך דעמאָלט צעקריגט מיט אײַזיקן, האָט ער איר דערוף גאָרניט געענטפֿערט. פֿרידע האָט אים ניט איבערגעפֿרעגט. זי האָט זיך צוריק אָוועקגעזעצט, אַרײַנגעשטעקט די האַנט ביזן עלנבויגן אין וואַסער, ווי זי זאָל וועלן דערלאַנגען צום איבערגעקערטן אויסגעשטערנטן הימל, און פֿאַרגעזעצט:

— וואָס איז מיט אײַזיקן פּלוצעם געהאַט געשען, צי ער האָט אַליין דערפֿילט, אַז מיך ציט מער צו דיר, צי קאָפּל, זײַן צודינער, ווי דו רופֿסט אים, האָט עס אונטערגעזאָגט אײַזיקן, נאָר אין איינעם אַ שיינעם טאָג האָט ער אָנגעהויבן פֿאָדערן פֿון מיר, אַז כ׳זאָל זיך מיט דיר מער ניט באַגעגענען, מיט דיר מער ניט שפּאַצירן! בלויז מיט אים איינעם זאָל איך שפּאַצירן. וואָס עמעס, איז עמעס. איך קאָן ניט זאָגן, אַז ער זאָל געווען אויף דיר ווען־ניט־איז אָנריידן. וואָס האָב איך דערוף געענטפֿערט אײַזיקן, האָב איך דיר אויך געהאַט דערציילט. דערמאָן זיך. „דו ביסט נאָך דערווײַל ניט מײַן מאַן, — האָב איך אים געזאָגט, — אַז זאָלסט מיר פֿאַרווערן זיך באַגעגענען מיט וועמען איך וויל. פֿאַרוואָס פֿאַרבאָט מיר ניט לייווי זיך באַגעגענען מיט דיר? פֿונוואַנען ביסטו עס אַזוי זיכער, אַז דו וועסט זײַן מײַן מאַן? עפּשער גאָר לייווי? און עפּשער ניט דו און ניט לייווי...״ אָט אַזוי האָב איך אים דעמאָלט אָפּגעענטפֿערט. און וואָס איז געווען נאָכדעם, האָב איך עס פֿון דיר אויך ניט אויסבאַהאַלטן. שיר ניט גלײַך אויף מאָרגן, ווען דו ביסט אַוועקגעפֿאָרן קיין סיביר מיט דער בריגאַדע טראַקטאָריסטן און קאָמבײַנערן, וועלכע דער ראַיאָן האָט אָפּגעקליבן, העלפֿן די דאָרטיקע קאָלווירטן אַראָפּנעמען די גערעטעניש, האָט אײַזיק מיר פֿאָרגעלייגט כאַסענע האָבן פֿאַר אים. איך האָב אים נישט געזאָגט ניט יאָ און ניט ניין. כ׳האָב געוואַרט אויף דײַן אומקערן זיך. אײַזיק איז דאָך איצטער מײַן מאַן, אַזוי אַז כ׳האָב זיך ניט וואָס צו שעמען דיר עס איצטער זאָגן. ער האָט איינמאָל אפֿילו געפּרוווט מיך נייטן דערצו מיט קויעך...

אַרויסגענומען די האַנט פֿונעם אויסגעשטערנטן וואַסער, האָט פֿרידע זיך איבערגעזעצט נעענטער צו לייווין, פּונקט עס זאָל זי דאָ פֿון עמעצן דראָען די זעלבע געפֿאַר, און זי וועט זײַן געניוט זוכן אין דעם בײַזײַענדיקן לייווין אַ שטיצע.

— דו ביסט, זאָגסטו, אַ לערער אין אַ פּעטעו, — האָט פֿרידע שטילער פֿאָרגעזעצט, — דו האָסט צו טאָן מיט דער הײַנטיקער יוגנט. איז זאָג מיר, אָט ווי קלערסטו, אַ הײַנטצײַטיק מיידל וואָלט אויך געמאַכט דערפֿון אַזאַ וועזן, ווי איך האָב דערפֿון דעמאָלט געמאַכט? איך האָב אים ניט געוואָלט מער זען און קענען. אײַזיק האָט עטלעכע מאָל אונטערגעשיקט צו מיר קאָפּלען, ער זאָל מיך איבערבעטן מיט אים. איינמאָל האָט אײַזיק אַליין מיך אונטערגעהיט, בײַ כ׳האָב זיך אומגעקערט אינאָוונט פֿון דער פֿערמע. — פֿרידע האָט זיך צעלאַכט. — כ׳קאָן דיר ניט איבערגעבן, וויאַזוי ער האָט מיך דעמאָלט פֿאַרוווּנדערט. כ׳האָב אים ביז דאַן קיינמאָל ניט געזען אַזאַ שעמעוודיקן, קימאַט דעם גאַנצן וועג געגאַנגען און געשוויגן. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער האָט געוואָלט זײַן ענלעך אויף דיר. — פֿרידע האָט זיך ווידער צעלאַכט. — אײַזיק האָט ניט פֿאַרשטאַנען, אַז גראָדע מיט אָט דער שעמעוודיקייט, מיט אָט דעם שווײַגן, קעדיי זײַן ענלעך אויף דיר, האָט ער מיך דעמאָלט דערווײַטערט פֿון זיך. ער האָט ניט פֿאַרשטאַנען, אַז גראָדע מיט זײַן דרייסטקייט, מיט זײַן אַנטשלאָסנקייט איז ער מיר געווען צום האַרצן. אַ מיידל געפֿעלט עס אין אַ באָכער מער, ווי שיינקייט. באַזונדערס האָב איך עס דערפֿילט, ווען מיט עטלעכע טעג פֿאַר דעם, ווי דו האָסט זיך אומגעקערט פֿון סיביר, איז אײַזיק פּלוצעם נעלעם געוואָרן פֿון דאָרף.

דאָס שפּיל איז אונטערגעשפּרונגען אויף די צוגעלאָפֿענע כוואַליעס פֿון אַ פֿאַרבײַשווימענדיקן דאַמפּער און שטאַרק זיך צעהוידעט. איצט, ווען פֿרידע האָט צוגעזשמורעט אויף אַ ווײַלע די אויגן, האָט די צעקנייטשטע באַנאַכטיקע וואָלגע איר ווירקלעך מיט עפּעס דערמאָנט אָן אויפֿגעאַקערטן סטעפּ און אינעם אָטעם פֿון טײַך דערפֿילט דעם רייעך פֿון אַ פֿריש פֿאַרזייטן פֿעלד.

די שפּיל, אין וועלכער פֿרידע האָט אים ביסלעכווײַז אַלץ מער אַרײַנגעצויגן, איז דערגאַנגען צו דעם, אַז ער האָט ניט געקאָנט מיט איין מאָל זי אָפּשטעלן, און ער האָט, ווי ביז אַהער, געדולדיק געוואַרט, ניט געשטערט, זי זאָל אויך ווײַטער אים אָפּפֿירן פֿונעם געשפּרעך, וואָס אים שטייט פֿאַר מיט איר.

— וועסט פֿרעגן, ווי האָב איך עס, ווײַבאַלד אַזוי, זיך געקאָנט פֿאַרליבן אין אַזעלכן, ווי דו? ניט אַלץ לאָזט זיך פֿאַרשטיין. נאָר אַז איך האָב דיך ליב געהאַט און שטאַרק ליב געהאַט, אין דעם, קלער איך, סאָפּעקסטו ניט. און דערינען, אַז כ׳האָב ניט געוווּסט, וווּהין אײַזיק איז אַוועקגעפֿאָרן, מיין איך, סאָפּעקסטו אויך ניט. אפֿילו זײַנע עלטערן האָבן ניט

געוווסט, און עפשער האָבן זיי יאָ געוווסט, נאָר אײַזיק האָט זיי פאַרווערט עס מיר זאָגן. דער איינציקער מענטש, וועמ ס'האָט יאָ געוווסט, ווו ס'באַהאַלט זיך אויס אײַזיק, איז געווען, ווי ס'האָט זיך דערנאָכדעם אַרויסגעוויזן, דער אָנפירער פון אונדזער דראַמקרײַז, קאַפּל, כאָטש ער האָט זיך מיר דעמאָלט געשוואָרן, אַז ער הייבט ניט אָן צו וויסן, האָט ניט די מינדסטע אַנונג.

איינס קאָן איך דיר זאָגן אַף זיכער: ווען מע באַהאַלט פון מיר ניט אויס, ווו איז אײַזיק, וואָלט ער מיר ביכלאַל מער ניט אָנגעגאַנגען, כ'וואָלט אים פּאַשעט פאַרגעסן. אין דערינען טאָקע, ווי אײַזיק אַליין איז זיך מיר עס נאָכדעם מוידע געווען, איז געווען דער גאַנצער מיין פון זײַן פּלוצעמדיקן נעלעם ווערן. ווען איך האָב זיך סאָפּקאָלסאָף דערוווּסט, ווו ער איז, אַז ער איז אָוועקגעפאָרן אַף דער וואָלגע, אַרבעט דאָרט אַף דער בויונג פון דער הידראָסטאַנציע, האָב איך שוין וועגן אים ניט געטראַכט, ניט געבענקט נאָך אים. מיר זײַנען מיט דיר שוין דעמאָלט געווען, ווי מע פלעגט אין די פריערדיקע יאָרן עס רופן, כאָסן־קאַלע.

דערמאָנענדיק זיך איצט אין דעם, האָט פרידע מיט א שמייכל אים געפרעגט:

— געדענקסט ניט, ווער פון אונדז האָט דער ערשטער זיך דערקלערט דעם אַנדערן אין ליבע און פאַרפירט א רייד וועגן כאַסענע האָבן, דו, צי איך? הארגע מיך, געדענק איך ניט, אַז דו זאָלסט אין עמעצנס אָנוועזנהײַט, זײַענדיק מיט דיר שוין אַפילע כאָסן־קאַלע, געוועזן מיך נעמען ווען־ניט־איז אונטער דער האַנט. איך דערמאָן מיך, ווי מיר פלעגן שפּאַצירן זאַלבעדריט. פלעגסט זיך שטענדיק האַלטן אין א זײַט, די הענט פאַרלייגט אַף הינטן, אָדער באַהאַלטן אין די קעשענעס און שווײַגן, זיך זעלטן אַרײַנשטעלן מיט א וואָרט. כ'קאָן ביז איצט ניט פאַרשטיין, פאַרוואָס האָסטו זיך אַזוי אויפגעפירט. ווען איך טו צומאָל א טראַכט וועגן דעם, דוכט זיך מיר, אַז ווען אײַזיק זאָל ניט געווען דעמאָלט פּלוצעם נעלעם ווערן פון דאָרף, וואָלט איך מיסטאָמע ניט אײַנגעגאַנגען זײַן דײַן קאַלע, כאָטש איך בין אַפּאַנעמעסן געווען פאַרליבט בלויז אין דיר. ביסט געווען זייער א שיינער, ביסט נאָך איצט אויך א שיינער.

פרידע האָט קענטיק געוואַרט, ער זאָל זי אָפּדאַנקען מיטן זעלבן. ער האָט עס דערפילט אין איר פּלוצעמדיקן אַנשווייגן ווערן. נאָר לייווי האָט זיך ניט אָפּגערופן. ער וועט אויך ווײַטער זיך ניט אַרײַנשטעלן מיט קיין וואָרט, ביז זי וועט אים אַלץ ניט אַרויסזאָגן. דערווײַל האָט זי אים איבערדערציילט דאָס זעלבע, וואָס ער האָט, אייגנטלעך, אַליין געוווסט, בלויז ניט געקאָנט אינגאַנצן נאָר פאַרשטיין, צי זי דערציילט עס אים איבער בעקיוון, צי זי קאָן פּאַשעט ניט אַריבערגיין צום ווײַטערדיקן, אויב זי זאָל ניט אָנהייבן פונעם סאַמע אָנהייב.

— יאָ, יאָ, ביסט נאָך איצט אויך א שיינער, — האָט זי איבערגעכאַזערט, — אָבער דאָס אַליין איז נאָך ווייניק, אַז א מאַנצבל זאָל אויסנעמען בא א פרוי. דעמאָלט האָב איך עס אַף אַזויפיל ניט פאַרשטאַנען, ווי איצט. פרויען געפעלן מייִנסטנטייל דאַפקע אַזעלכע, ווי אײַזיק, ניט געקוקט דערויף, וואָס ער איז, ווי דו ווייסט, ניט פון די גרויסע שיינהײַטן און אויך ניט קיין איבעריקס וווּקסיקער און שטאַלטנער. מיט דיר קאָן ער זיך אין דעם ניט גלײַכן. ער איז אָבער מיט א כאַראַקטער, און אין לעבן האָט עס פיל צו זאָגן. זייער פיל. אײַזיק האָט עס דערוויזן: ער איז ווײַט אַוועק. און דו ביסט פאַרבליבן דער זעלבער, ווי געווען, דער זעלבער, שטילער, שעמעוודיקער לייווי דעמבאָ. פיל האָסטו דערמיט דערגרייכט? וויפל האָסטו דערגרייכט מיט דײַן האַלטן זיך אומבאַמערקט אין שאָטן, מיט דײַן אופירן זיך אין לעבן, ווי דו פלעגסט זיך אופירן בײַם אונדזערע שפּאַצירן זאַלבעדריט? גיין קימאַט די גאַנצע צײַט אין א זײַט. דאָס לעבן איז ניט קיין שפּאַציר, און ווער סע פאַרשטייט עס ניט, דער קאָן דערפון זייער א סאַך פאַרשפּילן. איך זע עס אַרויס פון דעם, וואָס דו האָסט מיר דערציילט וועגן זיך. אײַזיק האָט באַוויזן ענדיקן אַן אינסטיטוט, ווערן א דירעקטאָר פון א זאַוואָד, קלײַבט זיך זײַן א קאַנדידאַט, און וואָס האָסטו דערגרייכט פאַר דער זעלבער צײַט? געוואָרן א לערער אין א פּעטעו, קנעלסט אײַן מיטן קליינוואַרג, וויאַזוי צו האַלטן א האַמער און א פײַל אין דער האַנט. — דערפילט פון זײַן בליק, אַז זי האָט איבערגעכאַפּט די מאָס, האָט פרידע מיט א געלעכטער צוגעגעבן: — דו ווייסט, וואָס מײַן מאַמע האָט מיר געזאָגט, ווען כ'בין געוואָרן דײַן קאַלע? כ'האָב מוירע, האָט זי מיר געזאָגט, אין א שפּאַס, פאַרשטייט זיך, אַז מיט אַזא שטילן און שעמעוודיקן מאַן וועסטו אַף שטענדיק פאַרבלײַבן א מיידל, ניט האָבן מיט אים קיין קינדער.

ניט אַף אַלץ, וואָס פרידע האָט אים בייסן דערציילן, ערנסט צי ניט אינגאַנצן ערנסט, געהאַט געפרעגט, וואָלט לייווי געקאָנט איר ענטפערן. אים איז עס אָבער ביכלאַל ניט אָנגעגאַנגען. אַלנפאַלס ניט אַף אַזויפיל, אַז ער זאָל זיך שטעלן פאַרטראַכטן, ווער האָט וועמען

דער ערשטער גענומען אונטער דער האַנט, ווער האָט ווען דער ערשטער זיך דערקלערט דעם אַנדערן אין ליבע, פֿאַרפֿירט אַ רייד וועגן כאַסענע האָבן, און פֿאַרוואָס האָט טעטע־לייע, פֿרידעס מאַמע, געדאַרפֿט געבן אים איינמאָל אָנצוהערן, אַז אַ דאָרף איז ניט קיין שטאָט. ס'איז אַ שטעטל. אין אַ דאָרף, אַז מע זעט אַ באָכער אַרומשפּאַצירן מיט אַ מיידל, קוקט מען שוין אויף זיי, ווי אויף אַ זיוווג. געבנדיק עס אים אָנצוהערן, האָט טעטע־לייע ניט פֿאַר־פֿעלט דערבײַ אַ זאָג טאָן, אַז ס'אין פֿאַר קיינעם ניט קיין סאָד, פֿאַרוואָס איז אײַזיק פּלוצעם אוועקגעפֿאָרן פֿון דאָרף. פֿרידען, אָפּאָנעם, איז עס אָבער יאָ אָנגעגאַנגען, אויב זי האָט אים איצט אין אָט דעם אַלץ דערמאָנט, אַפֿילע איבערדערציילט, וואָס עס האָט איר די מאַמע, אין אַ שפּאַס צי ניט אין קיין שפּאַס, געהאַט געזאָגט, ווען ער איז שוין געווען איר טאָכ־טערס כאָסן. עפּעס איז זי דאָך מיסטאַמע דערמיט אויסן, פֿרידע. צי קלערט זי ניט דערמיט זיך באַרעכטיקן פֿאַר דעם, וואָס איז זיך פֿאַרלאָפֿן אין יענעם ווינטערצונאַכטס? צי וויל זי אים דערמיט ניט זאָגן, אַז אַנדערש האָט זיך ניט געקאָנט פֿאַרענדיקן זייער שידעך, ס'האָט געמוזט אַזוי געשען?

מער פֿון אַלץ האָט לייווין פֿאַרוווּנדערט אינעם דערציילן, וויאַזוי האָט פֿרידע געקאָנט פֿאַרפֿירן מיט אים איצט אַ רייד וועגן איר אײַזיקן, אַרויסשטעלן אים אויך פֿאַר אַזעלכן, פֿון וועמען מע דאַרף זיך אַראָפּנעמען אַ מוסטער, ווי ס'האָט אים פֿאָרגעשטעלט באַם טיש דער גאַסט פֿונעם גלאַווק? צי איז זי מיט אָט די אַלע אירע פֿראַגן ניט אויסן געווען אים דער־נידעריקן, לייווין, אין די אייגענע אויגן און דערמיט פֿאַרשטעלן אים דעם וועג, ער זאָל ניט פֿאַרפֿירן מיט איר קיין רייד וועגן יענעם ווינטערצונאַכטס?

די סינע צו איר און צו אײַזיקן האָט געגעבן אַ שפּאַר אַרויס פֿון אים ניט אײַנצוצאַ־מען זי מער. ניט ווייסנדיק אַליין נאָך, וואָס קלײַבט ער זיך טאָן, איז לייווי אַרויסגעשפּרונ־גען פֿון שיפֿל, עס אָפּגעבונדן פֿונעם סלופּיקל און, פֿאַרקלײַבנדיק זיך צוריק אויף זײַן אָרט, גענומען מיט אַלע קויכעס רודערן מיט די וועסלעס.

ווען פֿרידע האָט אין עטלעכע רעגעס אַרום דערשראָקן און פֿאַרלוירן אים געפֿרעגט, וווּהין פֿירט ער זי, איז דאָס שיפֿל שוין געווען ווײַט אָפּגעשווומען פֿונעם ברעג.

דאָס וואַסער אַרום האָט שטיל און סוידעספּול גערוישט. לייווי האָט געמאַכט מיט די פֿאַרוואָרפֿענע וועסלעס אַלץ ברייטערע קרײַזן, האַסטיק דערנענטערנדיק זיך צום מיטן טײַך.

— וווּהין פֿירסטו מיך? — פֿרידע האָט אָנגעכאַפּט לייווין פֿאַר דער האַנט.

— כ'ווייס ניט.

— איך פֿרעג דיך ערנסט.

— אינערגעץ ניט, — און ער האָט הילכיק אַ פּאַטש געטאָן מיט די וועסלעס איבערן וואַסער.

— פֿאַרקערעווע צוריק. נו, איך בעט דיך. מע זוכט דאָך מיך דאָרטן אַרום. גאָט ווייסט, וואָס מע קאָן דאָרט איבערקלערן. נו, איך בעט דיך...

— דו האָסט מוירע, דײַן אַנדריי זאָל ניט איבערקלערן, אַז מע האָט דיך בײַ אים אוועקגעגאַנוועט? ווייסטו גאַנץ גוט, אַז איך טויג ניט דערצו. איך בין ניט קיין דירעקטאָר פֿון קיין זאַוואָד, קיין קאַנדידאַט פֿון וויסנשאַפֿטן, און ניט מיט אַ פֿאַסיקן כאַראַקטער. איך בין ניט מער ווי אַ לערער פֿון אַ פּעטעו, פֿאַרנעם זיך, ווי דו זאָגסט, מיט אײַנקנעלן מיטן קליינוואַרג, וויאַזוי צו האַלטן אַ האַמער אין דער האַנט.

— דו וואַרפֿסט עס מיר אויס, פּונקט איך זאָל זײַן שולדיק, לעמײַ דו האָסט אַזוי ווייניק באַוויזן אין לעבן.

— דו האָסט געהערט, אַז איך זאָל זיך פֿאַר דיר באַקלאָגן? כ'האָב דיר, דאַכט זיך, שוין איינמאָל געענטפֿערט, אַז איך האָב צו קיינעם קיין טײַנעס ניט, און כ'מיין ניט, אַז זײַן אַ לערער אין אַ פּעטעו איז קלענער ווי זײַן אַ דירעקטאָר פֿון אַ זאַוואָד, כאָטש איך פֿאַרדין, שטעל איך מיר פֿאָר, אַ סאַך ווייניקער פֿון דײַנעם, און לעב ניט, פֿאַרשטייט זיך, אַזוי רײַך, ווי איר.

דאָס שיפֿל האָט זיך שטיל געגליטשט איבער דעם מיטן טײַך, אָט דערנענטערנדיק זיך און אָט דערווײַטערנדיק זיך פֿונעם אַנדערן ברעג. פֿרידע איז געזעסן אַנטקעגן לייווין, ניט אָפּפֿירנדיק פֿון אים דעם בליק, געוואָלט פֿאַרשטיין, וואָס האָט זי אין אים מיידלווײַז אַזעל־כעס דערזען, וואָס זי האָט זיך אין אים אַזוי פֿאַרליבט. און מיטאַמאָל אַנטדעקט פֿאַר זיך, אַז זי האָט אים, דאַכט זיך, נאָך אויך איצטער ליב. קיין כאַראָטע אָבער, וואָס ניט לייווי, נאָר אײַזיק איז געוואָרן איר מאַן, האָט זי ניט.

— וווּהין פֿירסטו מיך פֿונדעסטוועגן? — האָט זי שוין מער רויִקער געפֿרעגט.

— זעסט דען ניט? איך פֿיר דיך, זאָלסט מיר באַווײַזן די זשיגוליער בערג.

— דו שפּאַסט.
— איך זאָג עס דיר ערנסט.
— ערנסט?
— לאַבסאָלוט.
פון פאַרוווּנדערונג האָט פרידע אַזש אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט:
— ווער פאַרט עס באַנאַכט אָנקוקן די בערג? נו גענוג דיר צו שפּאַסן. לאָמיר זיך אומקערן. איך בעט דיך. זע, ווי ווײַט מיר זײַנען אָפּגעשווּומען.
— וואָס ווײַטער מיר שווימען אָפּ, אַלץ מער צײַט וועלן מיר האָבן פאַרציזעצן אונדזער געשפּרעך.
— וועלכן געשפּרעך? איך פאַרשטיי דיך ניט. מיר האָבן זיך מיט דיר הײַנט ווייניק אָנגערעדט? כ'האָב דיך דען ניט אַלץ דערציילט?
— ניין, ניט אַלץ! דו האָסט מיר נאָך גאָרניט דערציילט וועגן יענעם ווינטערצונאַכטס.
צווישן די שטערן אינעם צעקנייטשטן וואַסער האָט פרידע דערזען אַרויסשווימען און אויסגעבליכט שטיקל לעוואָנע. זי האָט פאַרהויבן דעם קאָפּ, ווי זי וואָלט זיך געריכט דערזען איבער זיך אַן אַנדערן אויסגעשטערנטן הימל מיט אַן אַנדער לעוואָנע, ניט די, וועלכע איז געשווּומען באַנאַנד מיטן שיפל.
— לייווי, דער זייגער איז שוין נאָך עלף.
— כ'האָב דיר דאָך געזאָגט, ביזוואַנען דו וועסט מיר ניט דערציילן, וויאַזוי דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען, וועל איך דאָס שיפל צום ברעג ניט פאַרקערעווען, — לייווי האָט אָפּגעלייגט אין אַ זײַט די ווּעסלעס און געלאָזט דאָס שיפל זיך טראָגן מיטן שטראָם.
— עס קאָן אונדז אַזוי פאַרטראָגן אין ים! — האָט פרידע אויסגעשריִען.
— זאָל זײַן אין ים... איך האָב דיך געוואָרנט, אַז ביזוואַנען...
— דו ווייסט עס דען ניט, וואָס דו פרעגסט מיך?
— ניין.
— ס'קאָן ניט זײַן. צי דען האָט דיר קאָפּל עס דעמלט ניט דערציילט?
— כ'האָב אים ניט געפרעגט.
איר האַנט, זי ווייסט אַליין ניט וויאַזוי איז געשען, איז געבליבן ליגן אויף זײַן קני.
— נו, צו וואָס? — האָט זי, אַרײַנקוקנדיק אים אין די טונקל־ברוינע אויגן, געפרעגט. — ס'איז דאָך שוין אַ געשיכטע פון מיט איין און צוואַנציק יאָר צוריק. און שולדיקער פון אַלעמען איז אָט דער געשיכטע ביסטו.
— דאָס האָב איך שוין פון דיר געהערט. איך וואַרט, זאָלסט מיר דערציילן, וויאַזוי איז אַלץ זיך דעמלט פאַרלאָפן.
— צי דען גייט עס דיר ביז איצט נאָך אָן? — האָט זי אַ פאַרטראַכטע געפרעגט.
— ניין, מיר גייט עס פון לאַנג שוין ניט אָן, כ'וויל עס אָבער וויסן. איך דאַרף עס וויסן. כ'וועל דיר עפשער נאָכדעם זאָגן צוליב וואָס. כ'וויל וויסן, וויאַזוי איז עס געשען, אַז מיט אַ האַלבער שאָ צײַט פאַרן אַרויספאָרן אין דאַרפסראַט זיך פאַרשרײַבן קומט מען מיר אָנזאָגן, אַז מע האָט דיך צוגעגאַנוועט. די בשורה האָט מיר געבראַכט דײַן כאַווערטע לייקע.
אין אַ ווײַלע אַרום האָבן פרידע מיט לייווין ניט געזען שוין פאַר זיך די וואָלגע, ניט געהערט איר סוידעספּולן גאַנג. ביידע האָבן איצט דערזען פאַר זיך זייער דאָרף און דעם פאַרווייעטן סטעפּ הינטערן דאָרף אונטערן נידעריק אַראָפּגעהאַנגענעם אָוונטיקן הימל.

5

פון באַגינען אָן האָט געשאָטן אַ קרומער געדיכטער שניי, און צו האַלבן טאָג, ווען כאַסן־קאַלע, לייווי און פרידקע, האָבן געדאַרפט פאָרן אין שכיינעסדיקן יישעוו, ווו ס'איז דער דאַרפסראַט, זיך פאַרשרײַבן, האָט אַזוי פאַרווייעט די וועגן און שטעגן, אַז ס'איז פון שטוב ניט אַרויסצוגיין. נעם לייג אָפּ די כאַסענע. ס'איז גרינג צו זאָגן! אַ וואָך צײַט האָט מען זיך געגרייט, אָנגעקאָכט און אָנגעפּרעגלט און אָנגעבאַקן, אַז מע וואָלט געקאָנט פאַרבעטן אָף דער סימכע דאָס גאַנצע דאָרף, ווען די שטוב זאָל קאָנען אַלעמען אַרײַנעמען. אָפּראַוון אַפּריִער די כאַסענע און דערנאָכדעם זאָל דאָס יונגע פּאָרל פאָרן זיך פאַרשרײַבן, האָבן טאַטע־מאַמע ניט פון קאַלעס־צאַד און ניט פון כאַסנס־צאַד געהאַט דערצו קיין כיישעק. זיי געדענקען ניט, אַז באַ עמעצן פון זייערע באַקאַנטע אין דאָרף צי אין שטאָט זאָל

געוועזן אזוי עלכעס פאסירן. סאָפּקאָלסאָף געפינט זיך ניט דער דאָרפסראט עק וועלט. זיבן-אכט קילאָמעטער סאכאקל אהינצו. מיט א מאשין זעט זיך עס גלאט ניט אָן. פאר איין שאָ צייַט איז מען היין און צוריק. נאָר וויאזוי לאָזט מען זיך בא אזא טיפן שניי מיט א מאשין? מע קאָן גאנץ פייַן בלייַבן שטעקן אין וועג. מיט א שליטן פונדעסטוועגן, וויאזוי עס זאָל ניט דרייען און ווייען, וועט מען זיך ווי-ניט-איז דערקלייַבן. אָן סאקאָנעס, אויב אָנשטאָט צו האלבן טאָג, ווי מע האָט אויסגערעכנט, וועט מען זיך דערקלייַבן אהין ערשט צו פארנאכטלעך, ווען דער דאָרפסראט וועט שוין זייַן געשלאָסן. מע וועט אים צוליב אזא זאך, ווי רעגיסטרירן א יונג פּאָרפאָלק, אפילע אינמיטן דער נאכט אויך עפענען. די געסט וועלן, פארשטייט זיך, ניט האָבן קיין פאריבל, אויב זיי וועט אויסקומען צוווארטן אן איבעריקע שאָ צי צוויי, ביז כאָסן-קאלע וועלן זיך אומקערן פונעם דאָרפסראט.

אזוי האָבן זיך דורכגעשמועסט צווישן זיך די מעכוטאָנים, און אזוי איז עס ענדלעך געבליבן. קאָפּל, — ער האָט מיט א צייַט נאָך צוריק זיך אָנגעבאָטן בא ליוווין פאר אן איידעס פון כאָסנס-צאד, — איז אוועק שפאנען דעם שליטן. דערעדט איז געוועזן, אז פריער וועט ער פארפאָרן נאָכן כאָסן און דערנאָך שוין נאָך דער קאלע. פרידקע האָט געוווינט אף דער אנדערער גאס, די פערטע שטוב פונעם וועג.

אן אָנגעטאָנענע אינעם ברוינעם פעלצל און אין די ברייטלעכע וואָליקעס, אין וועלכע זי גייט בייס די גרויסע פרעסט און זאווייען צו דער ארבעט אף דער פערמע, אפן קאָפּ דער מאמעס וואָלענע שאל, איז פרידקע געשטאנען באם אָנגעפרוירענעם פענצטערל און דורכן אָפּגעשאָבענעם שטיקל שויב ארויסגעקוקט צום פארשנייטן און פארווייטן דרויסן: קיין מינדסטער סימען, אז ס'זאָל זיך אייַנשטילן. וויפל קאָן זי שטיין אָט אזוי אן אָנגעפעלצטע אין שטוב! וואָס דויערט עס דאָרט בא קאָפּלען אזוי לאנג! פון ווען אָן ווי ער איז אוועק שפאנען, און ניט מע זעט אים, ניט מע הערט אים. זאָל זייַן, אז ליוווי איז נאָך ניט גרייט און פארהאלט אים? אף ליווין איז עס ניט צו גלייבן. קיין מער פינקטלעכן מענטשן פון אים איז גאָר שווער זיך פאָרשטעלן. בעפּירעש טאקע. וואָס דויערט עס בא זיי אזוי לאנג? ס'נעמט שוין אָט טונקלען, מע וועט ניט באווייַזן זיך ארומקוקן, ווי ס'וועט ווערן פינצטער.

— לייקעלע, — האָט פרידקע זיך אָנגערופן צו איר כאווערטע, מיט וועמען זי ארבעט צוזאמען אף דער פערמע און זי גענומען פאר אן איידעס פון קאלעס-צאד, — זייַ אזוי גוט און טו א קוק, ווו איז ער עס דאָרטן קאָפּל פארפאלן געוואָרן.

ס'איז דורך ניט מער פון א מינוט, ווי די פלינקע בעריעסדיקע לייקע איז א פארסאָפּעטע ארייַנגעקומען צוריק.

— א מאָדנע זאך. דער שליטן איז דאָ, נאָר מע זעט דאָרט קיינעם ניט, ניט קאָפּלען, ניט ליוווין.

— ווי קאָן עס זייַן? — פרידקע האָט געוואָלט א רוף טאָן דעם טאטן פונעם שכיינעסדיקן צימער, ווו ס'האָט זיך געטומלט מיט גרייטן די טישן, נאָר איבערגעקלערט און איז אליין ארויס א קוק טאָן.

נאָך איידער פרידקע האָט אינעם אָנגעפעלצטן מענטשן מיטן באשליק אפן קאָפּ, וועלכער איז פון ערגעץ הינטן-ארום ארויס איר אנטקעגן און זי א כאפּ געטאָן אף די הענט, דערקענט אין אים אייַזיקן, איז זי שוין געלעגן אייַנגעדעקט אין דעם ווייך-אויסגעבעטן שליטן, וואָס האָט זיך פייַל אויסן בויגן א ריס געגעבן פון אָרט און אין מינוטן ארום זיך פארלאָרן אינעם פארווייעטן סטעפּ. פרידקע האָט מיט אלע קויכעס געפרוווט אָפּשטויסן פון זיך אייַזיקן און ארויסשפּרינגען פונעם שליטן, האָט אייַזיק זי אָבער אזוי שטייַף צוגעהאלטן, אז זי האָט מיט קיין אייוועך ניט געקאָנט א ריר טאָן. און שרייַען האָט ער זי אויך ניט געלאָזט. ווי נאָר זי האָט געפרוווט אן עפן טאָן דאָס מויל, האָט ער איר אונטערגעשטעלט די ליפּן און זי גענומען קושן, אז דער קאָפּ האָט זיך איר פארדרייט.

ווען איר איז סאָפּקאָלסאָף געלונגען, אליין ניט באנעמענדיק וויאזוי, ארויסגליטשן זיך פון זייַנע הענט און ארויסשפּרינגען פונעם שליטן, האָט אייַזיק ניט געדארפט זי לאנג נאָכיאָגן. דער שניי איז געוועזן א טיפער, א פוכקער, דערגרייכט איר העכער די קני. זי איז קיין צען שפאן ניט אָפּגעלאָפן און זיך שוין ארויסגעשלאָגן פון די קויכעס. איר געשריי, ווען אייַזיק מיטן אָנטרייַבער האָבן זי אָנגעיאָגט און אָפּגעטראָגן צוריק אין שליטן, האָט פארטויבט דער ווינט. דער אָנטרייַבער אין דער אָנגערוקטער פאפאכע ביז די אויגן איז געוועזן ניט קאָפּל, ווי פרידקע האָט פון אָנפאנג אים אָנגענומען. ער איז איר אָבער געוועזן קענטלעך, זי האָט אים דאָ ערגעץ באגעגנט. נאָר ווו, קאָן זי זיך בעשום-אויפן ניט דערמאָנען.

דער ווינט האָט זיך געשטארקט, געשמיסן אין פּאָנעם מיט פולע הויפנס שניי, די אויגן ניט צו עפענען.

ווען זי איז געלעגן אין שליטן מיט צוגעשלאָסענע אויגן, האָט פֿרידקען צײַטנווײַז זיך געדוכט, אַז ניט זי פֿאָרט, נאָר זי שווימט, דער שליטן שפּרינגט אונטער אויף די הויך־אָנגע־ווייעטע בערגלעך שניי, ווי אַ שיפֿל אויף כוואַליעס. אין דעם זיך פֿאַרגייענדיקן געוואָי פֿונעם ווינט האָט זי שוין עטלעכע מאָל אויפֿגעכאַפּט, ווי איר האָט זיך אויסגעוויזן, אַן אָפּהילך פֿון אַ רײַטער. דאָס רײַט לײַווי, יאָגט זיך נאָך. ער וועט זי אָניאָגן. ער מוז זי אָניאָגן...

— האָסט זיך ענדלעך באַרויִקט? מע קאָן שוין מיט דיר ריידן? — האָט אײַזיק, פֿאַר־שטעלנדיק זי מיט זיך פֿונעם מיטלויפֿנדיקן ווינט, געפֿרעגט פֿרידקען, נאָך דעם ווי ער האָט אויסגעהערט פֿון איר אַזוינס, וואָס ער וואָלט, מיסטאָמע, קיינעם אין לעבן עס ניט מוחל געווען.

— לאָז מיך אָפּ! לאָז מיך אָפּ, זאָג איך דיר! באַטראַכט זיך, וואָס דו טוסט!

— נאַרעלע דו אײנע. און ווי קלערסטו, כ'האָב זיך ניט באַטראַכט? כ'זאָל ניט געווען פֿאַרפֿריִער זיך גוט באַטראַכטן, וואָלט איך ניט געקומען הײַנט נאָך דיר. ווי פֿאַרשטייסטו עס ניט? צי דען איז מײַן קומען הײַנט אַהער געווען פֿאַר דיר אינגאַנצן אומדערוואַרט? האָסט זיך ניט געריכט, אַז כ'קאָן אַראָפּקומען און דיך אַוועקפֿירן מיט זיך? כ'גלייב ניט. — און אָנבויגנדיק זיך נעענטער צו איר, איבערגעכאַזערט: — איך גלייב ניט.

— לאָז מיך אָפּ. דו הערסט?

— נאַרעלע אײנע.

— די מינוט לאָז מיך אָפּ, זאָג איך דיר! וווּהין פֿירסטו מיך?

— צו זיך.

— וווּהין? — האָט זי, אַרײַנקוקנדיק אים אין די אויגן, איבערגעפֿרעגט.

— צו זיך אויף דער בויונג פֿון דער וואָלגער הידראָסטאַנציע פֿיר איך דיך, פֿרידקעלע.

— ביסט באַם זינען?

— באַם זינען, באַם פֿולן זינען, פֿרידקעלע.

— ניין, דו הערסט ניט, וואָס דו רעדסט, — און ווידער האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז זי האָט אינעם געוואָי פֿונעם ווינט אויפֿגעכאַפּט אַן אָפּהילך פֿון אַ נאָכיאָגנדיקן רײַטער. — ווער טוט עס אַזאַ זאַך, פֿרעג איך דיר? פֿיר מיך שוין אָפּ צוריק! איך בעט דיך.

— כ'האָב דיך ליב.

— זאָלסט מיך געווען אַפֿאַנעמעסן ליב האָבן, וואָלסטו ניט נעלעם געוואָרן פֿון דאָרף און אַ האַלב יאָר זיך אויסבאַהאַלטן פֿון מיר. נאָר כ'וויל וועגן דעם איצט ניט ריידן. לאָז מיך טייקעף אָפּ.

— איך האָב דיך ליב.

— מיר גייט עס ניט אָן.

— כ'גלייב ניט.

— זאָלסט געווען בעעמעס מיך ליב האָבן, וואָלסטו אַזוי ניט געטאָן.

— און וואָס, זאָג מיר, האָב איך געזאָלט טאָן, ווען כ'האָב זיך דערוווּסט, אַז דו האָסט הײַנט כאַסענע? ווער לאָזט עס אַרויס פֿון די הענט דאָס אייגענע גליק?

זי האָט זיך אויפֿגעזעצט און אַ שטורכע געגעבן דעם אָנטרײַבער אין דער ברייטער פּלייצע:

— פֿאַרקערעוועט צוריק.

דער אָנטרײַבער האָט זיך ניט אומגעקוקט.

— זאָג אים, ער זאָל פֿאַרקערעווען צוריק, — האָט פֿרידקע מיט טרערן געבעטן אײַ־זיקן, — עס ווערט דאָך שוין נאַכט. איך שווער דיר, אַז כ'וועל דיך ניט אַרויסגעבן. כ'וועל עפּעס צוטראַכטן ווו בין איך מיטאַמאָל עס פֿאַרפֿאַלן געוואָרן. כ'וועל זאָגן, אַז איך בין געגאַנגען ווײַזן אַ דורכפֿאָרער דעם וועג צו דער סטאַנציע און האָב פֿאַרבלאָנדזשעט... זאָג אים, ער זאָל פֿאַרקערעווען צוריק, קאָלזמאַן ס'איז נאָך ניט שפּעט. מע וועט דאָך דיך מישפּעטן, אויב מיר קערן זיך באַלד ניט אום.

— זאָל מען מיך מישפּעטן. איך גיי דערויף אײַן. איך גיי אײַן אויף אַלץ. איך וועל ניט אַרויסלאָזן פֿון די הענט דאָס אייגענע גליק. וואָס קערסטו נאָכאַנאַנד אָפּ די אויגן? ווערסט מיר סײַווי ניט אײַנריידן, אַז דו האָסט מיך שוין ניט ליב. איך זע ניט, מיינסטו, אַז דיר הייבט אָן געפֿעלן, וואָס דײַן קינפֿטיקער מאַן, ווי סע לאָזט זיך אויס, איז גאָר אַ גאַנעוו...

— ערגער, אַ סאַך ערגער!

— מיר מאַכט עס ניט אויס.

— איך זע שוין. דו זאָגסט, אַז דו האָסט אַלץ באַטראַכט, פֿאַרפֿריִער אַלץ באַטראַכט

און ארומגעטראכט? און וועגן לייווין האָסטו זיך פאַרקלערט? וואָס האָט ער דיר אַזעלכעס געטאָן, וואָס דו באַגייסט זיך אַזוי מיט אים? פאַר אים וועט עס זײַן אַזאַ קלאַפּ...

— ער וועט מיר אָבער נאָכדעם דאַנקען דערפאַר, קוק ניט אַזוי אויף מיר. איך בין באַם פּולן זינען. פאַר אים איז דען ניט בעסער, וואָס דו ביסט אַוועק פון אים היינט און ניט אין אַ יאָר צי צוויי אַרום. איך קען ניט זאָגן וועגן אים קיין שלעכטס. פאַרקערט, ער איז זייער אַ גוטער. און אַז ער איז אַ שיינער, און אַ וווּקסיקער, און אַ שטאַלטנער, ווייסטו אַליין. נאָר איר וואָלט אין אַ פּאָר יאָר אַרום סײַווי זיך פונאַנדערגעגאַנגען. ער דאַרף האָבן אַן אַנדער ווײַב, אַזאַ, ווי דײַן כאַוועריטע לייקע, און דו דאַרפסט אַן אַנדער מאַן, אַזאַ, ווי איך. ווען עפּשער זאָגן, אַז ניין?

— מע וועט דיך מישפּטן.

— ווידער דאָס זעלבע. כ'האָב דאָך דיר שוין געזאָגט, אַז איך גיי אויף דעם אײַן.

— לאָמיר זיך אומקערן, איך בעט דיך, — אין איר קאָל האָט זיך שוין איצט ניט געהערט די פריערדיקע שטרענגקייט. פאַרקלערנדיק זיך וועגן לייווין, האָט זי ניט ווילנדיק אים גענומען פאַרגלײַכן מיט אײַזיקן און, ווי בייס זייער שפּאַצירן זאַלבעדריט, ניט געקאָנט זיך ענטפערן, וועמען פון זיי האָט זי שטאַרקער ליב. זי האָט, ליגנדיק אין שליטן, זיך אויך געהאַט פאַרקלערט, ווי וואָלט זיך אויפגעפירט לייווי, ווען דאָס זעלבע טרעפט פּונקט פאַרקערט. ער וואָלט זיך אויך אַזוי געשלאָגן פאַר איר, ווי אײַזיק, צי ער וואָלט שטיל אָפּגעטראָטן, איר געענטפערט, ווי געווײנלעך בייס זי פרעגט אים וועגן עפּעס: „טו ווי דו פאַרשטייסט, ווי דו געפינסט פאַר נייטיק".

די ווײַט האָט שוין עטלעכע מאָל אַ פינקל געטאָן מיט פונאַנדערגעשאָטענע פײַערלעך. פרידקע האָט מיט אַ צײַט נאָך פאַר דעם פאַרשטאַנען, אַז דער וועג, מיט וועלכן זיי פאָרן, פירט ניט אין קיין איינעם פון די יישובֿים פון זייער דאָרפסראַט, ער פירט צו דער סטאַנציע. עפּשער האָט לייווי אויך פאַרקערעוועט אַהין, נאָכדעם ווי ער האָט זי ניט געטראָפן אין דאָרפסראַט, און וואַרט דאָרט איצט אויף איר? זי סאָפּעקט ניט, אַז ער האָט איר נאָכגעיאָגט. ס'קען דאָך ניט זײַן, ער זאָל ניט נאָכיאָגן.

און אויב דער וועג פירט אויף דער סטאַנציע, האָבן זיי פון לאַנג געדאַרפט שוין דאָרטן זײַן. צי האָט מען זיך ניט אַראָפּגעשלאָגן פון וועג און מע בלאָנדזשעט? האַלעווײַ.

צונאַכטס האָט מען זיך דערקליבן צו דער סטאַנציע. ס'איז אָבער געווען, צו פרידקעס גרויס פאַרוווּנדערונג, ניט די סטאַנציע, פון וועלכער מע פאָרט פון זייער דאָרפסראַט און פון די אַרומיקע יישובֿים אין שטאָט, נאָר אַן אַנדערע גאָר, אַ ווײַטערע און ווייניק באַקאַנטע.

אין יאָרן אַרום, ווען פרידע איז שוין געווען אַ מאַמע פון אַ דערוואַקסענעם זון, האָט זי אויך ניט געקאָנט אײַנגאַנצן נאָך באַנעמען, פאַרוואָס איז זי ניט אַנטלאָפן פון דער סטאַנציע און נאָכגעגעבן זיך אַרײַנגעזעצט מיט אײַזיקן אין אַנגעקומענעם צוג. דאָס איינציקע, מיט וואָס זי האָט די אַלע יאָרן זיך פאַרענטפערט פאַר זיך אַליין פאַרן געשעענעם אין יענעם שנייִקן ווינטער-פאַרנאַכט, אַז מיסטאָמע איז עס געווען, ווי די מאַמע אירע האָט נאָכדעם געזאָגט, אַ באַשערטע זאַך.

מעגלעך, אַז אײַזיק איז געווען גערעכט, זי וואָלט אין אַ יאָר צי צוויי אַרום כאַראָטע געהאַט, ווען זי האָט כאַסענע פאַר לייווין, מעגלעך אַפילע, אַז זיי וואָלטן זיך פונאַנדערגעגאַנגען. נאָר דאָס הייסט ניט, אַז זי האָט אים אָפּגענאַרט, שווערנדיק זיך, אַז בלויז אים איינעם האָט זי אַפּנאַעמעסן ליב געהאַט און האָט אים אויך איצט נאָך ליב. לייווי זעט דען איצט אַליין ניט, אַז ער קען זיך ניט גלײַכן צו אײַזיקן? זי וואָלט פאַר לייווין קיינמאָל ניט געלעבט אַזוי, מיט אַלעם באַזאָרגט, ווי פאַר אײַזיקן. אײַזיקן האָט מען ניט געדאַרפט אונטערזאָגן, ער האָט אַליין עס פאַרשטאַנען, אַז דאָס לעבן איז ניט קיין פעלד אויף זיך דורכצושפּאַצירן. דאָס לעבן ווייסט, וואָס עס טוט, אויב עס האָט אַ שאָ פאַר דער כאַסענע זי אָפּגענומען בא לייווין און צונויפגעפירט מיט אײַזיקן. פאַר לייווין איז עס אויך בעסער. ער איז ניט פון די, וועלכע קאָנען אַליין זיך דורכשלאָגן אַ וועג אין לעבן. ער איז פון די, וועמען מע דאַרף פירן פאַר דער האַנט, אַנדערש בלײַבט ער שטעקן באַם אונטערשטן טרעפּל פונעם לייטער, ווי אײַזיק רופט אָן דאָס לעבן, פונעם לייטער, אויף וועלכן איר אײַזיק האָט גאַנץ הויך זיך פאַרקליבן.

אָבער איבעריקס שטאַרק אין דעם אַלץ, אין וואָס פרידע האָט געזוכט פאַר זיך אַן ענטפער, האָט זי קיינמאָל ניט געגלייבט. נאָר אויף אַ קאָל האָט זי עס זיך ניט געזאָגט, עס אויסבאַהאַלטן פון זיך.

אויך איצט, זיצנדיק אנטקעגן לייווין אין שיפֿל, האָט פרידע קיין וואָרט ניט דערמאָנט וועגן דעם בייסן דערציילן אים געזוי, ווי לייווי האָט עס בא איר געבעטן, וואָס איז מיט איר דעמלט געשען. זי האָט ניט געוואָרט, ער זאָל זי פרעגן, פונוואנען האָט אײַזיק אזוי פינקטלעך געוווּסט, ווען איז די כאסענע און וויפל אזייגער דארפן זיי זײַן אין דאָרפסראַט, וויבאלד זי האָט זיך געשוואָרן, אז פאר איר איז אײַזיקס אָנפליִען געווען פונקט אזוי אומגעריכט און אומדערוואַרט, ווי פאר לייווין. זי האָט עס אים אָן זײַן פרעגן און פאנאנדערפרעגן דערציילט, איבערגעגעבן אזוי, ווי אײַזיק, זײַענדיק שוין איר מאן, איז זיך אין דעם דערנאָך מוידע געווען פאר איר.

דער איינציקער מענטש בא זיי אין דאָרף, פאר וועמען ס'איז פון די ערשטע טעג ניט געווען קיין סאָד, וווּהין איז אײַזיק פּלוצעם נעלעם געוואָרן, איז געווען קאָפּל, דער זעלבער קאָפּל, וועלכער איז שיר ניט אָפּ מאָרגן, נאָך אײַזיקס אָפּפאָרן, אריבער צו לייווין פאר א צודינער, ווייסנדיק, אז לייווין איז עס דערווידער, נאָר ער וועט עס ניט ארויסזאָגן, ער איז צו א שטילער און שעמעוודיקער, ער זאָל עס אים זאָגן, און ניט צודינען עמעצן האָט קאָפּל שוין ניט געקאָנט. דאָס איז געווען איבער זײַנע קויכעס. פון אים, קאָפּלען, וועלכער האָט זיך אָנגעבאָטן פאר אן איידעס פון כאָסנס-צאַד, האָט אײַזיק באצײַטנס זיך אַלץ דערוווּסט.

צו וואָס איז אײַזיקן נייטיק געווען די שפּיל, פארשטייט ער איצט אליין ניט. אז מע איז יונג, זאָגט ער, טוט מען צומאָל אָפּ א סאך גרעסערע נארישקײַטן. קאָפּלען איז גלאַט געפעלן, ווי ער פארשטייט עס איצט, אז סע פארפירט זיך א שפּיל, ער האָט דערפון האנאָע, פונקט דאָס זאָל פאָרקומען אָפּ דער בינע. און כאָטש ער איז גלײַך אָפּ מאָרגן, נאָך אײַזיקס פּלוצעמדיקן נעלעם ווערן, אריבער צו לייווין אים דינען און צודינען, האָט ער אין דער זעלבער צײַט געדינט פונדערווײַטן אויך אײַזיקן. און דער, ווער עס דינט צו יענעם, דער פארטראַכט זיך ניט ווי און ווען. וואָס מע הייסט אים, דאָס טוט ער. פון אים, פון קאָפּלען, מיט וועמען אײַזיק האָט זיך דורכגעשריבן, האָט ער זיך דערוווּסט דעם טאָג פון דער כאסענע און די שאָ, ווען זי וועט פאָרן מיט לייווין אין דאָרפסראַט. ווי נאָר אײַזיק האָט זיך עס דערוווּסט, האָט ער זיך אָפּגעבעטן אָפּ א פּאָר טעג פון דער ארבעט און איז געקומען צו פאָרן. אינעם סאָווירט, ניט ווײַט פון דער סטאנציע, וווּהין ער האָט זי צו דער נאכט געבראַכט צו פירן, איז בא אים געווען א כאָווער, אויך א שאָפער, און יענער האָט אים באזאָרגט מיט א פערד און שליטן.

ארויסגאנוועגען זי, ווי סע רעדט זיך, פון אונטער דער כופּע האָט אײַזיק באדארפט באם דאָרפסראַט. ער וואָלט דורכן כאווער זײַנעם, דורך אָט דעם אָנטרײַבער, זי ארויסגערופן אָפּ א ווײַל, צוגעטראַכט עפּעס, אז זי זאָל זיך ניט אָנשטויסן, ווער עס רופט זי, און ארײַנכאַפּנדיק זי אין שליטן, אזוי א טרײַב געטאָן דאָס פערד, אז קיינער וואָלט זיי ניט אָנגעיאָגט.

צוגעפאָרן צום דאָרפסראַט און זיך דערוווּסט, אז פרידע מיט לייווין זײַנען נאָך ניט געווען און אז ס'איז א גרויסער סאָפּעק, צי וועלן זיי אין אזא וועטער ביכלאַל זיך לאָזן אין וועג, האָט אײַזיק פארקערעוועט דעם שליטן צו זיך אין דאָרף, ווו ער איז ניט געווען, זינט ער האָט אים פארלאָזט. אײַזיק האָט אוועקגעשיקט זײַן כאווער אָפּזוכן קאָפּלען. דער אָנטרײַבער האָט געטראָפן קאָפּלען אפן קאָלווירטישן הויף שפּאנען דעם שליטן און אים אָנגעזאָגט, ער זאָל אָפּציִען מיטן ארויספאָרן, געגעבן אים אָנצוהערן: מעגלעך, אז ס'וועט ניט זײַן נייטיק, ער זאָל פירן הײַנט כאָסן-קאַלע אין דאָרפסראַט.

אָט אזוי איז עס דעמלט אַלץ פאָרגעקומען.

אין דער זעלבער צײַט, ווען דער איידעס פון קאַלעס-צאַד, די צעטומלטע לייקע, האָט פארלוירן פונעם אויג דעם שליטן מיט דער אוועקגעפירטער אין דער פארשנייטער און פארווייטער אָוונטיקער ווײַט איר כאווערטע, האָט לייווי זיך געהאט פארווײַלט מיטן עלטערן ברודערס יִינגעלע, מיטן יאָמטעוודיק אָנגעטאָנענעם פּלעמעניקל: יענער ווייסט נאָך נעבעך ניט, אז גיכער פון אַלץ וועט מען אים מיסטאמע ניט מיטנעמען מיט זיך אָפּ דער כאסענע. פריִער ווי צו נאכט, ווען מע לייגט אײַן דאָס קליינוואַרג שלאָפן, וועט זיך די כאסענע, זעט אויס, ניט אָנהייבן, און צונאכט איז גאָר ניט אזוי ווײַט. לייווי הערט אויף זיך שפּילן מיטן פּלעמעניקל, זאָגט אים צו זי פאָרזעצן, ווען ער וועט זיך אומקערן פונעם דאָרפסראַט, און כאַפּט ווידעראמאָל א קוק אפן זייגער. ווי מעשוגע גייך עס לויפט הײַנט די צײַט! ווו איז עס קאָפּל סאָפּקאָלסאָף פארפאלן געוואָרן? וויפל דאַרף עס געדויערן אײַנשפּאנען דעם שליטן? וואָס פארהאַלט ער זיך דאָרט? צי האָט ער ניט איבערגעפּלאָנטערט און איז פריִער פארפאָרן צו פרידקען? מיט א מענטשן, וואָס האָט צו טאָן מיט שפּילן טעאטער, קאָן אזעלכעס פּאסירן. איצט זעט ער, אז די שטוביקע זײַנען געווען גערעכט, ניט געדארפט געווען

נאָכגעבן קאָפּלען. מאַלע וואָס ער איז צוגעשטאַנען, מע זאָל אים געבן פּאַרדינען די מיצווע פֿון אָפּפֿירן כאָסן־קאַלע אין דאָרפֿסראַט און ברענגען זיי בעשאָלעם צוריק. אַזוי צי אַנדערש, האָט ער פֿון לאַנג געדאַרפֿט דאָ זײַן. לייווי שטעלט זיך פֿאָר, וואָס עס טוט זיך באַ די מע־כוטאָנים. די טישן שטייען גרייט, ס׳וועלן זיך אײַנגיכן נעמען צונויפֿקומען די געסט, און דער כאָסן איז נאָך ניט פֿאַרפֿאָרן נאָך דער קאַלע. פֿרידקעלע קער, מיסטאַמע, זיצן אַ פֿאַר־ווײנטע. גאָט ווייסט, וואָס זי קאָן איבערקלערן. ווער דען, אויב ניט ער אַליין, איז שולדיק, וואָס פֿרידקעלען קומט אויס אַזוי לאַנג וואַרטן אַף אים!?

דערזען, ווי לייווי געפֿינט זיך קיין אָרט ניט, שטעלט זיך נאָכאַנאַנד אָפּ באַם פֿענצטער, הערט זיך צו, האָט דער עלטערער ברודער זײַנער, אויך אַזאַ הויכער און שלאַנקער, ווי לייווי, זיך אָנגערופֿן:

— כ׳וועל צולויפֿן אַ קוק טאָן.

דער ברודער האָט ניט באַוויזן נאָך אַרײַנשטעקן די פֿיס אין די וואָליקעס, ווי ס׳האָט זיך אַן עפֿן געטאָן די טיר און ס׳איז אַרײַנגעלאָפֿן לייקע, אַ בלייכע, אַ דערשראָקענע און קוים אַרויסגעבראַכט:

— מע האָט זי אַוועקגעפֿירט... אַוועקגעגאַנוועט... כ׳האָב אַליין געזען.

— וועמען האָט מען אַוועקגעפֿירט, וועמען האָט מען עס אַרויסגעגאַנוועט? — האָבן די שטוביקע זי אַרומגערינגלט.

— פֿרידקען.

— וועמען? — האָבן אַלע אין איין קאָל איבערגעפֿרעגט, כאָטש אַלע האָבן דײַטלעך געהערט, וועמען זי האָט אָנגערופֿן.

— פֿרידקען, — האָט לייקע העכער איבערגעכאַזערט.

— ס׳הייסט, מע האָט זי אַוועקגעפֿירט? ווער האָט זי אַוועקגעפֿירט? וווּהין האָט מען זי אַוועקגעפֿירט?

לייקע איז געשטאַנען אַ דערשראָקענע און פֿאַרלוירענע, פּונקט זי וואָלט געווען די שולדיקע אין אַלץ. פֿון מיטגעפֿיל צו לייווין, וואָס איז געשטאַנען אין אַ זײַט און קיין וואָרט ניט אַרויסגעבראַכט, האָט לייקע אַף די אַלע געשרייען, מיט וועלכע מע איז זי ווידעראַמאָל און ווידעראַמאָל באַפֿאַלן: „ווער האָט זי אַוועקגעפֿירט? וווּהין אַוועקגעפֿירט?", ניט אינגאַנצן זיכער, ס׳קאָן הייסן, מעגלעך זי איז זיך טויע געווען, געענטפֿערט:

— מיר דוכט זיך, אַז דאָס איז געווען אײַזיק גלייזער.

— אײַזיק גלייזער? ווי קומט פּלוצעם אַהער אײַזיק? פֿון הימל אַראָפּגעפֿאַלן, צי וואָס?

— וואָס ווילט איר פֿון לייקען? וואָס זײַט איר זי באַפֿאַלן? — האָט לייווי זיך אָנגערופֿן, פֿאַנאַנדערבינדנדיק באַם האַלדז דעם ענג פֿאַרצויגענעם שניפּס. לייווי האָט זיך געכידעשט אַף זיך אַליין, ווי רויִק ער האָט זיך געהאַלטן, מיט גאָרנישט ניט אַרויסגעוויזן דעם ווייטעק פֿונעם אומגעריכטן קלאַפּ. פֿון דער זײַט האָט זיך געקאָנט דוכטן, ער איז גאָר צופֿרידן, וואָס ס׳איז אַזוי געשען און ער דאַרף זיך אינערגעץ ניט שלעפּן אין אַזאַ וועטער.

נאָר ווען אין אַ ווײַלע אַרום זײַנען אָנגעלאָפֿן די מעכוטאָנים און אים באַפֿאַלן: פֿאַר־וואָס שטייט ער, פֿאַרוואָס יאָגט ער זיי ניט נאָך, קערט ניט אום פֿרידען? — האָט לייווי ערשט דערפֿילט דעם פֿולן ווײ פֿונעם אומגעריכטן קלאַפּ, דערפֿילט אים מיט אַלע זײַנע אײווּרים. דאָס איז שוין אָבער ניט געווען דער פּײַנלעכער ווײ פֿון אַ צוגערויבטער פֿאַרלוי־רענער ליבע. דער פֿאַנאַנדערגעפֿלאַקערטער פֿײַער פֿון סינע האָט זי שוין פֿאַרברענט אין אים, פֿאַרוואַנדלט זי אין אַש. דאָס איז געווען דער פּײַנלעכער ווײ פֿון דערנידעריקונג, פֿון אַרויסשטעלן אים צו שפּאָט. אַזאַ סינע פֿאַרגייט ניט.

— מיך וווּנדערט אַף אײַך, — לייווי האָט מיט זײַן רויִקייט אַלעמען פֿאַרכידעשט און מער פֿון אַלעמען זיך אַליין, — ווי פֿאַרשטייט איר ניט, אַז באַ זיי איז אַלץ געווען צונויפֿ־גערעדט. דאָס האָט אײַזיק זיך אָפּגערעכנט מיט מיר.

— אָבער פֿרידע?.. אַ שאָ פֿאַר דער כאַסענע...

— וואָס פֿרעגט איר מיך? פֿרעגט עס באַ איר. זי איז דאָך אײַער טאָכטער.

— טפּררו! — האָט פֿון דרויסן זיך דערהערט אַ הילכיקע שטים.

אין אַ לאַנגן פֿאַרלאַטעטן פּעלץ, אַרומגעגאַרטלט מיט אַ רויטער פּאַטשיילע, האָט זיך אַרײַנגעשטעלט אין דער טיר קאָפּל.

— מאַזלטאָוו אײַך, מעכוטאָנים! — האָט ער הויך אויסגעשריִען, ווי פֿון דער בינע אַראָפּ. — זע, ביסט גאָרניט אָנגעטאָן נאָך, — האָט ער זיך געווענדעט צו לייווין, — מע דאַרף זיך צוײַלן, ס׳נעמט ווערן טונקל.

— שפּאַן אויס דעם שליטן. מיר פֿאָרן אינערגעץ ניט.

— ווי, ווי? וואָס הייסט מיר פאָרן ניט?

— אָט דאָס הייסט עס.

— איך הייב ניט אָן צו פארשטיין. בענעמאַנעס.

— נו זאָג אים שוין, לייקע, — האָט מיט איר ווײנענדיק קאָל זיך אָנגערופן עטע-לייע. פרידעס מאמע. — ס'איז דאָך שוין ניט קיין סאָד.

— איַיזיק האָט אוועקגעפירט פרידען. זי אוועקגעגאנגוועט.

— איך פארשטיי ניט. און די באסענע?

— ס'איז אויס באסענע.

— דו לאַכסט, — די הויכע פאפאכע איז אפריִער אונטערגעשפרונגען און דערנאָך זיך געגעבן א גליטש אראָפּ אים ביז די סאמע אויגן. — ניין, בעפיירעש טאקע. איז פארוואָס שטייען מיר? לאָמיר זיי נאָכיאָגן. וווהין זיַינען זיי געפאָרן? צו דער סטאנציע מיסטאמע?

— ניין, ניט צו דער סטאנציע, זיי האָבן פארקערעוועט מיט דער סטערניע.

— ניט צו דער סטאנציע? איז וווהין? אלציינס. זעץ זיך אוף, לייווי, און מירן פאָרן. מירן זיי אָניאָגן. כ'האָב איַינגעשפאנט גאוורילקען. אן אָרלער, ניט קיין פערד, נו, לייווי, הײַדא אין וועג ארײַן.

— ניטאָ וואָס צו פאָרן, קאפּל. ס'איז בא זיי געווען פון פריִער אן אָפּגעמאכטע זאַך.

— דו רעדסט נארישקיַיטן, טראכסט אויס ניט געשטויגנס, ניט געפלויגנס, — האָט מיט איר ווײנענדיק קאָל אים אויסגעמוסערט עטע-לייע, וועלכע האָט ארויסגערופן בא אים, אליין ניט פארשטייענדיק פארוואָס, א מאָדנעם ווידערגעפיל צו זיך.

מעגלעך, ס'איז ווירקלעך געווען נאריש דאָס אלץ, וואָס ער האָט געזאָגט, ער האָט אָבער געגלייבט אין דעם, און דאָס האָט די אלע פארלאָפענע יאָר אונטערגעהאלטן אין אים די סינע, ניט געלאָזט זי אויסגיין, זיך פארלעשן.

נאָך יענעם פארנאכט איז לייווי עטלעכע טעג פון שטוב ניט ארויס, קיינעם ניט געוואָלט זען, מיט קיינעם זיך ניט טרעפן.

אפן פערטן צי אפן פינפטן טאָג, קאיאָר, קיינער זאָל ניט זען, האָט ער פארלאָזט דאָס דאָרף, פארלאָזט עס אף שטענדיק, מיטנעמענדיק מיט זיך אין דעם אומבאקאנטן וועג, צוזא-מען מיט דער גרויסער בענקשאפט נאָכן היימישן סטעפּ, אויך א טיף פארבאָרגענע סינע צו דער, וועלכע איז געווען אמאָל זיַין קאלע, און צו דעם, וואָס איז געווען אמאָל זיַין נאָענטער כאווער, א סינע, פון וועלכער ער האָט ניט געקאָנט און ניט געוואָלט זיך באפרײַען.

אויסגעהערט עס אלץ, האָט פרידע, לײַכט אָנרירנדיק לייווין בא דער האנט, געפרעגט מיט א ציטערנדיק קאָל:

— איצט גלייבסטו נאָך אויך אין די אלע נארישקײַטן, וואָס דו האָסט אָנגערעדט און אָנגעטראכט אף מיר? ניין, דו האָסט ניט געקאָנט אזוי קלערן וועגן מיר. דו האָסט גאנץ גוט פארשטאנען, אז איך האָב וועגן קיין זאַך פארפריִער ניט געוווסט, אז אלץ איז זיך פאר-לאָפן צופעליק און קעגן מײַן ווילן. לייקע איז אן איידעס. זי האָט געזען, — און ווי זי זאָל געווען זיצן איצט ניט אין קיין שיפּל, נאָר אין אן איַינגעשפאנטן שליטן, האָט זי אויסגע-שריִען: — פארוואָס האָסטו מיך ניט נאָכגעיאָגט? פארוואָס? כ'האָב דאָך געווארט, געהאָפט דיך דערזען אין סטעפּ, באגעגענען אף דער סטאנציע. דו מיין ניט, אז איך בין גלײַך אף מאָרגן צי איבערמאָרגן געוואָרן זיַין ווײַב. פארוואָס האָסטו מיך ניט נאָכגעיאָגט, ניט געזוכט?

ווי זי איז ניט געווען פארזיכטיק און געהיט, דאָך האָט איר קאָל ניט געקאָנט איַנ-גאנצן אויסבאהאלטן פון אים, אז איצט איז זי צופרידן, וואָס ער האָט זי דעמלט ניט נאָכ-געיאָגט און ניט אָנגעיאָגט. לייווי וואָלט קיינמאָל ניט דערגרייכט צו דעם, צו וואָס עס האָט דערגרייכט איר אײַזיק. א לערער פון פעטעו, וואָס פארנעמט זיך מיט לערנען קינדער, ווי-אזוי צו האלטן א האמער און א פײַל אין דער האנט, איז סאָפקאָלסאָף ניט מער ווי אן ארבעטער...

6

דאָס שיפל איז צוגעשטאנען צום ברעג. לייווי האָט אָפּגעלייגט די ווּעסלעס און זיך אופגעהויבן.

— וווהין האָסטו מיך געבראכט? — האָט פרידע, ניט רירנדיק זיך פון אָרט, פאר-וווּנדערט געפרעגט.

— צום ברעג.
— צו וועלכן ברעג?
— צו מײַן ברעג, פרידע.
— איך פארשטיי דיך ניט.
— ס'איז ניטאָ וואָס צו פארשטיין. כ'האָב דיך אראָפּגעבראכט אהער, זאָלסט מיך פירן ווײַזן די זשיגוליער בערג.
— דו זאָגסט עס ערנסט?
— לאַכלוטן.
— באנאכט?
— נו, איז וואָס? העלף מיר ארויסשלעפּן דאָס שיפל אפן ברעג, עס זאָל ניט אוועקשווימען אָן אונדז.
— קלײַבסט זיך דאָ לאנג פארהאלטן?
— דאָס איז שוין אָפּהענגיק ניט פון מיר, — האָט לייווי איר זאכלעך געענטפערט.
— און פון וועמען?
— פון מײַן גיד.
— איך פרעג דאָך דיך אָן שום שפּאס.
— כ'ענטפער דיר אָן שום שפּאס.

אָנשפּארנדיק זיך אָף זײַן אונטערגעשטעלטן אקסל, איז פרידע ארויס פונעם שיפל און געהאָלפן לייווין ארויסשלעפּן עס ביז העכער האלב פונעם וואסער.

זעט אויס, זי גלייבט שוין איצט אפּאנעמעסן, אז ער האָט זיך אריבערגעשיפלט מיט איר אהער, אפן אנדערן ברעג טײַך, קעדיי פירן איר ווײַזן פון דער נאָענט די בערג. ווײַל ווי נאָר זי איז ארויס פונעם שיפל, האָט זי גלײַך פארקערעוועט אהינצו מיט דער גערדיכט פארוואקסענער לאָנקע. וויאזוי פארשטייט זי עס ביז איצט ניט, האָט לייווי זיך געוווּנדערט, אז ניט צוליב דעם, ער זאָל אויסהערן, וואָס האָט זי אים צו דערציילן וועגן דער שיינקײַט און ראכוועס פון אָט דער באַרגיקער אומגעגנט איז ער אראָפּגעקומען מיט איר אהער. לייווי האָט זי אָבער ניט איבערגעשלאָגן, ער איז שווײַגעוודיק נאָכגעגאנגען און געדולדיק געוואָרט, זי זאָל זיך אָפּשטעלן און אים סאָפּקאָלסאָף פרעגן, וואָס האָט ער, זיצנדיק אין שיפל, געהאט איר אזעלכעס צו זאָגן און מיטאמאָל איבערגעטראכט, פארלאנגט, זי זאָל אים אפריער אויסדערציילן, וויאזוי איז זיך עס דעמלט אלצדינג פארלאָפן. צי עפּשער קלערט זי, אז מיטן איבערכאַזערן פאר אים הײַנט עטלעכע מאָל, אז בלויז אים איינעם האָט זי אפּאנעמעסן ליב געהאט און אז אויסער ווי זיך אליין, וויבאלד ער האָט זיי ניט נאָכגעיאָגט, קאָן ער מער קיינעם ניט מאכן שולדיק, וואָס יענער יאָמטעוודיקער ווינטער-פארנאכט האָט זיך פאר אים אזוי אומגעריכט און אומדערוואַרט פארענדיקט, האָט זי אָפּגעווענדט פון זיך זײַן דערצאָרנטקײַט און איר וועט ניט אויסקומען אויסהערן דאָ הײַנט פון אים, וואָס האָט ער איר צו זאָגן. פרידע האָט אָבער א טאָעס, אויב זי קלערט אזוי. זי האָט מיט די אלע אירע באַרעכטיקונגען ניט צוגעשטילט אין אים די אופגעוואכטע סינע. מעוויײַעס זײַן א מענטשן, וועך ער זאָל ניט זײַן, דערנידעריקן א מענטשן, ביפראט נאָך אין עמעצנס אָנוועזנהײַט, איז ניט פון די באַליידיקונגען, וואָס לאָזן זיך פארגעסן און מע זאָל זיי מויכל זײַן. זיי האָבן אים דאָך מעוויײַעש געווען פאר א גאנצן דאָרף מיט מענטשן און אזוי מיִעס, אזוי נידערטרעכטיק! די סינע צו זיי האָט די אלע יאָרן אין אים געטליעט. ס'איז בלויז נייטיק געווען א מינדסט ווינטל, אז זי זאָל זיך אין אים צעפלאקערן. זי האָט אים, דאכט זיך, נאָך קיינמאָל אזוי ניט ארומגעכאפּט, ווי הײַנט. דאָס דערנידעריקן אים דאָ הײַנט פאר א טיש מיט מענטשן וועט זיי גלאט ניט דורכגיין. זיי וועלן אים פאר דעם טײַער באצאָלן. פרידע וועט אים ניט אײַנריידן, אז קאָפּל צי איר אײַזיק האָבן, פארווײַלנדיק דעם אוילעם מיט דער כאסענע-געשיכטע, ניט צוליב געטאָן דעם געהויבענעם גאסט און אָנגערופן דעם באגאנוועטן כאָסן ניט נאָר באם נאָמען, נאָר אויך בא דער פאמיליע. און צווישן די בײַוועזנדע טוריסטן איז יולי דרויאנאָוו ניט דער איינציקער, וועלכער נייטיקט זיך, מע זאָל אים אָנווייזן, ווער פון די אָנגעפאָרענע אָף דער טורבאזע הייסט לעוו דעמבאָ. אומזיסט קלערט פרידע, אז אויב זי איז ניט בײַגעווען באם טיש, ווען קאָפּל האָט דערציילט די געשיכטע, האָט זי ניט קיין שײַכעס צום דערנידעריקן אים דאָ הײַנט אין דער אָנוועזנהײַט פון אזויפיל מענטשן. זי וועט ניט אָפּקומען מיט ארופוואַרפן די גאנצע שולד פאר דעם אָף קאָפּלען. ניט איר אָבער דאַרף ער, לייווי, דערקלערן, ווער איז אזוינס און וואָס איז אזוינס קאָפּל. ער איז ניט מער ווי א באדינער, און א באדינער ווייסט, וויאזוי נויסע-כיין זײַן בא זײַנע באלעבאטים, זיי זאָלן זײַן צופרידן.

צוהערנדיק זיך, ווי געני קאָפל גיט איבער די געשיכטע, טראַכט דערביי פאַרשיידנס נאָך צו אף צו פאַרווײַלן מערער דעם אוילעם, האָט לייווי באַלד פאַרשטאַנען, אַז קאָפל האָט דאָס זעלבע ניט איין מאָל שוין אויסגעשפּילט און ארומגעשפּילט, ווו ס'איז געווען נייטיק פאַר זײַנע באַלעבאַטים, ניט פאַרגעסנדיק בעשאַסמײַסע דעם איקער: מע זאָל פונעם דערציילטן דערזען אין אײַזיקן א מענטשן, פון וועמען מע דאַרף זיך אראָפּנעמען א מוסטער, וויאַזוי צו שלאָגן זיך פאַר גליק, און אין פרידען — א פרוי, וועלכע איז ווערט, מע זאָל זיך פאַר איר שלאָגן. צוליב דעם, ער זאָל זיי פאַרשטעלן פאַר אַזעלכע, נעמען זיי אים אומעטום מיט זיך. פרידע אליין האָט דאָך אים הײַנט געזאָגט, לייווין, אַז קאָפל האָט קימאַט ניט געאַרבעט דאָ, אף דער בוווּנג. אײַזיק האָט אים אריבערגענומען פונדאַנען צו זיך, געמאַכט פאַר אן אַגענט פון דער באַזאָרגונג, זײַענדיק שוין א דירעקטאָר פון א זאַוואָד. איז ווי קומט קאָפל הײַנט אהער, אויב ניט זי מיט איר אײַזיקן האָבן אים אראָפּגעבראַכט?

נאָר ניט דערפון וועט ער באַלד אָנהייבן זײַן געשפּרעך מיט פרידען, וואָס זאָל זיך איר פאַרגעדענקען אפן גאַנצן לעבן. אף יענעם ברעג, ווען ער פאַרפירט מיט איר אַזא געשפּרעך, וואָלט זי זיך פּאַשעט אויסגעדרייט און אוועקגעגאַנגען. ער וואָלט איר דאָך ניט נאָכגעלאָפן. דאָ וועט זי אים שוין מוזן אויסהערן! ער וועט ניט אָפּקלײַבן פאַר דעם קיין ווערטער, ווי ער טוט עס בייסן אויסמוסערן זײַנעם א שילער פון פּעטעו, ווען יענער פאַרזינדיקט זיך מיט עפּעס. פרידע וועט באַלד דערהערן פון אים אַזוינס, אַז זי האָט אף איר לעבן עפשער גאָר קיינמאָל ניט געהערט. לייווי שטעלט זיך פאַר, וויאַזוי וועט עס פרידען פאַרכידעשן. זי וועט זיך פרעגן: ווי קומען צו אים אַזעלכע רייד, צו אים, דעם שטילן, שעמעוודיקן, צוריקגעהאַלטענעם לייווין? זי האָט זיך אים אָנגעטרויט, ווײַל זי האָט אין אים דערזען דעם זעלבן נאָכגיביקן לייווין, וואָס דעמלט, אַזא, ווי ס'האָט אים דאָ הײַנט פאַרגעשטעלט איר און אײַזיקס באַדינער און צודינער קאָפל. שוין גופע דערמיט, וואָס פרידע, ווי ס'איז צו זען, נעמט אים אָן פאַר אַזעלכן, האָט לייווי דערפילט א דערנידעריקונג פאַר זיך. וועלכע פרוי וואָלט אײַנגעגאַנגען זיך אריבערשיפלען באַנאַכט מיט א מאַנצבל אף א פוסטן ברעג טײַך און זיך לאָזן גיין מיט אים צו די ברעג, ווען זי זאָל ניט אײַנזען אין איר באַנאַכטיקן באַגלייטער א מאַנצבל, וועלכער וועט ניט וואָגן אָן איר דערלויבעניש זי אפילע נעמען אונטער דער האַנט?

„דערווײַז איר, אַז דו ביסט ניט יענער לייווי, אַז דו ביסט פון לאַנג שוין אַן אַנדערער. אַן אַנדערער!"

אין א ווײַלע ארום, פאַרזעצנדיק גיין לעבן פרידען עטוואָס דערווײַטערט און באַ דער זײַט, ווי אין יענע יאָרן, ווען זיי פלעגן שפּאַצירן זאַלבעדריט, האָט לייווי ווידער דערהערט אין זיך דאָס זעלבע: „דערווײַז איר, אַז דו ביסט שוין ניט יענער... דו האָסט דערצו רעכט. זי איז דאָך קימאַט געווען שוין דײַן ווײַב. וווּער א גאַנוו! גאַנווע זי איך צו. אף איין נאַכט גאַנווע זי צו... וועסט איר נאָכדעם ארויסזאָגן, וואָס דו האָסט איר צו זאָגן. וועמען ווילסטו אײַנרײדן, אַז בלויז צוליב דעם, זי זאָל ניט אנטלויפן, ניט וועלן דיך אויסהערן, האָסטו זיך אריבערגעשיפלט מיט איר אהער?"

...Лишь только раскатятся первые грозы,
на белых стволах появляется сок,
то плачут березы, то плачут березы...[1]

די שטאַרקע לויטערע שטים פון יענעם ברעג טײַך האָט מיט איר אָפּהילכן ווײַט אין די ברעג אופגעוועקט אין לייווין א נאָגנדיקע בענקשאַפט נאָכן היימישן סטעפּ, מיט וועלכן ער האָט אַזוי אומגעריכט זיך אף שטענדיק צעשיידט. ער איז געבליבן שטיין, פאַריסן דעם קאָפּ ארוף, ווי דאָס דערהערטע מיטאַמאָל געזאַנג וואָלט געגאַנגען פון אָט דער סוידעספּולער אויסגעשטערנטער הייך.

דאָס געזאַנג האָט אין אים אַלץ פאַרטויבט, ניט געלאָזט אים זיך אומקערן צו דעם, וועגן וואָס ער האָט א רעגע צוריק נאָך זיך געהאַט פאַרטראַכט, ניט זײַענדיק שוין באַ זיך אַזוי זיכער, אַז בלויז דערפאַר, ער זאָל קאָנען אפן גאַנצן קאָל אויסלאָדן די סינע צו זײַן אמאָליקער קאַלע, האָט ער זי אראָפּגעבראַכט אהער.

...То плачут березы, то плачут березы.

[1] ווי נאָר ס'וועלן זיך צעקײַקלען די ערשטע געוויטערס, אף די ווײַסע שטאַמען באַווײַזט זיך דער זאַפט. דאָס וויינען די בערעזעס, דאָס וויינען די בערעזעס...

איצט איז שוין ניט פרידע, נאָר אָט דאָס שטאַרקע לויטערע קאָל געווען זײַן וועג־ווײַזער, געפירט אים נאָך זיך צו די קייטן בערג, ווו אַלץ איז געווען אָנגעזאַפּט מיטן אָטעם פון דער באַנאַכטיקער וואָלגע, פון בערעזע־זאַפט און פרישן היי. דאָס געזאַנג האָט אין אים אַלץ אַזוי פאַרטויבט, אַז ער האָט מער קיין וואָרט ניט געהערט דערפון, וואָס פרידע האָט אים דערציילט וועגן דער אומגעגנט, וועלכע זי האָט אין דער יוגנט ניט איין מאָל דורכגעשפּאַצירט אין דער לענג און דער ברייט. פרידע האָט דערפילט, אַז לייווי הערט זי ניט, און עפּשער האָט דאָס געזאַנג אויך זי, ווי אים, אַריבערגעטראָגן פונדאַנען אינעם היימישן סטעפּ, און דערפאַר איז זי מיטאַמאָל אַנשוויגן געוואָרן.

— דו ווייסט, ווער עס זינגט? — האָט פרידע געפרעגט, אָנווײַזנדיק מיט דער האַנט אַפן אַנדערן ברעג, און שטיל געענטפערט: — פּאַוועל. פּאַוועל סאַמוילאָוויטש, דער פּאַרזיצער פונעם שטאָטראַט.

— אָט־אָ דער, אין דער טעלניאַשקע? — האָט לייווי אָן איבעריקער נײַגעריקייט געפרעגט.

— דיך וווּנדערט זײַן אָנטועכץ? מיר דוכט, אַז זינט איך קען אים, האָב איך אים שטענדיק געזען אין אַ טעלניאַשקע, אי אויף דער אַרבעט, אי ניט אויף דער אַרבעט, — פרידע האָט אַ ווײַלע אונטערגעזונגען, נאָר זיך גיך אַראָפּגעשלאָגן און אַנשוויגן געוואָרן. — געדענקסט, סאַראַ הויכע, שטאַרקע שטים בײַ מיר איז געווען, — האָט זי אין אַ רעגע אַרום זיך אָנגערופן. — פאַרוואָס בין איך ניט געפאָרן זיך דעמאָלט לערנען, פאַרשטיי איך ניט.

לייווי וואָלט איר עס לײַכט געקאָנט געבן צו פאַרשטיין. פרידע האָט ווירקלעך פאַרמאָגט אַ שטאַרקע שטים, זי האָט אָבער קיין איין ליד ניט דערזונגען ביזן סאָף, זיך שטענדיק אַראָפּגעשלאָגן פונעם וועג, ווי איצטער. נאָר לייווי האָט איר דערויף גאָרניט געענטפערט, ער איז געווען צופרידן, וואָס זי איז אַנשוויגן געוואָרן, מישט זיך מער ניט אַרײַן מיט איר וואַכעדיקייט אינעם וווּנדערלעכן געזאַנג.

דאָס שטילשווײַגן האָט לאַנג ניט אָנגעהאַלטן. פאַרקריכנדיק ביז די קני אינעם הויכן גראָז, האָט פרידע פונסנײַ זיך אַרײַנגעמישט מיט איר וואַכעדיקן קאָל:

— איך קאָן דיך מיט אים באַקאַנען.

— צו וואָס?

— כ׳פאַרשטיי דיך ניט, — פרידע האָט ווירקלעך אים ניט פאַרשטאַנען. — ווער זאָגט זיך עס אָפּ פון פאַרפירן באַקאַנטשאַפט מיט אַ הויך־אָנגעשטעלטן מענטשן? אַזעלכע באַקאַנטשאַפטן קאָנען שטענדיק צוניץ קומען. — זאָגסט דאָך, אַז דו וועסט פאַרברענגען דאָ אַ גאַנצן כוידעש. איז פאַרוואָס זיך ניט באַקאַנען מיט אַ מענטשן, וואָס פאַרברענגט אויך דאָ דעם אורלויב? ער איז דאָך אַ ווויִלער מענטש, אַ פריילעכער, פול מיט לעבן. דו האָסט אים געהערט בלויז זינגען. וואָלסט געדאַרפט זען נאָך, ווי־אַזוי ער טאַנצט. ניט צופעליק האָבן מיר אים דעמאָלט אויסגעקליבן פאַרן סעקרעטאַר פון דער קאָמיוגישער אָרגאַניזאַציע פון דער בויונג. פּאַוועל סאַמוילאָוויטש האָט געהאַט בײַ אונדז גרויס אויטאָריטעט.

— כ׳האָב אים געזען. כ׳וואָלט אים קיינמאָל אין לעבן ניט אָנגענומען פאַר קיין ייִדן. ער זעט אויס ווי אַן עכטער רוס.

— און ווער האָט דיר געזאָגט, אַז ער איז אַ ייִד? זײַן פאַמיליע איז וואַסיליעוו.

— סאַמויל איז דאָך אַ ייִדישער נאָמען. שמועל.

— כ׳האָב עס אים איינמאָל געפרעגט. זאָגט ער, אַז בײַ זיי אין דאָרף, אין סיביר, פונוואַנען ער שטאַמט, הייסן קימאַט אַלע אָדער סאַמויל, אָדער סאָלאָמאָן. ער פאַרשטייט נאָר ניט, פאַרוואָס גייט עס עמעצן אַזוי אָן. אים האָט עס אַפילו איינמאָל געפרעגט זייער אַ הויך־אָנגעשטעלטער מאַן. דו ווייסט, — האָט זי שטיל אַרויסגעבראַכט, — ער איז אַ שטיקל צײַט געווען אין מיר פאַרליבט.

— און דיך ניט אַרויסגעגאַנוועט?

פרידע האָט זיך צעלאַכט.

— איך פרעג עס דיר ערנסט.

— בײַ אײַזיקן, ליאָווינקע, גאַנוועט מען ניט. ער איז זייער אַ וואַכזאַמער. אוי! — האָט זי מיטאַמאָל אויסגעשריִען, אומפאַלנדיק אויף דער קאָפּנע היי, אין וועלכער זי האָט, שאַרנדיק מיט די פיס אינעם הויכן גראָז, זיך פאַרטשעפּעט. זי האָט אויסגעשטרעקט לייווין די האַנט, ער זאָל איר העלפן זיך אויפהייבן.

ווען ער האָט זי אָנגענומען פאַר דער האַנט, האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז פרידע האָט אים אַ ציִ געטאָן צו זיך און, ניט פאַרקלערנדיק זיך, צי איז זי אומגעפאַלן צופעליק, צי ניט, האָט ער זיך אַראָפּגעזעצט צו איר אויף דער קאָפּנע.

דאָס געזאַנג פון יענער זײַט וואָלגע איז ביסלעכווײַז אויסגעגאַנגען, זיך אַראָפּגע-לאָזט פון די שפּיצן בערג אַלץ נידעריקער און נידעריקער און ניט געוואָרן, זיך פאַרקײַקלט דאָ ערגעץ אַרום אינעם גראָז. נאָר לייווי האָט אויך נאָכדעם זיך צוגעהערט, גלײַך ער וואָלט אין דער אַראָפּגענידערטער שטילקייט אופגעכאַפּט אַזוינס, וואָס איז פון אים ביז איצט געווען פאַרהוילן. ער האָט אַליין ניט באַנומען, וואָס עס איז מיט אים פאַר דער קורצער ווײַלע, זיצנדיק לעבן פרידען, פּלוצעם געשען. ער, ווער ס'האָט די גאַנצע צײַט געוואַרט, זי זאָל אים פרעגן, וואָס האָט ער געהאַט איר צו זאָגן, איז גאָר צופרידן, וואָס זי דערמאָנט עס אים איצט ניט. זי זאָל אים געווען איצט א פרעג טאָן עס, וואָלט ער פּאַשעט ניט געוווּסט מיסטאָם, וואָס איר דערוף צו ענטפערן. ער האָט מיטאַמאָל פאַרגעסן אַלע פאַר-גרייטע ווערטער, און אָן זיי איז זײַן סינע א טליענדיק פײַערל אָן א ווינט. און עפשער איז ער פון סאַמע אָנפאַנג ניט געווען גרייט זיי אַרויסצוברענגען אַף א קאָל?

ענטפערן זיך אַף דעם האָט לייווי ניט באַוויזן. פרידע האָט אים איבערגעשלאָגן, נאָך איידער ער האָט געפונען פאַר זיך דעם ענטפער.

— שיק אונדז צו דײַן טעכטערל, — האָט זי אים לײַכט אָנגערירט בא דער האַנט.— אײַזיק האָט בא אונדז אין שטאָט גרויסע באַקאַנטשאַפט. וויאַזוי רופט מען דײַן טאָכטערקע?

— כאַנע.

— אַניע. אַניעטשקע. זייער א שיינער נאָמען אַניע.

— געוויס איז אַניע זייער א שיינער נאָמען, אָבער זי הייסט ניט אַניע. כאַנע הייסט זי. און וויאַזוי רופט מען דײַן באָכער?

— אָלעג.

— אויך זייער א שיינער נאָמען. אָלעג אַנדרייעוויטש סטעקלאָוו.

— כ'פאַרשטיי ניט.

— וואָס פאַרשטייסטו ניט?

זי האָט ניט אָפּגעפירט פון אים דעם בליק.

— פאַרוואָס סטעקלאָוו?

— וויבאַלד מע אַנדערשט איבער אינגאַנצן דעם נאָמען, איז פאַרוואָס ניט איבעראַנ-דערשן אַפן זעלבן אויפן אויך די פאַמיליע?

— אַך, אַט וואָס.

— נו, יאָ.

— דאָס, זעסטו, מײַן טײַערער, האָב איך פון דיר ניט דערוואַרט. מיט וואָס איז דיר ניט געפעלן דער נאָמען אָלעג?

— כ'האָב דיר דען געזאָגט, אַז ס'איז מיר ניט געפעלן? פאַרקערט, זייער א שיינער נאָמען. מיר געדענקט זיך אָבער עפּעס ניט, אַז בא אונדז אין דאָרף, אַשטייגער, זאָל מען געווען עמעצן אָנרופן אָלעג, אַנדריי, יאַראָסלאַוו, טימאָפיי...

— לעבסט נאָך אַלץ, אַפּאַנעם, אינעם נעכטן. דו פאַרגעסט, אַז דאָס דאָרף אונדזערס, ווו מיר האָבן דעמאָלט געוווינט, איז געווען א יידיש דאָרף, און אין א יידישן דאָרף האָט מען זיך גערופן מיט יידישע נעמען. כ'ווייס ניט ווי דו, נאָר מיר לעבן די אַלע יאָרן צווישן רוסישע מענטשן. מײַן מאַמע פלעגט זאָגן: אַף וואָס פאַר א פורל מע זיצט, אַזאַ לידל זינגט מען. האָסט געוואָלט, איך זאָל אים אָנרופן כאַים, איציק, אַוורעמל? אָלעג, אַנדריי, טימאָפיי זײַנען שוין איצט אויך יידישע נעמען. נעכטן איז געווען נעכטן, און הײַנט איז הײַנט.

וואָס ווײַטער, האָט זי אַלץ מער אים פאַרוווּנדערט. ס'איז אויסגעקומען, ווי ניט ער איז דער לערער, ניט ער פירט דעם לימעד מיט איר, נאָר זי מיט אים. ער האָט אָבער ניט געפילט, אַז זי אַליין זאָל גלייבן אין דעם אַלץ, און דערבײַ א קלער געטאָן, צי זאָגט זי פּאַשעט ניט איבער עמעצנס רייד, און קעדיי זיך דערין איבערצײַגן, זי געפרעגט:

— פאַרוואָס פירן זיך אַזוי ניט אויף די אוקראַינער, אַרמענער, גרוזינער, ליטווינער און אַלע אַנדערע?

— פונוואַנען נעמסטו עס, אַז ניין?

— אַלנפאַלס דעם פּאַטערנאָמען אַנדערשן זיי זיכער ניט איבער, ווי דײַן אײַזיק, איבער-געמאַכט טעוויע אַף טימאָפיי. כ'מיין ניט, אַז זײַן טאַטע וואָלט אים געגעבן דערוף די האַסקאָמע.

— לעבסט אינעם נעכטן, לייווי... האָב ניט קיין יעסורים. דו ווילסט, איך זאָל רופן דײַן טאָכטער כאַנע און ניט אַניע, וועל איך זי רופן כאַנע. שיק זי אונדז צו. אַנדריי וועט איר העלפן אָנקומען אין אינסטיטוט. אײַזיק האָט בא אונדז אין שטאָט גרויסע באַקאַנט-שאַפט.

— איך זע, דו זוכסט אַלץ, וויַאזוי אויסקויפן די שולד.

— וועלכע שולד? און ביכלאַל. נו, וויפל קאָן מעןריידן וועגן דעם. קיינער אויסער דיר איז ניט שולדיק, וואָס בא אונדז האָט זיך אַזוי פאַרענדיקט. און עפשער איז עס צום בעסערן. דו ביסט זיכער, אַז וואָלסט געווען גליקלעך מיט מיר?

ניין, לייווי איז אין דעם ניט זיכער, כאָטש פרידע איז געווען זיַין ערשטע ליבע, און ס'האָט געדאַרפט דורכגיין אַ היפּש שטיקל ציַיט, ער זאָל זיך פאַרליבן אין אַ צווייטער און עטלעכע יאָר נאָך דער כאַסענע מיט ליזען זיך ריכטן, אַז מע קאָן זי בא אים אין איינעם אַ פּאַרנאַכט אויך ניט צוגאַנוווענען און ער זאָל זיך פילן דערפון די אַלע יאָרן דערנידעריקט. אַנ-שטאָט איר עס זאָגן, האָט ער בלויז אַרויסגעלאָזט פון האַנט די צעקרישלטע אָפּ פּיץ-פּיצ-לעך זשמעניע היי.

— האָסט עפשער בא זיך דיַין כאַנעלעס פאָטאָ? זי קער זיַין זייער אַ שיינע.

— בא יעדן פאָטער איז זיַין קינד אַ שיינס.

— פונדעסטוועגן?

— דו האָסט פאַר איר אַ כאַסן, וואָס דו פרעגסט זיך אַזוי נאָך?

— שטעל זיך פאָר, האָסט געטראָפן, — זי האָט אים אָנגעכאַפּט פאַר דער האַנט און ניט אַרויסגעלאָזט, ווי זי זאָל זיך געווען פאַרקליַיבן מיט אים אָפּ אַ הויכער מאַזשאַרע היי און האָט מוירע, אַז זי קאָן זיך פון דאָרט אַראָפּגליטשן. — כ'וויל זי באַקאַנען מיט אונד-זער אַלעגן. אויב עס וועט זיך דערפון, ווי מע זאָגט עס, עפּעס אויספּיקן, וועט עס זיַין אַ גליקלעך פּאָרל. אַלעג איז אינגאַנצן געראָטן אינעם טאַטן. און אין וועמען איז דיַין כאַנעלע געראָטן?

— דו ווילסט וויסן, צי וועט זי זיך לאָזן אַרויסגאַנוווענען אַזוי לײַכט, ווי מע האָט דיך אַרויסגעגאַנוועט בא מיר? כ'האָב גאָר פאַרגעסן, אַז מע האָט דיך דאָ נאָכדעם שיר ניט אַוועקגעגאַנוועט בא דיַין איַיזיקן. נאָר בא אַ גאַנעוו, ווײַזט אויס, איז ניט אַזוי פּאַשעט צו גאַנוווענען.

דאָס טליִענדיק פיַיערל אין אים האָט זיך ענדלעך דערוואָרט אָפּ זיַין ווינט, נאָר פרידע האָט ווידער, שוין צום וויפלטן מאָל היַינט, פאַרצאַמט אים דעם וועג.

— נו גענוג דיר וועגן דעם. איַיזיק האָט אויך, פאַר וואָס צו זיַין בארויגעז אָפּ דיר. איבער דיר איז ער דאָך דעמלט אַוועקגעפאָרן פונעם דאָרף. דו ווייסט, ער קאָן מיר ביז איצט ניט מויכל זיַין, לעמיַי בין איך געווען דיַין קאַלע, וואַרפט עס מיר אויף. ער איז מיר אפילע כוישעד, אַז איך בין נאָך אויך איצט פאַרליבט אין דיר... כ'שטעל זיך פאָר, ווי ער וואָלט געקערט וועלטן, ווען ער דערוויסט זיך, ווו און מיט וועמען בין איך אַציַנד. ער האָט מיך זייער ליב. איך בין אים די אַלע יאָרן געווען טריַי, נאָר ער גלייבט ניט. פיַיניקט זיך דערפון.

דאָס אופגעבלאָזן פיַיערל אין לייווין האָט זיך עטוואָס געשטילט.

— און דו וועסט אים ניט זאָגן?

— וואָס?

— ווו און מיט וועמען ביסטו היַינט געווען.

— רייד ניט קיין נאַרישקייַטן.

— און אויב איך וועל עס אים זאָגן? — און כאָטש לייווין האָט עס אויסגעזען ניט ווייניקער אומגעלומפּערט, ווי פרידען, און ס'האָט אים ניט געכידעשט, וואָס פרידע האָט פון זיַין גיבן עס אַ זאָג זיך זאַרגלאָז צעלאַכט, דאָך האָט ער זיך דערפון ניט געקאָנט שוין באַפּריַיען. פרידע האָט דאָך אים אָקאָרשט-אָ אַליין אופגעגעבן דעם געדאַנק, וויַאזוי זיך צעצאָלן מיט איר איַיזיקן פאַרן כויוו, וועלכן ער איז אים געבליבן שולדיק, פאַרן כויוו, וועגן וועלכן איַיזיק אַליין האָט דורך קאָפּלען אים דאָ היַינט דערמאָנט. פאַר אַ טיש מיט מענטשן עס דערמאָנט.

— דו גלייבסט ניט, אַז איך קאָן עס אים זאָגן?

— איך גלייב. פאַרשטייט זיך, אַז איך גלייב, — פרידע האָט אים ווידער געענטפערט מיטן זעלבן געלעכטער פון אַ גליקלעכער, זאַרגלאָזער פרוי, געוואָלט אים נאָך עפּעס זאָגן, נאָר זיך צוריקגעכאַפּט. זי האָט מיטאַמאָל דערזען אין אים אַ מענטשן, פון וועמען מע קאָן אַזוינס דערוואַרטן, און זיך דערשראָקן. אין אַ רעגע אַרום האָט עס איר אָבער אויסגעזען אַזוי ווילד און אומגעלומפּערט, אַז זי האָט זיך נאָך העכער צעלאַכט, אַ פּאַטש טאָענדיק דערבײַ מיט די הענט. — וואָס קוקסטו אַזוי אָפּ מיר? קנייטש ניט, איך בעט דיך, דעם שטערן. האָסט שוין פאַרגעסן, זע איך, אַז מיר איז עס ניט געווען אין דיר געפעלן. ס'על-טערט דיך. גענוג זיך בייזערן. צי דען פרייט דיך ניט, וואָס מיר האָבן אין אַזויפיל יאָר אַרום

זיך ווידער באַגעגנט? — פרידע האָט זיך אומגעקוקט און שטיל אַרויסגעבראַכט: — מיר דוכט, אַז פאַר די אַלע יאָרן, וואָס מיר האָבן זיך ניט געזען, איז ניט געווען דער טאָג, איך זאָל ניט טראַכטן וועגן דיר. און דו? האָסט כאָטש ווען-ניט-איז געבענקט נאָך מיר, צי מיך אינגאַנצן שוין געהאַט פאַרגעסן? איך בין, אויב דו ווילסט וויסן, נאָך ביז איצט פאַרליבט אין דיר. גלייבסט ניט? אַף מייַן ערן-וואָרט. זעסט, איך באַהאַלט עס פון דיר ניט אויס.

„מיר גייט עס איצט ניט אָן. ניט דאָס גייט מיר אַצינד אָן. וואָס גייט מיר איצטער יאָ אָן, ווילסטו וויסן? צי האָסטו זיך ווען-ניט-איז געפּייַניקט דערפון, וואָס דו האָסט מיך דעמלט אַזוי דערנידעריקט? צי פאַרשטייסטו כאָטש איצט, ווי גרויס ס'איז די זינד פאַר דערנידעריקן אַ מענטשן, פאַר זיך אויספּייַנען דערנאָכדעם דערמיט, מאַכן דערפון אַ פאַרווייַלונג?" — לייווי האָט אַזוי קלאָר און דייַטלעך עס אַלץ געהערט אין זיך, אַז אים האָט אַזש פאַרוווּנדערט, וואָס פרידע האָט זיך דערויף ניט אָפּגערופן און אָנשטאָט דעם גאָר אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אים אַפן אַקסל.

דער זייגער איז געווען צוואַנציק מינוט אַף צוועלף.

— קום, לייווינקע. ס'איז שוין זייער שפּעט, — און מיט אַ דערשראָקן קאָל ווי געווענדט צו זיך: — ווײ, ווײ, ווי מע זוכט מיך דאָרטן אַרום.

צי ווייַל ס'האָט זי באַרויִקט דאָס פונסנייַ דערהערטע שפּילן פונעם אָרקעסטער, צי ס'האָט איר אונטערגעזאָגט דאָס פאַרגעפיל, אַז זי וועט זיך מיסטאָמע מיט לייווין מער קיינמאָל ניט זען, זי קלייַבט זיך דאָך מיט אײַזיקן מאָרגן אַוועקפאָרן, נאָר פרידע איז געבליבן זיצן.

די פאַנאַנדערגעפלאַקערטע סינע שוין ניט אַזוי צו פרידען און איר אײַזיקן, נאָר די סינע, וואָס האָט זיך אַריבערגעוואָרפן פון זיי אַפן גאַסט פונעם גלאַווק און פון אים אַף אַלע די, וועלכע קאָנען דערנידעריקן, מעווייַעש זייַן אַ צווייטן, האָט אים אונטערגעזאָגט, אַז אויך אין דעם, ווי לייַכט פרידע איז אײַנגעגאַנגען זיך אַריבערשפּילען מיט אים אַהער, אַליין אַוועקגעזעצט אים לעבן זיך אַף דער קאַפּנע היי, אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אים אַפן אַקסל, איז דאָך אַ דערנידעריקונג פאַר אים. זי שפּילט זיך פּאָשעט מיט אים. מיט אַן אַנדער מאַנצבל, מיט אַן עלטערן אַפילע, וואָלט זי זיך אַזוי ניט אויפגעפירט. זי וויל, ער זאָל דערפון אַליין דערזען און פאַרשטיין, אַז אַזעלכע, ווי ער, זײַנען באַשאַפן צוליב דעם, מע זאָל זיי באַגאַנווענען, אָפּנעמען בא זיי דאָס גליק. „און דו שווייַגסט? — האָט לייווי ווידער דערהערט אין זיך בולעט און קלאָר די זעלבע שטים. — לאָז זיך ניט דערנידעריקן! דערווייַז עס איר!"

לייווי האָט קיין וואָרט ניט באַנומען פון דעם, וואָס פרידע האָט אַרויסגעבראַכט, ווען ער האָט זי אַ נעם געטאָן אין זײַנע אָרעמס און פאַרדולט געוואָרן פון איר שטייַפער, נאָך קימאַט מיידלשער, ברוסט. ס'האָט אַף אים אַ ווייע געטאָן פון איר לייַב דער אָטעם פונעם זוניקן סטעפּ.

— איאָ דו האָסט מיך ליב? — איר קאָל האָט געציטערט. — איאָ, דו האָסט מיך ליב? האָסט מיך ליב, ווי דעמלט. נו, זאָג. פאַרוואָס שווייַגסטו? נו, זאָג.

לייווי האָט זיך ניט אָפּגערופן, געקוקט אַף איר מיט עטוואָס צוגעמאַכטע אויגן און געשוויגן.

ליגנדיק לעבן איר שוין אינגאַנצן אַ באַרויִקטער, האָט ער דאָך אָפּגעפירט אין אַ זייַט אירע הענט, ווען זי האָט געוואָלט פאַרשפּיליען דאָס קלייד.

— דו לעבסט ניט מיטן ווייַב, וואָס דו ביסט אַזוי אויסגעהונגערט? — און אין אַ רעגע אַרום צוגעגעבן: — דו האָסט זי, אַפּאָנעם, ניט איבעריקס ליב. איאָ?

פרידען האָט זיך געוואָלט עס דערהערן פון אים, ניט ווייַל איר איז, ווי יעדער פרוי אין איר עלטער, אָנגענעם זיך דערוויסן, אַז דער, וועמ ס'איז געווען אין איר פאַרליבט אין דער יוגנט, איז ביז הייַנט נאָך אין איר פאַרליבט, נאָר קעדיי זי זאָל ניט אויפנעמען דאָס געשעענע צווישן זיי דאָ איצט ווי אַ דערנידעריקונג פאַר זיך, זי זאָל זיך ניט פילן געפאַלן פונעם געדאַנק, וואָס פּייַניקט זי אין די דאָזיקע מינוטן, אַז זי איז פאַר אים געווען בלויז אַ פרוי און ניט מער. לייווי האָט עס גלייַך באַמערקט. ס'האָט זי אַרויסגעגעבן דער באַפאַלענער אומעט אין די אַרומבלאָנדזשענדיקע אויגן, דאָס ציטערן פון אירע איבערגעטריקנטע ליפּן, ווי בא אַ קינד פאַרן צעוויינען זיך אַף אַ קאָל. זי זאָל שטאַרקער דערפילן אָט די געפאַלנקייַט אין זיך, האָט לייווי זיך האַסטיק אויפגעזעצט און, ניט אומקוקנדיק זיך צו איר, טרוקן געזאָגט:

— מע דאַרף גיין. ס'איז שוין זייער שפּעט.

פרידע האָט אים אָנגענומען בא דער האַנט, ניט אָפּגעלאָזט.

— ס'איז שוין זייער שפעט, — האָט לייווי נאָך מער אָפּגעפרעמדט איבערגעכאַזערט און זיך געוווּנדערט, וויאַזוי באַמערקט זי עס ניט.

— וווהין אײַלסטו זיך עס, פאַרשטיי איך ניט. צום ווײַב, וועמען דו האָסט ניט ליב? — און אים צוגעצויגן צו זיך.

לייווי האָט זיך באַפרײַט פון אירע הענט, ניט געלאָזט זיך מער פאַרשיקערן פון איר לײַב, און געפרעגט:

— פונוואַנען נעמסטו, אַז כ'האָב ניט ליב דאָס ווײַב?

— איך פיל עס, — אירע פולע אויגן האָבן זיך באַ אים ווי געבעטן: „זאָג נאָר ניט, אַז ניין, אַז איך האָב א טאָעס. טו עס מיר צוליב, כ'זאָל זיך אופהערן פײַניקן פונעם גע-דאַנק, אַז איך בין געוווען פאַר דיר דאָ איצט בלויז א פרוי און ניט מער".

„און ווער ביסטו די אַלע יאָרן געווען פאַר אײַזיקן? — האָט פרידע זיך אַליין גע-פרעגט. — דען ניט בלויז ווי א פרוי? ער זאָל דיך פאַרהיטן פאַר זיך בלויז ווי א פרוי, האָט ער דאָך דיך אַראָפּגענומען פון דער אַרבעט, ווי נאָר ער איז געוואָרן דירעקטאָר פון א זאַוואָד, זיך פאַרופן דערבײַ אָפּן אַמאָל: באַ אַזעלכע באַזאָרגטע מענטשן, ווי ער, האָבן זייערע פרויען קיינמאָל ניט געאַרבעט, און דערמיט האָבן זיי פאַרהיט פאַר זיך די פרוי ווי א פרוי. לייווי אָבער, שטעלט זיך פרידע פאָר, וועט מע זאָל אים אַפילע מאַכן פאַר א שעף פון א גלאַוווּק צי נאָך העכער, וואָלט ער אַלצייַנס ניט אײַנגעגאַנגען, אַז דאָס ווײַב זאָל באַ אים ניט אַרבעטן. ער נעמט זיך אַפילע, דאַכט זיך, איבער, וואָס דאָס ווײַב איז באַ אים ניט קיין אינזשעניער, ניט קיין דאָקטער, נאָר א געוויינלעכע אַרבעטערן, אָף וועמען עס וואַלגערט זיך אָן, ווען זי קערט זיך אום פונעם זאַוואָד אַהיים, אַזויפיל שטוביקע אַרבעט, אַז זי ווייסט ניט פאַר וואָס פריִער זיך נעמען. זי, פרידע, געדענקט עס ביז איצט נאָך, כאָטש שוין א היפּש ביסל יאָרן ווי זי איז אַוועק פון דער אַרבעט, זיצט אין שטוב. אײַזיק איז דערויף באַשטאַנען. ער האָט, בייס זי האָט נאָך געאַרבעט, ניט געוואָלט פון גאָרנישט וויסן, זיך מיט גאָרניט רעכענען. אים איז ניט אָנגעגאַנגען, וואָס צײַטנווײַז האָט זי פאַרן טאָג זיך אַזוי אײַנגעמידט, אַז זי האָט זיך קוים דערקליבן צום בעט און איז גלײַך אַנשלאָפן געוואָרן. באַ זיי זײַנען איבער דעם ניט איין מאָל אויסגעבראָכן קריגערײַען, באַרויגעזן. אַלע מאַנצב-לען זײַנען קאָנטיק אַזעלכע, רעכענען זיך בלויז מיט זיך, בלויז מיט זייערע פאַרלאַנגען...

און ווי פרידע זאָל עס געווען אַלץ אַרויסבערענגען אָף א קאָל, האָט זי א פרעג געטאָן:

— עפשער ניט אַזוי?

ניט דערפאַר, ווײַל זי האָט עס געפרעגט זייער שטיל, איז עס צו לייווין ניט דער-גאַנגען. די נאָענטקייט פון איר האַלב אַנטבלויזט רייצנדיק לײַב האָט אים, וויאַזוי ער האָט זיך ניט געוועהרט, ווידער דול געמאַכט. די אײַנציקע פרײַז פאַר דעם, וועלכע זי האָט באַ אים ווידעראַמאָל געבעטן מיט די איבערגעטריקנטע ליפּן, איז געווען, ער זאָל איר זאָגן, אַז ער האָט זי ליב.

נאָר לייווי האָט אויך דאָס מאָל איר דערויף ניט געענטפערט.

— סאַראַ קרעפּטיקער מאַנצבל דו ביסט. בלויז דערפאַר אַליין שוין דאַרף דיר דײַן פרוי שטאַרק ליב האָבן. אָבער דו האָסט זי ניט ליב... איך פיל עס. איאָ, דו האָסט זי ניט ליב? און מיך? מיך אָבער האָסטו ליב? נו, זאָג. איך בעט דיך. האָסט זיך דאָך געקליבן מיט מיר ריידן... וועגן וואָס? וועגן דעם, יאָ? נו, זאָג, וועגן וואָס האָסטו געוואָלט מיט מיר ריידן?

— איצטער? — האָט לייווי זי געפרעגט.

— ווען זשע דען?

קיין אײנציק וואָרט דערפון, וואָס לייווי האָט זיך געקליבן איר זאָגן, האָט ער ניט פאַרגעסן. ס'האָט אָבער ניט געהאַט קיין זין זיך מיט זיי איצט באַנוצן. ער האָט מיט זײַן שווײַגן, בייס זי האָט זיך באַ אים געבעטן, ער זאָל איר זאָגן, אַז ער האָט זי ליב, געגאַרט און געוואָרט, ער זאָל אַזוי ענטפערן, איר דערמיט דען ניט אַלץ אַרויסגעזאָגט, ניט אָף אַלץ געענטפערט? ער קאָן צו דעם בלויז צוגעבן: ער האָט ניט דערוואָרט, אַז ס'זאָל זיך אַזוי ענדיקן זייער באַגעגעניש. און זי?

זי האָט עס, דאַכט זיך, יאָ דערוואָרט. דערוואָרט און פאַרלאַנגט.

פרידע זאָל ניט אופנעמען דאָס פאַרלאָפענע זיך דאָ הײַנט צווישן זיי אַנדערש, ווי לייווי האָט עס געוואָלט, האָט ער זיך געגעבן האַסטיק א הייב אוף און האַרב, שיר ניט באַפעלע-ריש, געזאָגט:

— מע דאַרף גיין.

פרידע האָט זיך ניט גערירט פון אָרט, געלעגן אויף דער צוגעפרעסטער קאַפּנע היי און געבלאַנדזשעט מיט די אויגן איבערן ליכטיק אויסגעשטערנטן הימל.

— דו בלײַבסט דאָ? — האָט לייווי געפרעגט, גלײַך ער וואָלט זיך געקליבן זי דאָ איבערלאָזן אַליין. — האָסט דאָך די גאַנצע צײַט זיך באומרויִקט, געהאַלטן אין איין דער-מאָנען מיר, אַז ס'איז שוין שפּעט, מע זוכט דיך דאָרטן אַרום.

— איצט גייט עס מיר שוין ניט אָן...

„קלײַבסט זיך עפּשער בלײַבן, כ'זאָל דיך אוועקגאַנוועגען בא דײַן אײַזיקן? האָסט אויך מיט אים כעזשבוינעס? בא מיר זײַנען אָבער מיט אים אַנדערע כעזשבוינעס..."

— מיר איז עס שוין איצט אַלציינס, פאַרשטייסט, אַלציינס...

— מיר איז עס אָבער ניט אַלציינס. מײַן ליזע האָט זיך געקאָנט אופּכאַפּן און זוכט מיך אַרום.

— זי איז בא דיר זייער אַן אייפּערזיכטיקע, אַפּאָנעם, ווי אײַזיק. נו, ווערסטו איר זאָגן דאָס זעלבע, וואָס איך וועל זאָגן אַנדרייען. כ'האָב פאַרבלאַנדזשעט דאָ אין וואַלד.

פרידע האָט זיך אופגעהויבן, פאַריכט אויף זיך דאָס צעקנייטשטע אָנטאָן און ניט געײַלט זיך געלאָזט גיין, שאַרנדיק מיט די פּיס אינעם הויכן גראָז.

— און ווען וועל איך דיך פירן ווײַזן די בערג? פון דער נאָענט זײַנען זיי א סאַך שענער. מאָרגן פאָרן מיר אָפּ.

— אַלע? אַלע צעפאָרן זיך מאָרגן? — האָט לייווי פאַרטראַכט איבערגעפרעגט.

אָפּגעגאַנגען עטלעכע טריט, איז פרידע שטיין געבליבן, זיך אַרומגעקוקט און, ניט זײַענדיק אינגאַנצן זיכער בא זיך אין דעם, הייזעריקלעך געזאָגט:

— איך קאָן זיך פאַרהאַלטן אויף עטלעכע טעג, — זי האָט אים אָנגעכאַפּט פאַר דער האַנט. דאָס קאָל האָט בא איר געציטערט. — זאָג, דו ווילסט, איך זאָל זיך פאַרהאַלטן?

— קעדיי דו זאָלסט מיך קאָנען פירן ווײַזן די זשיגוליער בערג פון דער נאָענט?

מיט א האַסטיקן טראָט איז פרידע אָפּגעגאַנגען פון אים און ביזן סאַמע ברעג טײַך, ווו ס'האָט געוואַרט אויף זיי דאָס שיפל, קיין וואָרט ניט אַרויסגעבראַכט מער. זי האָט אויך אָפּגעשוויגן דעם גאַנצן וועג, געזעסן אַנטקעגן לייווין אין אָנגעכמורעטע אינעם שיפל.

צוקוקנדיק זיך, ווי לײַכט און געשיקט לייווי פאַרשעפּט מיט די ווּעסלעס דאָס וואַסער, טרײַבט מיט זיי פאַנאַנדער די מיטשווימענדיקע שטערן און קלײַבט צוריק זיי צונויף, ווי האַסטיק עס דערנענטערט זיך נאָך יעדן פאַך פון די ווּעסלעס דער אַנטקעגנליגנדיקער ברעג, פונוואַנען ס'האָט שוין ניט אַזוי הילכיק, אָבער דאָך זיך דערטראָגן א טומל, האָט פרידע, ווילנדיק ניט ווילנדיק, פאַרגלײַכט איר אײַזיקן מיט איר געוועזענעם כאָסן, מיט איר שיר ניט געוואָרענעם מאַן, לייווי דעמבאַ. ניין, זי האָט ניט קיין כאַראָטע, וואָס יענער ווינ-טערצונאַכטס האָט זיך פאַר איר אַזוי פאַרענדיקט. זי זאָל געוועזן דעמאָלט כאַסענע האָבן פאַר לייווין, וואָלט זי, מיסטאַם, ביז איצט נאָך געהאַט צו טאָן מיט די קי און קעלבלעך אויף דער פערמע, וואָלט פאַרבליבן אַזוי אָפּן גאַנצן לעבן א מעלקערן. לייווי וואָלט קיינמאָל ניט פאַר-לאָזט דאָס דאָרף. ער וואָלט דאָס גאַנצע לעבן אָפּגעזעסן דאָרט אָפּן טראַקטאָר צי קאָמבײַן און וואָלט געוועזן דערפון צופרידן. איר וואָלט זיך פאַר לייווין דען ווען-ניט-איז געלעבט אַזוי ברייט, מיט אַלעם באַזאָרגט, ווי פאַר אײַזיקן? לייווין גייט ניט אָן דאָס אַלץ, נאָך וואָס אײַזיק האָט די אַלע יאָרן זיך געיאָגט און יאָגט ביז איצט זיך נאָך. לייווין גייט ניט אָן, וואָס אײַזיק האָט פאַר דער צײַט באַוויזן צו ווערן א דירעקטאָר פון א זאַוואָד, האָט אָנגעקניפּט באַקאַנטשאַפט מיט מענטשן, פון וועמען ס'איז פיל אָפּהענגיק, בייס ער, לייווי, איז פאַרבליבן דער זעלבער, ווי געוועזן. וואָר איז אַזוינס א לערער פון פּעטעו, וועלכער פאַרנעמט זיך מיט לערנען קינדער, וויאַזוי זיך צו באַגיין מיט א האַמער און א פײַל? איז דען ניט קיין געווײַנלעכער שלאָסער צי טראַקטאָריסט? ווײַזט אויס, אַז דאָס ווײַב איז בא אים אויך אַזאַ, יאָגט זיך נאָך גאָרניט, איז צופרידן מיט דעם, וואָס מע האָט. ניין, זי האָט ניט קיין כאַראָ-טע, פרידע, וואָס יענער ווינטער-אָוונט האָט זיך פאַר איר אַזוי פאַרענדיקט. זי האָט אים אָבער ניט אָפּגענאַרט, לייווין, אַז בלויז אים איינעם האָט זי אַפּאָנעמסן ליב געהאַט און אַז בלויז ער איינער איז שולדיק, וואָס מע האָט זי בא אים דעמאָלט צוגעגאַנוועט. פרידען דוכט זיך, אַז זי האָט אים ביז איצט נאָך ליב, אַנדערש וואָלט דאָס אַלץ דאָך הײַנט ניט געשען צווישן זיי. ער האָט זי אויך ביז איצט נאָך ליב. זי האָט עס דערפילט גלײַך בא זייער באַגעגעניש. מיט זײַן שווײַגן, מיט זײַן ניט אָפּרופן זיך, ווען זי האָט זיך בא אים געבעטן, ער זאָל עס איר זאָגן, און מיטן אָפּענטפערן איר אַזוי, בייס זי האָט אים געפרעגט, צי וויל ער, זי זאָל זיך דאָ נאָך פאַרהאַלטן, וועט ער איר ניט אײַנריידן, אַז זי גייט אים ניט אָן, אַז זי איז פאַר אים איצט אינגאַנצן א פרעמדע.

— ווען זעען מיר זיך? — פרידע איז זיך ביַיגעקומען און האָט באַם ארויסשפּרינגען פון שפּיל די ערשטע איבערגעריסן דאָס שוויַיגן. — ווען און ווו זעען מיר זיך?

— דו פאָרסט דען מאָרגן ניט אוועק?

— ניט מאָרגן און ניט איבערמאָרגן. איך וועל זיך דאָ פאַרהאַלטן אַף עטלעכע טעג. איז ווען און ווו זעען מיר זיך? מאָרגן באַטאָג, ריכטיקער היַינט באַטאָג, וועל איך ניט קאָנען. די באַלעבאַטים פונעם געצעלט האָבן אונדז אַלעמען פאַרבעטן אַף אַ יאָמטעוודיקן מיטיק. אינאָוונט וועל איך שוין זיַין פריַי. לאָמיר זיך באַגעגענען אפן זעלבן אָרט. מירן זיך ארײַבערשיפּלען אַף יענעם ברעג...

— איך בין דאָ מיטן וויַיב, ניט אַליין.

צו וואָס האָט ער עס איר געזאָגט? און ווען ער איז דאָ אַליין, אָן ליזען... ווי פאַרשטייט ניט פרידע, אַז אויסער פרעמדקיַיט קאָן ער צו איר מער גאָרניט פילן, אַז נאָך דעם, וואָס צווישן זיי איז היַינט פאָרגעקומען, איז זי אים נאָך מער געוואָרן דערווידער. זי האָט עס געדאַרפט דערפילן אין זיַין אופירן זיך מיט איר.

— טראַכט עפּעס צו. כ׳וועל אַף דיר וואַרטן. לאָמיר זיך דעריידן אַף אַכט אינאָוונט, ווען ס׳הייבט אָן ווערן פינצטער. איך וועל דאָ אַף דיר וואַרטן.

דערנעענטערנדיק זיך צום געצעלט, האָבן זיי דערהערט עטלעכע שטימען.

— מיר דאַכט זיך, אַז איַיזיק איז אויך דאָרט, — האָט פרידע אַ שעפּטשע געטאָן און, נעמענדיק ליוון אונטער דער האַנט, האַסטיק אָפּגעגאַנגען מיט אים אין אַ זיַיט. — איז מאָרגן אַכט אינאָוונט זעען מיר זיך. וואָס זאָג איך, ניט מאָרגן, נאָר היַינט, דער זייגער איז שוין אָן פינף מינוט איינס.

באַם צעשיידן זיך האָט ליוון געגלוסט זיך איר זאָגן: „נעם דיַין איַיזיקן און פאָר אוועק. אָבער שוין, לייג עס ניט אָפּ, קאַלזמאַן ס׳איז נאָך ניט שפּעט".

עפּעס האָט אים פאָרט געשטערט, ער זאָל עס איר זאָגן. ער האָט עס אַליין נאָך ניט באַנומען.

אַנגעוווירן פרידען פון אויג, האָט ליווי פאַרלאָזט דעם פאַרשאָטנטן טייל פון דער לאָנקע און ניט געיַילט ארוף אַף דער העל באַלויכטענער זיַיט, ווו צווישן די טאַנצנדיקע פּאָרלעך האָבן זיך געדרייט אין אַ האַלב־שלעפעריקן וואַלס אויך עטלעכע טוריסטן. צווישן די פּאָרלעך האָט ער דערזען יוליס שאָכן, וואַדימען. און ווו איז עס יולי? ער האָט זיך ניט דערוואָרט אַף אים און אַפּאַנעם צוזאַמען מיט די איבעריקע טוריסטן זיך אומגעקערט אַף דער טורבאַזע. פאַרוואָס האָט ער, ליווי, זיך פאַרהאַלטן אַזוי שפּעט? אויב ליזע וועט עס אים פרעגן, וועט אים אויסקומען זיך פאַרענטפערן, ווי פרידע האָט אים אונטערגעזאָגט, אַז ער האָט אַף צוריקוועגס פאַרבלאָנדזשעט אין וואַלד. צי עפּשער זיך פאַרופן אַף דעם, אַז ער האָט צווישן די וועטעראַנען פון דער „געס" אָנגעטראָפן באַקאַנטע פון זיַין אַמאָליקן דאָרף? דאָס איז דאָך שוין ניט קיין ליגן. ער האָט טאַקע באַגעגנט דאָ זיַינע אַלטע באַקאַנטע.

נאָכפאָלגנדיק וואַדימען און די אַנדערע עטלעכע טוריסטן, וועלכע האָבן זיך דאָ נאָך פאַרהאַלטן, ס׳זאָל אים זיַין היימלעכער צו גיין אהיים, האָט ליווי זיך דערנעענטערט צום טיש, ווו עס זיַינען געזעסן די מער באַיאָרטע וועטעראַנען און געפירט צווישן זיך אַ געמיטלעכן שמועס וועגן דעם ניט גאָר וויַיטן אַמאָל, דערמאָנענדיק זיך אַלץ ניַיע און ניַיע פאַרלאָפענע געשעענישן באַם בויען די „געס", געשעענישן, וועלכע זיַינען ווערט, מע זאָל לעקאָוועד זיי ווידעראַמאָל אָנפילן די גלעזלעך.

— ווו זיַיט איר עס פאַרפאַלן געוואָרן?

ליווי האָט אומדערוואַרט דערזען פאַר זיך דרוויאַנאָוון.

— כ׳האָב דעם גאַנצן אָוונט איַיך ארומגעזוכט.

— איך בין די גאַנצע ציַיט געוועזן דאָ.

— און אַלץ געהערט?

— פאַרשטייט זיך.

דרוויאַנאָוו האָט פילדיַיטיק אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, אַפילע צוגעזשמורעט מיט אַן אויג:

— איר האָט מוירע, אַז כ׳וועל איַיך פאַרמאַסערן?

— פאַר וועמען?

— ס׳הייסט פאַר וועמען? פאַר ליזען.

קיין מינדסטער סימען איז ניט געוועזן צו באַמערקן אַף ליוון, אַז ער באַהאַלט עפּעס אויס. ער האָט געקוקט אַף דרוויאַנאָוון, עלעהיי ער הייבט ניט אָן צו וויסן, אַנטקעגן וואָס האָט עס אים יולי געזאָגט.

— עפּעס קוקט איר אױף מיר מאָדנע, יולי אַראָנאָװיטש.

— כאָטש אַ שײן װײַבל? װאָדים זאָגט, אַז זי איז אַ גאַנץ פֿײַנינקע און אַ יונגע. האָט ניט מוירע. מײַן שאָכן װעט אײַך אױך ניט אַרױסגעבן. ער איז ניט פֿון די מענטשן. ניטאָ, װי איר זעט, קײן סױדעס אױף דער װעלט.

— איר זײַט זיכער? — האָט לײװי פֿילדײַטיק געפֿרעגט און, אָפּגײענדיק פֿונעם טיש, פּונקט אַזױ פֿילדײַטיק צוגעגעבן: — זײַט ניט אַזױ זיכער אין דעם. איר קלײַבט זיך דאָ נאָך לאַנג פֿאַרהאַלטן? דער זײגער איז שױן צװײ. ביז מירן זיך מיט אײַך דערקלײַבן, װעט נעמען טאָגן.

— אײגנטלעך, קאָן מען שױן טאַקע גײן, װאָרעם אױסער טענץ, װי איך זע, האָבן מיר דאָ מער ניט װאָס צו דערװאַרטן.

אױף יעדן פֿאַל אָבער האָט יולי אַראָנאָװיטש אַ קוק געטאָן אױפֿן אײגענעם האַנט-זײגערל.

7

צוריקװעגס האָבן זײ שױן אַזױ ניט געאײַלט, װי אָנהײב נאַכט, מוירע האָבנדיק פֿאַרשפּעטיקן צום איבערוף אױף דער פֿײַערלעכער ליניִיקע, נאָר געגאַנגען, װי מע זאָל זיך דורכשפּאַצירן איבערן װאַלד נאָך אַ שװערן, מידן טאָג, יעדערער אַרײַנגעטאָן אין זיך. דער לערער פֿון געשיכטע איז געװען פֿאַרטאָן מיט אָפּקלײַבן פֿונעם זיך אָנגעהערטן הײַנט פֿון די געװעזענע בױער פֿון דער װאָלגער הידראָסטאַנציע דאָס סאַמע װיכטיקסטע און באַדײַטנדיקסטע, אין װאָס ער זעט אײַן אַ קאַפּיטל געשיכטע. פֿונעם דאָזיקן קאַפּיטל װעט ער אָנהײבן זײַן ערשטן לימעד מיט די נײַ-אָנגעקומענע שילער פֿון פּעטער. דעמבאָ, צװײפֿלט ניט דרױאַנאָװ, איז איצט אױך אַרײַנגעטאָן, פֿאַרשטײט זיך, אינעם זעלבן. בײַ אים װעט דאָס איבערדערצײלן דעם יונגװאַרג װעגן הײַנטיקן אָװנט גאָר אַנדערש אױסזען. לײװי שטעלט זיך פֿאָר די בױונג און דאָס פֿאַרװאַנדלען דאָ די װאָלגע אין אַ ים פֿיל בולעטער און קלאָרער פֿון אים. לײװי האָט פֿאָרט צו טאָן אַלע זײַנע יאָרן מיט טעכניק. אײן זאַך איז, װען מע דערצײלט, צום בײַשפּיל, װיאַזױ עס פֿאַרהאַרטעװעט זיך שטאָל, און גאָר עפּעס אַנדערש איז, װען מע זעט עס מיט די אײגענע אױגן. אָט איז ער, יולי, בײַגעװען אַנומלטן בײַ זײ אינעם שלאָסער- און טאָקער-צעך, בײַס דער מײַסטער האָט עס באַװיזן זײַנע שילער. לײװי האָט ביז װײַס אָנגעגליט אינעם האָרן אַ שטיקל אַרומגעפּײַלט שטאָל און דערנאָך עס ביסלעכװײַז אָפּגעטוקט אין אַ דײזשע װאַסער און פֿאַרשטעקט אין זאַמד. ער האָט זיך קײנמאָל ניט פֿאָרגעשטעלט, יולי, אַז שטאָל זאָל באַם פֿאַרהאַרטעװען עס אַרױסגעבן פֿון זיך אַזױפֿיל צאַרטע קאָלירן, דאַכט זיך, מער אַפֿילע, װיפֿל עס פֿאַרמאָגט אין זיך אַ רעגנבױגן. ער איז צופֿעליק אױך בײַגעװען, בײַס לײװי האָט באַװיזן, װיאַזױ די שװאַרצע פֿאַרגרעבטע הױט באַם מעטאַל נעמט ביסלעכװײַז אַרױסלײַכטן פֿון אונטער דער פֿײַל, װי אַ לױטער װאַסערל אַנטקעגן דער זון: שטײ און שפּיגל זיך אין דעם. לײװי װײסט, װיאַזױ צוגײן צום יונגװאַרג, זײ זאָלן ליב באַקומען זײער פֿאַך, זײ זאָלן ניט זען אינעם מעטאַל אַ טױטע פֿאַרגליװערטקײַט, װי מע זעט ניט די טױטע פֿאַרגליװערטקײַט פֿונעם שטײן אין אַן אױסגעהאַקטן מאָנומענט. דרױאַנאָװ װאָלט אַ באַלן געװען בײַזײַן, װען לײװי װעט דערצײלן זײַנע שילער װעגן דער היגער הידראָסטאַנציע, װעגן דעם װוּנדער שעבעװונדער, װאָס די מענטשן האָבן בײסן בױען דאָרט אַרױסגעװיזן. יולי װײסט אָבער פֿאַרפֿריִער, אַז קײן ברײטע און טיפֿע אױספֿירן דאַרפֿן װעט לײװי ניט מאַכן. ער קלײַבט זיך פּאָשעט שװאַכלעך פֿאַנאַנדער אין געשיכטע. ס'װאָלט זיכער ניט געשאַט, ער זאָל זיך דאָס מאָל דורכרײדן מיט אים װעגן דעם, אָבער ניט איצט. זאָל דער מײַסטער אַפֿריִער אַלײן עס אַלץ דורכטראַכטן און, װי ער, דרױאַנאָװ, אָפּקלײַבן פֿונעם געהערטן די מער װיכטיקע און באַדײַטנדיקע געשעענישן, אין װעלכע ער זעט אײַן אַ קאַפּיטל געשיכטע פֿון אַ גרױסן פֿאַרנעם.

ניט אין דעם אָבער איז געװען אַרײַנגעטאָן לײװי דעמבאָ, אומקערנדיק זיך מיט יולי דרױאַנאָװן פֿון דער לאָנקע צו זיך אױף דער טורבאַזע. װײניקער פֿון אַלץ האָט אים פֿאַרנומען, װאָס עס איז גערעדט געװאָרן באַם טיש נאָך דעם, װי ער האָט אָפּגעשטעלט פֿרידען מיטן טאָץ געבעקס און זיך אױפֿגעהערט צוהערן צו קאָפּלס דערצײלן. ער האָט זיך אױך ניט איבעריקס פֿאַרטראַכט װעגן דעם פֿאַרלאָפֿענעם צװישן אים מיט פֿרידען אױף יענער זײַט װאָלגע, װאָס האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך אין אים אַ מאָדנע פּוסטקײַט. לײװין זײַנען ניט אַזױ אָנגעגאַנגען די געשעענישן פֿון דער דורכגײענדיקער נאַכט, װי דאָס, װאָס עס דער-

וואַרט אים אינעם אָנקומענדיקן טאָג. די איינציקע זאָרג זײַנע — ניט לאָזן אָפּטעמפּן אין זיך דעם ווידערגעפיל צו זײַן אמאָליקער קאַלטע און פאַרהיטן דאָס אופגעפלאַמטע פײַערל פון סינע צו איר מאַן. קאָפּל איז אים גלאַט עקלדיק. ווי מאָדנע דאָס זאָל ניט זײַן, נאָר ער פילט ניט צו קאָפּלען קיין סינע, ווי מע פילט זי ניט צו אַן אַקטיאָר, וועלכער שפּילט אויף דער בינע די ראָל פון אַ העסלעכן געשטאַלט. די סינע באַם צושויער איז ניט צום אַקטיאָר דאָך, נאָר צו דעם, וועמען ער שטעלט פאָר זיי פאָר. הײַנט האָט קאָפּל פאָרגעשטעלט דרײַען: זיך, דעם לעץ, זײַן באַלעבאָס, אײַזיקן, און דעם, וועמען אײַזיק, ווי צו זען, דינט טרײַ צו, דעם געהויבענעם גאַסט פונעם גלאָבוס. ניין, צו וויקטאָר ניקאָלײַעוויטשן, פאַר וועמען אײַזיק איז אַ מוסטער, וויאַזוי צו לעבן אויף דער וועלט, וויאַזוי צו שלאָגן זיך פאַר גליק, פילט ער ניט קיין סינע. דער דאָזיקער נעפעש איז אים פּאַשעט ניט צום האַרצן, שטאַרק ניט צום האַרצן.

וואָס טיפער ער איז מיט יולין פאַרקראָכן אין וואַלד, אַלץ שטאַרקער האָט זיך געלאָזט פילן די געדיכטע וואַרעמקײַט. זי האָט זיך אים געקלעפּט צום לײַב, אָפּגעשוואַכט. לייווי איז אַ פּאָר מאָל שטיין געבליבן און פאַרוווּנדערט דערמיט זײַן מיטגייער. דרויאַנאָוו איז ניט געוווינט געווען זען אים אַזאַ אײַנגעמידטן. אויפן לעצטן „שאַבעסניק" האָט לייווי איבערגעשלעפּט אויף זײַנע אַקסל אַזעלכע שווערע מאַסעס, אַז די אַרומיקע האָבן אופגעהערט זען אין אים אַ באַיאָרטן מענטשן.

— איר זײַט צוגעשטאַנען? — האָט יולי אים פּאָרזיכטיק געפרעגט.

— ניין, ניין, — און לייווי האָט זיך ווידער פאַרטיפט אין זײַנע שווערע פאַרפּלאָנטערטע מאַכשאָוועס.

דער וועג צו דער טורבאַזע איז אַ גלײַכער, מיט צוגעמאַכטע אויגן וועט מען זיך פון אים אויך ניט אַראָפּשלאָגן. פרידען און איר אײַזיקן איז אָט דער וואַלד מער באַקאַנט, איידער אים. וויאַזוי זשע קלערט פרידע זיך פאַרענטפערן פאַרן מאַן, אַז זי האָט דאָ פאַרבלאָנדזשעט? אים, לייווין, האָט זי אויך געראַטן זיך פאַרענטפערן דערמיט פאַרן ווײַב. זעט אויס, אַז פרידע האָט אים קיינמאָל ניט געקענט, אויב זי קלערט, אַז ער וועט אָפּנאַרן זײַן ליזען, ווי זי איר אײַזיקן. ניין, ער וועט ניט אויסבאַהאַלטן פון ליזען, אַז ער האָט דאָ הײַנט אומגעריכט באַגעגנט די, וועלכע האָט געדאַרפט ווערן זײַן ווײַב, מעגלעך, ער וועט איר ווען-ניט-איז זאָגן, אַז אָט די פרידע איז הײַנט געווען זײַן ווײַב. און זי, פרידע? זי וועט ווען-



ניט-איז זאָגן איר אײַזיקן, מיט װעמען האָט זי זיך דאָ הײַנט געטראָפן און צוליב װעמען האָט זי זיך פֿאַרהאַלטן?

א מאָדנער געדאַנק איז אים פֿלוצעם אַרויף אויפֿן זינען. צי קלײַבט זיך ניט פֿרידע אים אָפּצאָלן פֿאַר זײַן גלײַכגילט צו איר, װען זי האָט פֿאַר דער נאָענטקײַט מיט אים בלויז פֿאַר־לאַנגט, ער זאָל איר ענטפֿערן, אַז ער האָט זי אויך ליב? פֿרידע האָט אים באַשטימט די שעה, װען זײ זאָלן זיך הײַנט באַגעגענען, װיסנדיק, אַז זי װעט אין דער דאָזיקער צײַט שוין ניט זײַן הי. דאָס שפּיל אויפֿן ברעג טײַך װעט דאָך פֿון אים לאַכן. װי־אַזוי האָט ער געקאָנט װי־דעראַמאָל זיך לאָזן פֿון איר נאַרן? נאָר װאָס גײט עס אים אָן, אויב אַפֿילו ס׳איז װירקלעך אַזוי? עס ענדערט דען עפּעס? ער האָט סײַװי ניט געקליבן זיך מיט איר מער באַגעגענען. אָבער מיט איר אַנדערײען, מיט אײַזיקן, מוז ער זיך זען. כאָטש ער שטעלט זיך אַפֿילו ניט פֿאָר, װי־אַזוי װעט פֿאָרקומען זײער באַגעגעניש און װי־אַזוי װעט זי זיך פֿאַרענדיקן. זי קאָן זיך גיכער פֿאַר אַלץ ענדיקן דערמיט, אַז אים װעט נאָכדעם אויסקומען זיך צעשײדן מיט דער פּעטעו. אים װעט עס אָבער ניט אָפּשטעלן.

זײ האָבן שוין דורכגעמאַכט העכער האַלב װעג, װען יולי אַראָנאָװיטש האָט אָן קײן שום זײַטיקן מײן דערבײַ, נאָר גלאַט אַזוי, קעדײ אָפּװענדן זיך אויף א װײַלע פֿונעם קאַפּיטל געשיכטע „װעטעראַנען פֿון געס”, אין װעלכן ער איז געװען אַרײַנגעטאָן, זיך אָנגערופֿן צו דעם פֿאַרטראַכטן דעמבאָ:

— װוּ זײַט איר עס פֿונדעסטװעגן פֿאַרפֿאַלן געװאָרן? כ׳האָב אײַך אין ערגעץ ניט געקאָנט געפֿינען. פֿון װעמען און מיט װעמען האָט איר זיך עס אויסבאַהאַלטן? — און אײַנהאַלטנדיק אין זיך דעם געלעכטער: — װי קומט אַזעלכעס צו אײַך? כ׳האָב אײַך גע־האַלטן פֿאַר א טרײַען איבערגעגעבענעם מאַן. לאָזט זיך אויס, אַז איר זײַט גאָר דער זעל־בער, װי מיר אַלע.

צו לײװין איז דרויאַנאָװס שפּאַס ניט דערגאַנגען. דאָס האָט זיך געפֿילט אין דער ערנסטקײַט, מיט װעלכער לײװי האָט אים געפֿרעגט:

— איר האָט בעמעס מיך געזוכט?

— איר גלײבט ניט? — דרויאַנאָװ האָט שוין קוים אײַנגעהאַלטן דעם געלעכטער. — איז פֿרעגט בײַ װאַדימען, בײַ דעם שאָכן מײַנעם. מיר האָבן אײַך צוזאַמען אַרומגעזוכט.

דוכט זיך, אַז שפּילנדיק זיך מיט פֿרידען איבערן מיטן טײַך, האָט ער װירקלעך דערהערט אין דער װײַט אָנרופֿן זײַן נאָמען. בעמעס, פֿאַרװאָס באַהאַלט ער אויס פֿון יולין, אויב ער קלערט אים מיטנעמען מיט זיך אויף דער באַגעגעניש מיט אײַזיקן, מאַכן אים, װי מע פֿלעגט עס אָנרופֿן אמאָליקע צײַטן, פֿאַר זײַנעם א סעקונדאַנט. אַלץ קאָן זיך פֿאַר־לויפֿן אויף דער דאָזיקער באַגעגעניש. אַלץ. און ער קלײַבט זיך ניט מאַכן דערפֿון קײן סאָד. אַזאַ באַגעגעניש קאָן ניט פֿאָרקומען אונטער פֿיר אויגן. ער װעט ניט דערװידערן, אויב אײַזיק װעט מיטנעמען מיט זיך צװײען: אי זײַן צודינער קאָפּלען, אי זײַן באַלעבאָס, דעם שעף פֿונעם גלאַװק. פֿאַר אים, לײװין, איז גענוג בלויז יוליס בײַזײַן.

— איך שפּאַס, פֿאַרשטײט זיך, — האָט יולי זיך צעלאַכט, — װען כ׳האָב דערזען, אַז איר זײַט ניטאָ, האָב איך פּשוט געקלערט, אַז איר האָט זיך אומגעקערט אויף דער טור־באַזע. כ׳האָב געזען נאָך אײַך, אַז איר הערט ניט אויף צו קלערן װעגן ליזען, זי זאָל זיך ניט דערשרעקן, טאָמער כאַפּט זי זיך אויף און טרעפֿט אײַך ניט לעבן זיך. זאָגט מיר, איר דאַרפֿט דאָך עס װיסן, בײַ א טרײַען איבערגעגעבענעם מאַן איז דאָס װײַב אויך אַזאַ טרײַע און איבערגעגעבענע? איך פֿרעג עס אײַך ערנסט, אָן קײן שום שפּאַס. ערן װאָרט.

יולי אַראָנאָװיטש האָט טאַקע געגעבן אַן ערן װאָרט, דאָך האָט לײװי עס אויפֿגענומען װי א שפּאַס און זיך ניט אָפּגערופֿן. נאָר װאָס צו ענטפֿערן דערויף האָט לײװי געהאַט, באַ־זונדערס איצט. קײן אײן מאַנצבל, װאָלט ער אים געזאָגט, װעט אײַך אויף דעם ניט ענטפֿערן װי דער עמעס איז. און אויסקלאָרן עס גופֿע בײַ די פֿרויען אַלײן האָט ניט קײן זין. זײ זײַנען אין אַזעלכע פֿאַלן גרויסע שװײַגער, כאָטש זײ פֿאַרמאָגן, װי סע זאָגט זיך, נײַן מאָס רײד.

— זײַט איר, הײסט עס, די גאַנצע צײַט געװען מיט אונדז אויף דער לאָנקע? — דרויאַ־נאָװ האָט מיטאַמאָל װי פֿאַרגעסן, װעגן װאָס האָט ער אָקאָרשט געפֿרעגט לײװין, און זיך אומגעקערט צום פֿריערדיקן, צום דורך אים אַלײן איבערגעריסענעם געשפּרעך. — איך קלער, אַז איר זײַט אויך בײַ דער זעלבער מײנונג, אַז ניט אַלץ װעלן מיר איבערדערצײלן אונדזע־רע שילער. איך האָב פֿונעם אָנגעהערטן זיך דאָ הײַנט אָפּגעקליבן בלויז דאָס, װאָס עס דערהײבט דעם מענטשן. א לעפּל דזעגעכץ, װי מיר װײסן, פֿאַטערט צומאָל אװעק ניט בלויז א פּעסל האָניק. איך דענק, אַז אויף אײַך האָט אויך געמאַכט א שװערן אײַנדרוק די געשיכטע

מיטן אווקגאַנוועגענעם באַ דעם קאָלווירטישן טראַקטאָריסט די קאָלע סאַמע פאַר דער כאַסענע. כ'קאָן פּאַשעט ניט פאַרשטיין, צוליב וואָס האָט מען, און נאָך אין אַזאַ פייערלעכן יאָמטעוודיקן אָוונט, געדאַרפט וועגן דעם דערציילן? מיט וואָס האָט מען זיך אויסגעפיינט? מיטן דערנידעריקן אַ מענטשן? מיר האָט זיך געוואָלט צוגיין, אַ קלאַפּ טאָן אין טיש און אויסשרייען: „וואָס טוט איר? הערט שוין אויף? פאַרשטערט ניט דעם יאָמטעוו!” ס'האָט זיך אָבער געפונען אָן מיר, ווער עס זאָל זיך אַריינמישן. כ'פאַרגעס אַלץ, וויאַזוי מע רופט אים.

— וועמען?

— דעם פּאַרזיצער פונעם שטאָטראַט. נו אָט דעם, אין דער טעלניאַשקע. אויף וועמען, מיינט איר, איז ער אָנגעפאַלן? ניט אויף דעם, וועלכער האָט דערציילט, נאָר אויפן געהויבענעם גאַסט פונעם גלאַווק. ס'איז באַ זיי שיער ניט דערגאַנגען צו אַ קריג. איך פאַרשטיי ניט דעם העלד פון אָט דער דאָזיקער געשיכטע, דעם דירעקטאָר פונעם זאַוואָד, אַנדריי טימאָפּייעוויטשן, וואָס איז ער אויסן געווען מיטן דערלאָזן, אַז מע זאָל דערציילן אָט די געשיכטע? מע זאָל דערזען אין אים אַ העלד, ווי ס'האָט אים פאַרגעשטעלט דער שעף פון גלאַווק?

— מיסטאָמע, — אויף לייווין איז ניט געווען צו באַמערקן, אַז דאָס אַלץ האָט אַ וועלכע-ניט-איז שייכעס צו אים.

— כ'וואָלט אַ באַלן געווען זי אָנקוקן, די העלדן. זי מעג אפילו זיין די שענסטע אין דער וועלט, רופט זי באַ מיר סיידווי אַרויס אַ ווידערגעפיל צו זיך.

„איך קאָן זי אייך ווייזן, אויב איר ווילט”, — האָט לייווי געוואָלט אים זאָגן. ער האָט אָבער ניט איבערגעשלאָגן דרויאַנאָוון.

— מער פון אַלעמען איז מיר ניט געפעלן אין דער דאָזיקער געשיכטע דער געהויבענער גאַסט פונעם גלאַווק, — האָט יולי אַראָנאָוויטש פאַרגעזעצט, — איך קאָן אים פּאַשעט ניט פאַרשטיין. איר האָט דאָך געהערט, וואָס די וועטעראַנען האָבן דערציילט וועגן אים. ער איז ניט נאָר געווען דאָ איינער פון די בעסטע אינזשעניערן אויף דער בויונג. ער האָט זיך אויך אויפגעפירט פּאַשעט, ווי עס דאַרף זיך אויפירן אַ מענטש, וואָס פאַר אַ פּאָסטן ער זאָל ניט פאַרנעמען. און מיטאַמאָל, צי עפּשער ניט אינגאַנצן מיטאַמאָל, האָט מען פאַר זיך דערזען אַן אַנדער מענטשן. מיט וואָס פאַר אַ שטים ער רעדט עס! ניט ער רעדט — ער באַפוילט! איר האָט געזען, ווי עס האָט אים פאַרכידעשט, ווען דער פּאַרזיצער פונעם שטאָטראַט האָט זיך אַריינגעמישט, געוואַגט אים מאַכן אַ באַמערקונג. ער איז דערצו ניט געוווינט. כ'וואָלט וועלן פאַרשטיין, פונוואַנען נעמט זיך, וואָס אייניקע מענטשן, גוטע, פּאַשעטע, באַשיידענע מענטשן, ענדערן זיך, ווי נאָר מע מאַכט זיי אפילו פאַר שטיקלעך אָנפירער? ווער איז דערינען שולדיק? אַליין דער מענטש, צי די צייט? מיך, ווי אַ לערער פון געשיכטע, וועלכער האָט דעריקער צו טאָן מיט דער צייט, איז טשיקאַווע צו הערן, וואָס, אַשטייגער, האָט וועגן דעם צו זאָגן דער אַרבעטער-קלאַס?

— דאָס מיינט איר מיך?

— איר האַלט זיך שוין דען ניט פאַר קיין אַרבעטער-קלאַס? איך פונדעסטוועגן קלער, אַז שולדיק אין דעם איז פריִער פון אַלץ און מער פון אַלץ די צייט.

— און איך קלער, אַז פריִער פון אַלץ איז שולדיק דערינען דער מענטש אַליין, כאָטש ווען עס קומט צו עפּעס, וואַרפט דערנאָך דער זעלבער מענטש אַלץ אַרויף אויף דער צייט. איך האָב דערצו גענוג באַווייזן. אייך, ווי אַ לערער פון געשיכטע, קאָן עס צוניץ קומען.

— איז דערציילט מיר.

די קלעפּיקע וואַרעמקייט אין וואַלד האָט פאַרשווערט דעם אָטעם. לייווי האָט ביז אַראָפּ צעשפּילעט אויף זיך דאָס העמדל.

— דערציילן? — האָט ער געפרעגט, ניט זייענדיק אינגאַנצן זיכער, אַז יולי אַראָנאָוויטש וועט עס אויך אויפנעמען אַזוי, ווי ער. — נו, גוט, כ'קאָן אייך דערציילן.

אָפּגעשאַרט פון די ליפּן די לאַנגע געדיכטע וואָנצעס, האָט דעמבאָ ניט געאיילט אָנגעהויבן דערציילן וועגן צוויי פאַרלאָפענע פּאַסירונגען מיט אים: איינע — מיט אַ שיין ביסל יאָרן צוריק, ווען ער איז נאָך געווען באַ זיך אין דאָרף, די אַנדערע — ערעוו זיין כאַסענע האָבן מיט ליזען.

(סאָף קומט)

שטייט מײַן טויבנשלאק צעעפנט

מײַן ליד

אלע ניט רײַפע, ביז איצט ניט פארענדיקטע לידער,
וואָס ליגן בא מיר אפן שרײַבטיש צעוואָרפן,
האָט די זון די פעווראליער געדולדיק דערוואַרעמט,
ווי מיט ליבע און טרײַשאפט דערוואַרעמט א מוטער
אירע קליינינקע קינדער,
און איך מיטאמאָל האָב דערזען,
ווי ס׳האָבן זיך קורצינקע שורעס
צעקנאָספעט אף צווײַגן פון מײַנע ניט פארטיקע סטראָפן.
און מיט יעטווידער רעגע דערפיל איך,
ווי ס׳ווערט אפן הארצן מיר לינדער,
ווען איך זע, ווי פון קליינינקע שורעס פיקן זיך אויסעט שוין בלעטלעך,
נאָר איך ווייס ניט, אוועלכע פרוכטן
וועלן ארויסגיין פון מײַנע צעקנאָספעטע לידער,
ווען ס׳וועלן די צוויטן צעפליִען פון ווײַסע פארוויאנעטע רויזן.
כאָטש יעטווידע פרוכט איז מיר טײַער,
וואָס וועט מיט איר זאפטיקײַט קומען,
צי זײַן וועט עס רויטינקע פערשקעס, צי עפשער זיסינקע פלוימען, —
נאָר איך וואָלט גאָר אנדערע פרוכטן געוואָלט איצט,
כאָטש אָנרופן זיי איך קאָן ניט באם נאָמען.
כ׳וויל פרוכטן אזעלכע, וואָס זאָלן דערקוויקן דאָס הארץ מײַנס,
ווי אויך מײַנע ערלעכע טרוימען,
וואָס זאָלן מיט דופטיקער שטילקײַט, מיט מונטערע פריידן
זיך שפרייטן אין גאָלדענעם ווארעמען וועטער,
וואָס העלט אזוי שיין אף דעם רוסישן אָפענעם ראכוועס,
און אז יעטווידע געבוירענע ליד זאָל זײַן ווי א קרעפטיקע וועטאָ,
וואָס זי זאָל פארצוימען דעם יאָג און דעם פלאם פון ראקעטעס,
וואָס גארן פארניכטן מײַן בליִענדע נאכלע מיט נאכעס,
וואָס העלט אזוי פײַן אין מײַן הארצן,
ווי די זון אין איר הימלשן ראכוועס.

ליבע

גרויסע וואסערן זײַנען ניט מעסוגל
צו פארלעשן מײַן ליבע צו דיר.
ניט קיין שנייִיקע רעגנס,
ניט קיין אײַזיקער האָגל
קאָנען דאָס הארץ מײַנס פארקאָוועןן
אין עפעס א ווײַסן געפריר.

ניט קיין טײַכן קיין ברייטע,
ניט געוויסערן בייזע,
קאָנען ניט פֿארשווענקען מײַן ליבע מיט שוים.
ווערזווישע פֿלאמען מיט צינגער צעפֿלאמטע און הייסע
וועלן ניט קאָנען פֿארברענען פֿון ליבע מײַן טרוים.
יאָ, שווער איז צו לעבן מיט אייגענער טרייסטונג,
וואָס האַלט זיך אין הארצן מיט האָפֿענונג קוים,
נאָר זאָל זי, די בענקשאפֿט, מיט ציטערניש טרייסלען
די צווײַג פֿון מײַן ליבע, וואָס בליט ווי א בלום.

ווערט געבוירן א מעווע

ווערט געבוירן א מעווע אין יאם,
איז ווער זשע מערקט אָפּ איר געבורט?
גייט אויסעט א מעווע און שטארבט,
איז ווער זשע באהאלט זי דערנאָך?
כ׳האָב אן ענטפֿער באם יאם
צווישן פֿעלדזן געזוכט,
און האָב ניט געקאָנט אים געפֿינען.
געזען האָב איך בלויז,
ווי אַף כוואליעס גייען מעוועס ארום
און איבער דעם יאם-פֿליין, זיי הערן ניט אופֿעט צו פֿלי׳ען,
עפשער פֿראוועט דער יאם פֿאר זיי דעם געבורט,
זאמלען זיך אלע צונויף אין באגינען?
צי עפשער באגלייטן זיי פֿרײַנטלעכע מעוועס,
וואָס ווערן ווי כוואליעס אנטרינען?
ווערט א מעווע געבוירן באם יאם,
זאמלען זיך אלע צונויף אין באגינען,
שטארבט א מעווע אין יאם,
זאמלען צונויף זיך די כוואליעס צו שקי׳ע,
און צוזאמען מיט מעוועס זיי גייען באגלייטן
יעדע ווײַסינקע מעווע, וואָס קאָן שוין ניט פֿלי׳ען.

מיך געפֿינען

מיך, מײַן טײַערע, באדארפֿסטו לאנג ניט זוכן,
מיך געפֿינען קאָנסטו זייער לײַכט,
אפֿילע דורך דעם ווײַסן נעפֿלדיקן דורכזיכט,
לעם יענעם ברעג, דערזען וועסטו מיך גלײַך.
ווי א שיפֿל שטיי איך דאָרט פֿאראנקערט
לעם א קילן פֿליסנדיקן טײַך.
האָסט מיט בענקשאפֿט צופֿיל מיך פֿארוואלגערט,
און פֿון אומעט זײַנען אויגן מײַנע פֿײַכט.

פֿון ווארטן איז דאָס הארץ מײַנס שוין פֿארמאטערט,
כאָטש מיך געפֿינען קאָנסטו זייער לײַכט,
שטיי איך ווי א שיפֿל דאָ פֿאראנקערט
אוןווארט אַף דיר, זאָלסט קומען צו דעם טײַך.

צוויי טויבן

צוויי טויבן אױף דער ערד האָבן נאַרוואָס זיך צעשלאָגן
פֿאַר עטלעכע ברעקלעך צעדרויבלט ברויט,
ס'האָט איינע דער צווייטער געפּיקט מיטן שנאָבל,
די פֿעדערלעך ווײַסע געצופּט ביז דער הויט.
האָט א פרוי דורכן פֿענצטער זיי אונטערגעוואָרפן
א גאַנצע זשמעניע מיט ברעקעלעך ברויט,
האָבן די טויבן זיך עטוואָס דערשראָקן,
קיין איינע פֿון זיי איז דערפֿאַר ניט אַנטלאָפֿן
און פֿאַרגעזעצט פּיקן די ברעקעלעך ברויט.
זיי האָבן זיך מער אױף דער ערד ניט געשלאָגן,
אין דעם ניט געווען איז קיין מוז, קיין נויט,
מע איז נאָענט געשטאַנען איצט איינער לעם צווייטן,
געגעסן ביז זעט אָט די ברעקעלעך ברויט,
דערנאָכדעם געפֿלויגן מיט פֿליגלען צעשפּרייטע
צו נעסטן, צו וועלכע זיי זײַנען געוווינט.

אַזױפֿיל מאָלע־טאַמען

אַזױפֿיל מאָלע־טאַמען זײַנען פֿאַראַן אין לעבן,
זיי דויערן ניט לאַנג, נאָר אויך ניט ווייניק,
און דער טאַם פֿון ליבע, וואָס איז יעדערן געגעבן,
ער וועט זיכער ליכטן אין די הערצער אייביק.

א פּאַשע־פֿעלד

א פּאַשע־פֿעלד כ'קאָן ווערן
פֿאַר די שאָף דײַנע און רינדער
און אויך א פּאַסטעך, אויב באַדאַרפֿסט אים האָבן.
ווי ס'איז ניט שווער געווען מײַן מאַמען
ציטערן מיט ליבשאַפֿט איבער יעדן קינד באַזונדער
און אַלעמען פֿאַרהיטן פֿון אומגליקן, פֿאַרקילעכצן,
אַזוי וועל איך מיט טרײַשאַפֿט די שאָף דײַנע און רינדער
היטן און פֿאַרהיטן פֿון מעטעליצעס און ווינטן.
ניט לאָזן כ'וועל, קיין איינע זאָל פֿון סטאַדע ווײַט פֿאַרבלאָנקען
און מיט אומעטיקער מעקעניש ניט אָפּזוכן מײַן לאָנקע.

וואָלט די וויגע

וואָלט די וויגע אויגן פֿאַרמאָגט
און געזען, וואָס עס טוט זיך אַרום איר,
בין איך זיכער, זי וואָלט אַזוי זיך ניט געיאָגט
און מיט בייזקײַט ניט געריסן מײַן צוגעמאַכטע טיר.
וואָלט די וויגע אויערן פֿאַרמאָגט
וואָלט איך דעם סאָד מײַנעם פֿאַרטרויט איר
און שטילערהייט געזאָגט:
טשעפּע ניט מײַן טיר,

כ'האָב אומיסטן זי אצינדער ניט פאַרקייטלט,
ווײַל קומען דאַרף מײַן ליבע באַלד צו מיר.
אויך א וויגע דאַרף זײַן איידל
און שטענדיק זען, וואָס טוט זיך אַרום איר.

* * *

ציִנד איך אָן א ליכטל בא א ליכט א צווייטער,
ווערט איר פײַער ניט פאַרמינערט,
ווערט איר פלאַם דאָך ניט פאַרקלענערט,
ווי ניט פאַרמינערט ווערט מײַן טרײַשאַפט,
וואָס מײַן האַרץ גיט אָפּעט ערלעך
פאַר די פרײַנט מײַנע טאָגטעגלעך.
גיב איך ליבשאַפט אָפּ מײַן טרײַער,
קומט מיר צו נאָך מערער פײַער.
מערער טרײַהײַט פלאַמט אין האַרצן,
קאָן איך לאַנג איר מילדקײַט האַלטן,
ווײַל ס'האָט מײַן ליבשאַפט זיך פאַרברייטערט,
ווײַל ס'האָט מײַן גוטסקײַט זיך פאַרגרעסערט.
נעם איך פײַער בא א ליכט א צווייטער,
ווערט איר פײַער אָף קיין האָר ניט קלענער,
עס ווערט די ליכטיקײַט בלויז העל צעשפּרייטער,
ס'זעט מײַן טרײַהײַט אויס נאָך צאַרטער,
טויזנט מאָל נאָך שענער.

* * *

געהאַט האָב איך א טויבנשלאַק אַזאַ שיינעם, אויסגעפאַרבטן,
נאָר שענער פון זײַן שיינקײַט געווען זײַנען די טויבן,
אַזעלכע ווײַסינקע, טשובאַטינקע, ברוינינקע און ראַבינקע,
וואָס פלעגן אין קאַיאָרן און אָפטמאָל אין פאַרנאַכטן
אַרײַנקוקן צו מיר דורך דעם דורכזיכט פון די שויבן
מיט וואָרקעניש מיט הײמלעכער, מיט שאָלעמדיקע אויגן.
ס'האָט עמעצער א פײַף געטאָן, זיי זײַנען זיך צעפלויגן,
זוך איך זיי אין הימל און איך קאָן זיי ניט געפינען,
וואַרט איך, ס'זאָל די האַלבנאַכט וואָס גיכער שוין אַנטרונען,
ווײַל טויבן אין דער פינצטער קאָנען דאָך ניט פליִען.
שטייט מײַן טויבנשלאַק צעעפנט און וואַרט, עס זאָל שאַריִען,
קעדיי אויפנעמען די טויבן, וואָס וועלן קומען דאַן צו פליִען
און ברענגען אָף די פליגל דעם גאַנײַדן פון באַגינען.

פון אונדזער קלאַסיק

יויסעף אָפּאַטאָשו

אַף יענער זײַט בריק

אַ בלויער פרימאָרגן. שימשען כאַפּט זיך אוף, רײַבט די אויגן, וואַרפט אַ קוק צום פענצ-טער, וואָס גייט אַף דער לאַנקע:

— גרויסער טאָג. נו, מע וועט זיך אופהייבן!

ער שפּרינגט אַרויס פון בעט, קנאַקט אויס די פינגער, גענעצט געשמאַק אָפּ און באַ-טראַכט די שטײַגעלעך מיט פייגל, וואָס הענגען באַם פּולאָפּ. ער וואַרפט אויך אַ בליק צום קינד, וואָס שלאָפט באַ דער קיך אין אַ מולטער, זאָגט אָפּ „אַ שוואַרץ יאָר" גלאַט אין דער וועלט אַרײַן, שפּײַט אויס און פאַרייכערט אַ פּאַפּיראָס.

אַ באָרוועסער און גאַטקעס שפּאַצירט זיך שימשען דורך עטלעכע מאָל איבערן צימער, ביז ער נעמט זיך אײַנוואַשן. מיטן האַנטעך אַפן אַקסל, מיט נאַסע צעשויבערטע קודלעס גייט שימשען צו צום ווײַבס בעט און שרײַט איר אין אויער אַרײַן:

— ביילע! גענוג געכראָפּעט! שטיי אוף און מאַך עפּעס אין מויל אַרײַן!

ביילע טוט פון שרעק אַ שטאַרקן שיפּ, זעצט זיך אוף, גלאָצט אויס אַ פּאָר פאַראָפּעטע אויגן, דערזעט, ווי שימשען שטייט און לאַכט, האַלט זיך פאַר די זײַטן פון לאַכן, טוט זי אַ שפּײַ:

— טפו, מײַנע וויסטע כאַלוימעס צו דײַן קאָפּ!

דאָס קינד אין דער מולטער קומט אוף און צעוויינט זיך. עס ווערט אַף אַ ווײַלע אָנ-שוויגן, הייבט ווידער אָן, פאַרנעמט זיך העכער און העכער.

ביילע מיט שימשענען הייבן מיטאַמאָל אָן רופן:

— וועלוול! וועלוול! גיי וויג צו דאָס קינד!

ס'הערט זיך אַ בורטשען פון פּיעקעליק:

— אַזאַ „בענקאַץ"! אַפילע שלאָפן לאָזט ער נישט!

וועלוול, אַ יינגל פון אַ יאָר נײַן-צען, מיט אַ פּאָר שוואַרצע, פינקלדיקע אייגעלעך, אין אַ קורץ העמדל ביז צום פּופּיק, קריכט אַרונטער. ער שאָקלט די מולטער און וואָרטשעט צו:

— שאַ-אַ. שאַ-אַ-אַ-אַאַי...

דאָס קינד וויינט אָפּצולאָכעס נאָך העכער. וועלוול גיט עס אַ קניפּ און זעצט זיך אַוועק.

— מאַמזער, וויג! — שרײַט ביילע, כאַפּט אַ שוך און וואַרפט וועלוולען אין קאָפּ אַרײַן. וועלוול צעוויינט זיך.

דאָס געשריי ווערט גרעסער און גרעסער.

רוזשקע, אַ מאַטע ברונעטקע מיט אַ פּאָר לאַנגע רייפן-אויריינגלעך אין די אויערן, כאַפּט זיך אוף, זעצט זיך אַוועק אַף אַ שלאָף-באַנק און הייבט אָן סטראַשען ביילען, אַז אויב זי וועט נישט אופהערן צו מאַכן אַלע פרימאָרגן אַזעלכע כאַסענעס, וועט זי זיך זוכן אַן אַנ-דער ווױנונג.

— בין איך ווײַטער בעדאַלעס! — זאָגט ביילע און קריכט ארויס פון בעט.

די שווארצע קאץ, וואָס ליגט אף דער קיך אײַנגעוויקלט, ווי א בייגל, און דרעמלט, כאפט זיך אוף, שפרינגט ארונטער, שטעלט אוף א הויקערדיקן רוקן, גלאָצט אויס א פּאָר פינקלדיקע אויגן און נעמט זיך ציִען.

וועלוול פארגעסט זיך אינעם וויינען, גאנוועט זיך גיך אונטער און גיט דער קאץ א שטארקן צופ פארן עק. די קאץ גיט זיך א ריס, פאנגט אָן פּריסקען און דער הויקערדיקער רוקן נעמט קאָנוווּלסיש זיך צאפּלען.

אלע שיסן אויס מיט א געלעכטער.

ביילעווארפט אף זיך ארוף א האלב קליידל און גרייט צום טיש. שימשען טוט זיך אָן א פּאָר טריקאָטענע הויזן, א טרי־קאָטן העמדל, געשניטן דעקאָלטע אָן ארבל און באפּוצט מיט זילבערנע און גאָלדענע בלעכלעך. ער פארדרייט ווילעריש זײַנע וואָנצעס און זינגט בעשאסמײַסע א ניגן.

רוזשקע גייט צום שפּיגל. די שווארצע האָר באדעקן אירע בלאסלעכע באקן. זי באנעצט די האָר מיט אָדעקאָלאָן, פּודערט זיך. צינדט אָן א שוועבעלע און מיט דעם סאזשע־קעפּל מאכט זי האלבע רינגען אונטער די אויגן. זי טוט זיך אָן שימשענס היטל מיט די גלעקלעך, נעמט די קורצע האלקע אין דער האנט און לאָזט זיך א באַרוועסע איבערן צימער מיט א פּאדעספּאַן.

גיט שימשען א ווונק צו וועלוולען, שפּרינגט וועלוול צו צו דער קאטערינקע, נעמט שפּילן א וואלס.

כאפּט שימשען ארום רוזשקען פאר דער טאליע און זייערע פיס באוועגן זיך לײַכט אינדערלופטן.

ביילע, טראָגנדיק א גרויסע ערדענע שיסל מיט שטשאוו, שטעלט זיך אָפּ, מאכט מיט די אקסלען צום טאקט, קוועלט פון איר שימשענען.

אין א ווײַלע ארום זיצן שוין אלע באם טיש און שלינגען געשמאק דעם שטשאוו.

נאָכן עסן נעמט שימשען די קאטערינקע אף די פּלייצעס, אין דער האנט האלט ער א שטײַגל מיט יאם־כאזיירימלעך. וועלוול טראָגט אים נאָך אן אלטן דיוואן, א צימבעלע און א קעסטל מיט פּאָקוס־קיילים. אזוי גייען זיי איבער דער שטאָט. שימשען שטעלט אוועק די קאטערינקע, שפּרייט אויס דעם דיוואן און גיט א ווונק צו וועלוולען. די קאטערינקע שפּילט:

— מאלגאָזשא־אטא, מאלגאָ־אָזשאטא...

שימשען אקאָמפּאנירט אפן צימבעלע, און דער עולם העלפט אונטער. די קאטערינקע ווערט אנשוויגן. שימשען פארלייגט זײַנע נאקעטע הענט אף זײַן בוילעטער ברוסט און מײַסע ארטיסט באטראכט ער דעם עולם. געלאסן ציט ער זיך אויס אפן דיוואן מיטן פּאָנעם צום הימל, פּאמעלעך נעמט זיך זײַן ברוסט הייבן, זיך ציִען. זי וואקסט אלץ העכער און העכער. דאָס פּאָנעם ווערט רויטער, און די אויגן, ווי פארגליווערט, גיבן זיך קיין ריר נישט. אָט זעט שימשען אויס ווי א פּאראבאָלע און אָט ווי א האלבער קרײַז.

כעוורע עפּענען די מײַלער און שטופּן זיך אלץ נעענטער און נעענטער.

וועלוול, אין א פּאָר קורצע טריקאָטענע הייזלעך, א פּאָר לעטשלעך, אין א שווארץ־סאמעטענעם פּאסיק ביז איבער דעם בײַכל, כאפּט זיך פלינק ארוף אף שימשענס ברוסט און שטעלט זיך אפן קאָפּ. ביסלעכווײַז ציט שימשען אויס זײַנע פיס, זײַן ברוסט זינקט פּאמעלעך. אָט ליגט ער, ווי פריִער, מיטן פּאָנעם צום הימל. ער נעמט וועלוולען פאר די הענטלעך, גיט אים א שלײַדער. וועלוול מאכט א קאָזשעלעק אינדערלופטן און בלײַבט שטיין ווי קיינמאָל גאָרנישט.

— וויוואט! בראוואָ! — שרײַט דער עולם.

שימשען גיט אַ וואָרף זײַן קערפּער, ווי אַ פיש אַפן ברעג, און בלײַבט שטיין אַפן דיוואַן. ער גייט זיך עטלעכע מאָל דורך און זײַן עלאַסטישער קערפּער צייכנט אויס קרײַזן הין און צוריק אינדערלופטן.

אָט ליגט ער ווי אַ בייגל, די פיס אַרום האַלדז. וועלוול שטעלט זיך אַרוף אַף שימשענס פּאָדעשוועס. מיט אימפּעט גיט שימשען אַ צי אויס זײַנע פיס. וועלוול דרייט זיך אינדערלופטן און בלײַבט שטיין.

דער אוילעם גאַפט.

וועלוול נעמט שפּילן אַף דער קאַטערינקע און קוקט, צי מע וואַרפט נישט עפּעס אײַנגעוויקלט אין אַ פּאַפּירל פון די הויכע פענצטער אַראָפּ.

שימשען נעמט דערווײַל אַרויס פון קעסטל עטלעכע שפּיציק־בלאַנקנדע מעסערס מיט שוואַרצע הענטלעך און נעמט זיי וואַרפן אינדערלופטן.

מיט אַן אומגעהייערער שנעלקײַט הייבן זיך די מעסערס, פליִען העכער, יאָגן זיך. די בלישטשענדע שאַרפן שנײַדן דורך די לופט, בלענדן די אויגן און, ס׳דאַכט זיך, אַז אָט שטעכן זיי דורך שימשענס האַנט.

אָט נעמט שימשען אַרויס אַ בליצלאָמפּ מיט אַן אַבאַזשור, צינדט זי אָן, שטעלט זי אַף אַ שטעקן און גיט אַ שלײַדער. די לאָמפּ דרייט זיך, דרייט זיך און פאַלט צוריק אַפן שטעקן. ער נעמט אַרויס בײַנדלעך, באַנעצט זיי, צינדט זיי אָן. די בײַנדלעך פלאַקערן און שימשען שלינגט זיי ווי לאָקשן.

— וויוואַט! בראַוואָ! — פּאַטשט דער אוילעם.

— מאַלגאָזשאַ־אַטאַ, מאַלגאַ־אָזשאַטאַ... — שפּילט די קאַטערינקע.

וועלוול נעמט דאָס צימבעלע און פאַרשיידענע מאַטבייעס שיטן זיך אַרײַן.

אַרום האַלבן טאָג גייען זיי אַרײַן אין אַ קעלער־שענק עסן מיטיק.

דער באַלעבאָס פון שענק, אַ דיקער ייִד מיט אַרומגעשוירענע האָר, ווי באַ אַ קאַצאַפּ, מיט אַ פּאָר קעלבערנע אויגן, איז שימשענס אַ כאַווער, זיי קענען זיך נאָך פון דער אַלטער טורמע.

די שענק שמעקט מיט קרויט, אָנגעברענטס און ווילגאָטש. קימאַט אַלע געסט, וואָס זיצן אין שענק, טראָגן לאַקירטע שטיוול און היטלען מיט לאַקירטע דאַשיקעס. טייל פון זיי שפּילן אין קאָרטן, טייל — אין דאָמינאָ, און טייל — אין ווערפל.

שימשען גייט זיך געלאַסן דורך די שענק, וואַרפט רעכטס און לינקס מיט ווערטלעך. כעוורע קײַקלען זיך פון געלעכטער.

באַ עטלעכע טישלעך כאַפּט ער אַרײַן צו קופל ביר און גייט אַרײַן מיט וועלוולען אין אַ צווייטן כיידער עסן.

אינמיטן עסן קומט אַרײַן די „מומע גאָלדע”, דערלאַנגט שימשענען אַ קליין, דיק הענטל און זעצט זיך אַוועק.

וועלוול האָט מוירע זי אָנצוקוקן — אירע קליינע כאַזערישע אייגעלעך קוקן קוים אַרויס פון די געשטופּלטע באַקן. זי נעמט אים אַף דער שויס, קושט אים, גיט אים קיכלעך און זאָגט אים, אַז זי איז זײַנס אַ מומע.

נאָכן עסן גייט שימשען מיט גאָלדען אין אַ צווייטן צימער אַרײַן און הייסט וועלוולען אַכטונג געבן אַף די שטײַגעלעך.

אין אַ פערטל שאָ אַרום קומט שימשען אַרײַן אָן גאָלדען. ער איז בייז, נעמט די קאַטערינקע אַף די פּלייצעס, טוט אַ מאַך צו וועלוולען מיט דער האַנט און גייט אַרויס. אַפן וועג זאָגט ער אָן וועלוולען, ער זאָל גאָרנישט אין דער היים דערציילן.

— די מאַמע ווייסט, ווו מיר עסן מיטיק, — זאָגט וועלוול.

— בעהיימע! נישט דאָס! מיט איין וואָרט — רעד נישט! — צעבייזערט זיך שימשען, לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ און שלעפּט זיך אַ מידער איבער דער שטאָט.

* * *

שאַבעס נאָך מיטיק.

אין שטוב איז שטיל, נאָר דורך דעם אָפענעם פענצטער לויפט דורך מיט ראַש אַ זאַמדיקער ווינט, טראָגנדיק אינדערלופטן עטלעכע צענדליק אָפּגעריסענע בלעטער, און ווערט פאַרלוירן מיט אַ קרעכץ ווײַט, ערגעץ דאָרט אין פרײַען פעלד.

דרויסן ערגעץ צעקרייט זיך אַ האָן גלאַט אין דער וועלט אַרײַן און ווערט אַנשוויגן.

אפן בעט צופוסנס, אַנגעשפּארט מיט דעם קאָפּ אָף דער האנט, זיצט ביילע און קוקט זיך איַין, ווי איר שימשען כראָפּעט. זי באמערקט, ווי שימשען שמייכלט אין שלאָף.

— דאָס כאַלעמט זיך אים אוואדע די „מומע גאָלדע", — קלערט ביילע און זיפצט אָפּ.

זי האָט גרויס כיישעק זיך אריַינצוּווארפן אין בעט, האלדזן שימשענען, אים שטארק קושן.

דאָס קינד אין דער מולטער קומט אוף און צעוויינט זיך.

ביילע עפנט די טיר, רופט אריַין וועלוולען, וועלכער שפּילט מיט די כאווירים אין קנעפּ. וועלוול קומט אריַין א צעהיצטער, טופעט פון קאס מיט די באָרוועסע פאָדעשוועס, קריצט מיט די ציין, לויפט צום קינד און ווארפט מיט קאס די מולטער. דאָס קינד פאלט ארויס און פארקיַיכט זיך.

ביילע כאפּט א האָלץ און נעמט וועלוולען שלאָגן.

ווי אָן אָפּגעבריטער שפּרינגט שימשען אראָפּ פון בעט, כאפּט ביילען פאר די האָר און נעמט זי שטיקן.

וועלוול באהאלט זיך דערוויַיל אין א ווינקל, קוקט, ווי די מאמע ליגט בא דעם טאטנס פיס ווי א געקוילעטע הון, אמפּערט זיך.

— נא, נא, — טראכט וועלוול, — שפּיר א טאם פון שלאָגן! ווייס, אז מיר טוט אויך וויי!

שימשען קריצט מיט די ציין און שריַיט:

— נעווײלע!.. כ'וועל דיר די ביינער ברעכן, אויב דו וועסט אים נאָך איין מאָל אָנרירן! געדענק, אלטע מעכאשייפע!.. געדענק!..

— שלאָג! — סאָפּעט ביילע און גלאָצט אויס א פּאָר אויגן. — כ'ווייס, דו ווילסט מיך פּאטערן! נישט דערלעבן וועסטו עס, דו, כאָליערע איינער! דו ווילסט א מויד!.. כ'וועל היַינט די „מומע גאָלדע" מיט א קאָפּ קירצער מאכן!

שימשען ענטפערט נישט, גיט איר א קאָפּע און גייט ארויס פון שטוב.

וועלוול מיינט, אז איצט איז זיַין טויט. די אויגן פארמאכט ער אוןווארט, אז די מאמע זאָל זיך א וואָרף טאָן אָף אים און אים אויסריַיסן מיט אירע לאנגע, דארע פינגער שטיקער פליישׁ.

ביילע הייבט זיך אוף, ווישט אָפּ די טרערן, טוט אויס וועלוולען ביז צום העמד און פארשליסט די קליידער אין קאָמאָד. זי איז אים מעכאבעד מיט עטלעכע קלעפּ, זאָגט אָן וויגן דאָס קינד און גייט ארויס.

וועלוול גייט זיך דורך איבער דער שטוב, זיפצט אָפּ און שטעלט זיך באם פענצטער.

פון דער לאָנקע הערן זיך לאנגזאמע טענער פון א „פויארקע". וועלוול דערמאָנט זיך, ווי ער וואנדלט ארום מיטן טאטן אָף דער פריַי. ער שפּירט אין די טענער א בענקעניש, פארלייגט זיַינע הענטלעך אָף דער ברוסט און מיט א דין קעלעכל הייבט ער אָן צו זינגען:

— פּאָטשעמו-ו מעניא מא-אט ראָדי-ילא...

ביילע איז ארויס פון שטוב א פארוויינטע. מיט פארמאכטע פויסטן לויפט זי, און אין מויעך פּלאָנטערט זיך איר די „מומע גאָלדע".

— אַלץ דאָס גראָבע כאזער, אַלץ זי, — טראכט ביילע. — זי מאכט מיר אזא פינצטער מאזל בא שימשענען! כ'וועל איר אויסדראפּען די אויגן! כ'וועל איר וויַיזן, וויאזוי מע רעדט אָפּ א מאַן!

אָף דער צווייטער זיַיט טיַיך, ווו ס'וואסער איז פלאך, שטייען יונגע שיקסעס ביז איבער די קני אין וואסער און קלאָפּן מיט „קיַיענקעס" וועש. זיי קלאָפּן און לאכן הילכיק צו די פּארובקעס, וואָס פּאשען פערד אָף דער לאָנקע.

אָט פארגאנוועט זיך א יונגער „פּארובאָק" אין א פּאָר ברייטע ציַיגענע הויזן מיט א רויטן שפּאנצער און כאפּט אָן א שיקסע פאר א פוס.

די מיידלעך נעמען פּליאסקען, קוויטשען, זיַינען מעכאבעד דעם באָכער מיט נאסע שטיקער וועש.

די פּארובקעס פּלאַצן פון געלעכטער.

ביילע שטעלט זיך אָפּ.

זי באטראכט די רויטע מיידלעך מיט די באָרוועסע גראָבע פיס, מיט די פלאקסענע צעפּ, מיט די רויט-געשטרייפטע „בארכאנקעס" און זי דערמאָנט זיך:

זי איז א מיידל. אין א שווארצער סאמעטענער בלוזקע מיט וויַיסע אייגעלעך, א שווארץ סאמעטל אפן האלדז, די האָר געקעמט „סעצעסיע" — זיצט זי און האלט שימשענס קאָפּ אָף

איר שויס. אירע לענגלעכע, מיט עטוואָס אויסגעבויגענע שפּיצן פינגער באָדן זיך אין שימ־שענס לאָקן און זי דערציילט... זי דערציילט אַזוי שטיל וועגן דעם „שוואַרצן יונגנמאַנטשיק“, וואָס זי האָט נאַרוואָס געלעזן...

שימשען לאָזט קיין אויג נישט אַראָפּ פון איר, און ביילע דערציילט אַזוי זיס, אַזוי מעכײַעדיק...

פלוצעם דערפילט ביילע אַ הייסע טרער אַף איר האַנט. זי גיט אַ ציטער, גראָבט טיפער אירע פינגער אין זײַנע האָר, און איר דאַכט זיך, אַז דאָס זיצט זי אַ קליין מיידעלע בײַ איר מאַמען אַף אַ בענקעלע...

...זי באַהאַלט דאָס קעפּל אין דער מאַמעס שויס... און די מאַמע דערציילט וועגן אַ ציגײַנערן, וואָס וווינט איינזאַם אין אַ שטיבל, אַף הויכע סקאַלעס, צווישן געדיכטע, באַוואַק־סענע סאָסנעס... און די ציגײַנערן פאַרקישעפט די גאַנצע געגנט אַרום... און די ציגײַנערן פאַרנאַרט צו זיך צווישן די מעכטיקע סקאַלעס אַלע מיידלעך, וואָס פאָלגן נישט זייערע מאַמעס...

שימשען טוליעט זיך צו ביילעס ברוסט, נעמט זי פעסט אַרום און שעפּטשעט:

— ביילקע קרוין, זאָג מיר, כ'בעט דיך, בין איך נאָר איינער בא דיר? ביסטו מיר געטרײַ? זאָג!

און אַלץ שטאַרקער, שטאַרקער קלאַמערט ער זי אַרום.

— ביילעשי, — זאָגט שימשען ווידער, — דו וועסט נישט בלײַבן אַ קאָרטן־לייגערן. ניין! מיר וועלן באַלד נאָך דער כאַסענע אַוועק נאָך וואַרשע. כ'וועל אַרײַן אין אַ צירק, און דו וועסט ווערן אַ מאַדאַם... מײַן מאַדאַם!..

אָט ציט זיך שימשען אויס אַף דער שלאָף־באַנק. ביילע קריכט אַרויף אַף אים, שפּילט זיך, ווי אַ קינד פאַרטאָג מיט זײַן פּאָטער. דאָ רײַט זי אַף אים, און דאָ בײַסט זי לײַדנשאַפט־לעך זײַן אונטערשטע ליפּ; דאָ לאָזט זי אַרײַן אירע פויסטלעך אין זײַנע קודלעס, רײַבט אירע פּוכאָווע באַקן אָן זײַנע עטוואָס שטעכעדיק־באַוואַקסענע... און וואָס טוט זי נישט?!

. . . .

— טראַ־טראַ־טראַאאאַ! — צעטראָמביעט זיך דער „פּאָטשטאַרזש“, אַרײַנפאָרנדיק אין שטאָט און וועקט ביילען אויף פון איר כאַלעם. דערשטוינט קוקט זי זיך אַרום, זעט נישט קיינעם, זעצט זי זיך אַוועק באַם ברעג טײַך און פאַרטראַכט זיך.

— שוין זעקס כאַדאָשים, — זיפצט ביילע, — ווי שימשען ווײַכט מיך אויס. די לעצטע צײַט האָט ער מיך גאָר גענומען שלאָגן!.. אַלץ די „מומע גאָלדע“, אַלץ זי...

— און עפּשער רוזשקע?! — בלײַבט זי שטיין אַ ווײַלע און צעוויינט זיך.

אַ ווינטל צעוויגט זיך. לײַכטע וואַלן קלאַפּן, שווענקען אָפּ דעם ברעג. דער טײַך זשומעט.

טרערן, גרויסע ווי אַרבעס, קאַטשען זיך אַראָפּ פון ביילעס באַקן, קאַטשען זיך און פאַלן אין וואַסער אַרײַן...

אויפגערעגט גייט שימשען אַרויס פון שענק.

ער צעשפּרייט די פיס, שטעקט אַרײַן די הענט אין די הויזן־קעשענעס, קוקט זיך אַרום, גלײַך ער וואָלט געקלערט, וווּהין צו גיין. די שענק מיט די כאַווײרים זײַנען אים איצט ני־מעס, ס'ווילט זיך אים זײַן אַליין, גאַנץ אַליין ערגעץ ווײַט און רויִק טראַכטן. מיט פעסטע טריט שפּאַנט שימשען אין דער „בזשעזשינקע“, וואָס געפינט זיך הינטער דער שטאָט.

דאָס וועלדל שמעקט מיט זומפּן און פריש געשניטן היי. די בזשעזשינע־ביימער זײַנען פונונטן ווי צונויפגעוואַקסן אין איין גרויסן, אומענדלעכן, ברייטביייניקן בוים. די נאַכט, ווי אַ קישעפמאַכערן, לאָזט זיך פאַמעלעך אַראָפּ איבערן וועלדל, שטעלט איבער ביימער, קוסטן, פלעכט בא יונגע בעריאָזקעס די לאַנגע צעפּ, אַז ס'ווערט אַזש אומהיימלעך.

פון צווייטן זײַט וועלדל הערן זיך אומעטיקע טענער פון קלויסטער־גלאָק.

שימשען זעצט זיך אונטער אַ בוים, שפּײַט אויס און פאַרציט אַ ציגאַר, ער זיצט און קלערט, וויאַזוי פּאָטער צו ווערן פון ביילען, זי איז אים שוין דערעסן.

— נישט דאָס, וואָס אַמאָל! — זיפצט שימשען און לאָזט אַרויס דינע שלענגלעך רויך.

— אַפילו די „מומע גאָלדע“, דאַכט זיך, אַ שלימע, האַ? אָבער אַלץ נישט רוזשקע! נישט דאָס!

ס'האַרץ ציט אים צו רוזשקען.

אָט זעט ער זי אין איר לאַנגער, טערקישער גאַבערדינע מיט האַלבע, ברייטע אַרבל. די האָר צעשאָטן, די לאַנגע רייפן־אויערינגלעך וואַקלען זיך אין די אויערן. רוזשקע זעצט זיך

אוועק, מאכט אריַין די גאבערעלע צווישן די פּ'ס, און אירע שווארצע, שעלמישע אויגן לאָזן נישט רוען, ברענען...

שימשען שמייכלט.

א פארשיקערנדע קראפט הייבט אָן וואקסן אין אים, צעגיסט זיך מיט א שנעלקייט איבער זיַין גאנצן קערפּער, פּילט אָן יעדן שפּאלט, יעדן נערוו... ער קאַרטשעט זיך איַין אונטערן בוים ווי א פּאנטערע, און גיט א בריל...

— א מויד א ברען!

שימשען ערינערט זיך:

ער גייט מיט רוזשקען כאפּן פיש. זיי זיצן ביז שטאָקנדיקער נאכט, הונגערן זיך גוט אויס און מער ווי עטלעכע פלאַטקעס כאפּן זיי נישט. מידע, גייען זיי אהיים. אפן וועג פארגלוסט זיך רוזשקען געבראַטענע קארטאָפל.

שימשען גראָבט אויס יונגע, פרישע קארטאָפל, נעמט אראָפּ א ביסל היי פון סטאָג, רײַסט אָן קאָרע פון די ביימער און א פייַערל צעפלאַקערט זיך אינמיטן דער לאָנקע.

זיי שלינגען מיט אפּעטיט די קרוכע קארטאָפל.

שימשען ציט זיך אויס נעבן פייַער אפן בויך, שפּארט אונטער דעם קאָפּ מיט זיַינע צוויי הענט און פארטראכט זיך. שטיל. ערגעץ דאָרט וויַיט-וויַיט קוואקען זשאבעס.

מיט א ווילדער האנאָע באטראכט ער די פלאמען-צינגלעך, וואָס הייבן זיך פון פייַער. און ס'דאכט זיך, אז די פלאמען-צינגלעך בייגן זיך אלץ נעענטער און נעענטער צו שימשענען, שפּילן זיך מיט אים: בייגן זיך צו און שפּרינגען אָפּ.

שטיל. יעדע רעגע ווי א זיגזאג שניַידט דורך א בליץ.

רוזשקע זעצט זיך נעבן שימשענען אף די קני, לאָזט פאנאנדער אירע שווארצע פלעכטן, צעשפּרייט איר קלייד, ווי א קוואָקע די פליגל, נעמט ארויס פון בוזעם א פעשל קאָרטן, טאשט עס און צעלייגט עס אף שימשענס פלייצעס.

זי ציט ארויס א קאָרט:

— מאלקע אייכל.

— א ברונעטקע מיט אויגן, ווי די נאכט, ווארט אף דיר ערגעץ גאנץ וויַיט, וויַיט... זי בענקט. שלעכטע מענטשן לאָזן זי נישט צו דיר... זי וועט אויסשטיין פיל צאָרעס, אָבער צום סאָף וועט זי דיך קריגן, שימשען!..

— פונקט ביילקע, אזוי פלעגט זי אמאָל רעדן, „וורוזשען"... אירע אויגן! א העליש פייַער! — קלערט שימשען און פילט, ווי עפּעס פלאָנטערט זיך בא אים אין מויער, שפּרינגט אָן סיידער.

רוזשקע הייבט אוף א קאָרט:

— אויבער שעל.

...א פרינץ מיט בלאָנדע לאָקן איז שטערבלעך פארליבט אין דער ברונעטקע. ער פאנגט זי, פארשליסט זי אין זיַין קישעף-פּאלאץ. די ברונעטקע אנטלויפט פון זיַין שלאָס און קומט צו דיר, שימשען!..

רוזשקע ווערט שטיל. די באקן רויטלען זיך. א זאנפטיק ווינטל טראָגט זיך לייַכט איבער דער לאָנקע, דאָס פייַערל דערברענט זיך.

אָט זעט שימשען, ווי א פּאָר לאנגע הענט אָן געשטאלט שטרעקן זיך אויס... די הענט ציִען, רופן אין שלאָס אריַין, וווּ די געפאנגענע ברונעטקע ליגט.

שימשען כאפּט ארום רוזשקען, קושט זי, שטופּט אריַין זיַין קאָפּ אין איר שויס.

רוזשקע האלדזט אים און שעפּטשעט:

— שימשען, אָט דאָ אריַין קוש! — און וויַיזט אף איר בראָנזענעם האלדז.

שימשען נורעט אריַין זיַין קאָפּ אין איר האלדז, שפּיליעט בעשאסמייַסע אוף איר בלוזקע, העקלט אף איר קלייד.

— וואָס טוסטו? — שעפּטשעט רוזשקע און דריקט זיך אלץ פעסטער צו שימשענען.

שימשען ענטפערט נישט, נעמט זי אף דער האנט און ווארפט זיך מיט איר נעבן פייַער...

פון דעמלט אָן בענקט ער אלץ מער און מער נאָך רוזשקען.

שימשען דרייט זיך איבער אף דער צווייטער זייַט, לאָזט ארויס א פּאָר קנוילן רויך און פארטראכט זיך:

זיַין כאוור, שלוימע „קראדניק", האָט אים, קומענדיק פון ווארשע, דערציילט, אז מיט אזא מיידל ווי רוזשקע, קאָן מען אין ווארשע מאכן א בעקאוועדיק לעבן. עס האָט פיל נישט געפעלט, שימשען זאָל פאר אזא אייצע אריַינפאָרן „קראדניקן" אין פיסק אריַין.

— וואָס מיינסטו עפּעס, קאַלבאַסניק, — האָט שימשען אַרויסגעזאָגט בייז, — רוזשקע איז פון יענע?! ניין! רוזשקע איז מײַנע!

מיטאַמאָל פאַרגעסט זיך שימשען, און אים דאַכט זיך, אַז ער איז אַן אַלפאָנס.

ער שפּאַצירט זיך איבער „טאָוואַראָווע" אין אַ פּאָר ברייטע העלע הויזן מיט קעסטעלעך, אין אַ ווײַסער פּיקענער וועסט, אַ גאָלדענעם זייגער מיט אַ קייט, אויף די פינגער בריליאַנטן. ער שפּאַצירט און קוקט ווי „יאָלדן" פּאַקן זיך צו אים. די „מומע גאָלדע" זיצט בײַ דער טיר און נעמט צו די פּאָר גראָשן.

אויף יאָמטעוו קומט שימשען אַהיים צו זיך אין שטעטל. אַן אויסגעפּוצטער, גייט ער זיך צו דער „האַשקאָמע", קויפט מאַפּטער, איז מענאַדער אַ שיינע נעדאָווע. נאָכן דאַווענען פאַרבעט ער זײַנע כאַווײרים אין שענק אַרײַן, מע עסט, מע טרינקט און שימשען דערציילט, ווי ס'לעבט זיך אין וואַרשע, די בערייעשקייט פון וואַרשעווער גאַנאָווים. כעווריע זיצן מיט דערעכערעץ און שלינגען זײַנע ווערטער...

טריט. אַ הויכער יונג אין אַ פּאָר לאַקירטע שטיוול מיט אַ פּאָר געפּאַסטע הויזן גייט פאַרבײַ. ער רוקט זײַן קליין היטל „נאַ־באַקער", מע זאָל בעסער אַרויסזען זײַן קאָזאַצקע פּייע.

דאָס איז „יאַן". אַ שייגעץ, וואָס רעדט אויך האַלב־ייִדיש. ער איז טאָמיד אין דער „בזשעזשינקע", כאַפּט קאַנאַריקעס און לערנט זיי אַרויסציִען בילעטן. זײַן צעשויבערטע פּייע מיט די שטיקלעך שטרוי ווײַזן, אַז ער איז נאָרוואָס פון שלאָף אויפגעשטאַנען.

— היי, דו גוי, וווהין שלעפּסטו זיך? — שרײַט שימשען.

יאַן קוקט זיך אַרום, דערזעט שימשענען, שרײַט אויס:

— יעזוס־מאַריאַ! — און ציילעמט זיך. — כ'שלעפּ זיך צו דיר, שימשען. עפּעס אומעטיק הײַנט, ברודער. ס'ווילט זיך דעם האַלדז נאַס מאַכן און דערחצו בין איך הונגעריק ווי אַ וואָלף!

שימשען שטעלט זיך אויף, ציט זיך אויס, עפנט דאָס מויל. אַ ווילדער „אַ־אַ־אַ!" שנײַדט דורך די שטילקייט פון וועלדל.

— שימשען, האָסט עפּשער אַ פּאַפּיראָס? — פרעגט יאַן.

שימשען שטעקט אַרײַן צוויי פינגער אין וועסטל־קעשענע, שלעפּט אַרויס אַ ציגאַר, איז מעכאַבעד יאַנען.

זיי פאַרשווינדן אין וועלדל.

אינמיטן שטוב בײַ אַ קײַלעכדיקן טיש זיצט רוזשקע מיט ביילען און שפּילן אין „אָקאָ". אויפן טיש אין אַ מערזשל ברענט אַ לעמפּל מיט אַ געלאַטעוועט גלעזל. נאָך יעדער קאָן הייבן די שפּילערס אויף דאָס לעמפּל און וואַרפן אַרײַן „שוידער־געלט" אויף נאַפט.

רוזשקע פאַרלייגט איין פוס אויפן צווייטן, טאַלירט די קאָרטן און מיט אַ פריילעכער מינע זינגט זי פאַרשיידענע קופּלעטן, ביילע אַקאָמפּאַנירט איר — און אויפן טיש קלימפּערן מאַטבייעס.

אויפן פּיעקעליק קאָפּטשעט אַ קנייטל אין אַ פלעשל נאַפט — דאָרט זיצט וועלוול און אַרבעט אַ פלי־שלאַנג.

די טיר עפנט זיך, שימשען מיט יאַנען קומען אַרײַן. שימשען איז פריילעך, רעדט מיט ביילען, גלײַך צווישן זיי וואָלט גאָרנישט פאַרגעקומען. ער שטעלט אַוועק עטלעכע פלעשלעך בראַנפן און הייסט ביילען עפּעס מאַכן צו פאַרבײַסן.

רוזשקע, אין אַ פּאָר שנורעוואַנע שטיוועלעך מיט הויכע אָפּצאַסן, אין אַ קורץ געשטרייפט אונטער־קליידל, פון אונטער וועלכן עס קוקן אַרויס קאָלירטע זאָקן, גייט אונטער צום שפּיגל טאַנצנדיק.

זי נעמט איבערפלעכטן מיט די בייגיקע הענט אירע צעפּאַטלטע, לאַנגע צעפּ. די באָרדע בלוזקע ציט זיך אײַן, און יעדער בייג פון איר קערפּער שנײַדט זיך אַרויס, רייצט.

שימשען שטופּט יאַנען און שעפּט נאָכעס. ער גאַנוועט זיך אונטער, כאַפּט רוזשקען אַרום און פאַרשטעלט איר די אויגן. רוזשקע טוט קלוימערשט פון שרעק אַ צאַפּל און רײַסט זיך אַרויס:

— ווי קאָן מען דאָס אַזוי אַ מענטשן איבערשרעקן?! דאָס גאַנצע האַרץ קלאַפּט דאָך מיר, — צעבייזערט זיך רוזשקע און שטעקט שימשענס האַנט צו איר ברוסט — נאַ, זע!

שימשען רוקט אַרונטער זײַן האַנט אונטער דער בלוזקע. רוזשקע טוט אים אַ פּעטשל. אַלע צעלאַכן זיך. רוזשקע פאַרשעמט זיך, לויפט צו שימשענען, נעמט אים רײַסן פאַרן אויער:

— דו, כאַזער איינער!

שימשען בייגט אײַן דעם קאָפּ, שמייכלט און לאָזט זיך.

יאַן שלעפּט דערווײַל אראָפּ וועלוולען פון פּיעקעליק, זעצט אים צו זיך אף דער שויס און מאכט נאָך אלע כײַעס און פּייגל. ער טוט א צי אויס זײַן לאנגן האלדז — און א קאנא-ריק שפּילט; א קורטשע אײַן — א האָן קרייעט; א לאָז אראָפּ דעם קאָפּ — א הונט בילט. ער ציט ארויס פון זײַן כאַליעווע א פּײַפל און פּײַפט אויס א מאזורקע.

דער אוילעם ווערט פריילעכער און צעזעצט זיך ארום טיש. רוזשקע גייט ארום די געסט מיט א פלאש. די גלעזלעך ווערן געשווינד ליידיק און מע גיסט זיי ווידער אָן. די פּענעמער קאַלירן זיך, מע גיט זיך צו קוראזש, מע וויצלט זיך און מע דערציילט מײַסעס... רוזשקע מאכט עטלעכע קויסעס, ווערט פריילעכער, לאַבוזאַוואטער... זי זעצט זיך אף שימשענס שויס.

שימשען נעמט זי ארום און הייבט זי אָן קושן.

ביילע ווערט שטארק בלאס, און באלד פּילט זי, ווי א כוואליע בלוט שלאָגט איר אין פּאָנעם ארײַן. זי קוועטשט אײַן די פויסטן, וויל כאפּן א פלאש, כמאליען איבער די קעפּ.

מיט א שוידער זעט זי, ווי דער האלב-שיקערער שימשען גלעט רוזשקען און רעדט אָפּגעריסענע ווערטער. זי ציטערט פון קאס, און ס'דאכט זיך, אז זי וויל שימשענען אופּעסן מיט אירע אויגן.

זי שפּרינגט אוף. מיט וואקלדיקע טריט גייט ביילע צום קינד און נעמט שלײַדערן די מולטער. דאָס קינד פאלט ארויס און צעשרײַט זיך. טרערן באווײַזן זיך אין ביילעס אויגן. זי קריגט ראכמאָנעס אפן קינד, הייבט עס אוף, טוליעט עס צו איר ברוסט און קושט עס. זי פּילט זיך אזוי שוואך, אזוי הילפלאָז...

יאַן גיט וועלוולען בראנפן און פּאפּיראָסן צו רייכערן, וועלוולען טוט עס שטארק האַ-נאָע — עפּעס פּילט ער זיך גאָר עלטער, גרעסער... אינגיכן אָבער דערפּילט ער קאָפּווייטעק און אלץ אין שטוב הייבט זיך אָן דרייען...

נאכט. וועלוול קומט אוף. דאָס לעמפּל אפן פּיעקעליק צאנקט און באלײַכט קוים די פּענעמער פון די שלאָפנדע.

ער דערשרעקט זיך — די מאמע אף דר'ערד, די האָר פאנאנדערגעלאָזט. זי כראָפּעט. נעבן איר ליגט יאַן אויסגעצויגן, ווי א ליעשטש, אף ברודיקע וועש אָן ציכלעך. דער טאטע אין די קליידער ליגט מיט רוזשקען אף דער שלאָף-באנק.

דאָס פארויכערטע לעמפּל צעטראָגט איבערן צימער א שווערן, שטיקנדן רייעך. אפן ברודיקן פּאָל וואלגערן זיך: שטיקלעך פּאפּיר, אויסגעברענטע פּאפּיראָסן, שוועבעלעך. אין א ווינקל ליגן צוויי שטולן איבערגעדרייט און נעבן זיי צוויי פלעשלעך פון נישט לאנג אויס-געטרונקענעם בראנפן. צו דער טיר צו, בא א בערגל מיסט, ליגט א צעבראָכן גלאָז, שטיק-לעך צוריק.

וועלוול דערזעט דאָס אלץ באם ערשטן בליק און שרעקט זיך שטארק. צומייסטן אָבער האָט ער מוירע צו קוקן אין דער זײַט, ווו די מאמע ליגט. ס'דאכט זיך אים, אז א פּאָר גרינלעכע אויגן קוקן אף אים פון אונטער די פאנאנדערגעלאָזטע האָר.

פון פּיעקעליק טראָגט זיך דאָס פּישטשען פון א גריל. די יאַם-כאזיירימלעך וואָרטשען. מעשונעדיקע שאָטנס שפּרינגען און טאנצן איבער די ווענט.

וועלוול האָט מוירע, פארמאכט די אויגן — בלויע רעדער מיט גאנצע פלאצן זעט ער פאר זיך... דאָרט אין ווינקל שטייט עמעצער און בלעקט אף אים ארויס די צונג... טיפער, טיפער באהאלט וועלוול דעם קאָפּ אין קישן און ציטערט פון שרעק.

אז פינקלען זאָל דײַן שויב

* * *

מיט אײַך בין איך רײַך.
מיט אײַך יעדער טאָג
איז פול, ווי א טײַך,
און שווער אין דער וואָג.
מיט אײַך בין איך רײַך,
ווי מיט וואָרצלען א בוים,

מיט אײַך בין איך שײַער
צו זון-שײַן אין רוים.
מיט אײַך בין איך רײַך,
מיט אײַך בין איך וועלט,
אָן אײַך בין איך גלײַך
צו א פּוסט געצעלט.

* * *

א שטראל אף גרינער בלאט,
א שאָטן פון דער בלאט —
און פּלוצעם ווערט דאָס הארץ
מיט פרייד און פרידן זאט.

עס איז דאָך ערשט געווען
א ווינטער אף דער וועלט,
און אָט —
קיין שפּור פון קעלט,
דאָס גרינע וועלטל קוועלט!

דו מעגסט מיר זײַן מעקאנע,
טו א קוק — ס'איז ווערט, —
א זעלטענע מאטאָנע
האָט מיר געשענקט די ערד!

פון בלאט — א גרינעם ווונק,
פון ווינטעלע — א שוווּנג,
און שוין —
כ'בין ווידער יונג!..

* * *

ווען צוגעווינט איך ווער צו אלץ,
און ווי א שטריקל אף דעם האלדז
נעמט די געוויינלעכקײַט מיך שטיקן, —
איך אָטעם טיף אין זיך ארײַן
דעם הויכן רוים, די ווײַטע שײַן
פון אָפּגעשיידטע שטערן-בליקן.

און ברייטער ווערט בא מיר אין ברוסט,
און ס'צאפּלט אוף א נײַער גלוסט,
און אלץ צעלויכט זיך פריידיק-פריילעך.
די מוירעדיק-צעשפּארטע וועלט,
זי ברויזט, זי פיבערט, יוירט און קוועלט,
און איז שוין ווידער — אומגעוויינלעך!

* * *

דער באגינען האָט צעוויקלט
בא מײַנע פיס א נײַעם טאָג.
און איצט איז שוין געווענדט
פון מײַן זעל,
פון מײַנע הענט,

פון מײַן שטרעבן, —
וואָס פאר א טאָג
זאָל זיך ארײַנשפּינען
אין דעם געוועב
פונעם לעבן:

א טאָג א קלײנינקער
און א געמײנער,
צי א טאָג א העלער און א שײנער,
וואָס קאָן די נאכט צעשטערן
מיט נאָך א שטראל,
מיט נאָך א שטערן?
דער באגינען האָט צעוויקלט
בא מײַנע פיס
א נײַעם טאָג...

* * *

די נעשאָמע אלץ העכער קלעטערט
און געפינט איבער הײכן — הײכן...
פאר אונדז וועלן וועלטן קלעקן,
אבי עס זאָל קלעקן סײכל,

אבי מע זאָל ווערן ברידער,
פארגעסן פון בלוטיקער סינע,
און נאָר צו געלונגענע לידער
פארבלײַבן זאָל ליכטיקע קינע...

די אלוועלט געמאכט איז אָן טאָעס.
זי איז גרײט אף מײַסעס און מײַסים.
אין פאל פון טכיאס-האמײסים
וועט קלעקן אָרט פאר די אָוועס.

* * *

דו קוקסט דורך דער שויב,
ווי עס שפילט א טויב...
און מיר ווערט אין הארצן קיל
פון שווערן פאָרגעפיל,
אז עפעס דראָעט דײַן שויב —
פון איר קאָן אין אײן רעגע
ווערן שטויב.
און ס׳וועט ניט העלפן קײנער,
ווײַל זי וועט פליִען מיט דער ראם אינאײנעם.
די ראם וועט ניט פארהאלטן קײן שום האנט,
ווײַל זי וועט פאלן
מיט דער גאנצער וואנט.
און זי, די וואנט, וועט קײנער ניט פארהיטן —
זי וועט זיך מיט דער שטוב
אף שטיקלעך צעשיטן.
און הילפלאָז וועט דאָ זײַן
א גאנצע שטאָט,
ווײַל איר אלײן
א כורווע ווערן
דראָעט...
צעעפן זשע דאָס פענצטער ברײט, מײַן פרײַנט,
און נעם ארײַן דעם ווײטעק פון דעם הײַנט,
דעם הײַנט, וואָס וויל,
אז פינקלען זאָל
דײַן שויב
און שפילן זאָל
די טויב.

צו דעם כוידעש אווגוסט

אף דײַנע צווײַגן זײַנען פײרעס רויט.
דו ביסט נאָך קרעפטיק, האָרעפּאשניק מײַנער,
מיט פרישע זאפטן
און מיט נײַעם ברויט,
מיט ווײַנטרויבן און יוירנדיקע ווײַנען!
איז וואָס זשע קוקסטו אזוי שטיל-פארקלערט?
ביסט פול מיט גוטס —
איז וואָס זשע דארפסטו זאָרגן?
דו האָסט דעם זילבער אף מײַן קאָפ באמערקט?
דײַן געלקײַט
איז שוין אויכעט ניט פארבאָרגן...

* * *

אין הימל פירן טרעפ,
אין הימל פירן קעפ,
און דעם קויִך פון הערצער
קאָן מען אויכעט ניט פארגעסן.
נאָר ס׳נײגן זיך די קעפ
און הערצער ווערן אויסגעשעפט,
ווען ס׳איז ניטאָ
קײן מאזל נאָך קײן גרעסערס.
צום הימל דאָס געזאנג
הײבט אָן זיך פון דעם זאנג,
פון קלײנעם קערנדל,
וואָס איז אין אים פארבאָרגן.
דאָס קערנדל — עס נערט
דעם יאָדער פון דער ערד,
וואָס פליט אין הימל —
ברענגען א פרימאָרגן...

* * *

איך האָב זיך ריידן ניט געײַלט,
איך האָב געפילט — די צײַט וועט קומען
פון דעם פארבאָרגן-ווײַטן „הײַנט”,
ווען איר וועט מיר פארבאָטן שטומען.

איך האָב זיך ריידן ניט געײַלט.
איך האָב געײַלט אײַך הערן, הערן.
איר האָט אליין דאָס וואָרט געפײַלט,
וואָס איצטער כ'ברענג ארויסעט גערן.

פון יעדן ראָג, פון יעדן הויז
זײַט איר געקומען מיך צו לערנען.
איר האָט אין מיר פון אײַער שויס,
ווי אין א פעלד, געוואָרפן קערנער.

מײַן זעל, וואָס איז געווען פארוויסט,
ניט נאָר מיט האָניק ט'איר דערהאלטן:
איר האָט געשענקט מיר סאם און מיסט,
און ברוכשטיקער פון לעבן אלטן.

מיט דונערס האָט איר מיך דערוועקט,
מיט בליצן האָט איר מיך דערמונטערט,
מיט פרייד, מיט האָפענונג אנטפלעקט
פאר מיר דעם צוואנציקסטן יאָרהונדערט.

היספּײַלעס, וועגלאָזיקײַט, גרויל
אין א געשמעלץ זײַנען געקומען —
און אופגעעפנט כ'האָב דאָס מויל,
ווײַל כ'האָב שוין ניט קיין קויך צו שטומען...

* * *

באם יינגל זײַנען גרויס די אויגן:
די וועלט איז דאָך אומענדלעך גרויס —
פון ניט-געשטויגן, ניט-געפלויגן
ביז היימישן, באוווינטן הויז...

ער לויפט, ער אײַלט, ער וויל וואָס גיכער
מיט אזא גלייבנדיקער קראפט
אין שניי, אין האָגל און אין וויכער
דאָס גוטס פארהיטן, וואָס ער שאפט.

* * *

אין יענער פארשאָלטענער וועלט,
ווו גאָלד איז דאָס טעלערל פון הימל,
ווו הערצער פארקויפט מען פאר געלט
און געוויסן באדעקט זיך מיט שימל, —

דאָרט האָט מען שוין אויסגעפּרווט אלץ
פון טײַנעג, און גײַווע, און טײַווע,
מע שטייט שוין אריבערן האלדז
אין מיִעסקײַט נאָך מער, ווי דער טײַוול,

מע האָט שוין פארקויטיקט דאָס הויז,
מע רוקט שוין אין שלונג די פינגער...
ליידיקט זיך, ליידיקט זיך אויס,
אלציינס וועט ניט ווערן אײַך גרינגער.

* * *

ער איז מיר ווידער צו כאָלעם געקומען:
ער גייט צווישן די בייטן
און צערטלט די בלומען...
מיט פינגער פון א פּיאַניסט,
וואָס וועט אײַך שפּילן
א באך, צי א ליסט,
נעמט ער ארויס פון א גרויסן טאש
א פעקעלע מיט אש,
און שיט אף יעדער בייט,
אונטער יעדער קוויט
אש פון קינדערשע ציינדעלעך,
אש פון קינדערשע כיינדעלעך,
אש פון הענטעלעך, הערעלעך
פון מאָטעלעך, פיניעלעך, פערעלעך,
ווארעם אש,
ריין אש,
ריין, ווי דאָס קינדס געביין,
ריין, ווי א טרער פון א מאמעס געוויין...
ער, וואָס מאכט פון שיינקײַט אש, —
ווײַל אויך פון דעם שיינעם טאָן א נאש:
ער קוויקט מיט ווײַן דעם גומען,
ער שמעקט און צערטלט בלומען...
אָט איז ער ווידער
מיר צו כאָלעם געקומען...

75 יאָר נאָך דער טשערנאָוויצער שפּראַך-קאָנפערענץ

די היסטאָרישע טשערנאָוויצער שפּראַך-קאָנפערענץ, אַף וועלכער ייִדיש איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אלס א נאַציאָנאַלע שפּראַך, איז פּאָרגעקומען אין אווגוסט — סעפּטעמבער 1908. אין 20 יאָר אַרום האָבן צוויי באַוווּסטע קולטור-טוער — זאַלמען רייזען און מאַקס ווײַנרײַך — זיך גענומען אויפצושטעלן שריפטלעך איר גאַנג און סיידער, נוצנדיק זיך מיט קאָרעספּאָנדענצן און רעפּאָרטאַזשן אין דער פּרעסע. דאָס האָט געגעבן א מעגלעכקײַט, אז דער ייִוואָ זאָל אין 1931 אַרויסגעבן אין ווילנע דעם „באַריכט פון דער טשערנאָוויצער שפּראַך-קאָנפערענץ“.

אויפן סמך פון דער דאָזיקער אויסגאַבע ווילן מיר דאָ איבערגעבן געפּרעסט דעם פאַרלויף פון די ערשטע פיר זיצונגען.

פון מאַקס ווײַנרײַכס אַרײַנפיר צום באַריכט

„די טשערנאָוויצער קאָנפערענץ איז א וויכטיקער מאָמענט אין דער ייִדישער קולטור-אַנטוויקלונג. צום ערשטן מאָל איז דאָרט אַף אַן אינטערפּאַרטייִשער טריבונע אַוועקגעשטעלט געוואָרן די פראַגע וועגן אָנערקענען די ייִדישע שפּראַך און וועגן איר ראָליע אין ייִדישן לעבן. מענטשן מיט א פאַרשיידענעם קוק אַף די ייִדישע קולטור-פּראָבלעמען זײַנען דאָרט אַרויסגעטראָטן און האָבן געהאַט א מעגלעכקײַט צו זאָגן זייער מיינונג...

די קאָנפערענץ האָט אָבער קיין מאַזל ניט געהאַט. אַלץ, וואָס מע רעדט וועגן איר הײַנט, איז גענומען פון זיכּאָרן — דאָסראָוו אפילע פון יענעמס זיכּאָרן — אזוי אז דאָס, וואָס מע שמועסט וועגן טשערנאָוויץ, רוקט זיך אָפּ אַלץ ווײַטער פון דער ווירקלעכקײַט. שולדיק דערין זײַנען די איניציאַטאָרן פון דער קאָנפערענץ גופא... עס האָט געדאַרפט זײַן די ערשטע אויפגאַבע פון די דירעקטע אָנפירער אַרויסצוגעבן די פּראָטאָקאָלן פון דער קאָנפערענץ, צי כאָטש אַן אויטענטישן באַריכט לעזיכּאָרן. דאָס איז ניט געטאָן געוואָרן, און מעמיילע מוז יעדער איינער, וואָס וויל וויסן וועגן דער קאָנפערענץ, אָנקומען צו דער פּרעסע פון 1908.

אין פלוג איז א כידעש, פאַרוואָס עס איז קיין באַריכט פון טשערנאָוויץ ניט געדרוקט געוואָרן. אָבער ווער עס איז יאָ באַקאַנט מיטן פאַרלויף פון דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ און מיט דער נאָכשפּיל נאָך איר, פאַר דעם איז די רעטעניש קיין רעטעניש ניט. וואָס עס זאָלן ניט זײַן די סיבעס — וועגן דעם דאַרף מען רעדן גאָר באַזונדער, — אָבער אפילע מענטשן, וואָס זײַנען זיך צונויפגעקומען אין טשערנאָוויץ מיט די בעסטע קאַוואָנעס, זײַנען געווען אָרגאַניזאַציאָנעל אינגאַנצן אומבאַהאָלפן. די האַכאָנעס (צוגרייטונגען) צו דער קאָנפערענץ זײַנען געווען שוואַכע...

צום 20-יאָריקן יוּויל פון טשערנאָוויץ איז אין ייִדישן אינסטיטוט געבוירן געוואָרן דער געדאַנק וועגן צוריק אויפשטעלן דעם גאַנג פון דער דאָזיקער קאָנפערענץ. טכילעס האָבן מיר נאָך געהאָפט צו געפינען די אָריגינעלע פּראָטאָקאָלן, און מיר האָבן זיי גענומען זוכן. ווען דאָס האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אומזיסט, האָט געמוזט געפונען ווערן אַן אַנדער וועג צו רעקאָנסטרויִרן דאָס בילד...

דער רויער „לאַמטערן“ פון דעם איצטיקן בוך איז האַרבסט 1928 שוין געווען פאַרטיק. עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אז די מאַטעריאַלן, וואָס געפינען זיך אין אַרכיוו און אין דער ביבליאָטעק פון ייִוואָ, ווי אויך אין דער סטראַשון-ביבליאָטעק און אין דער ביבליאָטעק „מפיצי-השכלה“ אין ווילנע, זײַנען ניט גענוג. זייער שטאַרק איז צוניץ געקומען דער יאָרגאַנג 1908 פון דער לעמבערגער

פון רעכטס אף לינקס: ה. נאָמבערג, כ. זשיטלאָווסקי, י.־ל. פּערעץ,
א. רייזען און ש. אש (שטייט) אף דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ

„טאָגבלאַט", וואָס די רעדאַקציע פונעם דאָרטיקן „מאָרגן" איז געווען אזוי פרײַנטלעך צוצושיקן אונדז אין ייִוואָ אַרײַן אַף א לענגערער צײַט. אָבער עס האָט נאָך אַלץ געפעלט זייער פיל, איבערהויפּט פון דער ייִדישער פּרעסע אין אמעריקע...

דער עצעם באריכט וועגן דעם פארלויף פון דער קאָנפערענץ איז צונויפגעשטעלט לויט פאָלגנדיקע מעקוירים:

1) ד"ר בירנבוימס „וואָכנבלאַט", טשערנאָוויץ, 1908 נ"נ. 1 — 3;

2) „הײַנט", טעגלעכע צײַטונג, ווארשע, 1908, נ"נ. 192, 196;

3) „המצפה", וואָכנבלאַט, קראָקע, 1908, נומ. 35 און 36;

4) „טאָגבלאַט", לעמבערג, 1908, נ"נ. 168 — 173;

5) „ייִדישעס טאגעבלאַט", ניו־יאָרק, 1908, סעפּט. 15, 17, 18, 21;

6) „ייִדישער ארבײַטער", וואָכנבלאַט, לעמבערג, 1908, נומ. 32;

7) „די נײַע צײַט", זאמלונג, ווילנע, 1908, באנד 4;

8) „סאָציאַל־דעמאָקראַט", וואָכנבלאַט, קראָקע, 1908, נומ. 38;

9) „פאָרווערטס", טעגלעכע צײַטונג, נ.־י., 1908, סעפּט. 15, 16, 17, 18;

10) „דער פרײַנד", טעגלעכע צײַטונג, פּעטערבורג, 1908, נ"נ. 192, 194, 196, 197;

11) „ראַסוועט", וואָכנבלאַט, פּעטערבורג, 1908, נ"נ. 33 — 35.

ערשטע זיצונג

(זונטיק, אווגוסט 30, אינדערפרי)

די ייִדישע קעהילע פון טשערנאָוויץ און איר פאָרשטייער ד"ר שטרויכער האָבן שוין מיט א לענגערער צײַט צוריק געהאט צוגעזאָגט די אופטוער פון דער קאָנפערענץ אָפּצוגעבן פאר אירע זיצונגען דעם לאָקאַל פונעם ייִדישן נאַציאָנאַל־הויז, וואָס האָט געדארפט פארטיק ווערן צום 30-טן אווגוסט. דער לאָקאַל איז אָבער ניט פארטיק געוואָרן, ווי מע זאָגט — ווײַל ד"ר שטרויכער האָט עס ניט געוואָלט און די קאָנפערענץ האָט זיך געעפנט אין זאַל פונעם היגן מוזיק־פאריין.

דער גרויסער זאַל איז געווען פול געפּאַקט. דעלעגאטן זײַנען געקומען פון רוסלאַנד, גאַליציע, עסטרײַך, בוקאָווינע, אמעריקע, רומעניע אאוו., סאַכאַקל, אנערעך 75 — 80. געסט זײַנען געווען עטלעכע הונדערט.

„טשערנאָוויצער אַלגעמיינע צײַטונג" (דײַטש), סעפּטעמבער, 1:

ארום הונדערט דעלעגאטן פון אַלע וועלט־טיילן און ארום 150 געסט.

ג. באַדער אין „ייִדישעס טאגעבלאַט", סעפּטעמבער, 15:

די פּוילישע צײַטונגען אין גאַליציען האַלטן אין איין כּויזעק מאַכן פון די „זשאַר־גאָניסטישע" פאַנטאַסטן, און דאָסגלײַכן האָט זיך דאָס לעמבערגער „טאָגבלאַט" געהאַלטן אין איין וויצלען איבער דער קאָנפערענץ און וועגן די „ליטעראַטן קאַפּצאָנים", וואָס וועלן דאָ אַהערקומען. דאַקעגן האָבן זיך די בוקאָווינער דײַטשישע צײַטונגען בעסער אויסגעצייכנט. צוויי־דרײַ טעג פאַר דער קאָנפערענץ האָט יעדע געבראַכט איבערזעצונגען פון פּערעץ, אַש און נאָמבערג — און די קאָנפערענץ האָט שוין פון דעם באַקומען אַ באַדײַטונג פאַר דער טשערנאָוויצער באַפעלקערונג...

אויף דער קאָנפערענץ זײַנען פאַרטראָטן אַלע פּאַרטייען, ווי ווײַט זיי אַנערקענען ייִדיש אַלס שפּראַך. פון די אָפיציעלע ציוניסטן זײַנען ווייניק געקומען...

„הײַנט", נומ. 192, סעפּטעמ־בער, 7:

... דאָס נײַע ייִדישע נאַציאָנאַל־הויז, וווּ עס האָט געזאָלט פאָרקומען די ערעפענונג פון דער קאָנפערענץ, איז מיקלוימערשט „ניט געווען פרײַ", ווײַל דער טשערנאָוויצער ראָש־הקהל, דער פּאַרלאַמענט־דעפּוטאַט און ציוניסט ד"ר שטרויכער, האָט זיך געפונען באַליידיקט, וואָס די ייִדישע שריפט־שטעלער האָבן [אים] ניט אָפּגעגעבן קיין קאָוועד, און דעריבער קומט פאַר די קאָנפערענץ אין מוזיק־זאַל...

„פאָרווערטס", סעפּטעמבער, 15:

פון סאַמע אינדערפרי הערשט אַן אומגעוויינלעך געהויבענע שטימונג אין טשערנאָוויץ. דאָס איז לײַכט צו באַמערקן אויף יעדער גאַס, אין יעדן ווינקל. מענטשן גייען, מענטשן שטייען — אַלע רעדן וועגן דער קאָנפערענץ, וואָס דאַרף זיך הײַנט אָנהייבן אין „מוזיקאַל־פאַריין". פון אַלע עקן וועלט, וווּ ייִדן זײַנען נאָר צעזייט און צעשפּרייט, זײַנען זיך צונויפגעפאָרן געסט און מיטגלידער פון דער קאָנפערענץ. מע וואַרט מיט אומגעדולד אויף דעם אָנפאַנג, שוין פון סאַמע אינדערפרי זעט מען, ווי מענטשן קלײַבן זיך אין די קאָרידאָרן פון מוזיקאַל־פאַריין. צען אַזייגער איז שוין דער זאַל געפּאַקט.

א—ר (אסתּר) שילדערט אַזוי דעם צוזאַמענשטעל פון דער קאָנפערענץ אין זאַמלבוך „די נײַע צײַט", ב. 4:

פאַרשריבן האָבן זיך 70 מיטגלידער. 14 זײַנען געווען פון רוסלאַנד: אַש, פּערעץ מיט זײַן פרוי, רייזען, נאָמבערג, מוישע טײַטש, וועוויאָרקע (פון טשענסטאָכאָוו), ברעגמאַן (פון קיִעוו), מ. בירנבוים (אַ לערער פון וואַרשע), נויעך פּרילוצקי („אונדזער לעבן"), קאַהאַן (פון לאָדזשער קונסט־פאַריין), זשיטלאָווסקי (פּאָרט איצט פון אַמעריקע), אײַזענשטאַט (אַוטאָר פון אַרטיקלען וועגן דער ייִדישער שפּראַך, געשיקט פון די בערנער סטודענטן) און עסטער.

איינער איז געווען פון רומעניע.

„ראַסוועט", נום. 33:

$10^1/_4$ באַווײַזט זיך אויף דער בינע נאַטאַן בירנבוים אין דער באַגלייטונג פון פּערעצן, אַשן, כאַיִם זשיטלאָווסקין און כאַשעווע געסט.

בירנבוים עפנט די קאָנפערענץ, לייענענדיק פליסיק פון פּאַפּיר זײַן ערשטע רעדע אויף ייִדיש. די אויסדרוקן — ריין ייִדישע. ס'איז קענטיק טיילווײַז פּעדאַנטיזם און געשליפנקײַט פון סטיל: ער לייענט זײַן רעדע אין דעם גאַליציאַנער דיאַלעקט.

ג. באַדער, ייִדישעס טאַגעבלאַט, סעפּטיאַבער, 17:

...אַזויווי בירנבוים קען ניט רעדן קיין ייִדיש, האָט ער אַראָפּגעלעזן זײַן רעדע פונעם פּאַפּיר, דאַהער האָט ער די ווערטער אַקצענטירט אויף דײַטשמעריש און דער רושעם איז ניט געווען קיין גוטער: טראָץ דעם, האָט מען די רעדע שטאַרק אַפּלאָדירט. די שטימונג איז געווען אַ געהויבענע, און עס האָט זיך אַליין פון זיך זעלבסט געפּאַטשט מיט די הענט, ווען דער רעדנער האָט עס אַפילו ניט פאַרדינט...

פּערעץ איז אַן אויסגעצייכנטער רעדנער. זײַן רעדע האָט געמאַכט אַ גוואַלדיקן אײַנדרוק און דאָס אַפּלאָדירן האָט זיך גאָר ניט געוואָלט אײַנשטילן.

י.־ל. פּערעץ האָט אין סאָף פון זײַן רעדע געזאָגט:

„מיר זײַנען געקומען ווייניק רעדן און מער אַרבעטן. איבער דעם בעטן מיר אַלע מער צו אַרבעטן (אַפּלאָדיסמענטן). מיר דאַנקען דעם ד"ר בירנבוים דערפאַר, וואָס ער האָט אונדז צונויפגערופן, מיר דאַנקען דעם אַקאַדעמישן פאַריין „ייִדישע קולטור", וואָס ער האָט זיך געווידמעט דעם אידעאַל און האָט מיט אַלע זײַנע קויכעס צוגעהאָלפן אונדזער קאָנפערענץ פאָרצובערייטן. און מיר מוזן אויך הײַנט געדענקען אין יענעם גרויסן מאַן, וועלכער איז צום מאָל אַרויסגעטראָטן אין דער מאָדערנער אייגנטלעכער ייִדישער ליטעראַטור, וואָס האָט אונדז געשענקט די ערשטע קלאַסישע ווערק אין דער ייִדישער שפּראַך און וואָס איז לייִדער דאָ ניטאָ: אָן מענדעלע מוכער־ספאָרימען. (שטאַרקע מינוטן־לאַנגע אַפּלאָדיסמענטן). איך דערלויב מיר צו שטעלן דעם אַנטראַג, אַז מע זאָל אים אינעם נאָמען פון דער גאַנצער קאָנפערענץ אָפּשיקן אַ באַגריסונגס־טעלעגראַם" (נאָך שטאַרקערע אַפּלאָדיסמענטן).

ל. טוביש לייגט פאָר א געשעפטס-אָרדע-
נונג, וואָס ווערט איינשטימיק אָנגענומען.

ס'ווערן פאָרגעלייענט די דערהאַלטענע באַ-
גריסונגען פון מענדעלע מויכער-ספאָרים, שאָ-
לעם-אַלייכעם (מיט דער נעשאָמע באַ אײַך,
מיטן קראנקן גוף צוגעבונדן דאָ, ווינטש אײַך
בראָכע און האַצלאָכע"), פערעץ הירשביין,
א. הארקאַווי, ד. פינסקי, פון א גרופּע ליבהאָ-
בער פון דער שפּראַך אין באָברויסק, פון א
גרופּע יידישע שרײַבער אין באַסניע, וועלכע
שרײַבן אָף סערביש, פון י. דינעזאָן, פון
מ. ספּעקטאָר, פון ד"ר ליפּפּע אין יאַס, פון
מ. קריינין אין פּעטערבורג און אַנד.

דאַן קומען פאָר וואַלן צום פּרעזידיום.
ס'ווערן איינשטימיק אויסגעקליבן: ד"ר נאַטאַן
בירנבוים אַלס פּרעזידענט; אַלס וויצע-פּרעזי-
דענטן: י.-ל. פּערעץ, ד"ר כאַיִם זשיטלאָווסקי
און לייב טוביש.

צווייטע זיצונג

(מאָנטיק, אווגוסט 31, אינדערפרי)

10 אזייגער אינדערפרי עפנט ד"ר בירנ-
בוים די צווייטע זיצונג פון דער קאָנפערענץ.
דאָס וואָרט באַקומט ד"ר זשיטלאָווסקי. ער
דערקלערט, אז צוליב פאַרשיידענע סיבעס איז
דער פּרעזידענט ניט אימשטאַנד געווען אויס-
צואַרבעטן דעם סיידער-האַיום פאַר אַלע זי-
צונגען פון דער קאָנפערענץ, און מאַכמעס דעם,
נעמט מען אַרויס פון דער מיט יענע פּונקטן,
איבער וועלכע ס'זײַנען ניט אַנטשטאַנען קיין
סיכסוכים. אָף יעדער זיצונג וועט דער פּרעזי-
דיום באַשטימען די אָרדענונג פון דער קומענ-
דיקער זיצונג.

ס'ווערן געלייענט באַגריסונגס-דעפּעשן:
פון דער ראָדעמער מוזיקאַליש-דראַמאַטישער
געזעלשאַפט „הזמיר", פון דער געזעלשאַפט צו
קעמפן מיט אנאַלפאַבעטיזם אין וואַרשע, פון
„הד הזמן", פון „אונדזער לעבן", פון „המצפה",
פון בעל-דמיון און אַנד.

דאָס וואָרט באַקומט שאָלעם אַש. ער ליי-
ענט זײַן רעפעראַט „וועגן איבערטראָגן די
יידישע קולטור-גיטער אין דער יידישער
שפּראַך".

„פ ר ײַ נ ד" נ ו מ. 192:

די קאָנפערענץ נעמט אוף אשס רעדע מיט
ראשיקע אפּלאָדיסמענטן.

י.-ל. פּערעץ הייבט אָן די וויקוכים וועגן
דער פראַגע. ער ווײַזט אָן דערויף, אז אַש האָט
צונויפגעמישט עטלעכע זאַכן אײַנעם. דאָס
נעמט זיך אָבער דערפון, וואָס אַש איז קיין
רעדנער ניט. אָבער זײַן הויפּט-געדאַנק, אז
די יידישע קולטור-אויצרעס מוזן איבער-
געזעצט ווערן אין יידיש — איז א ריכ-
טיקער... די שרײַבער, וואָס זײַנען אַרויס פון-
נעם בעסמעדרעש, ענדיקן זיך. עס שטייט אוף
א דאָר פון שרײַבער אַמעראַצים, וועלכע מוזן
געפינען זייערע וואָרצלען אין דער פאָרגאַנ-
גענהייט. וואָס האָבן געטאָן די ניט-יידן מיט
דער ביבל? זיי האָבן געשאַפן א גאַנצן צווײַג
פון דער וויסנשאַפט. וואָס האָבן געטאָן די
יידן? יידן האָבן באַל-קוירעס, וועלכע לייענען
פאָר די ביבל, און דאָס פאָלק לייענט נאָך.
מע דאַרף, יעדערער זאָל פאַרשטיין די ביבל.
וואָרעם קיין קולטור שאַפט מען ניט פון הײַנט
אָף מאָרגן. יעדע קולטור מוז האָבן אירע טראַ-
דיציעס, אירע היסטאָרישע קאַבאָלעס. ווילן
מיר, אז זי זאָל זיך אַנטוויקלען אין דער צו-
קונפט, מוזן מיר זי ענג פאַרבינדן מיט דער
פאַרגאַנגענהײַט.

פּערעצעס רעדע ווערט אופגענומען מיט
לאַנגע אַפּלאָדיסמענטן.

מיזעס מיינט, אז ס'איז אַן איבעריקע זאַך
איבערצוזעצן דעם טאַנאַך אין יידיש.

ש. אײַזענשטאַט דערמאָנט, אז דער טאַנאַך
איז שוין עטלעכע מאָל איבערגעזעצט געוואָרן
אָף יידיש, און די קומענדיקע איבערזעצער
וועלן זיך מוזן רעכענען מיט די אַלטע איבער-
זעצונגען. אגעוו, די גאַנצע ביבל איז ניט ניי-
טיק איבערצוזעצן. פיל ערטער אין ביבל האָבן
נאָר א היסטאָרישע באַדײַטונג. פאַרן פאָלק
איז עס ניט וויכטיק. ער ווײַזט אויך אָן אָף
דעם, אז איבערזעצן דאַרף מען ניט נאָר די
ביבל, נאָר אויך אַלע יידישע ליטעראַטור-
אויצרעס, וועלכע מיר פאַרמאָגן: פון דער ביבל
ביז מענדעלע מויכער-ספאָרים.

ה. ד. נאָמבערג ווײַזט אָן אָף עטלעכע סטי-
רעס אין אשס רעדע. די ביבל איז שוין
איבערגעזעצט — די „צענעורענע" איז א
פאָלקס-איבערזעצונג, און דעריבער די בעסטע.
איצט קאָן דאָס איבערזעצן די ביבל טראָגן
נאָר א דעמאָנסטראַטיוון כאַראַקטער. ער איז
אָבער מאַסקים, אז די איבערזעצונג זאָל גע-
מאַכט ווערן.

עסטער מיינט, אז פאַר יידן וועט די
איבערזעצונג פונעם טאַנאַך ניט האָבן די ווערט,
וואָס עס האָט געהאַט פאַר אַנדערע פעלקער.
ווען לוטער האָט איבערגעזעצט די ביבל, האָט
ער געטראָגן א רעליגיעזן כאַראַקטער. ער האָט
אַליין געקוקט אָף דעם, ווי אָף א פאָלקס-זאַך.
בא אונדז איז עס א פּריוואַטע זאַך. עסטער
ווײַזט אויך אָן, אז פּונקט ווי עס איז נייטיק,
מע זאָל איבערזעצן אין יידיש די אַלטע יידישע
ווערטן, איז אין אַלגעמיין נייטיק, מע זאָל אי-
בערזעצן אין יידיש אויך די אַלע ווערטן, וואָס
די איבעריקע ליטעראַטורן פון דער וועלט
פאַרמאָגן.

עס רעדן נאָך עטלעכע רעדנער: זילבער, ווײַנרעב, וועקסלער, און די דעבאַטן ווערן געשלאָסן.

אַש באַקומט דאָס לעצטע וואָרט און ענט־פערט אויף די טײַנעס, וואָס עטלעכע רעדנער האָבן צו אים געהאַט. ער איז מסכּים מיטן ד״ר זשיטלאָווסקי, אַז מע קאָן ניט יוצא זײַן נאָר מיטן טאַנאַך אַליין.

ס׳ווערן אַרײַנגעטראָגן צוויי רעזאָלוציעס וועגן דער פראַגע: די ערשטע רעזאָלוציע זאָגט, אַז די איבערזעצונג פונעם טאַנאַך איז נייטיק, ביכדיי צו באַרײַכערן און פאַרשענערן די ייִדישע שפּראַך. די צווייטע זאָגט, אַז די איבערזעצונג איז נייטיק, ביכדיי צו באַרײַכערן די ייִדישע קולטור.

נאָך גוויסע וויכּוחים ווערן ביידע רעזאָ־לוציעס פאַראייניקט, אָנגענומען און איבערגע־געבן צו אַ רעדאַקטיר־קאָמיסיע פון 7 פּערזאָן, צווישן זיי באַדער, דופלער, נאָמבערג, קרע־פּעל.

דערמיט ווערט נאָך 12 אזייגער געשלאָסן די פרימאָרגן־זיצונג.

דריטע זיצונג

(מאָנטיק, אווגוסט 31, נאָכמיטיק)

די נאָכמיטיק־זיצונג ווערט געעפנט אונ־טערן פאָרזיץ פון ד״ר זשיטלאָווסקי. מע לייענט נײַ־אָנגעקומענע באַגריסונגען. די אַרבעט איז אײַנגעטיילט אַזוי, אַז פאַר מיטיק גייען רע־פעראַטן, נאָך מיטיק — אָרגאַניזאַציאָנעלע פראַגן.

דאָס וואָרט באַקומט י.־ל. פּרעץ.

י.־ל. פּרעצעס רעפעראַט וועגן דער אָרג־פראַגע.

דער פאַרדינסט פון דער קאָנפערענץ וועט זײַן אַ גרויסער און איר ציל וועט זײַן דער־גרייכט, אויב זי וועט מאַכן דעם ערשטן שריט צו אָרגאַניזירן אַן אַלגעמיין־ייִדישן ליטעראַטור־און קולטור־פאַריין. די נייטיקייט פון אַזאַ פאַ־ריין איז שוין צײַט געוואָרן. האַגאַם די מיט־גלידער פון דער קאָנפערענץ זײַנען ניט קיין געוויילטע דעלעגאַטן, באַווײַזט דאָך די גרוי־סע צאָל געסט און באַקומענע באַגריסונגען, אַז די קאָנפערענץ, דריקט אויס די שטימונג פון דער ייִדישער פאָלקסמאַסע.

ווילן מיר עפּעס אויפטאָן פאַר דער ייִדי־שער שפּראַך און פאַר דער ייִדישער קולטור, מוזן מיר באַשאַפן אַ געזעלשאַפט אָדער אַן אָרגאַניזאַציע, וועלכע זאָל אויספירן דאָס, וואָס מיר באַשליסן: וועלכע זאָל פון צײַט צו צײַט צונויפרופן קאָנפערענצן, ווו אונדזערע קולטור־פראַגעס וועלן באַטראַכט ווערן. די אָרגאַניזיר־טאַקאָנעס, וועלכע די דערוויילטע ביוראָ האָט אויסגעאַרבעט, קאָן מען אויסנוצן אַלס מאַטע־ריאַל, וואָס די קאָנפערענץ וועט אים ווײַטער באַאַרבעטן און שאַפן פון אים פעסטע טאַקאָ־נעס.

דער פּראָיעקט פון אָרגאַניזיר־טאַקאָנעס, וועלכע די דערמאָנטע ביוראָ לייגט פאָר, איז אין טאָך אַזאַ:

די קאָנפערענץ פון דער ייִדישער שפּראַך שטרעבט צו די פאָלגנדע צילן:

א) אָנערקענונג און גלײַכבאַרעכטיקונג פאַר דער ייִדישער שפּראַך.

ב) באַפעלדערונג און פאַרשפּרייטונג פון קולטור און קונסט אין דער ייִדישער שפּראַך.

צו דערגרייכן די צילן שאַפט די קאָנפע־רענץ אַן אָרגאַניזאַציע און אַ ביוראָ מיטן צײַט־ווײַליקן זיצאָרט אין טשערנאָוויץ.

אין די דעבאַטן אַרום י.־ל. פּרעצעס רע־פעראַט רעדט דער ערשטער נ. פּרילוצקי. ער לייגט פאָר, מע זאָל אויסקלײַבן אַן ענגערן אַקציאָנס־קאָמיטעט, אָדער אַן „אויספיר־ביוראָ", וואָס זאָל זיצן אין טשערנאָוויץ.

הײַזלער איז בכלל קעגן אַזאַ אָרגאַני־זאַציע. ער אָנערקענט ייִדיש נאָר אַלס די נויט־ווענדיקע שפּראַך פונעם ייִדישן גלות, און דעריבער פעלט אים אין דער פּראָגראַם דער געהעריקער פּלאַץ פאַר העברעיִש, וואָס „איז געווען און וועט זײַן דער אייניציקער קיט פון אונדזער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ". דער גאַנ־צער פּלאַן איז „ניט מער ווי אַ מיטל צו שעדיקן די ציִוניסטישע אָרגאַניזאַציע. אויב די קאָנ־פערענץ וויל באַשליסן, אַז דאָס העברעער־פאָלק דאַרף ניט מער באַטראַכטן העברעיִש פאַר זײַן נאַציאָנאַלער שפּראַך, וועט דאָס זײַן ניט קיין שפּראַך־קאָנפערענץ, נאָר אַ שמד־קאָנפערענץ".

אַ טייל אַנטיילנעמער רעאַגירן שאַרף קעגן דעם רעדנערס ווערטער. עס ברעכט אויס אַן אינצידענט. דער פאָרזיצער ליקווידירט אָבער דעם טומל און גיט אַ מעגלעכקייט הײַזלערן צו ענדיקן זײַן רעדע.

בוקסענבוים: דעם ה׳ הײַזלערס דערעך איז ווי עמעצער רײַסט זיך אַרײַן צו אַ מענטשן אין שטוב און וויל אים באַווײַזן, אַז דאָס ווײַב זײַנס איז ניט קיין פּאַסיקע פאַר אים. יענער וווינט שוין מיט דעם ווײַב אַזוי פיל יאָרן צו־זאַמען, לעבט מיט איר בעשאָלעם — און פּלו־צעם קומט איינער שטערן זײַן שאָלעם־באַיִס...

קאַהאַן ווײַזט אָן אויף די כעסרוינעס פון די פאָרגעלייגטע טאַקאָנעס. ביכלאַל איז ער מאַסקים מיט פּרילוצקין, ער לייגט נאָך פאָר, אַז די אָרגאַניזאַציע זאָל זיך רופן „אָרגאַניזאַ־

ציע פאר ייִדישער שפּראַך און קולטור" און זאָל ארויסגעבן א ספּעציעלן אָרגאַן.

עסטער איז קעגן אזא אָרגאַניזאַציע, ווײַל דאָס וועט ווידער זײַן א מין קלאַל-ייִסראַעל-פּאָליטיק, וואָס פאַרטונקלט דעם קלאַסן-באַוווסטזײַן פונעם פּראָלעטאַריאַט. די אינטערעסן פון דער בורזשואַזיע און פונעם פּראָלעטאַריאַט זײַנען פאַרשיידן, דעריבער קאָן אזא אַלגעמיינע ייִדישע אָרגאַניזאַציע אף קיין פאַל ניט עקזיסטירן.

קאַהאַן ענטפערט דערויף, אז בענעגייע געוויסע קולטורעלע אינטערעסן קאָנען זיך פאַרייניקן אַלע קלאַסן. אין דער אנטוויקלונג פון דער ייִדישער שפּראַך און פון דער ייִדישער קולטור איז דער פּראָלעטאַריאַט נאָך עפּשער מער פאַרינטערעסירט, איידער די בורזשואַזיע. אפילע דער „בונד", מיינט דער רעדנער, וואָלט אויך געדאַרפט זײַן פאַר אזא קולטורעלער אָרגאַניזאַציע, ווײַל דאָס וואָלט זײַן דער אָנהייב פון יענער קולטורעלער אווטאָנאָמיע, צו וועלכער ער שטרעבט.

שפּעט אין אָוונט ווערט די זיצונג געשלאָסן.

פערטע זיצונג

(דינסטיק, סענטיאַבער, 1, אינדערפרי)

$9\frac{1}{2}$ אזייגער אינדערפרי עפנט די פרימאָרגן-זיצונג דער וויצע-פּרעזידענט ד"ר זשיטלאָווסקי. אפן סיידער-האיום שטייען די רעפעראַטן וועגן דער שפּראַך, אָרטאָגראַפיע און גראַמאַטיק. די רעפערענטן זײַנען ד"ר סאָטעק, ש. אײַזענשטאַט, מ. מיזעס. איידער מע טרעט צו צו די רעפעראַטן, ווערט ארײַנגעטראָגן א פאַרשלאָג מיט 14 אונטערשריפטן, אז די קאָנפערענץ זאָל אויסאַרבעטן א מאַניפעסט צום ייִדישן פאָלק, וווּ ס'זאָל דערקלערט ווערן, וואָס די קאָנפערענץ איז און וואָס זי וויל.

פערעץ טרעט ארויס קעגן דעם דאָזיקן פאַרשלאָג, ווײַל לויט זײַן מיינונג קאָן מען די רעאַלע אַרבעט ניט אָנהייבן פון א מאַניפעסט; אזא ווענדונג וועט מען קענען בעלי-סאָפעק פאַרעפנטלעכן צום סאָף פון די באַראַטונגען, אָבער ניט איצטער, איידער עס איז גענוי באַשטימט געוואָרן, וויאַזוי די קאָנפערענץ באַציט זיך אין אַלגעמיין צו דער פראַגע וועגן דער שפּראַך. ער לייגט פאָר, אז אזא מאַניפעסט זאָל אויסאַרבעטן די אויספיר-ביוראָ, וועלכע מע וועט אויסקלײַבן.

נאָמבערג טרעט ארויס קעגן אָט דער מיינונג און פאַרטיידיקט דעם פאַרשלאָג וועגן א מאַניפעסט.

אַש האַלט אונטער פערעצן.

מוישע טײַטש, עסטער, מ. בירנבוים שטיצן אונטער דעם פאַרשלאָג, זעענדיק אין אים א ווינקלשטיין פון דעם גאַנצן ביניען.

די דעבאַטן ווערן איבערגעריסן. דורך אָפּשטימונג ווערט באַשלאָסן די פראַגע וועגן א מאַניפעסט דערווײַל אָפּלייגן און אריבערציגיין צום סיידער-האיום.

דאָס וואָרט באַקומט ד"ר סאָטעק (בראַילע, רומעניע). אין זײַן רעפעראַט רעדט ער וועגן דער געשיכטע פון דער ייִדישער שפּראַך און איר אנטוויקלונג און וועגן דער פּאַרספּעקטיקונג פון איר אָרגאַנישן צוזאַמענבונד מיטן ייִדנטום.

ער שטעלט פעסט, וואָסערע שפּראַכן און אין וועלכער מאָס האָבן געהאַט א ווירקונג אף דער ייִדישער. ייִדן זײַנען א נאַוונאַד-פאָלק. וווּ זיי זײַנען געווען, האָבן זיי געהאַט אף זיך האַשפּאָעס. ער ווײַזט אָן, וויפל אָריגינעלע שטריכן האָט, ניט געקוקט דערויף, באַקומען די ייִדישע שפּראַך, ווי אַן אויסדרוק פון ייִדישן פאָלקס-לעבן.

לויט ג. באַדערס באַריכט אין „ייִד. טאַגעבלאַט", סענטיאַבער, 21, איז סאָטעקס רעפעראַט געווען „שטאַרק דײַטשמעריש".

נאָך אַן איבערײַס לייענט ש. אײַזענשטאַט זײַן רעפעראַט וועגן אָרטאָגראַפיע. דער רעפעראַט באַטראַכט די היסטאָרישע אנטוויקלונג פון יעדן קלאַנג אין צוזאַמענהאַנג מיט דער העברעיִשער און דײַטשישער שפּראַך. יעדער פּונקט ווערט כאַראַקטעריזירט מיט בײַשפּילן פון היסטאָרישע דאָקומענטן.

מע באַשליסט, אז די אנדערע העלפט פונעם רעפעראַט זאָל ניט געלייענט ווערן, נאָר מיט אים זאָל זיך פאַרנעמען די שפּראַך-קאָמיסיע, וועלכע וועט געגרינדעט ווערן.

דאָס וואָרט באַקומט מ. מיזעס.

צי איז ייִדיש א שפּראַך? — דאָס איז קיין סאָפעק ניט. א שפּראַך, אף וועלכער עס רעדן 8—9 מיליאָן מענטשן, איז א שפּראַך. ייִדיש איז אָבער נאָך ניט אנערקענט געוואָרן פאַר אונדזער נאַציאָנאַלער שפּראַך, און דאַרום מוזן מיר קעמפן דערפאַר, אז זי זאָל יאָ אנערקענט ווערן. אנדערע פעלקער האָבן געדאַרפט פיל קעמפן ביז זייער אייגענע אינטעליגענץ האָט אנערקענט זייער אייגענע שפּראַך. מע זאָגט — ייִדיש איז א זשאַרגאָן, א געמיש פון קאַליע דײַטש מיט לאָשנקוידעש און סלאַוויש. אָבער די וויסנשאַפט האָט באַוויזן אז קיין ריינע שפּראַכן זײַנען ביכלאַל ניטאָ. צי איז ענגליש ניט קיין גערמאַניש-פראַנצויזישער פּודינג? אין יעדער שפּראַך זײַנען פאַראַן טויזנטער פרעמדע ווערטער. ווען מיר זאָלן אנערקענען, אז ייִדיש איז א זשאַרגאָן, וועלן מיר מוזן קומען

צום באשלוס, אַז דײַטש, ענגליש, פראַנצויזיש אאַוו. זײַנען אויך זשאַרגאָנען.

אויך בײַ אַנדערע פעלקער זעען מיר, אַז טײלן פֿונעם פֿאָלק רעדן אויף אַנדערע שפּראַכן, און פֿונדעסטוועגן וועט קײנער ניט זאָגן, אַז די הויפּט־שפּראַך איז ניט קײן נאַציאָנאַלע.

דאַן גײט מ. מיזעס אַריבער צו דער פֿראַגע וועגן העברעיִש. צום סאָף ווײַזט ער אָן, אַז ייִדיש איז ענג פֿאַרבונדן מיט דער העברעיִשער שפּראַך. דער שפּראַך־בוי און די גראַמאַטיק פֿון ייִדיש איז זײער נאָענט צו העברעיִש.

דער רעפֿעראַט רופֿט אַרויס אַ גרויסן טומל בײַ אַ טײל פֿון דער קאָנפֿערענץ.

פּרעץ נעמט אַ וואָרט און וואַרפֿט אויף די העברעיִסטן זײער אופֿירונג. ער לײגט פֿאָר, אַז די קאָנפֿערענץ זאָל באַשליסן אָפּצודרוקן מיזעסעס רעפֿעראַט אין אַ באַזונדער בראָשור, אַלס די ערשטע וויסנשאַפֿטלעכע אַרבעט וועגן דער ייִדישער שפּראַך.

דער פֿאָרשלאָג רופֿט אַרויס אָפּלאָדיסמענטן פֿון אײן זײַט און טומלדיקע פּראָטעסטן פֿון דער צווײטער. עס זײַנען געווען מענטשן, וועלכע האָבן געוויינט פֿון כּעס און ווײטיק נאָך מיזעסעס רעפֿעראַט. פּרעץ מעלדעט, אַז אויב ער האָט וועמען באַלײדיקט, נעמט ער זײַנע ווערטער צוריק. ס'ווערן געעפֿנט דעבאַטן, נאָך וועלכע די פֿראַגע בלײַבט פֿונדעסטוועגן אָפֿן.

מיט דעם וואָרט געשלאָסן די פֿרימאָרגן־זיצונג ביז 2 1/2 אַזײגער.

אײַנדרוקן

ג. באַדער, „ייִדישעס טאַגעבלאַט", סעפּטיאַבער, 17:

... דער רעפֿעראַט פֿון ה' מיזעס האָט אַרויסגערופֿן אַ שטיקל אַמפּערונג בײַ מאַנכע דעלעגירטע אויף דער קאָנפֿערענץ, וואָס העברעיִש איז נאָך בײַ זײ טײַער און הײליק. און ווען י.־ל. פּרעץ האָט פֿאָרגעלײגט, אַז די קאָנפֿערענץ זאָל דעם רעפֿעראַט אָפּדרוקן אין אַ באַזונדער ביכל, איז אויסגעבראָכן אַ שטורעם, וועלכער האָט געדראָעט איבערצוגײן אין „האַנטאַרבעט"... די העברעיִסטן האָבן אָנגעהויבן שטאַרק צו פֿײַפֿן, און די זשאַרגאָניסטן זײַנען שוין גרײט געווען צו באַקעמפֿן (!) דעם רעפֿעראַט פֿון ה' מיזעס מיט די פֿויסטן.

און פֿון צווישן די שרײַענדיקע העברעיִסטן האָט זיך אײנער אוועקגעזעצט אין אַ ווינקל און האָט אָנגעהויבן שרעקלעך צו וויינען און האָט זיך גאָרניט געקענט שטילן. ניט ווײַט פֿון אים זײַנען געשטאַנען צוויי העברעיִש־שפּרעכנדיקע מיידלעך און, קוקנדיק אויף אים, האָבן זײ אויך געוויינט.

■ ■ ■

דאָס זיסע אומענדלעכע לעבן

דער שוואַרץ-רויטער שוואָם

באַלעכאַים פאַרשטייען קיין אונטערשייד צווישן וויזיעס און פּייזאַזש.

די קו גייט אַריַין אין אַ בלאָטע, ווו סע ציט זי צום גרונט,
און סע וויַיזט זיך איר אויס, אַז זי שווימט אין די גרין-בלויע וועלן פונעם טיַיך —
און זי פרייט זיך און שריַיט... אָך, דער פריילעכער „מו-ו-ו!"...

דאָס באַוווסטזיַין — אַ קרעבס אַפן לײַב פון דער שטילער נאַטור, אַ מאַגייפע?
דער Homo דער מענטש, הייסט עס, לעבט ניט:
ער מיינט, אַז ער לעבט, און זיַין לעבן באַשטייט בלויז פון דעם,
וואָס ער טראַכט פונעם לעבן און באַמיט זיך
פאַרצושטעלן דעם טויט...

עס באַוויַיזן דעלפינען זיך שוין, וואָס דערפילן אין יאַם
אַ געדאַנק-נאָסטאַלגיע און זוכן פאַרבינדונג מיט מענטשן;
און פאַראַן שוין אַזאַ ע. אַ. מ. — אַ פּראָגראַם אָף צו ריידן מיט הינט;
און אַ גאַנדז (אָ, די קלוגע, די רוסישע געַנדז!) האָט זיך שוין אויסגעלערנט
מיטן שנאָבל דעם וואַסער-קראַן עפענען; און דער מוילוואָרף...

אָך, וואָס פאַר אַ רעוועז און שריַיען, און קוויטשען, און קרייען,
און קרעכצן, און פּליעסקען, און זיפצן וועט שטיין אָף דער ערד,
ווען אַלץ, וואָס ס'איז לעבעדיק, וואָס איז שוין Sapiens[1] געוואָרן,
וועט פּלוצעם דערזען אַפן הימל דעם ווילדן, אורוואַלדיקן שוואָם.

וויאַזוי מיַין מאַמע האָט ביז היַינט ניט געזען סידי טאַל

ווען די גרויסע אַקטריסע איז אָנגעקומען אין שטעטל,
אין עטלעכע און דריַיסיקסטן יאָר, און גאַנץ קאָושאַן
האָט געוויישט און געלאַכט, און געזונגען איר שפּיצל, איר לידל
„איך האָב אַ קאַטאַר אין דער נאָז", —
האָט יאַנקל שראַבער, דער באַלעבאָס פונעם גאַסטהויז,
איר נאַריַיעט מיַין באָבע סימע אָף איבערצוואַשן
דאָס גרעט און פאַריכטן, פאַרשטריקן, פאַרנייען, וואָס מע דאַרף.

„פינף ליי פאַר זיבעצן זאַכן, —
האָט זיך סימע דעם כעזשבן געמאַכט, —
און אַ פּאָר קאָנטראַמאַרקעס..."

---

[1] סאַפּיענס (לאַט.) — פאַרנונפטיק.

נאָר די זינגערן („שיין, ווי די זון!")
האָט געגעבן איר לײ, א גלאָז טײ
און א „זײַט מיר געזונט".

און מײַן מאמע האָט זי ניט געזען.

וואָס זשע, פרעגט איר, וויל איך אצינד?
גאָרניט. כ'וויל, אז די גרויסע אקטריסע
זאָל קומען צו אונדז אהיים און זאָגן אזוי:
— מאָרגן האָב איך א גוטן קאָנצערט
אױף בערסעניעווסקער גאַס, נומער 20.
נא דיר, ראָכעלע, צוויי קאָנטראמארקעס —
פאר דיר און אויך פאר דײַן ליאָוועז
(בעפיירעש א ווילער פּאָעט).

און די אַלטיטשקע סימע (אַלעאָהאשאָלעם) האָב איך לאַנג שוין גענומען צו זיך —
זי איז טאקע די בעסטע טעאטער-נייטערן אױף דער וועלט?
הייסט עס, קומט איר, יאָ?.. און וועמען ס'וועט ניט געפעלן
אונדזער סיידער און אונדזערע לידער —
זאָלן ציבעלעס אויסוואקסן אים פונעם פּופּיק
און א שיי-נע-ער קאטא-א-אר אין דער נאָ-אָ-אָז!

מײַן טרוים

אינדערפרי האָבן אַלע דערזען:
אַן אומגלייבלעכער שנייִקער וואַלקן
שטייט אינדערוויַט, פארשטעלנדיק דעם האָריזאָנט, —
פונעם גרינינקן וועלדל און ביז דער זוניקער טעץ.

און קיינער קומט ניט פון דאָרטן.

ערשט דעמלט, ווען אַן אראָבוס האָט געגעבן א שמײַס זיך ארײַן
אין דעם ווײַסן, מיט א מין ווידערקאָל, גליטשיקן נייג,
האָט מען, דאכט זיך, פארשטאנען, אז דאָס איז אַן עמעסער בארג,
אָדער, בעסער געזאָגט, מײַן פּארקערפּערטער נאכטיקער כאָלעם.

און איצט
זוכן זיי מיך ארום — אױף צו שטראָפן, צי בעטן, קאָן זײַן,
כ'זאָל כאָטש דורכלעכערן פאר זיי א פּאָר שמאָלע טונעלן.

אָבער איך
באהאלט זיך, וויַל כ'בין שוין פארנומען מיט גאנץ עפּעס אנדערש:
איך טרוים פון א העל-בלויען יאם בא דעם בארג —
גרויס ווי די שטאָט.

דער קלאנג פונעם קײַלעך-בליץ
באטאָג, אפן פעלד מיט זון-בלומען

ווארט אויס, איך בין ליאָווע בערינסקי, זײַן שטילע נעשאָמע.

דו פלעגסט מיר ניט געבן קיין קוש,
ניט געבן קיין גלעט,
ניט געבן קיין ריר מיטן פינגער.

איצט ביסטו אינגאנצן בא מיר אין די הענט, אין די שטראַלן,
סוועטלאַנע —
און וועסט ביז מאַלאַכאָווקע שוין ניט דערלויפן, גלייב מיר.
אָט דאָ, אַף די בערגלעך, וואָס אַנגעשאָטן האָט דער מוילוואָרף, אונטער דעם רעגנבויגן,
וועט ליגן דײַן פּראַכטפול לײַב,
און ווען איבער דיר וועלן אַנהייבן קוויטשען און שאָקלען זיך ווײַבער
פון די נאָענטע דערפער —
וועלן מיר שוין זיצן מיט דיר אַף צוויי שטענגלעך, ווי צוויי גאָלדענע זוניקע בלומען,
און קאַטשען זיך פון געלעכטער,
און קיצלען איינער דעם אַנדערן
מיט פינטלעך ליכט.

* * *

די עלטערן מײַנע ווערן אַלץ עלטער און עלטער,
און די זון פון מײַן לעבן — סוועטלאַנע — האָט מיך ניט ליב,
און דער „סקײַלאַב" שלײַדערט ארײַן, מיסטאָמ, שוין אין קאָסמאָס
א קויל נאָך א קויל.

אַלע אומגליקן אַף דער וועלט נעמען זיך, מיין איך, פון דעם,
וואָס דער מענטשלעכער דאָר צעטיילט זיך אַף צווייען: אַף די, וואָס זיי לעבן,
און אַף די, וואָס נעכטן צי הונדערטער יאָרן צוריק
זײַנען געשטאָרבן.
די לעבעדיקע אָטעמען, האָווען און האָרעווען — און די מייסים
שטייען ארום דעם ערד-האָריזאָנט און קוקן און גיבן זיי אייצעס
טעלעפּאַטיש, צי פּאַשעט אין שלאָף.

אַלע אומגליקן אַף דער ערד נעמען זיך, מיין איך, פון דעם,
וואָס אין אייניקע צײַטן, בא אייניקע שטאַמען, אין אייניקע לענדער
זײַנען מער שאָטנס פאַראַן, איידער מענער און פרויען — און ס'בלאָנדזשען ארום
פאַרלאָרענע, איינזאַמע, ווילדע נעשאָמעס, אָדער פאַרקערט:
אדאַנק דעם ווילשטאַנד און דעם פּראָגרעס
באַווײַזן זיך וועזנס אזעלכע — מיט מענלעכע, פרויִישע גלידער,
פאַר וועלכע סע סטײַען שוין ניט קיין נעשאָמעס, קיין אייניציקע זעל...

און „סקײַלאַב", סוועטלאַנע, צעפליקט די ארומיקע וועלט
אזוי, אז די עלטערן מײַנע
האָבן שוין ניט ווו צו גיין, ווען זיי גייען אוועק.

דו באַוווינסט די נײַע וועלט

זיך! זע, פונוואַן דו כלעפּטשעסט, מענטש!
נײַן! שטייסט און קוקסט אין גרויע צײַטן:
ס'טיילט אַפּ די נאָענט פון די ווײַטן
דער האָריזאָנט, ווי א פּאַרענטש.

שטייסט אינדערהייך, ווי אַף א בריק.
סע טרעט ארויס שוין פונעם נעפּל
אַן עפּל-סאָד מיט צוויי-דרײַ עפּל
און מיט א טרויב — ווי א פאַבריק.

א פרוכט- און ציבל-גיסערײַ
פון די, וואָס קאָנקורירן אַפּן
שטאָף-מאַרק מיט גאָט אַליין, און שאַפן
א וועלט סינטעטישע אַפּסנײַ.

קיין מאַלעך קומט צו דיר אַראָפּ.
קיין טײַבל זעצט זיך אַפן אַקסל.
וואָס דאַרפן נאָך די פליגל וואַקסן
בא פייגל — בא א הון אין טאָפּ?

א סודע מאַך אַפן באַלקאָנטשיק,
דעם אינקובאַטאָר-נעפּעש עס!
און אויב סע פליט נאָך א פאַרבלאָנדזשעט
גאָטס קיעלע — איז אויך א נעס.

א ס ר ײ פ ע

כ׳פאַרגעס דיך, סוועטלאַנע. איך מעג שוין. כ׳פאַרמעק און מעק אויס
דײַנע האָר — און דו שטייסט אָן דײַן גאָלדענער העלישער שכינע,
כ׳קלעפּ אָפּ דײַנע ליפּן — דאָס לאַכן, דעם רויטלעכן קוש,
און ס׳ווערט מיטאַמאָל, ווי א לאָמפּ גאָר, דאָס פּאָנעם פאַרלאָשן.
איך שליס אויס דײַן האַרץ, און דו בלײַבסט מיט א לאָך אין דער שײַן.
דײַן בויך, ווי א פולע לעוואָנע, פאַרצי איך מיט טרויער.
צוויי קני׳עס, צוויי וועלן פון דיר רינען זוניק אַרויס.
און ס׳קלאַפּט פון דײַן פינצטער א שטראַל — א גאַנײדן-שפּאַרונע.
סע פינקלט, סע בליצט נאָך דײַן קאָנטור, און כ׳זע אף דער ערד
צוויי שפּורן פון באָרוועסע פיס, און זיי ברענען, ווי פײַער,
זיי ווילן ניט אויסגיין, בעשאַס סע צעטראָגט דיך דער ווינט...

כ׳צעטרעט זיי, כ׳פאַרשיט זיי מיט אַש און באַגיס זיי מיט טרערן.

* * *

הײַנטיקס יאָר איז קיין האַרבסט ניט געווען: אינמיטן דעם ראָזעװון בליִען
איז אָנגעפלויגן א פראָסט, און דער סאָד האָט מיט גלאָז זיך באַדעקט,
דער פיקהאָלץ האָט נאָך א פאָכע געטאָן מיט די פאַרבן,
און א ווינט — א וויטראַזש האָט זיך אים אף די פליגל געלייגט.

די עפּל האָבן געגעבן א קלונג אף די ביימער,
ווי אין א קריסטלעכן כאָלעם אף ווײַנאַכט: דין-דאָן.
א ווערעמל שטעקט ביז די אַקסל אַרויס פון א ווײַנשל
און קוקט זיך פאַרגליווערט אַרום: וואָס קומט פאָר אף דער וועלט?

ס׳הערט זיך גאָרניט... נאָר אפן באַרג, אין די ווײַטסטע הייכן,
שטייט מיטן ווײַסן טרומייט אין דער האַנט א גרויסער האָרניסט.

דער קאַנאַריק

שאַגאַל און מיראָ אף די פּאָטאָס. און פרויד.
א רויז אפן פענצטער. א ברעקעלע ברויט.

א בלאָק-הויז, א וווינונג, א צימער, א שטײַג.
א צוואָק און א שטעקל — א גאָלדענע צווײַג.

אין ווינקל — א טינטערל. הין און צוריק
ער שפּאַנט, גיט אין טינט מיטן שנאָבל א פּיק.

די נאָז ווערט אים בלוי, אָדער רויט, אָדער גרין.
ער שפּאַנט, ער שפּאַצירט זיך אַהער און אַהין

און גיט זײַנע לידער געגראַמטע אַרויס:
טשיוויר-טשיווילִיר-טשיוויראַם-טשיווירויס.

מײַן, קאָן זײַן, געניאַלע דערפֿינדונג

א פֿײַנע מאַשין האָב איך צוגעטראַכט — „עקאָנאָמעטער".
זי דערלויבט מיר עקאָנאָמירן: לופֿט, וואַסער און ליכט.
פֿון לופֿט און פֿון וואַסער רייד איך ניט איצט — כ׳וויל פֿאַרפּאַטענטירן
מײַן מעטאָד און נעמען דעם נאָבעל-פּרײַז. אָבער ליכט
סטײַעט נאָך, דאַכט זיך, דערווײַל. און דאָך... און דאָס ליכט, זאָלט איר וויסן, ס׳איז צווייפֿאַך.
דאָס נאַטירלעכע (לעוואָנע און זון),
און דאָס קינסטלעכע (פֿונקען אין אויגן, סרײַפּעס, עלעקטרע).
באַנאַכט, פֿאַרן שלאָף, שטעל איך מײַן אַפּאַראַטל צוקאָפּנס,
און אַלץ, וואָס סע כאַלעמט זיך מיר, אויב סע קומט פֿאָר באַטאָג,
פֿאָדערט קיין איינציקן אַמפּער, פֿאַרקערט, דאָס מאַשינדל
איז נאָך פֿעיִק אַקומולירן די זון-שײַן, ווען סע שײַנט נאָר אין שלאָף מיר א זון.
און, כאַלילע, סע כאַלעמט זיך מיר א פּאָליאַר-נאַכט, א גרוב צי א מערדער,
באַלויכט מיר דאָס לעמפּל מײַן כוישעך — און כ׳קלײַב פֿונעם שלאָף זיך אַרויס...
און צו דעם נאַטירלעכן ליכט האָב איך אויכעט פֿאַרשיידענע מיטלען:
אין סאָטשי, לעמאָשל, לייג איך זיך אונטער דער זון
אַזוי, אַז די שטראַלן זאָלן פֿאַלן צוערשט אָף די בלעטער
פֿון די פּאַלמעס. איר קענט זיך פֿאָרשטעלן, ווי כ׳בין פֿאַרברוינט!

די מענטשהײַט וואַרט, ברידערלעך, גרעסער און גרעסער און שעפּט אויס די קוואַלן.
מיר מוזן דאָך טראַכטן פֿון די, וועלכע קומען נאָך אונדז.
אַזוי-אַרום, וויפֿל דו לעבסט אָף דער וועלט, דאַרפֿסטו עקאָנאָמירן,
און ווען דו וועסט אַוועקגיין — פֿאַרגעס ניט פֿאַרלעשן דאָס ליכט.

דאָס זיסע אומענדלעכע לעבן

ס׳איז אַזוי. ווען כ׳בין ייִנגער געווען, האָב איך, עמעס, געגרייט זיך
זײַן א גרויסער פּאָעט, כ׳האָב געטראַכט און געשריבן, געטראַכט
און געשריבן, און כ׳האָב מיר מיסטאָם אויסגעטריקנט
דאָס טראַכטעכץ, די לינקעטשקע זײַט פֿון מײַן אָרעמען מויער,
דעם אַנאַליז-פּראָצעס, ווי די וויסנשאַפֿט זאָגט. און אַצינד —
ווען סע פֿאַלן די בלעטער, סע פֿאַלט דער באַראָמעטער, ס׳פֿאַלן,
ווי א פֿאָרהאַנג, קאַלירִיקע ריעגנס אַראָפּ פֿון דער הייך, —
קוק איך לאַנג זיך אַרום, ווי א קינד, צי א האָז, צי א קאָרנקראָ
פֿאַרן האַרבסטיקן פֿלוג. סאַראַ וויזיִעס קומען צו מיר!
כ׳זע א ברעג פֿון א יאַם, כ׳זע א גאָלדענעם דענקמאָל מיט שווערע
גרויסע אויסיִעס אָפֿן פֿאַרשימלטן פּאָסטאַמענט,
„א" און „ו", און א דלאָניע, וואָס ציט זיך צו מיר ווי א וואָלקן,
צי א וואָלקן אין הימל, וואָס ציט זיך צו מיר ווי א האַנט.
ס׳ווערט שוין ענדע אָקטיאַבער (דערציילט מען מיר שפּעטער) און ס׳טרעפֿט זיך
עפּעס אין דער אַטמאָספֿער, און איך הייב אָן צו הערן מוזיק:
ווי א טראָפּן פֿון ליכט, קוועלן אָן אין דער שטילקײַט די נאָטן —
„דאָ-רע-מי", „דאָ-רע-מי" און איך שרײַ: «ду-ра-ки!», «ду-ра-ки!».
מע באַוויינט מיך מיט טרערן מיט זיסע, ווי האָניק, מע גיט מיר א צייגער —
איך זאָל קומען צו זיך און צו זיי, ווײַל סע גייט שוין אַפּרעל,
און איך זע, ווי סע קאַטשעט זיך איבער די זון אין מײַן שיידל,
און כ׳צעלאַך זיך — א מאַזיק, וואָס טשמאָקעט א קאַראַמעל.

■ ■ ■

לעוו אַרקאַדיעוו,
אַדע דיכטיאַר

די אומבאַוווּסטע

(דאָקומענטאַלע דערציילונג)

— פון רוסלאַנד איז, דוכט זיך, דאָס דאָזיקע מיידל, פון הינטער מאָסקווע...
— וועגן וואָס דאַרף מען זיך דאָ אַמפּערן? דאָס איז די זעלבע מאשע, מיט וועלכער כ׳האָב זיך געלערנט אין דער מינסקער שול...
— מע האָט זי גערופן אַניע...
— דאָס איז מײַן טאָכטער... כ׳האָב זי געזוכט דרײַסיק יאָר...

מינסק, לענינגראַד, מאָלעוו, ווילנע, קאָוונע, מאָסקווע. נאָך איין שטאָט. נאָך איין גאַס. מיר שטעלן זיך אָפּ בײַ נאָך איין טיר — דער צענטער, צוואַנציקסטער, הונדערטסטער. מיר ערגערן זיך, און ניט דערפֿאַר, ווײַל פֿון יעדער נײַער באַגעגעניש וואַרטן מיר אַן ענטפֿער אויף אונדזער הויפּט-פֿראַגע, נאָר אויך דערפֿאַר, ווײַל מיר דאַרפֿן באַווײַזן אַן אומבאַקאַנטן מענטשן די פֿאָטאָבילדער, וועלכע וועלן אים אומבאַדינגט אויפֿרעגן, באַאומרויִקן און אַפֿילע צווינגען וויינען. מיר האָבן קיינמאָל ניט באַוויזן אַלע פֿאָטאָגראַפֿיעס מיטאַמאָל. מיר האָבן צוערשט באַוויזן יענע, ווו דרײַ מענטשן גייען איבער דעם שטשערבאַטן ברוק, פֿאַזע דער טראַמוויי-ליניע, פֿאַרבײַ די האַלב-כאָרעווע הײַזער מיט אויסגעזעצטע פֿענצטער.

אַן עלטערער מאַנצביל מיט אַ באָרד, מיט אײַנגעפֿאַלענע באַקן, מיט אויגן, וועלכע זיצן טיף אונטער געדיכטע ברעמען, מיט אַ פּאָנעם פֿון אַ געליטענעם, פֿאַרמאַטערטן, אָבער ניט אײַנגעבראָכענעם מענטשן. אַ ביסל ווײַטער — אַ באָכער, קימאַט אַ ייִנגל, אין אַ היטעלע, אין אַ העמדל מיט העלע קנעפּלעך, אין אַ געראַמען, מעגלעך דעם טאַטנס, רעקל. צווישן זיי, אינמיטן און אויף אַ האַלבן טראָט פֿאָרויס, גייט אַ מיידל. אַ שיינע. אַ שטאַלטנע. איר גלײַכע פֿיגור, איר הויך אויפֿגעהויבענעם קאָפּ האָט ניט אײַנגעבויגן דאָס ברעטל מיט אַן אויפֿשריפֿט אויף דײַטש און רוסיש, וואָס הענגט אויף איר האַלדז: „מיר זײַנען פּאַרטיזאַנער, וועלכע האָבן געשאָסן אין דעם דײַטשישן מיליטער".

ס׳איז ממש אַ וווּנדער, מיט וואָס פֿאַר אַ רויִקײַט און ווירדע די דאָזיקע מענטשן זײַנען געגאַנגען!

נאָכדעם וועלן מיר באַווײַזן די צווייטע פֿאָטאָגראַפֿיע.

די פּראַצעסיע האָט זיך אָפּגעשטעלט. די ראַמען פֿונעם קאַדער האָבן זיך פֿאַרברייטערט, פֿאַרכאַפּנדיק אינעם אָביעקטיוו נאָך אַ גרעסערע כאָפּטע וואַכלײַט: סאָלדאַטן מיט אווטאָמאַטן, אין העלמס אָדער פּילאָטקעס, אין שינעלן מיט בענדלעך אויפֿן אַרבל.

דאָס ייִנגל האָט אַ קער געטאָן דעם קאָפּ אויף לינקס, גלײַך ווי ער וויל עמעצן דערזען הינטער די וואַכלײַט. דאָס מיידל שטייט, ווי פֿריִער, גלײַך, רויִק, קאָנצענטרירט. וועגן וואָס טראַכטן די דאָזיקע קינדער? דאָס קאָן מען בלויז זיך פֿאָרשטעלן, זיך אָנשטויסן, אָבער קיינער וועט פּינקטלעך ניט ענטפֿערן אויף אָט דער פֿראַגע.

ס׳איז בלויז קלאָר, פֿאַרוואָס עס איז אַזוי אָנגעשטרענגט און שרעקלעך געוואָרן דער בליק פֿונעם עלטערן מאַנצביל, וועלכער האָט עפּעס דערזען דירעקט פֿאַר זיך. דאָרט, אַנטקעגן

אים, הוידען זיך אױף דעם קוּװער-באַלקן פֿון די ברייטע טויערן געפּלאָנטערטע דרײַ שטריק-טלײַעס. אָבער דאָס װעלן מיר פֿאַרשטיין, װען מיר װעלן אַ קוק טאָן אױף די אַנדערע פֿאָטאָגראַפֿיעס, װאָס עס איז קעסיידער אַזוי שװער צו באַװײַזן זײ.

אױך מיר אַליין האָבן צוערשט דערזען בלויז איינע פֿון זײ, ריכטיקער געזאָגט, דערזען האָט זי איינער פֿון אונדז, װען ער איז געקומען קיין מינסק און איז אַרײַנגעגאַנגען אינעם מוזיי פֿון דער געשיכטע פֿון דער גרויסער פֿאָטערלענדישער מילכאָמע. דאָרט איז טאַקע אױף אַ סטענד געהאַנגען אַ קלײנינקע, אַ ביסל גרעסער פֿון אַ פּאָטשט-קאַרטל, פֿאָטאָגראַפֿיע, װוּ מע פֿירט דרײַ מענטשן צו דער טלײַע.

— װער זײַנען די דאָזיקע מענטשן?

אױף דער פֿראַגע האָט געענטפֿערט די מיטאַרבעטערן פֿונעם מוזיי ראַיִסע אַנדרייעװנאַ פּאַטױִאַמס:

— דער עלטערער פֿון לינקס איז קיריל טרוס, אױף רעכטס — װאָלאָדיע שטשערבאַצעוויטש. ביידע אונטערערדלער.

— און דאָס מיידל?

— אַן אומבאַװוּסטע...

— װען איז עס געשען?

— אין אָקטיאַבער. — זײַט אויפֿמערקזאַם! — אין אָקטיאַבער 1941. דאָס איז געװען די ערשטע עפֿנטלעכע טויט-שטראָף אױף דער אָקופּירטער טעריטאָריע פֿון אונדזער לאַנד — אַ ספּעקטאַקל, קעדײַ אָנשרעקן די װידערשטפֿעניקע. געפֿירט האָט מען די פֿאַרורטײלטע דורך דער גאַנצער שטאָט. צום אָרט פֿון דער עקזעקוציע האָט מען צונויפֿגעטריבן מענטשן, געלײענט דעם אורטייל, פֿאָטאָגראַפֿירט.

עס ליגן אױף אונדזער טיש זיבן פֿאָטאָגראַפֿיעס אין זייער טראַגישער ריי.

עמעצנס קאַלטע אויגן האָבן געכאַפּט אינעם פֿאָקוס פֿון דעם אָביעקטיװ די װיכטיקסטע מאָמענטן פֿון דער שטראָף.

די דריטע פֿאָטאָגראַפֿיע. מיט אַ אומגלייבלעך-קאַלטער זאַכלעכקייט װאַרפֿט אַרויף אַן עסעס-אָפֿיצער, אין הענטשקעס, אױפֿן האַלדז פֿונעם מיידל דעם שטריק. דאָס מיידל שטייט צו אונדז מיט דער פּלייצע. אירע אויסגעדרייטע אױף הינטן הענט זײַנען פֿעסט פֿאַרבונדן. פֿון די קנופּן זײַנען פֿאַרגליװערט געװאָרן די פֿינגער.

אַ סאָלדאַט אין אַ פּילאָטקע האָט אַרויסגעקלאַפּט פֿון אונטער די פֿיס פֿון זײַן קאָרבן דעם טאַבורעט. ער האָט נאָך ניט באַװיזן זיך אויסגלײַכן, װי דער פֿאָטאָ-אַפּאַראַט האָט פֿאַרפֿיקסירט אָט דעם מאָמענט.

און נאָכדעם װעט דער פֿאָטאָ-סנײַפּער, לויט אַ סיגנאַל, צי סטאַם אַזוי, מאַכן נאָך איין קאַדער און איבערלאָזן אױף אייביק דאָס פּאָנעם פֿונעם ייִנגל, װאָס איז פֿאַרגליװערט װי אין אַ לעצטן שמייכל.

נאָך איין קאַדער. מיר זעען אַ בערדיק פּאָנעם און האַלב-אָפֿענע ליפּן, װאָס האָבן ניט באַװיזן עפּעס צו זאָגן.

די לעצטע פֿאָטאָגראַפֿיע איז, װאַרשײַנלעך, געמאַכט געװאָרן שפּעטער. אָפֿענע הילצערנע טויערן. פּוסטקײַט. האַלב-פֿינצטער. די ברעט מיט אַן אויפֿשריפֿט אױף צװיי שפּראַכן טײלט זיך אויס, װי אַ װײַסער פֿלעק...

װאָס פֿאַר אַ מענטש װאָלט באַדאַרפֿט זײַן יענער, װאָס האָט געהאַלטן אין דער האַנט דעם פֿאָטאָ-אַפּאַראַט? ער האָט געזוכט אַ פּאַסיקן פּונקט, אַ צוגענגלעכן ראַקורס. עפּשער געבעטן אַפֿילו דעם טאַליען צװוּאַרטן אַ רגע. זיך שטעלן אַזוי צי אַנדערש. װער ער זאָל ניט זײַן, האָט ער אויסער זײַן װילן און אויסער דעם װילן פֿון זײַנע באַלעבאַטים פֿאַרייביקט פֿאַר דער געשיכטע דעם פֿאַקט פֿון דערשיטערנדיקן מוט.

ניט אומזיסט האָבן די פֿאָטאָגראַפֿיעס געהאַלטן אין זייערע הענט די באַשולדיקער אױפֿן נירנבערגער פּראָצעס. די פֿאָטאָגראַפֿיעס האָבן געשריגן פֿונעם עקראַן אינעם פֿילם פֿון דעם רעזשיסער מיכאַיִל ראָם „געװײנלעכער פֿאַשיזם‟. מיר װעלן זײ געפֿינען אין דער פֿילבענדיקער געשיכטע פֿון דער גרויסער פֿאָטערלענדישער מילכאָמע. פֿון יאָר צו יאָר װערן זײ געדרוקט אין דעם שול-לערנבוך פֿון געשיכטע — פּאָרטרעטן פֿון קיריל טרוסן, װאָלאָדיע שטשערבאַצעװיטשן און פֿון דער אומבאַװוּסטער. װי שװער ס'איז שאָלעם מאַכן דערמיט, װאָס דאָס מיידל איז אומבאַװוּסט...

און אָט זײַנען מיר ווידער אין מינסק. אין דעם זעלבן מוזיי, וווּ מע גיט אונדז דעם איינציקן באַווײַז וועגן דעם מיידל — א בריוו פון דער געוועזענער פּאַרטיזאַנערן ס. יע. קאַמינסקאיא, וועלכע טיילט מיט, אז זי האָט זי געזען אין דער פאַשיסטישער טפיסע אין אָקטיאַבער 1941. מיר האָבן פאַרשריבן דעם אדרעס פון דער פרוי. און מיר האָבן אפילע זיך ניט פאָרגעשטעלט, אז דערפון וועט זיך אָנהייבן א פיליאָריקע און קאָמפּליצירטע זוכונג. א געטרײַער געהילף אונדזערער איז געוואָרן דער מאַגניטאָפאָן, וועלכער האָט מיט אן אָביעקטיווער וואָרהאַפטיקייט איבערגעלאָזט אַף זײַנע טאַשמעס ניט קיין אויסגעטראַכטע באַווײַזן וועגן דער פאַרגאַנגענהייט. מיט געוויסנהאַפטער פּינקטלעכקייט האָבן מיר די מענטשלעכע שטימען איבערגעטראָגן אַף פּאַפּיר, און איר וועט זיי פיל מאָל הערן.

1

מיט סטעפאַנידע יערמאָלײַעוונאַ קאַמינסקען, א באַוועגלעכער, א שנעלער אַפן טראָט פרוי, וועלן מיר זיך באַגעגענען עטלעכע מאָל. אָבער דער סאַמע ערשטער געשפּרעך באַ איר אין שטוב וועט זײַן זייער א קורצער. מיר וועלן דערציילן, פונוואַנען מיר זײַנען געקומען, צוליב וואָס, און נאָכדעם וועלן מיר אלע צוזאַמען אַרײַן אין דער מאַסיווער, פינצטערער געבײַדע פונעם אלטערטימלעכן שלאָס, אין וועלכן ס'איז געווען אין די מילכאָמע-יאָרן א היטלערישע טורמע. מיר וועלן גיין אונטער די נידעריקע געוועלבן, דורך די לאַנגע קאָרידאָרן, וווּ עס הילכט אַף יעדער טראָט, יעדעס וואָרט:

— ס'איז געווען זונטיק. די דאַטע געדענק איך ניט, אָבער דעם טאָג געדענק איך. ער האָט זיך מיר אײַנגעקריצט אַפן גאַנצן לעבן...

סטעפאַנידע יערמאָלײַעוונאַ לעבט שווער איבער דעם באַזוך אינעם שלאָס. אָט אײַלט זי זיך פאָרויס און אײַלט אונדז אויך אונטער. אָט שטעלט זי זיך אָפּ, פאַרטראַכט זיך, קערט זיך אום צו איין טיר, צו א צווייטער. עס זײַנען פאַרבײַ יאָרצענדליקער, און די דערמאָנונג איז פאַרבליבן א ניט פאַרהיילטע, ווי אן אָפענע ווונד.

— אין יענעם טאָג האָבן זיר דאָ, באַ אָט דעם ווענטל, געוואַלגערט שטיקלעך שטריק. דאָ האָט מען זיי געבונדן די הענט. די דאָזיקע ברעטלעך, וואָס אַף דער פאָטאָגראַפיע, האָבן פאַרטשעפּעט די טיר בייסן אַרויסגיין... ווען מע האָט זיי אָפּגעפירט, האָבן די מאָטאָרן פון די מאַשינעס נאָך א לענגערע צײַט געטוישט אין הויף. מיר זײַנען געבליבן אין דער קאַמערע דרײַען. מיר זיצן. קיין וואָרט קאָנען מיר איינער דעם אנדערן ניט זאָגן. עס גייט אַרײַן די טפיסע-אויפזעערן, א דאַרינקע, טונקל-בלאָנדע פרוי פון א יאָר פערציק. „גייט נאָך מיר, — זאָגט זי. — איר צווייען וועט אויפראַמען דעם זאַל. און דו, — באַווײַזט זי אָן אַף מיר, — דעם קאָמענדאַנטס צימער". אָט דעם צימער, אויב איך האָב ניט איבערגעפּלאָנטערט דעם שטאָק. באַם קאָמענדאַנט זײַנען, זעט אויס, ניט לאַנג צוריק געזעסן אָפּיצערן. אומעטום האָבן זיך געוואַלגערט ניט דערייכערטע פּאַפּיראָסן. דער צימער איז געווען פול מיט רויך. ס'זײַנען דאָ געשטאַנען א טיש, בענקלעך. איך בין צוגעגאַנגען צום טיש, קעדיי אויפראַמען אים... — סטעפאַנידע יערמאָלײַעוונאַ האָט זיך אָנגעבויגן צום קלוימערשט שטייענדיקן טיש. — פּלוצעם לויפט צו צו מיר די טפיסע-אויפזעערן, א צעשטרייטע, און שעפּטשעט: „איר ווייסט, וואָס ס'איז מיט זיי... מע האָט זיי אַוועקגעפירט. אלע צוועלף מענטשן האָט מען אויפגעהאַנגען. דרײַ — אַף קאָמאַראָווקע. דרײַ — וווּ עס געפינט זיך די פאַבריק „קאָמונאַרקאַ", אַפן פרײַהײַט-פּלאַץ און באַם הויז פון דער רעגירונג..."

קיריל טרוסן, וואָלאָדיע שטשערבאַצעוויטשן און די אומבאַוווּסטע האָט מען אויפגעהאַנגען אינעם ראַיאָן, וועלכן סטעפאַנידע יערמאָלײַעוונאַ האָט אָנגערופן קאָמאַראָווקע — באַ די טויערן פונעם הייוון-זאַוואָד, אַף דער וואָראָשילאָוו-גאַס. צו די ערטער, וווּ מע האָט עקזעקוטירט די איבעריקע אונטערערדלער, איז אויך געקומען א פאָטאָ-סנײַפּער, אָבער דאַן, ווען אלץ איז שוין געווען אָפּגעטאָן. די ארכיוון האָבן פאַרהיט נאָך דרײַ פאָטאָגראַפיעס, וועלכע זײַנען געמאַכט געוואָרן דעם 29 אָקטיאַבער 1941, צו איין פאָטאָגראַפיע פון יענע ראַיאָנען פון מינסק, וועלכע סטעפאַנידע יערמאָלײַעוונאַ האָט אָנגערופן.

פיל ניסיוינעס האָט איבערגעטראָגן סטעפאַנידע יערמאָלײַעוונאַ. עס וועט זײַן אין איר לעבן א פּאַרטיזאַנישער אָטריאַד און די שטענדיקע געפאַר פון א פאַרבינדלערן אין אָט דעם אָטריאַד. עס וועלן זײַן פּלאָגן באַם אויפהאָדעווען אירע קליינע קינדער, שווערע נאָכמילכאָ-

מע-יאָרן און פֿרידלעכע רויִקע אַרבעט. עס וועלן אויסוואַקסן די קינדער, ס׳וועלן זיך פֿאַר-דרייען אין אַ אומרויִק-פֿרייִדיקן געווירבל די אייניקלעך און אוראייניקלעך. אָבער די טעג און שאָען, וואָס זי האָט איבערגעלעבט דאָ, וועלן פֿון קיין שום אַנדערע געשעענישן ניט פֿאַר-שטעלט ווערן.

— מיר זײַנען געזעסן אָט דאָ אין דער צענטער קאַמערע, — זאָגט פּיבערהאַפּט קאַמינ-סקאַיאַ. — צו אונדז האָט מען געבראַכט נאַדיען. איר נאָמען איז דינע, אָבער גערופֿן האָט זי זיך נאַדיע. כ׳האָב פֿאַרגעדענקט איר פֿאַמיליע — יענושקעוויטש. מע האָט זי ניט אַרײַנ-געפֿירט, נאָר אַרײַנגעוואָרפֿן אין דער קאַמערע. אײַנגעאַנצן אַ צעמיימעסטע, דאָס לײַב אין שוואַרצע פֿלעקן. מיר האָבן איר געגעבן וואַסער. זי האָט זיך געוואָרפֿן, געוועזן אין אַ פֿיבער, גערעדט וועגן איר זונעלע: „ראַצכים, זיי האָבן אָפּגענומען בא מיר דאָס זויג-קינד און פֿאַר מײַנע אויגן אַרויסגעוואָרפֿן עס דורכן פֿענצטער...״ נאָכדעם האָט מען נאַדיען אַריבערגעפֿירט אין אַן אַנדער קאַמערע, און געבראַכט האָט מען איר שוועסטער אָלגע. אָלגע שטשערבאַ-צעוויטש...

שטשערבאַצעוויטש... איר געדענקט. דאָס איז די פֿאַמיליע פֿון יענץ ייִנגעלע, וועלכער איז געגאַנגען צו דער טליִע צוזאַמען מיט קיריל טרוסן און דער אומבאַוווּסטער.

— סאַראַ מוטיקע פֿרוי אָלגע איז געווען! וויפֿל מאָל מע האָט זי אַרויסגערופֿן, און טאָמיד האָט מען זי אַ פֿאַרפּײַניקטע אַרײַנגעוואָרפֿן אין דער קאַמערע. זי ליגט אײַנגעאַנצן אַ צעמיימעסטע, אָבער ווי נאָר זי דערהערט, אַז עס פֿליִען אַעראָפּלאַנען, ווענדעט זי זיך צו אונדז: „אָט-אָט, איר הערט? דאָס זײַנען אונדזערע. די דײַטשן וועלן דאָ סײַווי ניט פֿאַר-בלײַבן. מיר וועלן זיגן!״ גאָט מײַנער, וואָס פֿאַר אַ שטאַרקע פֿרוי זי איז געווען! איר זון, וואָלאָדיען, האָט מען געשלאָגן פֿאַר אירע אויגן, און זי האָט צוזערשט אַפֿילו ניט אַנערקענט, אַז דאָס איז איר זון...

(הייסט עס, אַז אָלגע שטשערבאַצעוויטש איז וואָלאָדיעס מוטער...).

— מע האָט געמיימעסט איר זון, איר ברודער, נאַדיען און נאַדיעס מאַן.

(די פֿאַשיסטן האָבן פֿאַרכאַפּט די גאַנצע מישפּאָכע. פֿאַרשטייט זיך, אַז ניט סטאַם אַזוי...).

— אָבער זיי זײַנען זיך ניט מוידע געווען. און ס׳האָט קיין זאַך ניט געהאָלפֿן. אָלגע איז געקומען פֿונעם לעצטן פֿאַרהער, זיך אַ וואָרף געטאָן אויפֿן בעטל. — סטעפֿאַנידע ניקאָ-לײַעוונאַ האָט אומדערוואַרט זיך האַסטיק אַ ריס געטאָן פֿאָרויס און אַראָפּ, ווי איבערראַשערנ-דיק אָלגעס באַוועגונג, און האָט מיט נאָך אַ גרעסערער אויפֿרעגונג פֿאָרגעזעצט: — אָלגע האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויפֿן בעטל. „אַ סאָף! — זאָגט זי. — אַ סאָף! אַ סאָף! אַ סאָף! מיר זײַנען געווען 21 מענטשן. איינער האָט אַלעמען פֿאַראַטן! ווער פֿון אונדז ס׳וועט בלײַבן לעבן, גיט איבער יעדן פּאַרטיזאַנישן אָטריאַד, וועלכן איר וועט באַגעגענען, אַז באָריס רוד-זיאַנקאָ איז אַ פֿאַרעטער. ער איז, — זאָגט זי, — צו יעדן איינעם צוגעגאַנגען, אויף יעדן אָנ-געוויזן און אַליין האָט ער זיך נאָכדעם אַרײַנגעזעצט אין אַ פּאָליציי-מאַשין און אַוועקגע-פֿאָרן מיט די אָפּיצערן עסן מיטיק...״ זי, אָלגע, האָט געבעטן אַלעמען דערציילן, און איך, ווי אַ פֿאַרבינדלערן פֿונעם אָטריאַד, באַגעגענענדיק זיך מיט פֿאַרשיידענע מענטשן, האָב איבערגעגעבן אַלעמען אירע ווערטער. כ׳האָב עס אויסגעפֿילט אַלס כיווו פֿאַר איר.

בא צוויי וואָכן איז געזעסן אין אונדזער קאַמערע אָלגע. קיין סאַך האָט זי ניט דערציילט וועגן אירע אונטערערדישע אויפֿטוען. זי האָט בלויז דערקלערט, אַז זיי האָט געהאָלפֿן לענע אָסטראָוסקאַיאַ. זי האָט אַלס שנײַדערקע געמאַכט קליידער פֿאַר אונדזערע פֿאַרוווּנדעטע גע-פֿאַנגענע אָפֿיצערן, וועלכע זײַנען אַנטלאָפֿן פֿונעם לאַגער, און וואָלאָדיע, אָלגעס זעכצנײַאָריקער זון, האָט זיי געדאַרפֿט ברענגען אין אַ פּאַרטיזאַנישן אָטריאַד. וווהין, אין וועלכן אָטריאַד, ווייס איך ניט...

מיר שטייען אין אַ לאַנגן אָפּהילכנדיקן האַלב-פֿינצטערן קאָרידאָר, ווו עס זײַנען אין אַ גלײַכמעסיקן ריטם אײַנגעמויערט אין גראָבע ווענט טירן מיט קײַלעכדיקע לעכלעך אינ-מיטן. מיר קוקן אין סטעפֿאַנידע יערמאָלײַעוונעס פּאָנעם, אין אירע אויגן, נאָר זי זעט אונדז ניט, זי הערט אונדז ניט. און מיר שטעלן איר ניט קיין פֿראַגעס, מיר שווײַגן. מיר כאַפּן יעדעס וואָרט אירס. און זי רעדט וועגן ווונדערבאַרע מענטשן, וועמענס פּענעמער זײַנען אונדז באַקאַנט ביז די מינדסטע פּראַטים, אָבער וועגן וועלכע מיר האָבן ביז הײַנטיקן טאָג כימאַט קיין זאַך ניט געוווּסט. סטעפֿאַנידע יערמאָלײַעוונאַ דערציילט ווײַטער:

— אָט יענעם לעצטן טאָג טראָג איך אין מײַן האַרצן דאָס גאַנצע לעבן. אינדערפֿרי זײַנען מיר אַלע צוזאַמען געגאַנגען אויף דער אַרבעט — ראַמען די קאָרידאָרן, וואַשן די קאַ-מערעס. און די אויפֿזעערן (זי איז טאַקע געווען אונדזעריקע, אַ סאָוועטישער מענטש) האָט בעקיוון געעפֿנט די קאַמערע, ווו וואָלאָדיע איז געזעסן, און דערלויבט אָלגען נעמען באַם

זון דאָס וועש, קעדיי פאַרניכטן די אינזעקטן, אויספּאַרען, אויסוואַשן עס. אָלגע אײַלט זיך, און מיר האָט זיך געוואָלט צוזאַמען מיט איר א קוק טאָן אַף איר זון. מיר זײַנען אַרײַן אין דער קאַמערע — ער שטייט דאָרט. א מיטעלער וווּקס, טונקל־בלאָנדע האָר. א קינדערש, קײַלעכדיק מאָגער פּאָנעם, א פאַרשפּיצטע נאָז. אָלגע זאָגט צו אים: „זונעלע, מיר וועלן זיך אָפּקערעווען, און דו גיב אונדז אָפּ דײַן וועש. וועסט א ביסל גיין אָן א העמד".

ווען מיר זײַנען צוריק אַוועק צו אונדזער קאַמערע, האָבן מיר דערזען לענע אַסטראָוו־סקען אין קאָרידאָר, און לעבן איר — סאָלדאַטן מיט הינט. א סאַך סאָלדאַטן זײַנען געקומען. אָלגע איז געוואָרן אומרויִק. זי האָט צוליב עפּעס אַרויסגענומען א שטיקעלע ברויט, וואָס זי האָט באַהאַלטן פאַר איר זון. „הײַנט, — זאָגט זי, — וועט מען ברענגען נאָך ברויט, וועל איך קענען אָפּגעבן דעם זון צוויי שטיקלעך". און דאַ עפנט זיך פּלוצעם די קאַמערע און עס דערהערט זיך א הויכער אויסגעשריי: „אָלגע!". עס זײַנען אַרײַן פאַשיסטן. זי איז אופגע־שטאַנען, אַף אונדז אַלעמען א פּיר געטאָן מיט די אויגן. בא דער טיר האָט זי זיך נאָכאַמאָל אומגעקוקט. און מע האָט זי אַוועקגעפירט.

קיין געשריי איז ניט געווען, קיין זאַך ניט, בלויז דער רויש פון די מאָטאָרן פון די מאַשינעס האָבן זיך א לענגערע צײַט געהערט אין הויף.

...נאָך א לאַנגער פּאַוזע נעמען מיר אַרויס די פאָטאָגראַפיעס, מיר ווײַזן אָן אַף דער אומבאַוווּסטער. פאַרויסזעענדיק פראַגעס, זאָגט סטעפאַנידע יערמאָלײַעוונא:

— צוזאַמען מיט זיי איז געווען אויך דאָס דאָזיקע מיידל. זי איז געזעסן אין דער זיבעטער קאַמערע צוזאַמען מיט לענע אַסטראָווסקען.

— וויאַזוי האָט מען זי גערופן, איר געדענקט ניט?

— מע האָט זי גערופן אַניע. דאָס דאָזיקע מיידעלע, אַניע, איז געגאַנגען צוזאַמען מיט אונדז אַף דער אַרבעט. די גאַנצע צײַט מיט אָלגען, און מיט אָלגען גערעדט. דאַכט זיך, אַז זי האָט געאַרבעט אַלס מעדשוועסטער אין האָספּיטאַל. ווי אָלגע האָט געזאָגט, איז זי פון ווײַט, ניט פון מינסק. דאַכט זיך, — האָט זי געזאָגט, — פון רוסלאַנד, פון הינטער מאָסקווע. א סיבירער, דאַכט זיך, א קריגסגעפאַנגענע. אָלגע האָט זייער מוירע געהאַט, אַז מיט אָט דער מעדשוועסטער וועט עפּעס געשען...

...מיר זײַנען אופגערודערט: די ערשטע באַגעגעניש, און אַזויפיל זיך דערוווּסט. ס'איז קיין שום צווייפל ניט פאַראַן, אַז דאָס אַליך, וואָס עס האָט דערציילט די דאָזיקע פרוי, איז עמעס.

— זייער א שווײַגנדיקע איז געווען די דאָזיקע מעדשוועסטער, א פאַרשלאָסענע, — זעצט פאָר קאַמינסקאַיאַ. — זיך געסטאַרעט מיט קיינעם ניט ריידן. אָבער שטאָלץ, זייער שטאָלץ זיך געהאַלטן. דרייסט געגאַנגען. דער גאַנג בא איר איז געווען א גלײַכער. זי איז געגאַנגען לײַכט, האַלטנדיק דעם קאָפּ אינדערהויך.

...סטעפאַנידע יערמאָלײַעוונא דערמאָנט זיך, וויאַזוי עס האָט אויסגעזען און ווי ס'האָט זיך אופגעפירט די אומבאַוווּסטע „אַניע" דאָ, אין טורמע. און מיר קאָנען זיך ניט אָפּרײַסן פון די פאָטאָגראַפיעס, וועלכע באַווײַזן דעם לעצטן וועג פונעם מיידל, איר לעצטן וועג. אין די העלע פרעכטיקע האָר האָבן זיך פאַרפּלאָנטערט די לעצטע וואַרעמע שטראַלן פון דער האַרבסטיקער זון.

— העלע האָר זײַנען געווען בא איר, געקרײַזלטע. זי האָט נאָך באַוויזן אינעם לעצטן טאָג זיי אויסצוואַשן. ברייטע שוואַרצע ברעמען, א קירפּאַטע נאָז, א ברייטע אַזאַ. טופליעס האָט זי געטראָגן געלע, אַף שנירלעך.

...וואָס פאַר א פּראַטים, וועלכע דעטאַלן עס האָט פאַרהיט סטעפאַנידע יערמאָלײַעוונא אין זיכּאָרן! און דאָך האָבן מיר דעמלט געקאָנט דערלאָזן, אַז אין איר וואָרהאַפטיקער דער־ציילונג האָט פונדעסטוועגן זיך אַרײַנגעגאַנוועט א טאָעס...

2

די געוועזענע אַרעסטירטע אין דער פאַשיסטישער טפיסע סטעפאַנידע יערמאָלײַעוונא קאַמינסקאַיאַ האָט דערקענט די אומבאַוווּסטע. דערקענט האָט זי אויך דעם עלטערן מענטשן מיט דער באָרד, אָן אויסגעמאָגערטן, פאַרמאַטערטן, וואָס האָט אָבער ניט אָנגעוווירן דעם קויעך פון גײַסט. עמעס, זי האָט ניט פאַרגעדענקט זײַן נאָמען און פאַמיליע, אָבער אונדז איז עס שוין באַוווּסט געווען. נאָך מער, אינעם מוזיי האָט מען אונדז מיטגעטיילט דעם אַדרעס

פֿון זײַן מישפּאָכע. און אַט זײַנען מיר דאָרט מיט די זעלבע פֿאָטאָגראַפֿיעס. רעגנדיק זיך און באַהאַלטנדיק די סאַמע שוידערלעכע פֿון זיי, קומען מיר צום ווײַב פֿון קיריל טרוסן אַלעקסאַנדרע וולאַדימיראָוונאַ.

— דערציילט אונדז וועגן אײַער מאַן ווי ווײַט מעגלעך אויספֿירלעך.

אַלעקסאַנדרע וולאַדימיראָוונאַ האָט אָנגעהויבן פֿון יענעם ליכטיקן, זוניקן, זונטיקדיקן אינדערפֿרי, וועלכער האָט ניט פֿאָרויסגעזאָגט קיין שום צאָרע, ווען דער טאַטע מיט דער טאָכטער, אַ טראַכט טוענדיק, וווהין צו גיין — אויף דער דערעפֿענונג פֿון דער אָזערע, וועלכע די קאָמיוגיסטן האָבן אויסגעגראָבן, אָדער אין קינאָ, — לויט דער מאַמעס אייצע („אויף דער אָזערע וועלן זײַן צופֿיל מענטשן") האָבן זיי אויסגעקליבן קינאָ. אַרויסגעגאַנגען נאָכן סעאַנס אויף דער גאַס, זעען זיי, אַז די טראַמוויײַען שטייען. אויף דעם פּלאַץ האָבן מענטשן זיך צונויפֿגעשלאָגן אין גרופּעס, פֿאַרשטיינערט געבליבן בײַ די הויכרײדערס.

מילכאָמע!

אויף מאָרגן, גאַנצפֿרי, איז קיריל איוואַנאָוויטש אוועק אין וואָיענקאָמאַט. מע האָט אים ניט געשיקט אויפֿן פֿראָנט, ווײַל ער איז קאָנטוזיעט געוואָרן אינעם בירגערקריג. אין אַ יאָר אַרום נאָך דעם, ווי ער, אַ 17-יאָריק ייִנגל, איז פֿרײַוויליק אוועק אין דער רויטער אַרמיי.

„אויך אין מינסק וועט סטײַען אַרבעט, — האָט אים אײַנגערעדט דער וואָיענקאָם, — מע דאַרף עוואַקויִרן די זאַוואָדן, זיך גרייטן צו אַזאַ פֿאַל, אויב..."

אין דעם זעלבן טאָג האָבן די פֿאַשיסטן אַראָפּגעוואָרפֿן באָמבעס אויף מינסק. פֿאַר איין טאָג איז רויִנירט געוואָרן דאָס, וואָס מענטשן האָבן געשאַפֿן אין מעשעך פֿון יאָרצענדליקער. שאַבעס, דעם 28 יוני, זײַנען אין דער שטאָט אַרײַן טאַנקען מיט האַקנקרייצן אויף דעם פּאַנצער. נאָך זיי האָבן זיך באַוויזן עסעס-טיילן.

טויזנטער ברווינע און שוואַרצע שינעלן האָבן אויפֿגעווישט אַלע פֿאַרבן פֿונעם זומערדיקן מינסק. אין דער שטאָט, וועלכע איז געשטאַנען אויף דער מאָסקווער ריכטונג און איז פּאַקטיש געווען ווי דער טויער צו דער הויפּטשטאָט, האָבן זיך אײַנגעפּונדעוועט העכער הונדערט מיליטערישע פֿאָרמירונגען און טיילן פֿונעם הינטערלאַנד בײַ דער אַרמיי-גרופּע „צענטער", דער אָפּטייל פֿון קאָנטער-אויסשפּירונג „אַבווער", די פֿאַרוואַלטונג פֿון דער זיכערהײַט-פּאָליציי און עסדע, די מיליטערישע קאָמענדאַטור, דער שטאַב פֿון קאַמף מיט דער פּאַרטיזאַנישער באַוועגונג, די וואַך-פּאָליציי און זשאַנדאַרמעריע, די אימפּעריִשע פֿאַרוואַלטונג פֿון די אײַזנבאַן-וועגן, די צענטראַלע האַנדלס-געזעלשאַפֿט „אָסטלאַנד", דער גענעראַל-קאָמיסאַריאַט בעראָש מיטן טאַליען פֿון ווײַסרוסלאַנד גאַולייטער קובע, עסעס-טיילן און יענע קערפּערשאַפֿטן, וועלכע האָבן געדאַרפֿט פֿאַרווירקלעכן גרעיִנגס שוידערלעכן פּראָיעקט: „אין די אינטערעסן פֿון דער לאַנגצײַטיקער עקאָנאָמישער פּאָליטיק וועלן אַלע אָקופּירטע טעריטאָריעס אויפֿן מיזרעך עקספּלואַטירט ווערן ווי קאָלאָניעס און מיט דער הילף פֿון קאָלאָניאַלע מעטאָדן".

— ווען איך דערמאָן זיך אין יענע טעג, גייט מיר דורך אַ גרויל איבערן לײַב, — דערציילט אונדז אַלעקסאַנדרע וולאַדימיראָוונאַ טרוסאָווא. — אין די ערשטע טעג גייען מיר אַנומלטן איבער דער מאָסקווער גאַס. אַנטקעגן אונדז האָבן מיר דערזען אַ קאָלאָנע קריגס-געפֿאַנגענע, אונדזערע. און פּלוצעם האָט מען דאָ אויפֿן אָרט אין דער קאָלאָנע אָנגעהויבן שיסן אין זיי. ס'איז אומעגלעך דאָס איבערצוגעבן... עפּעס אַ ייִנגל פֿון אַ יאָר נײַנצן — ער איז, זעט אויס, פֿון מיטל-אַזיע, אַן אוזבעק, — אים האָט געטראָפֿן אַ קויל גלײַך אין בויך. ער קאָרטשעט זיך אויפֿן ברוק און שרײַט: „מאַמע! איך וויל לעבן, מע וועט מיך ראַטעווען!". אָבער וויאַזוי ראַטעווען, ווען מע לאָזט ניט צוגיין, מע שיסט פֿון קוילנוואַרפֿערס. מיר זײַנען צום אומגליק, געווען מיט די קינדער — איינס איז אַלט זיבן, דאָס צווייטע — נײַן און דאָס דריטע — פֿינף יאָר — אַלע האָבן זיי זיך אײַנגעקלאַמערט אין דעם טאַטן און זיי וויינען. און ער שטייט אַ בלייכער מיט צונויפֿגעדריקטע ציין... ווען מיר זײַנען געקומען אַהיים, האָט ער מיר גלײַך געזאָגט: „קוק ניט, וואָס איך בין ניט אויפֿן פֿראָנט. איך בין אַ קאָמוניסט און וועל מיט אַלע כויכעס שלאָגן די פֿאַשיסטן אין הינטערלאַנד". דעריבער האָב איך זיך ניט געכידעשט, ווען ער האָט געבראַכט אַ ראַדיאָ-אָפּנעמער מיט באַטאַרייקעס און ווען עס זײַנען אַרײַנגעקומען צו אונדז מענטשן, אַ סאַך מענטשן: אַלטע כאַווײרים, פּאַרטייער — אויך מיידלעך פֿלעגן קומען...

— און זי פֿלעג קומען? — לייגן מיר אוועק אויפֿן טיש די פֿאָטאָגראַפֿיעס, אויסנוצנדיק די קורצע פּאַוזע.

אַלעקסאַנדרע וולאַדימיראָוונאַ האָט עס באַשטעטיקט מיט אַ שאָקל פֿונעם קאָפּ.

— הייסט עס, אַז איר האָט געקענט דאָס דאָזיקע מיידל? עפּשער געדענקט איר עפּעס וועגן איר?

— איך קאָן בלויז זאָגן, — האָט געענטפערט די אַלמאָנע פונעם העלד, — אַז זי האָט אונדז באַזוכט זייער אָפט. צומאָל איינע אַליין, און אַנדערס מאָל מיט צוויי־דרײַ מיידלעך. זיי פלעגן ברענגען פעקלעך, פאַרשיידענע זעקלעך. מײַן מאַן האָט זיי אַלץ אינסטרוקטירט: „מיידלעך, — האָט ער געזאָגט, — באַהאַלט גאָרניט דאָרט, ווו איר לעבט...‟ וואָס געדענק איך וועגן איר? אַ בלאָנדע, אַ שיין מיידעלע, זייער אַן ענערגישע, אַ לעבנסלוסטיקע. קעסיי־דער גערעדט מיט מײַן מאַן, געענטפערט, געפרעגט.

— און איר נאָמען? דער נאָמען?

— מײַן מאַן האָט זי גערופן מאַריע.

— איר פלאָנטערט ניט? עפשער אַניע? — האָט ניט ווילנדיק זיך אַרויסגעריסן די פראַגע.

— מײַן מאַן האָט זי גערופן מאַריע.

— און בײַ דער פאַמיליע האָט ער זי ניט גערופן?

— ניין, פאַרשטייט זיך. זיי האָבן אַלץ אויסבאַהאַלטן. צומאָל האָב איך זיך אינטערע־סירט, ווער עס איז בײַ אונדז געווען און צו וועמען קלײַבט מען זיך גיין, אָבער קיריל אי־וואַנאָוויטש פלעגט בלויז זאָגן: „דו פרעג ניט, וועסטו ווייניקער וויסן. דאָס איז בעסער. דו פאַרמאָגסט פיר קליינע קינדער‟.

— און איר געדענקט ניט, ווען מאַריע איז געקומען צו אײַך דאָס ערשטע מאָל?

— דאָס איז געווען אומגעפער אין אויגוסט כּוידעש, — האָט ניט אויף לאַנג זיך פאַר־טראַכט טרוסאָווא. — איך האָב נאָך דעמלט געפרעגט בײַם מאַן: „וואָס זײַנען עס פאַר אַ מיידלעך? זע, זיי זײַנען יונגע, זיי קאָנען דיך נאָך אונטערפירן...‟ האָט ער געענטפערט: „קוק ניט, וואָס זיי זײַנען יונגע. זיי זײַנען קאָמיוגיסטקעס און פאַטריאָטקעס‟. און ביכלאַל, — האָט אומגעריכט געזאָגט אַלעקסאַנדרע וולאַדימיראָוונאַ, — וואָלט איר געדאַרפט אַ שמועס טאָן מיט מײַן טאָכטער. זי איז שוין דעמלט געווען ניט קיין קליינינקע — ס׳איז איר געגאַנגען דאָס פופצנטע יאָר. זי האָט שטאַרק זיך געכאַוועט מיטן טאַטן. און זי לעבט, אַגעוו, אין אונדזער פריערדיק הויז...

ניט טראַכטנדיק אַפילו אַ רעגע, פאָרן מיר צוזאַמען מיט אַלעקסאַנדרע וולאַדימיראָוו־נען צום הויז, ווו ס׳איז פאָרגעקומען דאָס, וואָס זי האָט אונדז נאָרוואָס דערציילט. אַלטע הײַזער, ווי מענטשן, היטן אײַן אין זיך דערמאָנונגען. דאָרט איז פאַראַן אַ בוידעם, ווו אַלעק־סאַנדרע וולאַדימיראָוונאַ האָט, שוין נאָכן אַרעסט פון איר מאַן, אָפגעזוכט דעם ראַדיאָ־אויפ־נעמער, לעבן וועלכן ס׳האָבן זיך פאַרזאַמלט די אונטערערדלער, פאַרשריבן און נאָכדעם איבערגעגעבן די מינסקער אײַנוווינער דעם עמעס וועגן דער לאַגע אינעם לאַנד און אויפן פראָנט. דאָרט היטן אויף די ווענט אַלטע פאָרטרעטן, דעם גײַסט פונעם אַלטן שטייגער. עס פילט זיך נאָך דער רייעך פונעם אַרבעטער־קאָמבינעזאָן, וועלכן ס׳האָט געטראָגן דער באַ־לעבאָס פונעם הויז. דאָרט איז דאָ אַ טיר, אין וועלכער ס׳איז עפשער אַרײַנגעגאַנגען, אַ קלאַפּ טוענדיק דעם באַדינגלעכן צייכן, אויך אונדזער אומבאַוווּסטע.

„פראַוואָדנאַיאַ, 23‟ — טיילט מיט דאָס שילדל אויפן ראַנד פון ניט קיין הויכער איינ־שטאָקיקער געבײַדע. דרײַ פענצטער אין צענטער — דאָס איז די דירע, וועלכע די טרוסאָווס האָבן באַקומען אין 1930. אַנטקעגן אָט דער שטוב — אַן אַנדערע, פונקט אַזאַ ניט קיין הויכע, אַן איינשטאָקיקע, מיט אַ מעמאָריאַל־טאָוול בײַם אַרײַנגאַנג, וואָס דערקלערט, אַז דאָ האָט אין 1941 געוווינט דער סעקרעטאַר פונעם אונטערערדישן פאַרטיי־קאָמיטעט, דער העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד איסײַ פאָוולאָוויטש קאַזינעץ.

די פענצטער פון די ביידע הײַזער קוקן דורכן וועג איינער אויף דעם אַנדערן. איצט זײַנען זיי קלאָרע, אויסגעוואַשענע, בלישטשענדיקע, מיט ווײַסע פאָרהענגלעך, מיט בלומען אויף די בײַשטידלעך. דעמלט זײַנען זיי געווען פינצטערע, מיט אָנגעקלעפטע אויף זיי צעקרייצ־טע סטענגעס פאַפיר, פאַרהאַנגענע מיט עפּעס טונקלס.

צי האָבן דעמלט די אײַנוווינער פון די דאָזיקע הײַזער געקענט איינע די אַנדערע? קיינער וועט ניט ענטפערן אויף אָט דער פראַגע. און דער טאָך איז דאָ אין עפּעס אַנדערש. אין דעם, אַז יעדער הויז אין מינסק האָט שוין פון די סאַמע ערשטע טעג, וואָכן, כאָדאָשים פון דער אָקופּאַציע געטראָגן אין זיך דעם שענדלעכן סאָף פאַר די פאַשיסטישע אָקופּאַנטן. אין די הײַזער, וואָס זײַנען נאָענט צו דער סטאַנציע און ווו ס׳האָבן געוווינט אײַזנבאַנלער, זײַנען פאַנאַנדערגעאַרבעט געוואָרן פלענער פון דיווערסיעס און אויפרײַסן אויף די וועגן. די דיווערסיעס און די אויפרײַסן האָבן זיך אָנגעהויבן שוין אין יול כּוידעש. אין איינעקע דירעס און צימערן, וועלכע האָבן געהערט צו די פעדאַגאָגן און סטודענטן פונעם יורידישן אינסטיטוט, האָט מען אויפגענומען די ידיעות פון סאָווינפאָרמבוראָ, אָפּגעדרוקט זיי אויף שרײַב־מאַשינ־

קעס, איבערגעשריבן מיט דער האַנט, און נאָכדעם האָבן די סוואָדקעס זיך באַוויזן אָט אין איין טייל, אָט אין אַ צווייטן טייל פֿון דער שטאָט.

אין די הײַזער פֿון די דאָקטוירים האָט מען געזאַמלט מעדיקאַמענטן, קעדיי הײלן די קינדער אין די געטאָס, די פּאַרוואונדעטע שלאַכטלײַט, וועלכע מאַטערן זיך אין די פֿאַשיסטישע לאַגערן-לאַזאַרעטן. ערגעץ אין די האַלב-כאַרעווע הײַזער און קעלערס זײַנען פֿאָרגעקומען די ערשטע באַגעגענישן צווישן די פֿאַרבינדלער פֿון די פּאַרטיזאַנער און די אונטערערדלער. ס'האָבן זיך שוין אָנגעהויבן באַווײַזן בלעטלעך פֿון דער אונטערערדישער צײַטונג „וועסטניק ראָדינע".

די פּאַרפּאַסער פֿונעם גענעראַל-פּלאַן „אָסט" וועגן קאָלאָניזירן די אָקופּירטע באַדנס האָבן געהאַט אַ גרויסן טאָעס, ווען זיי האָבן קאָנסטאַטירט: „מע דאַרף אַרויסגיין דערפֿון, אַז די ווײַסרוסן זײַנען אַמערסטן גוטווייליקע און דעריבער דאָס סאַמע געפֿערלאַזע פֿאַר אונדז פֿאָלק פֿון אַלע פֿעלקער פֿון די מיזרעכדיקע געגנטן..." צום סאָף פֿונעם ערשטן יאָר פֿון דער מילכאָמע זײַנען אין מינסק געשאַפֿן געוואָרן 12 פּאַרטיי-רינגען און 6 קאָמיוגישע גרופּעס, ס'האָבן געקעמפֿט און פֿונקציאָנירט הונדערטער אונטערערדלער. זיי אַלע האָבן געוווּסט, אַז יעדער טאָג קאָן ווערן פֿאַר זיי דער לעצטער.

— אַרעסטירט האָט מען קיריל איוואַנאָוויטשן ניט אינדערהיים, נאָר אויפֿן זאַוואָד. — אַלעקסאַנדרע וולאַדימיראָוונאַ האָט פּונקט ווי ניט איבערגעריסן די דערינערונגען. — דאָס איז געשען דעם 14 אָקטיאַבער.

— און עסנוואַרג אין טפּיסע האָב איך געטראָגן, — כאַפּט אונטער אַנע קיריליאָוונאַ, די טאָכטער פֿונעם העלד, — אָבער דאָס עסנוואַרג איז צו אים ניט דערגאַנגען. דאָס האָט איינמאָל מיטגעטיילט אַליין דער טאַטע אין אַ קורץ צעטעלע. דאָס צעטעלע האָט אונדז איבערגעגעבן אַ טפּיסע-אויפֿזעער. דער טאַטע האָט געבעטן, מיר זאָלן אים צושיקן דעם מאַנטל, ווײַל ער ליגט אויף דער נאַסער צעמענט-פּאָדלאָגע. און אין יענעם זונטיק, דעם 26 אָקטיאַבער, האָב איך זיך צום טאַטן ניט געקליבן. איך בין געגאַנגען נאָך וואַסער, און די שכײנע זאָגט מיר: „דו האָסט געהערט, אין שטאָט האָט מען אויפֿגעהאַנגען מענטשן!" כ'האָב גלײַך זיך צוגעײַלט אַהיים, דערציילט אַלץ דער מאַמען. זי האָט געזאָגט: „נעם גיכער דאָס פּעקל און לויף צו דער טורמע".

איך בין געקומען, געוואַרט — דאָס פּעקל נעמט מען ניט. איך שטיי און טראַכט, — כ'וועל גיין אַ זוך טאָן, עפּשער איז צווישן יענע (דאָס שרעקלעכע וואָרט האָב איך מוירע געהאַט אַרויסזאָגן) פֿאַראַן אויך מײַן טאַטע.

די ערשטע האָב איך דערזען יענע, וואָס אין פּאַרק, נאָכדעם — אין צענטראַלן סקווער, אַנטקעגן דעם אָפּיצערן-הויז. נאָכדעם — אויפֿן פּלאַץ. אויך איצט דערמאָן איך זיך אַלץ מיט שוידער, און, שטעלט זיך פֿאָר, אַז דעמאָלט בין איך אַלט געווען 14 יאָר! אָבער עפּעס אַ פֿונק פֿון האָפֿענונג האָב איך געהאַט, עפּשער וועט מיטן טאַטן אַלץ אַראָפּ גלאַטיק.

כ'האָב שוין געוואָלט זיך אומקערן אַהיים, נאָר זיך דערמאָנט, אַז די פֿרויען האָבן גערעדט וועגן דעם הייוון-זאַוואָד. כ'בין אַוועק זוכן, ווו עס געפֿינט זיך דער הייוון-זאַוואָד, געפֿרעגט בא פֿאַרבײַגייער. און פֿאַרבײַגייער זײַנען געווען אַלץ ווייניקער און ווייניקער. ס'איז שוין פֿינצטערלעך, איך ציטער פֿון קעלט, אָבער איך גיי. און אָט, נאָך פֿונדערווײַטנס האָט אַ שעמעריר געטאָן אַ געקעסטלט העמדל — דער טאַטע האָט געטראָגן אַזאַ העמדל! איך האָב זיך אַ לאָז געטאָן אָן אָן אָטעם פֿאָרויס און בין פֿאַרשטיינערט געוואָרן. כ'האָב ניט געקאָנט זיך רירן פֿונעם אָרט. דער וואַכמאַן האָט מיך אַ שטויס געטאָן מיטן אַוטאָמאַט. איך בין אַריבער אויף דער צווייטער זײַט און ווידער זיך אָפּגעשטעלט. אַלץ איז בא מיר אינווייניק פֿאַרשטיינט געוואָרן.

דער מאַמען האָב איך גאָרנישט ניט געזאָגט. און קאַיאַר, ווען ס'איז נאָך געווען פֿינצטער, בין איך ווידער אַוועק אַהין. אויפֿן דריטן טאָג — אויך. אַוונט-צו, אַזייגער פֿיר, ס'האָט שוין געדעמערט ווי האַרבסט-צײַט, איז צוגעפֿאָרן צו די טליעס אַ מאַשין. מע האָט זיי אַרײַנגעוואָרפֿן אין קוזאָוו. כ'האָב זיך ניט געקאָנט רירן פֿון אָרט. און ווען אין דער מאַשין האָט אָנגעהויבן רוישן דער מאָטאָר, האָט זיך בא מיר אינווייניק ווי אַלץ איבערגעריסן. ניט טראַכטנדיק וואָס איך טו, האָב איך זיך אַ וואָרף געטאָן צו דער מאַשין. איך לויף נאָך איר, די ערד איז אַ געפֿרוירענע. בערגלעך, שטיינער, עס סטאַרטשען אויסגעדרייטע רעלסן, כ'האָב זיך פֿאַר עפּעס פֿאַרטשעפּעט און בין געפֿאַלן אויפֿן ברוק. צעקלאַפּט די קני, די הענט. אויפֿהייבן קאָן איך זיך ניט. עפּעס אַ פֿרוי איז צוגעגאַנגען, אַרומגענומען מיך, אַוועקגעפֿירט צום גאַס-ראַנד.

אינאָוונט האָב איך געזאָגט דער מאַמען, אַז דער טאַטע איז שוין ניטאָ...

אַט אַזוי, וואָרט אין וואָרט, האָט פאַרשריבן אַט די שרעקלעכע דערציילונג דער שוויַיגנדיקער איידעס פון אַלע אונדזערע באַגעגענישן — דער מאַגניטאָפאָן. און בלויז אויסהערנדיק נאָכאַמאָל די טאַשמע, האָבן מיר באַמערקט, אַז אינעם פאַרשריבענעם רײַסט זיך אַרײַן עפּעס אַ ריטמישער קלאַפּ. דאָס האָט געטיקעט דער זייגער, וואָס שטייט דערנעבן. הערנדיק אָנע קירילאָוונעס דערציילונג, האָבן מיר ניט באַמערקט אַט דעם קלאַנג, און דאָ האָט ער געקלונגען אַזוי קלאָר, אַזוי בוילעט, ווי אַ גלאָק.

עס גייט די צײַט. אופגעהויבן האָט זיך פון די כורוועס די פּרעכטיקע שטאָט מינסק. איז עפּשער שוין צײַט באַרויִקן אויך דעם זיקאָרן? עפּשער דאַרף מען ניט באַומרויִקן מענטשן, ניט אומקערן זיי צו דער טרויעריקער פאַרגאַנגענהײַט, בלויז קעדיי זיך דערוויסן, וויאַזוי מע האָט גערופן דאָס מיידעלע, וועלכע איז פאַרייביקט אויף די טראַגישע פאָטאָבילדער? איר טאַט וועט אַרײַנגיין אינעם גרויסן קאָלעקטיוון העלדנטאַט — אין אונדזער זיג. איז דען ניט אַלצײַנס, וויאַזוי מע האָט זי גערופן: אַניע אָדער מאַריע... די גערעכטיקײַט פאָדערט אָבער אָפּצוגעבן די גאַנצע מאָס פון דאַנקבאַרקײַט יעדן איינעם. פּונקט אַזוי, ווי ס'איז ניטאָ קיין פּרײַז פאַר אַט דעם העלדנטאַט, אַזוי איז אויך ניטאָ קיין מאָס, מיט וועלכער מע וואָלט אים געקאָנט אויסמעסטן. מיט וואָס זשע פאַר אַ מאָס צוגיין צו אים? מיט אונדזער פּייִקײַט אײַנצוהיטן יעדן נאָמען און יעדנס גורל אין זיקאָרן פון די דורעס. אָפּגעבן די געפאַלענע דאָס, וואָס זיי זײַנען ווערט — אומשטערבלעכקײַט.

איז פונדעסטוועגן, ווער איז זי? אַניע אָדער מאַריע?

ב

— איר נאָמען איז מאַשע! איר פאָטאָגראַפיע האָב איך געזען אין מוזיי און געזאָגט דעם עקסקורסיע-פירער, אַז דאָס מיידעלע האָב איך גוט געקענט...

מיר הערן און גלייבן ניט אונדזערע אויערן. צי דען וועט איצט אויסגעקלאָרט ווערן דאָס, וואָס איז אַזויפיל יאָרן געבליבן אַ סאָד? אונדזער נײַע מיטשמועסערן — סאָפיע אַנדרייעוונאַ דאַווידאָוויטש, אַ קאָמוניסט פון 1929 יאָר, אַ מיטגליד פונעם ראַט פון וועטעראַנען פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע, — דערציילט:

— ביז דעם לעצטן פרידלעכן טאָג האָב איך געאַרבעט אין דער רעפּובליקאַנישער פאַרוואַלטונג פון בוך-האַנדל. אין צימער, באַנאַנד מיט מײַן טיש, איז געשטאַנען אַ טיש, בײַ וועלכן ס'איז געזעסן ליוסיע בוגאַקאָווא, מאַשעס מוטער. דאָס מיידעלע פלעג צו אונדז צומאָל אַרײַנלויפן. און באַפרײַנדעט האָבן מיר זיך מיט איר אָפּגעמען שוין בײַס דער מילכאָמע...

זיי זײַנען געקומען צו סאָפיע אַנדרייעוונען אין די סאַמע ערשטע טעג פון דער אָקופּאַציע. סאָפיע אַנדרייעוונאַ האָט ליב געהאַט צו זען זיי צוזאַמען. ליוסיע, וועלכע האָט אויסגעזען גאַנץ יונג, און די הויכע, שטאַלטנע, ניט לויט די יאָרן באַדאַכטע מאַשע זײַנען מער ענלעך געווען אויף כאַווערטעס, אַ סאַך געשפּאַסט, געלאַכט פונעם גאַנצן האַרצן און אָנגעשטעקט מיט אַ געהויבענער, גוטער שטימונג אַנדערע. איצט, ווען די דײַטשן זײַנען אַרײַן אין שטאָט, זײַנען זיי ביידע געדריקט, נידערגעשלאָגן.

סאָפיע אַנדרייעוונאַ האָט פאַנאַנדערגעקליבן אירע פּאַפּירן, בריוו, פאָטאָגראַפיעס. עפּעס האָט מען געדאַרפט פאַרניכטן, עפּעס אומבאַדינגט פאַרהיטן. זי האָט באַוויזן מאַשען ניקאָלײַ אָסטראָווסקיס ביכער מיט זײַנע געשאַנק-אויפשריפטן. זי האָט אַקוראַט צונויפגעוויקלט, קעדיי גרינטלעך פאַרפּאַקעווען — אומבאַדינגט פאַרהיטן! — דעם שרײַבערס בריוו, דעם קסאַוויאַד פון זײַן בוך „אין שטורעם געבוירענע". מאַשע האָט, פאַרשטייט זיך, געלייענט דעם בוך, אָבער דעם קסאַוויאַד! באַמערקונגען אויף די זײַטלעך, וועלכע זײַנען געמאַכט געוואָרן מיט די הענט פונעם לעגענדאַרן מענטשן. דאָס מיידעלע האָט ניט געוווּסט, אַז די מומע סאָניע, די לאַנגיאָריקע באַקאַנטע פון איר מאַמען, האָט, אַלס רעדאַקטאָר פונעם סעקטאָר פאַר יוגנטלעכער און קינדערשער ליטעראַטור פונעם מעלוכע-פאַרלאַג פון ווײַסרוסלאַנד, זיך איבערגעשריבן מיט ניקאָלײַ אָסטראָווסקין, געגרייט די ערשטע אויסגאַבעס פון „אין שטורעם געבוירענע" אויף דער ווײַסרוסישער שפּראַך!

אין די פענצטער פונעם ניט גרויסן צימער, וווּ ס'איז געגאַנגען אַ שטילער, ניט געוויינלעכער פאַר יענע טעג געשפּרעך, האָט זיך אַרײַנגעריסן אַ גערודער פון מאָטאָציקלען, ס'האָבן

זיך געהערט שטיקלעך פראזעס פון פארהאסטע פרעמדע לידער, ווײַטע געשרײען און שאָסן.
אַלץ, וואָס דאָס דאָזיקע מיידל האָט דערזען, אַלץ, וואָס זי האָט אין אָט דעם טאָג געהערט,
האָט ארויסגערופן בא איר ניט סטאם אן אינטערעס, ניט סטאם קאָוועד, נאָר אויך א בא-
זונדערן צוטרוי צו אָט דעם מענטשן.

— ס׳איז פארבײַ א ביסל מער פון א כוידעש. מאשע איז ווידער געקומען צו מיר, —
דערמאָנט זיך סאָפיע אנדרייעוונא. — זי איז זייער אויסגעוואקסן, אפילע אויסערלעך. געוועזן
רייק. גערעדט זיכער. פון ליוסיען האָב איך זיך דערוווּסט, אז איר טאַכטער האָט זיך אײַנ-
געאָרדנט אף ארבעט אין האָספּיטאל פאר קריגסגעפאנגענע, דעריבער האָב איך זיך ניט
געכידעשט, ווען מאשע האָט געפרעגט: „מומע סאָניע, צי פארמאָגט איר ניט וועלכע-ניט-איז
רעפּועס? עפּשער מארגאנצאָווקע? אינעם האָספּיטאל איז גאָרנישט ניטאָ. די ווונדן בא די
שלאכטלײַט פּוילן, און דורכשווענקען זיי איז ניטאָ מיט וואָס״. כ׳האָב איר צוגעזאָגט קריגן
רעפּועס, און געקראָגן.

א צווייט מאָל האָט זי געפרעגט: „צי איז מעגלעך ערגעץ-ווו געפינען מאנצבלשע
קליידער? אַלץ, וואָס מע קאָן: רעקלעך, הויזן, העמדלעך?״ איך האָב גאנץ גוט פארשטאנען,
אז אויך דאָס דארף זי פאר דעם האָספּיטאל. זינט דעמלט פלעג זי קעסיידער ארײַנקומען
צו מיר. הויפּטזאכלעך אינדערפרי. און יעדעס מאָל איז צו איר קומען עפּעס-וואָס געווען
צוגעגרייט בא מיר. מיר האָבן אקוראט און קאָמפּאקט פארוויקלט די קליידער אין פּעקלעך
אָדער אין שמאטקעס, און דאָס אַלץ האָט זי אוועקגעטראָגן מיט זיך.

(בא די דאָזיקע ווערטער האָבן מיר מיטאמאָל זיך דערמאָנט אין די דערציילונגען פון
טרוסאָווס ווײַב און טאָכטער וועגן די זעקעלעך און פּעקלעך, וועלכע די מיידלעך, צווישן
זיי מאריע, פלעגן ברענגען).

— מאשע פלעגט נאָך ערגעץ ארויסבאקומען די יעדיִעס פון סאָווינפאָרמביוראָ, —
האָט פאָרגעזעצט סאָפיע אנדרייעוונא, — זי האָט זיי ערגעץ אויסגעהערט, אָדער געלייענט
בא עמעצן, ווער עס האָט זיי אראָפּגעשריבן. יאָ, זי האָט געהאט א פארבינדונג אין א גע-
היים אָרט...

(אויך וועגן דעם ראדיִאָ-אופנעמער האָבן גערעדט די טרוסאָווס, אָט יענעם, וועלכער
איז געווען בא זיי אפּן בוידעם...).

— צומאָל פלעג איך אַליין בא איר פרעגן: „וואָס הערט זיך?״, פלעג זי מיט פארדראָס
א קנייטש טאָן מיט די אקסלען: „ניט באקומען. ס׳האָט זיך ניט אײַנגעגעבן״.

„נו, איז פארגעדענק״, — האָב איך איינמאָל געזאָגט מאשען און עטוואָס אַליין איר
דערציילט. בא דעם מיידל האָבן זיך צעברענט די אויגן: „איר האָט געהערט מאָסקווע?״
די יעדיִעס פלעג מיר צומאָל איבערגעבן מײַן אלטער כאווער, מיט וועלכן כ׳האָב נאָך אין
די יאָרן פונעם ערשטן פינפיאָר געארבעט אינעם זעצער-צעך פון דער טיפּאָגראפיע „זוועזדא״
און זינט דעמלט און שפּעטער בין איך א לענגערע צײַט געווען מיט אים אין איין פארטיי-
אָרגאניזאציע.

דערציילן דאָס אַלץ מאשען האָב איך, נאטירלעך, ניט געקאָנט. בא איר האָב איך זיך
אָנגעפרעגט, וועמען זי גיט אָפּ די יעדיִעס, מיט וועמען זי פירט געשפּרעכן. „מענטשן טרעפן
זיך פארשיידענע״, — האָב איך זי געוואָרנט. מאשע האָט מיר געענטפערט, אז אין האָספּיטאל
איז פאראן איינער, ווײַזט אויס, אן אָפיצער, ווײַל זײַניקע פלעגן זיך ווענדן צו אים: „כאווער
קאָמאנדיר״. און אז ער האָט אויך געוואָרנט, זי זאָל זײַן פאָרזיכטיק. מאשע האָט אים גערופן
וואָלאָדיע, אָפּט דערמאָנט זײַן נאָמען אין די רייד: „וואָלאָדיע האָט געזאָגט״, „אָפּגעבן וואָ-
לאָדיען״.

כ׳האָב זי געבעטן, זי זאָל כאָטש צוליב קאָנספּיראציע ברענגען אהיים פונעם האָספּיטאל
עסנווארג. קימאט אַלע, וואָס האָבן דאָרט געארבעט, פלעגן זיך אומקערן מיט קעסעלעך.
מאשע האָט אף דעם געענטפערט שטרענג: „דאָרט איז אזוי אויך ניטאָ וואָס צו עסן, מענטשן
זײַנען הונגעריק. צוליב וואָס זשע וועל איך נאָך בא זיי אָפּנעמען און אוועקטראָגן״...

„כאָטשבי דערפאר, אז דײַנע שכיינים זאָל גאָרנישט ניט וווּנדערן, און זיי זאָלן וועגן
קיין זאך ניט פרעגן״. — „מיר איז אַלציינס, צי זיי פרעגן, אָדער ניט״, — האָט אקשאָנעסדיק
געענטפערט דאָס מיידל...

מיט יעדן מאשעס קומען זײַנען אירע באקאָשעס געוואָרן אַלץ קאָמפּליצירטער און קאָמ-
פּליצירטער. איינמאָל האָט זי שעמעוודיק, קימאט ניט האָפנדיק אף א פּאָזיטיוון ענטפער,
געפרעגט, צי סאָפיע אנדרייעוונא קאָן קריגן ערגעץ א פּאָטאָ-אפּאראט. די פרוי האָט זיך
אָנגעשטויסן, אז מאשען איז געוועזן ניט אזוי פּאַשעט זיך ווענדן מיט אזא באקאָשע. דאָס
אויסבאהאלטן א פּאָטאָ-אפּאראט, פּונקט ווי א ראדיִאָ-אופנעמער אָדער שרײַב-מאשינקע, האָט

מען געשטראָפט מיט צעשיסונג. זי האָט אויך זיך אָנגעשטויסן וועגן דעם, צוליב וואָס עס דאַרפֿן די דאָזיקע זאַך יענע מענטשן, מיט וועלכע דאָס מיידל איז געווען פֿאַרבונדן.

די לאָגיק איז דאָ געווען אַ פּאַשעטע. געפֿינען ציווילע קליידער אַף איבערטאָן דעם שלאַכטמאַן, אַרויספֿירן אים פֿונעם לאַזאַרעט — דאָס איז בלויז אַ האַלבע זאַך. קעדיי עקזיסטירן ווײַטער, האָבן זיך געפֿאָדערט דאָקומענטן, וועלכע מע דאַרף בײַ דער נײַער אָרדענונג באַווײַזן אַף יעדן טריט און שריט. אָבער פֿאַרן דאָקומענט מוז מען האָבן אַ פֿאָטאָ-קאַרטל. קעדיי צו מאַכן עס, פֿאָדערט זיך אַ פֿאָטאָ-אַפּאַראַט.

סאָפֿיע אַנדרייעװנאַ איז אָוועקגעפֿאָרן אין דאָרף צו אירע באַקאַנטע פּויערים. אין זייער שטאַל (די באַלעבאַטים האָבן וועגן דעם ניט געוווּסט) האָט זי פֿאַרגראָבן דאָקומענטן און אַ פֿאָטאָ-אַפּאַראַט „פֿעד", וועלכן זי האָט געקויפֿט פֿאַר דער מילכאָמע.

מאַשע האָט געפֿונען אַרבעט אויך פֿאַר דער מוטער, ליוסיע האָט געגרייט איבערבינדונגס-מאַטעריאַל. געקראָגן, ווי זי האָט נאָר געקאָנט, שטאָף, לײַלעכער, קישן-ציכלעך, אָנגעשניטן פֿון זיי שמאָלע פּאַסן און צונויפֿגעוויקלט — האָט זיך באַקומען עפּעס ענלעכס אַף בינטן. אין לאַזאַרעט איז ניט געווען, מיט וואָס איבערבינדן די ווונדן. די מוטער האָט גאָרנישט ניט געוווּסט און וועגן קיין זאַך זיך ניט אָנגעשטויסן, האַגאַם דער אומרו פֿאַר דער טאָכטער איז געוואַקסן מיט יעדן טאָג. וואָס ווײַטער, אַלץ שרעקלעכער און אומדערטרעגלעכער איז געוואָרן דאָס לעבן.

ס'האָט זי פֿאַרפֿאָלגט דער אומענדלעכער הארצרײַסנדיקער קלאַנג פֿון די שאָרכנדיקע טריט פֿון הונדערטער מענטשן, וועלכע שטראָמען פֿון גאַנץ מינסק צו די גאַסן קאָלכאָזנע, שאָרנע, קאָלעקטאָרנע, פּערעקאָפּסקע, ניזאָוואַיאַ, אַבוטקאָווע, צו דער נעמיגע-גאַס און צו די אַרומיקע געסלעך, וואָס זיי אַלע צוימען אַרום דאָס אָרט מיטן שוידערלעכן וואָרט „געטאָ". איבער דער גאַנצער שטאָט האָט מען אַרויסגעהאַנגען אַ באַפֿעל פֿונעם פֿעלד-קאָמענדאַנט:

„19 יולי 1941.

פֿון דעם מאָמענט, ווען ס'איז אַרויסגעגעבן געוואָרן די דאָזיקע פֿאַראָרדענונג, ווערט געשאַפֿן אין מינסק אַ ייִדישער ראַיאָן, וווּ עס וועלן וווינען בלויז ייִדן. אין משעך פֿון פֿינף מעסלעס, זינט עס איז פֿאַרעפֿנטלעכט די פֿאַראָרדענונג, איז די גאַנצע ייִדישע באַפֿעלקערונג פֿון דער שטאָט מינסק מעכויעוו זיך אַריבערציִען אינעם אויסגעטיילטן פֿאַר איר ראַיאָן פֿון דער שטאָט מינסק. פֿערזאָנען, וועלכע וועלן באַמערקט ווערן נאָך אָט דעם טערמין אויסערן ראַיאָן, וואָס איז פֿאַר זיי אויסגעטיילט אַלס וווין־אָרט, וועלן אַרעסטירט ווערן און מע וועט זיי אָמשטרענגסטן באַשטראָפֿן.

נאָך דעם, ווי ס'וועט זיך פֿאַרענדיקן די באַזעצונג, וועט דער גאַנצער קוואַרטאַל, וואָס איז אויסגעטיילט געוואָרן אַלס וווין־אָרט פֿון די ייִדן, איזאָלירט ווערן פֿונעם איבעריקן טייל פֿון דער שטאָט מיט אַ וואַנט. די וואַנט וועלן אופֿשטעלן אַליין די אײַנוווינער פֿונעם ייִדישן קוואַרטאַל, אויסנוצנדיק די שטיינער און ציגל פֿון די רויִנירטע הײַזער.

קאַטעגאָריש ווערט פֿאַרבאָטן די ייִדן, וועלכע זײַנען אײַנגעשלאָסן אין אַרבעט־קאָלאָנעס, זיך געפֿינען אויסער דעם אויסגעטיילטן פֿאַר זיי וווין־ראַיאָן. די דאָזיקע ייִדן קאָנען פֿאַרלאָזן זייער ראַיאָן בלויז אין באַשטאַנד פֿון אַן אַרבעט־קאָלאָנע און זיך געפֿינען אויסער די גרענעצן פֿון זייער ראַיאָן, בלויז קעדיי אויספֿילן די אַרבעט, וועלכע ס'האָט זיי געגעבן די מינסקער שטאָט־אופּראַווע. דאָס ניט אונטעראָרדענען זיך אָט דעם באַפֿעל ווערט באַשטראָפֿט מיט טויט.

די ייִדן ווערט דערלויבט אַרײַנצוגיין אינעם ייִדישן וווין־ראַיאָן און אַרויסגיין פֿון אים בלויז דורך צוויי דורכגענג, וועלכע געפֿינען זיך אַף דער אָפּאַנסקע און אָסטראָווסקי־גאַס. אַריבערקלעטערן איבער דער וואַנט, וואָס באַגרענעצט דעם ראַיאָן, איז פֿאַרבאָטן. די דײַטשישע וועכטער און דער געהילף־פּאָליציי זײַנען געגעבן אינסטרוקציעס צו שיסן אין יענע, וואָס וועלן זיך ניט אונטערוואַרפֿן דער דאָזיקער פֿאַראָרדענונג".

גלײַך נאָך דעם איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ באַפֿעל וועגן דער „געלער לאַטע". ס'איז אָנגעוויזן געוואָרן איר גרייס און דאָס אָרט, ווו זי דאַרף צוגענייט ווערן. „פֿאַר ניט אויספֿילן דעם באַפֿעל — טויט-שטראָף".

אַלע זײַנען פֿאַרפֿליכטעט אַרײַנטראָגן געלט אַף דער בויונג פֿון דער וואַנט אַרום דער געטאָ. מע איז מעכויעוו אָפּגעבן ווערטפֿולע זאַכן, זילבער, גאָלד, צירונג, קעדיי דעקן די הויצאָעס, וואָס זײַנען פֿאַרבונדן מיט דער איבערוואַנדערונג פֿון איין ראַיאָן אין אַ צווייטן. „פֿאַר ניט אויספֿילן דעם באַפֿעל — טויט-שטראָף".

קאַיאָר האָט פֿון די סאַמע ווײַטע עקן פֿון דער שטאָט — קאָמאַראָווקע, פּערעספּי, ליאַכאָווקע — זיך געצויגן אַ האַמוין מיט מאַנצבלען און פֿרויען, זקיינים און קינדער, אײַנגעבויגענע אינדרײַען אונטער דער לאַסט פֿון די פּעק. קיין וועגענער און פֿערד האָט מען ניט

„אַן עלטערער מאנצבל מיט א פּאָנעם פון א פארמאטערטן, אָבער ניט איינגעבראָכענעם מענטשן, א באָכער, קימאט א יינגל. צווישן זיי גייט א מיידל. איר הויך אופגעהויבענעם קאָפּ האָט ניט איינגעבויגן דאָס ברעטל מיט אן אופשריפט „מיר זיינען פארטיזאנער"...

„מיט אן אומגלייבלעכער זאכלעכקייט ווארפט ארוף אן עסעס־אָפיצער אפן האלדז פונעם מיידל דעם שטריק"...

געגעבן. אַלץ, וואָס מע האָט אפגיך באוויזן צונויפזאַמלען, — אין דער ערשטער ריי דאָס נייטיקסטע פאַר די קינדער — האָט מען געטראָגן אַף זיך.

אנטקעגן איז געגאַנגען דער צווייטער שטראָם — פון דער געטאָ, קעדיי זיך אָפּמערקן אין יודענראַט, און פון דאָרט, אונטער א וואַך, זיך פאַנאַנדערגיין איבער די ארבעטס-ערטער.

דאָס אַלץ איז געווען אומדערטרעגלעך. ליוסיע בוגאַקאָווא האָט פאַרשטאַנען, אַז מע טאָר ניט זיצן מיט פאַרלייגטע הענט, אָבער וואָס פאַר א שריט אונטערנעמען, וויאַזוי האַנדלען, האָט זי ניט געוווּסט. אין די ערשטע טעג פון דער מילכאָמע האָט מען איר פאַרגעלייגט פאַרלאָזן די שטאָט, — ס'איז געווען אַן אָרט אין דער מאַשין, מיט וועלכער ס'האָבן זיך עוואַקוירט אירע פריינט. אָבער זי האָט ניט געקאָנט טראַכטן וועגן איבערלאָזן די טאָכטער. אויך איצט האָט אַף קיין איין רגע זי ניט פאַרלאָזט דער אומרו און דער פאַכעד פאַר מאַשען.

מאַשע האָט געמאַכט העלער די האָר מיט וואַסערשטאָף-אָקסיד, און איצט איז זי בכלאַל ניט ענלעך געווען אַף א ייִדיש מיידעלע, געגאַנגען פריי איבער דער שטאָט. די וואַנט ארום דער געטאָ איז נאָך ניט אויסגעבויט געוואָרן. פון דער טעריטאָריע פונעם „ייִדישן ראַיאָן" זיינען נאָך ניט אריבערגעפאָרן די רוסישע, ווייסרוסישע, טאַטאַרישע געזינדן, און מאַשע האָט זיך געפילט „פריי". די מאַמע האָט זיך באַומרויִקט, וואָס איר טאָכטער האָט אַזאַ שטאַלצן און אומאָפּהענגיקן אויסזען. אין די אָוונטן פלעג זי ארויסגיין, קעדיי זי באַגעגענען, און איינמאָל איז זי שיר ניט אראָפּ פון זינען, דערזעענדיק מאַשען אונטער דער האַנט מיט עפּעס א באָכער אין א שינעל מיט א ווייַס בענדל פון א פּאָליציַי אַפן ארבל.

— בעלאָוו, — האָט מיט א שמייכל זיך פאָרגעשטעלט דער יונגערמאַן. — אַט גיב איך אייַך איבער די טאָכטער אין פולער אָרדענונג...

מאַשע האָט געפּרוּווט באַרויִקן די מוטער: „ערגער זיך ניט וועגן גאָרניט און טראַכט ניט וועגן קיין זאַך. ער איז ניט אַזאַ פּאָליציַי..."

אצינד קאָנען מיר בלויז זיך מעשאַער זיין, אַז בעלאָוו, וועגן וועלכן די באַומרויִקטע ליוסיע האָט אפן אַנדערן טאָג דערציילט סאָפיע אַנדרייעוונען, האָט אַף יעדן פאַל „סטראַכירט" דאָס מיידל, צו וועלכער ס'האָט קעסיידער געקאָנט זיך צוטשעפּען מיט פראַגן, מיט ברוטאַלישקייַט, אָדער ס'האָט געקאָנט בא איר קאָנטראָלירן די דאָקומענטן אַזאַ פּאָליציַי, וועלכער האָט, ראַטעווענדיק זיין לעבן, טריי געדינט דער נייער אָרדענונג.

אָבער לאָמיר בעסער הערן, וואָס סאָפיע אַנדרייעוונע דאַווידאָוויטש וועט דערציילן ווייטער:

— פּלוצעם איז מאַשע איינמאָל געקומען א פאַרצווייפלטע. איך ווענדע זיך צו איר: „וואָס האָט געטראָפן? מע האָט דיך ארויסגעטריבן פון דער ארבעט?" — „ניין, — ענטפערט זי, — ניט ארויסגעטריבן, אָבער וואַלאַדיע האָט געזאָגט, איך זאָל מער צו אים ניט קומען. און איך בין ניט געגאַנגען". — „פאַל ניט אראָפּ בא זיך, — האָב איך געזאָגט מאַשען. — עפשער קלייַבט ער זיך אַליין אוועקגיין און האָט מוירע, מע זאָל דיך שפּעטער ניט פּייַניקן מיט פאַרהערן, ניט באַשטראָפן?" — „עפשער... — איז מאַסקים געווען מאַשע. — איך פיל אָבער, אַז עפּעס איז דאָרט געשען, אָדער דאַרף געשען"...

איך האָב געייצעט מאַשען פאַרלאָזן די קוואַרטיר, וווּ זי האָט געוווינט. „כ'וועל איבעריידן מיט עמעצן פון מייַנע באַקאַנטע, וועסט זיך איינאָרדענען דערווייל בא זיי", — האָב איך פאָרגעשלאָגן. „ניין, מומע סאָניע, א דאַנק, — האָט מיך איבערגעשלאָגן דאָס מיידל. — אַט די קוואַרטיר מייַנע קען קיינער ניט, מע ווייסט אומעטום מיין אַלטן אדרעס — די קויבישעוו-גאַס. אויך מיין פאַמיליע איז דאָ ניט באַוווּסט. אינעם דורכלאָז-שיין איז בא מיר אריינגעשריבן — בוגאַקאָווא".

— און מאַשעס איז דען ניט בוגאַקאָווא? — האָט זיך בא מיר ניט ווילנדיק ארויסגעריסן.

— ניין, — האָט דערקלערט אונדזער מיטשמועסערן, — דאָס איז די מיידלשע פאַמיליע פון דער מוטער. און מאַשע האָט געטראָגן דעם פאָטערס פאַמיליע — ברוסקינע.

(הייסט עס, אַז מאַשעס פאַמיליע איז ברוסקינע. מאַשע ברוסקינע...).

— ס'איז דורכגעגאַנגען א וואָך צייַט אָדער א ביסל מער. אַנערעך נאָך דעם 10 אָקטיאַבער קומט צו לויפן ליוסיע מיט א געשריי: „מאַשען האָט מען ארעסטירט! זי איז אַליין שולדיק, אַליין!" כ'האָב גאָרניט געקאָנט פאַרשטיין. קוים זי באַרויִקט. ענדלעך, האָט פון איר געפּלאָנטערטער דערציילונג זיך עפּעס אויסגעקלאָרט...

...מאַשע איז געווען אינדערהיים, געזעסן אַף איר בעטל, וואָס איז געשטאַנען לעבן אָפענעם פענצטער. מיטאַמאָל האָט זי דערהערט, ווי עמעצנס א יונגע שטים האָט געפרעגט בא די קינדער, וועלכע האָבן זיך געשפּילט אין דרויסן: „מאַשע די בלאָנדע וווינט אין אייַער הויף?". „מאַשע די בלאָנדע" — אַזוי האָבן אירע פריינט זי גערופן אין לאַזאַרעט. מאַשע האָט

א קוק געטאָן דורכן פענצטער: „כעוורע, איר זוכט מיך? באַלד קום איך ארויס!". זי האָט אָנגעטאָן די שיכלעך, און איז ארויסגעגאַן אין דרויסן. די מאמע איז צו צום פענצטער. מאַשע איז שוין אונטן, באַגריסט זיך מיט די יאַטן. דערזעענדיק די מאַמע, האָט זי אויסגעשריגן: „די כעוורע זײַנען געקומען, איך וועל גיין מיט זיי. באַמרויִק זיך ניט, כ'וועל אינגיכן צוריקומען".

פאַר די קינדער אינעם הויף איז עס געווען אַ גאַנצע געשעעניש: ס'זײַנען געקומען צוויי באָכערים, און מאַשע איז מיט זיי אוועק. האָבן זיי זיך אַ לאָז געטאָן נאָך זיי. הינטער די טויערן פון דער געטאָ, אינמיטן דער גאַס, זײַנען געשטאַנען צוויי באַוואָפנטע פאַשיסטן. זיי זײַנען שוויַגנדיק צוגעגאַנגען פון ביידע זײַטן צום מיידל, און די נאַרוואָס ליבלעך-שמייכלענדיקע כעוורע האָבן ארויסגעקראָגן פון די קעשענעס פּאָליציי-בענדלעך מיט אַ צעפּלאָסטערטן אונטער אַ האַקנקרייץ אָדלער און זאַכלעך פאַרבונדן זיי איינער דעם אַנדערן אויף די אַרבל.

— די מוטער האָט אָנגעהויבן גיין טאָג נאָך טאָג צו דער טורמע. — דערציילט סאָפיע אַנדרייעוונאַ, — אָבער קיינער האָט מיט איר ריידן ניט געוואָלט. ענדלעך, האָט פאַר אַ גוטער מאַטאָנע זיך אײַנגעגעבן אײַנריידן איינעם אַ פּאָליציאַנט, וועלכער האָט גענומען אונדזער פּעקל און האָט אין אַ געוויסער צײַט ארום ארויסגעטראָגן אַ צעטעלע. אויף אַ שטיקל פּאַפּיר זײַנען עטלעכע שורעס געווען אָנגעצאַראַפּעט מיט אַ בלײַער. מיר האָבן מיט ליוסיען פיל מאָל עס איבערגעליי ענט. דערײבער האָב איך טאַקע פאַרגעדענקט, עפשער ניט וואָרט באַ וואָרט, נאָר דעם אינהאַלט. טײַערע מאַמעניו! מער פון אַלץ מאַטערט מיך דער געדאַנק, וואָס כ'האָב דיר פאַרשאַפן אַ שטאַרקן אַגמעסנפעש. באַמרויִק זיך ניט, מיט מיר איז קיין שום שלעכטס ניט געשען. איך שווער דיר, אַז קיין אַנדערע אומאָנגענעמלעכקייטן וועסטו איבער מיר ניט האָבן. אויב דו קאָנסט, שיק מיר צו, ביטע, מײַן קלייד, דאָס גרינע קאָפּטל און די ווײַסע סאַנדאַלעטן. כ'וויל האָבן אַ גוטן אויסזען...

איבערגעליי ענט דאָס צעטעלע, האָט זיך באַ מיר אינוויייניק אַלץ אָפּגעריסן. עפּעס שרעקלעכס, האָט זיך מיר געדוכט, איז פאַראַן אין די ווערטער „מיט מיר איז קיין שום שלעכטס ניט געשען". וואָס באַטײַט עס? מע האָט זי געשלאָגן, און האָט ניט אויסגעהאַלטן אויף די פאַרהערן? כ'האָב געטריבן פון זיך די דאָזיקע געדאַנקען. אויך ליוסיען האָב איך זיך געסטאַרעט אײַנריידן, אַז אַלץ גייט נאָרמאַל, אינגיכן וועט מען מאַשען ארויסלאָזן. זי דאַרף וואַרעמע קליידער.

מיר האָבן אַלץ צוגעגרייט. ארײַנגעלייגט די האַרבסטיקע טופליעס, דאָס באַליבטע קלייד מאַשעס. ליוסיע האָט אָפּגעגעבן דעם פּאָליציאַנט איר האַנט-זייגערל — פאַר דעם האָט ער איר צוגעזאָגט איבערגעבן מאַשען דאָס פּעקל. ס'איז אַנערעך געווען דער 21 צי 22 אָקטיאַבער.

אין לעצטן זונטיק פון אָקטיאַבער כוידעש — דאָס איז געווען אויך דער לעצטער וואַרעמער און זוניקער טאָג — האָט מיך באַגעגנט אַ באַקאַנטע, וועלכע האָט מיך געזען אויף דער גאַס מיט מאַשען, און דערציילט: „איר ווייסט? הײַנט האָט מען ארויסגעפירט פון דער טפּיסע אַ גרופּע אַרעסטירטע, אין דער ערשטער ריי איז געווען אײַער בלאָנדע טאָכטער, אַ שיין מיידעלע..."

כ'האָב זיך אַ וואַרף געטאָן איבער דער שטאָט. געווען אויף דעם פרײַהײַט-פּלאַץ... אין פּאַרק... אין צענטראַלן סקווער... צו מאַשען האָב איך אין יענעם טאָג זיך ניט דערקליבן. כ'האָב אוועקגעיײַלט צו ליוסיען. זי האָט געוואָלט באַנאַכט לויפן אויף די שפּורן פון דער טאָכטער. די אײַנריידעניש, אַז „איצט איז די קאָמענדאַנטן-שאַ, מע וועט דיך פאַשעט דערשיסן", האָבן ניט געווירקט. אײַנהאַלטן זי איז אויסגעקומען מיט קויעך.

אינדערפרי האָט מען מיר געזאָגט, אַז מאַשע הענגט דאָרט, באַם הייוון-זאַוואָד. איך בין אוועק אויף דער וואָראַשילאָוו-גאַס...

און אָט גיי איך ארײַן צו ליוסיען. זי זיצט אויפן בעטל, קלײַבט איבער מאַשעס זאַכן: די קאָפּטלעך, די קליידלעך. נעמט אַראָפּ פון זיי יעדעס הערעלע.

זי האָט זיך ניט אַ ריר געטאָן פונעם אָרט, ניט אַנטלאָפן פון די דײַטשן. זי האָט זיך אויך ניט אויסבאַהאַלטן, ווען אין צוויי וואָכן ארום, דעם 7 נאָיאַבער, אין 24-טן יאָרטאָג פון דער אָקטיאַבער-רעוואָלוציע, האָבן די געטאָ ארומגערינגלט פון אַלע זײַטן פּאָליציאַנטן, עס זײַנען געקומען געסטאַפּאָ-טיילן און אָנגעהויבן ארויספירן מענטשן אויסער דער שטאָט, אַהין, ווו עס זײַנען פאַרגרייט געווען גריבער. בעמעשעך פונעם טאָג האָט מען ארויבערגעפירט 12 טויזנט מענטשן. ליוסיע איז געווען צווישן זיי, אָדער צווישן די, וועמען מע האָט דערשאָסן גופע אין געטאָ.

...קיין איין באַגעגעניש, קיין איין אײדעס האָבן ניט איבערגעלאָזט נאָך זיך אַזויפֿיל האָפֿענונגען אויף אַ דערפֿאָלגרײַכן סאָף פֿון דער זוכונג, ווי די דאָזיקע. מיר האָבן זיך אַ סאַך דערוווּסט וועגן דער אומבאַוווּסטער, אַפֿילו איר נאָמען און פֿאַמיליע. עס קאָן דאָך ניט זײַן, אַז סאָפֿיע אַנדרײיעוונא זאָל ניט דערקענען אויף דער פֿאָטאָגראַפֿיע דעם מענטשן, מיט וועלכן זי איז געווען אַזוי נאָענט.

סטעפּאַנידע יערמאָלײַעוונא האָט אָבער אויך ניט קיין טאָעס. נאָר זי האָט געזען די אומבאַוווּסטע אַזוי ווייניק, און דאַווידאָוויטש האָט זי געקענט פֿון קינדווײַז אָן.

און, לעסאָף, די טרוסאָווס — די מוטער און די טאָכטער. זיי זאָגן אויך, אַז דאָס מיידל האָט מען גערופֿן מאַריִע. מאַריע און מאַשע איז דאָך איין און דער זעלבער נאָמען.

און עפּשער קאָן זײַן, אַז זיי ריידן וועגן פֿאַרשיידענע מיידלעך, וועלכע זײַנען בלויז ענלעך אויף יענער, וואָס איז פֿאָטאָגראַפֿירט בײַם דער עקזעקוציע...

ווען מיר זײַנען געקומען צו פֿאָרן אַהיים, קיין מאָסקווע, האָבן מיר ווידעראַמאָל אַנאַ-ליזירט אַלע אונדזערע מאַטעריאַלן. מיר הערן אָפּסנײַ אויס אַלע מאַגניטאָפֿאָן-טאַשמעס און שטעלן זיך אָפּ אָט אויף וואָס פֿאַר אַ ווערטער סאָפֿיע אַנדרײיעוונעס:

— ווען איך האָב דערזען אין מוזיי די דאָזיקע פֿאָטאָגראַפֿיעס, האָב איך זיך גלײַך געווענדעט צו די מיטאַרבעטער און אויספֿירלעך זיי דערציילט וועגן מאַשען. איך האָב אָנ-גערופֿן איר נאָמען און פֿאַמיליע, אָבער מע האָט מיר געענטפֿערט, אַז דאָס, וואָס איך איינע אַליין ווייס עס, איז צו ווייניק. ס'דאַרפֿן זײַן נאָך באַווײַזן. ביפֿראַט, אַז אינעם ווײַסרוסישן אינסטיטוט פֿון דער פּאַרטיי-געשיכטע זײַנען קיין שום יעדיִעס וועגן דעם ניטאָ. מיר ווייסן אָבער, אַז די באַשטעטיקונגען פֿון אײדעס זײַנען ניט ווייניקער ווערטפֿול און וויכטיק, איידער די שורעס אין אַ פּראָטאָקאָל.

טויזנט מאָל זײַנען גערעכט אונדזערע קינדער אין די אָטריאַדן פֿון רויטע אויסשפּירער, ווען זיי גייען פֿון שטוב צו שטוב, קעדיי דערוויסן זיך בײַ לעבעדיקע מענטשן די פּראָטים פֿון ווײַט-ווײַטע געשעענישן און שטעלן אויף די נעמען פֿון אומבאַוווּסטע העלדן און מאַר-טירער. וויפֿל נעמען אַזעלכע זײַנען הײַנט שוין פֿאַרשריבן ניט מיט טינט אויף פּאַפּיר, נאָר מיט גאָלד און זילבער אויף אָבעליסקן, וועלכע שטעלן אָפּ די פֿאַרבײַגייער בײַ אַמאָל נאָמען-לאָזע מאַציייוועס!

אין דער מאָסקווער לענין-ביבליאָטעק האָבן מיר דורכגעקוקט די גאַנצע דאָקומענ-טאַלע ליטעראַטור, וועלכע איז פֿאַרבונדן מיט מינסק בײַם דער פֿאַשיסטישער אָקופּאַציע. אין איינעם פֿון די ביכער וועגן די העלדן פֿון דער אונטערערד האָבן מיר געפֿינען שורעס, וואָס האָבן אַן אומיטלבאַרע שײַכעס צו אונדזער זוכונג:

„די אונטערערדישע גרופּע פֿון קיריל איוואַנאָוויטש טרוס און אָלגע פּיאַדאַראָוונא שטשערבאַצעוויטש האָט באַוואָרנט, אַז אַ גרויסע גרופּע קריגסגעפֿאַנגענע קאָמאַנדירן פֿון דער רויטער אַרמיי איז אַנטלאָפֿן פֿונעם האָספּיטאַל, וועלכער האָט זיך געפֿונען אין דעם געוועזענעם פּאָליטעכנישן אינסטיטוט. די אונטערערדלער האָבן איבערגעגעבן אין האָספּיטאַל בלאַנקען פֿון פּאַספּאָרטן, אַ פֿאָטאָ-אַפּאַראַט און אַנדערע נויטווענדיקע מאַטעריאַלן, ווי אויך אַדרעסן פֿון קאָנספּיראַטיווע קוואַרטירעס אין דער שטאָט. אין די דאָזיקע קוואַרטירעס, בײַ די מישפּאָכעס פֿון אָלגע פּיאַדאַראָוונא שטשערבאַצעוויטש און פֿון איר שוועסטער נאַדעזש-דע יענושקעוויטש, האָט מען איבערגעטאָן די אַנטלאָפֿענע אין ציווילע קליידער. די מערהײַט קריגסגעפֿאַנגענע האָט מען אַריבערגעפֿירט צו די פּאַרטיזאַנער אָדער איבער דער פֿראָנט-ליניע. אייניקע זײַנען פֿאַרבליבן אויף פּאַרטיי-אַרבעט אין דער שטאָט".

יאָ, יענע מענטשן, מיט וועלכע מיר האָבן געשמועסט אין מינסק, האָבן דערציילט פּינקט דאָס זעלבע, וואָס איז אַזוי לאַקאָניש און פֿאַראַלגעמיינערט איבערגעגעבן געוואָרן אינעם ביכל פֿון די היסטאָריקער! און אַלע אונדזערע אײדעס פֿאַרבינדן מיט אָט דער גרופּע דאָס אומבאַוווּסטע מיידל. צי זײַנען זיי גערעכט? קיין דאָקומענטן זײַנען ניט פֿאַראַן. די אונטערערדלער זײַנען אומגעבראַכט געוואָרן. אָבער עפּשער לעבט עמעצער, ווען זיי האָבן געראַטעוועט, וועמען זיי האָבן אַרויסגעפֿירט פֿונעם לאַזאַרעט?

מיר זײַנען ווידער אין מינסק. ווידער איז אײַנגעשלאָסן דער מאַגניטאָפֿאָן. און לעבן אונדז זיצט איוואַן ניקיטאָוויטש בלאַזשנאָוו, איצט דער שעף פֿון אַן אָפּטייל פֿונעם מינסקער זאַוואָד אויף וו. אי. לענינס נאָמען. בײַם דער מילכאָמע...

אַגעוו, ער ווייסט אַלץ דערציילן אַליין.

4

— ווען ס'האָט אויסגעבראָכן די מילכאָמע, האָב איך געדינט אַף דער גרענעץ, געווען דער געהילף פונעם שעף פון פּאָליט-אָפּטייל פון א קאָרפּוס לויט דער ליניע פונעם קאָמיוג. דעם 24 יוני, אזייגער 11 האָב איך באַקומען א באַפעל אָפּפירן אין שטאַב פון דער 10-ער אַרמיי א שלאַכט-ראַפּאָרט. אַפן וועג צוריק האָט מײַן גרופּע, אַרויספאָרנדיק מיט דער לאַסט-מאַשין אַפן שאָסיי וואָלקאָוויסק — ביאַליסטאָק, אומגעריכט זיך אָנגעשטויסן אַף די פאַשיסטן, וועלכע האָבן באַוויזן איבערשנײַדן דעם וועג. מיך האָט געטראָפן א קויל. ס'איז לאַנג צו דערציילן וועגן אַלע וואָגלענישן, ווען מיר האָבן געפּרוווט זיך דערקלײַבן צו אונדזערע. אָבער קורץ, איך בין געבליבן מיט צוויי שלאַכטלײַט פון אונדזער קאָמענדאַנטן-ווזוואָד. דעם 27 יוני האָבן מיר זיך דערקליבן קיין מינסק.

מײַנע כאַווייריםְ האָבן זיך דערוווּסט, אַז אין דער געבײַדע פונעם פּאָליטעכנישן אינסטיטוט געפינט זיך עפּעס א לאַזאַרעט, וווּהין מע קלײַבט צונויף פאַרווּנדעטע. זיי האָבן מיך געבראַכט אַהין. כ'האָב זיך געזעגנט מיט זיי און געזאָגט: „א דאַנק, גייט". איך ווייס ניט, צי זיי האָבן זיך דערקליבן צו אונדזערע, צי ניט. אין א שאָ-צוויי אַרום איז אין דער שטאָט אַרײַן דער סוינע.

די ערשטע טעג איז דער לאַזאַרעט געווען ווי א דורכגאַנג-הויף. עס פלעגן אָנקומען אַלץ מער און מער פאַרווּנדעטע. די פאַשיסטן האָבן זיך אָנגעשטויסן, אַז א גרויסער טייל פון די פאַרווּנדעטע זײַנען אָפּיצערן און געהאַפּט, אַז מיט דער צײַט וועלן זיי אַרויסבאַקומען וועלכע-ניט-איז יעדיִעס, דערנאָך אַרויספירן אונדז קיין דײַטשלאַנד.

זיי האָבן געשאַפן ניט קיין לאַזאַרעט, נאָר א לאַגער פאַר קריגסגעפאַנגענע. אינגיכן האָבן זיי אים אַנגעהויבן פאַרצוימען מיט שטעכלדראָט. אַף דער פרײַ האָט מען, נאַטירלעך, קיינעם ניט אַרויסגעלאָזט.

געקומען צו-זיך זײַנען מיר לאַנגזאַם. קיין מעדיקאַמענטן זײַנען ניט געווען. און עסנוואַרג... מע פלעגט אונדז געבן אין א וואָך צו 150—200 גראַם ברויט.

ווי א קראַנקן, וואָס האַלט באַם אויסהיילן זיך, האָט מען מיך איבערגעפירט אַפן צווייטן שטאָק, איך הייב זיך קוים-קוים אוף אַהין און דערזע עטלעכע באַקאַנטע: רודזיאַנקאָן, א רעזערוויסט, מיט וועלכן כ'האָב אין מעשעך פון צוויי יאָר געדינט צוזאַמען אין שטאַב פונעם קאָרפּוס, לעוויטן, וועלכער איז געווען דער געהילף פונעם שעף פון פּאָליט-אָפּטייל פון דער 13-ער דיוויזיע, ווי אויך דעם דאָקטער פּיסאַרענקאָ, דעם עלטערן מעדיצין-טוער פון אָט דעם לאַזאַרעט. טאַקע ער האָט איבערגעפירט אַלעמען, וועמען ער האָט געקענט — הויפּטזאַכלעך זײַנען דאָס געווען קאָמאַנדירן פון דער 13-ער דיוויזיע — אַפן צווייטן שטאָק.

צוויי יאַטן — גרעבעניקאָוון און איסטאָמינען (דער צווייטער איז, דאַכט זיך, געווען אַן אַוויאַטאָר) — האָט ער באַשטימט פאַר סאַניטאַרן. אַף די אַרבל האָבן זיי געהאַט בענד-לעך, אין קעשענע — דאָקומענטן, און זיי האָבן געקאָנט דרייסט גיין איבער דער שטאָט — קיינער האָט זיי ניט פאַרהאַלטן. זיי האָבן געבראַכט פון דער פרײַ פּאַסן-אַאוסווײַסן פאַר יעדן פון אונדז.

הייסט עס, מע קאָן אַוועקגיין. אָבער וויאַזוי? מיט וואָס פאַר א טערעץ? רודזיאַנקאָ האָט אויסגעשניטן פון גומי א שטעמפּל — ער איז אַף דעם געווען א מײַסטער, און צונויפ-געשטעלט א דאָקומענט, אַז מע פירט אונדז איבער אין דעם דריטן שטאָטישן שפּיטאָל. די ערשטע זײַנען אַוועק איך, זאַרין, לעוויט, רודזיאַנקאָ. געפירט האָבן אונדז די זעלבע איסטאָמין און גרעבעניקאָוו. אָבער געקומען זײַנען מיר ניט אינעם דריטן שפּיטאָל, נאָר צו אָלגע פּיאַדאַראָוונא שטשערבאַצעוויטש. ווער עס האָט זי געפונען, אַף וועלכן אויפן מע האָט זיך פאַרבונדן מיט איר — דאָס איז אונדז ניט געווען באַוווּסט....

איוואַן ניקיטאָוויטש האָט אָנגערופן אָלגע פּיאַדאַראָוונען. איצט איז פּונקט די צײַט צו שטעלן אים די פראַגע, וועלכע איז שוין געוואָרן א טראַדיציאָנעלע פאַר אַלע אונדזערע באַגעגענישן. מיר האָבן פאַנאַנדערגעלייגט פאַר בלאַזשנאָוון די פאָטאָגראַפיעס.

— איר געדענקט דאָס דאָזיקע מיידל? זי האָט געאַרבעט אַלס מעדשוועסטער בא אײַך אין לאַזאַרעט.

— ניין...

— וואָס הייסט, ניין? זי איז דאָך געווען פאַרבונדן מיט אָלגע פּיאַדאַראָוונען. און אָט אַף דער פאָטאָגראַפיע גייט באַנאַנד מיט איר אָלגע פּיאַדאַראָוונעס זון — וואָלאָדיע.

— וואַלאַדיען געדענק איך גוט. דאָס מיידל אָבער קען איך ניט. בא אונדז אפֿן צווייטן שטאָק זײַנען קיין פֿרויען בכלל ניט געווען, — האָט מיט זיכערקייט געענטפֿערט איוואַן ניקיטאָוויטש.

מיר האָבן זיך פּאַשעט פֿאַרלאָרן פֿון אַזאַ ענטפֿער. מיר האָבן דערלאָזט, אַז איוואַן ניקיטאָוויטש האָט פֿאַר אַזויפֿיל יאָרן געקאָנט פֿאַרגעסן דעם נאָמען פֿון דער מעדשוועסטער, בכלל ניט וויסן איר נאָמען און פֿאַמיליע. אָבער אַזוי קאַטעגאָריש זאָגן: „ניין“, „ניט געווען“...

— און דעם אָפּיצער וואַלאַדיע געדענקט איר? מע האָט אונדז דערציילט (מיר האָבן אין זינען געהאַט דאַווידאָוויטשעס דערינערונגען), אַז אין לאַזאַרעט איז געווען אַן אָפֿיצער וואָלאָדיע, פֿון וועלכן דאָס אומבאַוווּסטע מיידל האָט באַקומען פֿאַרגעבונגען. צי איז געווען צווישן אײַך אַ קאָמאַנדיר וואָלאָדיע? — האָבן מיר מיט האָפֿענונג איבערגעפֿרעגט.

— יאָ, געווען — איסטאָמין.

הייסט עס, איסטאָמינען האָט מען גערופֿן וואָלאָדיע. אָבער ווו איז די גאַראַנטיע, אַז דאָס איז דער זעלבער וואָלאָדיע? זוכן אַ באַשטעטיקונג דערפֿון האָט ניט קיין זין, ביפֿראַט, אַז איוואַן ניקיטאָוויטש לייקנט בכלל, אַז אויף זייער שטאָק זײַנען געווען פֿרויען.

אָבער איר געדענקט, ווי קאַמינסקאַיאַ האָט קאַטעגאָריש באַהויפּטעט, אַז דאָס מיידל אַניע, ווי זי האָט גערופֿן די אומבאַוווּסטע, וועלכע איז מיט איר צוזאַמען געזעסן אין טורמע, האָט געאַרבעט גראָד אין אָט דעם לאַזאַרעט פֿאַר קריגסגעפֿאַנגענע, וועלכער האָט זיך געפֿונען אין דער געבײַדע פֿונעם פּאָליטעכנישן אינסטיטוט. און דאַווידאָוויטש האָט דערציילט, אַז אין לאַזאַרעט האָבן געאַרבעט צוזאַמען מיט דער אומבאַוווּסטער, וועלכע זי רופֿט מאַשע, עטלעכע מיידלעך, ס׳קאָן זײַן, גאַנץ מעגלעך, אַז אַפֿן צווייטן שטאָק, אין דעם צימער, וווּהין פּיסאַרענקאָ האָט צונויפֿגעזאַמלט אַלע די, וואָס האָבן געדאַרפֿט אַוועקגיין, האָט ער פּאַשעט ניט אַרײַנגעלאָזט קיין זײַטיקע, ניט געוואָלט האָבן קיין איבעריקע איידעס. ניט צופֿעליק האָט ער דאָך באַשטימט פֿאַר סאַניטאַרן בלויז זײַניקע — גרעבעניקאָוון און איסטאָמינען.

עפּשער איז גראָד מיט וואָלאָדיע איסטאָמינען, וועלכן ס׳איז דערלויבט געווען פֿרײַ אַרומשפּאַצירן איבערן לאַזאַרעט און אויסער אים, געווען פֿאַרבונדן די אומבאַוווּסטע? גראָד וואָלאָדיע האָט, ווי דאַווידאָוויטש האָט דערציילט, געבעטן מאַשען קריגן אַ פֿאָטאָ-אַפּאַראַט, אָן וועלכן מע קאָן ניט מאַכן די דאָקומענטן. און איוואַן ניקיטאָוויטש געדענקט גאַנץ גוט, אַז די פּאַספּאָרטן פֿאַר דעם אַנטלויפֿן האָבן געבראַכט גרעבעניקאָוו און וואָלאָדיע איסטאָמין.

אונדזערע האַשאָרעס זײַנען מיסטאַמע לאָגישע. נאָר באַשטעטיקן זיי קאָן בלויז אַליין וואָלאָדיע איסטאָמין, אָדער גרעבעניקאָוו, אָדער פּיסאַרענקאָ.

אָבער ווו זײַנען זיי? וועלכער איז זייער גורל? דאָס ווייסן מיר ניט. עס ווייסט אויך ניט אונדזער מיטשפּרעכער איוואַן ניקיטאָוויטש בלאַזשנאָוו.

— איר האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם מאָמענט, ווען מע האָט אײַך געבראַכט אין ששערבאַצעוויטשעס הויז, — דערמאָנען מיר איוואַן ניקיטאָוויטשן.

— ריכטיק, — כאַפּט ער אונטער. — איך און זאָריץ (געווען זייער אַ קלוגער, סימפּאַטישער מענטש. דאַכט זיך, געאַרבעט ביז דער מלחמה אין גאָרקאָווער קאָנטקאָם פֿון די פּראָפֿפֿאַריינען) זײַנען פֿאַרבליבן בא אַלגע פּיאַדאָראָוונען אין צימער אויף דער קאָמוניסטישער גאַס. אַליין אַלגע מיטן זון האָבן געוווינט ערגעץ אַנדערש. זי פֿלעג אונדז בלויז באַזוכן. געבראַכט ברויט. איינמאָל האָט זי אַפֿילע געקראָגן צוקער.

לעוויטן און צוויי אומבאַקאַנטע סאָלידע מענטשן (זיי זײַנען, דאַכט זיך, געווען מאַיאָרן) האָט מען אײַנגעאָרדנט בא אַלגע פּיאַדאָראָוונעס שוועסטער, און איסטאָמינען מיט גרעבעניקאָוון — בא אַנע פּעטראָוונאַ מאַקייטשיק. איך כידעש זיך אויך איצט, ווי די דאָזיקע פֿרויען האָבן ניט מוירע געהאַט.

— שוין פֿון די ערשטע טעג האָבן מיר געשטעלט פֿאַר זיך אַן אויפֿגאַבע: זיך פֿאַרבונדן מיט די פּאַרטיזאַנער, — האָט פֿאַרגעזעצט איוואַן ניקיטאָוויטש נאָך אַ קליינער פּויזע.— אַ טעג פֿינף איז אַלגע פּיאַדאָראָוונע געגאַנגען זוכן אַ פֿאַרבינדונג און געקומען מיט גאָרניט. נאָכדעם איז געגאַנגען וואָלאָדיע, דער זון — אין עפּעס אַן אַנדער ראַיאָן. און ער איז אויך געקומען מיט גאָרניט. איך מיין, אַז מאַקייטשיק איז אויך געגאַנגען — זייער ענג איז זי געווען פֿאַרבונדן מיט אַלגע פּיאַדאָראָוונען, און דער ציל זייערער איז, פֿאַרשטייט זיך, געווען איינער און דער זעלבער. בקיצור, מיר האָבן די פּאַרטיזאַנער טאַקע ניט געפֿונען. ניט אַזוי פּאַשעט איז געווען זומער-צײַט 1941 צו געפֿינען די קלייניקע גרופּעס נעקאָמענער.

מיר האָבן באַשלאָסן אַריבערגיין די פראָנט-ליניע. ווידער ווייס איך ניט — און דאָס איז ניט אַזוי וויכטיק, — ווער ס'האָט געבראַכט אין אַ קעסטעלע אַ טאָפּאָגראַפישע מאַפּע, אויף וועלכער ס'איז באַוויזן דער מאַרשרוט פון דער באַוועגונג עטאַפּנווייז. אויף יעדן עטאַפּ האָט געדאַרפט וואַרטן אַ פאַרבינדלער, וועלכער וועט פירן ווייטער.

מיר האָבן זיך באַוועגט גרופּעסווייז — אויף אַ מעהאַלעך, בייס מע קאָן זען איינע די אַנדערע. דערגאַנגען ביז אַ קרייצוועג, ניט ווייט פונעם שטעטל דראַטשיקאָוואָ, פונונטן — אַ טייכל און אַ בריק, זעען מיר, אַז איבער דעם בריק שלעפּט זיך אַ וואָגן מיט היי אָדער שטרוי. אויף אים — באַוואָפנטע סאָלדאַטן. צוויי אונדזערע גרופּעס האָבן זיך פאַרנומען אויף רעכטס, און מיר — איסטאָמין, גרעבעניקאָוו, זאָרין און איך — זיינען געגאַנגען מיט אַ גלייכן וועג. לאַנג האָבן מיר געפּלאָנטערט און אויפן אַנדערן טאָג זיך אומגעקערט קיין מינסק צו דינען — אַזוי האָט מען גערופן נאַדעזשדע פיאָדאָראָוונא יענושקעוויטש, אָלגע פיאָדאָראָוונעס שוועסטער. צו אָוונט-צו האָט זיך אומגעקערט אָלגע פיאָדאָראָוונא און דערציילט דאָס, וואָס איך וועל איצט איבערדערציילן. דאָס זיינען ניט מיינע ווערטער, נאָר אָלגע פיאָדאָראָוונעס: „ווען איך האָב זיך דערקליבן אין דער טיף פון דראַטשיקאָוואָ — האָט זי געזאָגט, — האָב איך דערהערט אַ טומל, געשרייען. כ'האָב זיך אַרומגעקוקט און דערזען פּאָליציייען. זיי האָבן פאַרהאַלטן וואָלאָדיען און רודזיאַנקאָן. און דאָ פירט מען שוין לעוויטן און זיינע ביידע כאַווירים, מע באַזוכט זיי. מע געפינט בא זיי די טאָפּאָגראַפישע מאַפּע און אַ קאָמפּאַס. בא רודזיאַנקאָן — אַ נאַגאַן, וועלכן וואָלאָדיע האָט געקראָגן. לעוויטס גרופּע האָט מען דערשאָסן אויפן אָרט, און וואָלאָדיע מיט רודזיאַנקאָן פירט מען אַוועק אונטער אַ וואַך. מיך האָבן זיי ניט געזען — כ'האָב באַוויזן אַנטלויפן, זיך באַהאַלטן. קיין איין רעגע טאָרט איר דאָ מער ניט בלייבן", — האָט אָלגע פיאָדאָראָוונא פאַרענדיקט איר ניט פרייליכע דערציילונג.

סיי דעמאָלט און סיי אויך איצט, איבערכאַזערנדיק אָלגע פיאָדאָראָוונעס ווערטער, הער איך ניט אויף צו באַוואונדערן: אין איר דערציילונג זיינען געווען ווייטעק און אומרו וועגן דעם זון, און זי האָט פאַרשטאַנען, אַז אָט-אָט קאָן קומען די פּאָליציי אויך צו איר, אָבער ס'איז ניט געווען קיין אָנדייט אויף כאַראָטע פאַרן שריט, וועלכן זי האָט אונטערגענומען צוליב אונדז. זי האָט אַלץ געטאָן באַוווּסטזיניק. זי האָט ניט געוויינט, ניט אַריינגעפאַלן אין פאַרצווייפלונג. אַ וווּנדערבאַר שטאַרקער מענטש געווען!

אין דעם זעלבן טאָג האָט אָלגע פיאָדאָראָוונא אַריבערגעוואָרפן פיר „קוואַרטיראַנטן" צו אירע באַקאַנטע זאַראָווסקאַיאַ-פּעטוכאָווסקאַיאַ און מאַקייטשיק, וועלכע האָבן געוווינט, ווי בלאַזשנאָוו געדענקט, ניט ווייט איינע פון דער אַנדערער, אָדער אַפילע אין איין הויז. אַלנפאַלס, בייס דער אונטערזוכונג זיינען ביידע פרויען געווען צוזאַמען. ער איז אַרויסגעשפּרונגען אויף דער גאַס, אָבער גלייך אַריינגעפאַלן צו די פּאָליצייען. זאַראָווסקאַיאַ האָט בליץ-שנעל — ס'איז שווער אַפילע צו באַנעמען, וויאַזוי דאָס איז געשען, — אַ שטויס געטאָן בלאַזשנאָוון אין אַ פינצטערן צימער, הינטער דער טיר, אונטער דעם הענגער, ווו עס זיינען געהאַנגען מאַנטלען. בלאַזשנאָוו האָט געזען ווי פאַרביי אים האָט זיך אַ גליטש געטאָן אַ שטראַל פון אַן עלעקטריש לאַמטערנדל. געהערט, ווי אַ שאַרפע שטים האָט אויף אַ קאָל געפרעגט: „ווער איז מאַקייטשיק?" און פאַרשטאַנען, אַז מע האָט זי אַוועקגעפירט. מע קאָן זאָגן, אַז ער איז אַלפּי-נעס לעבן געבליבן, אָבער דער דאָזיקער נעס איז געווען די מעסירעסנעפעשדיקייט פון די פרויען, וועלכע האָבן מאַקריוו געווען דאָס לעבן, קעדיי ראַטעווען אַ רויטאַרמייִשן קאָמאַנדיר.

דער דאַנקבאַרער זיקאָרן פון איוואַן ניקיטאָוויטשן האָט פאַרהיט די נעמען פון זיינע רעטער און רעטערנס. נעמען זיינען אין אָט דער געשיכטע פאַראַן אַ סאַך, מיר ברענגען זיי, האַגאַם דאָס מאַכט עפּשער קאָמפּליצירטער די דערציילונג און עס ווערט שווערער אויפצונעמען איר הויפּט-ליניע. אָבער עפּשער ווייסן ניט זייערע קרויווים און נאָענטע וועגן דעם גוירל פון יענע אָפּיצערן, וועלכע מיר האָבן אָנגערופן? עפּשער — עס ווילט זיך גלייבן אין דעם — איז עמעצער פון זיי געבליבן לעבן און וועט זיך אָפּרופן...

איוואַן ניקיטאָוויטש בלאַזשנאָוו האָט פאַרענדיקט די מילכאָמע אַלס קאָמיסאַר פון אַ פּאַרטיזאַנישער בריגאַדע און האָט פּולקום זיך אָפּגערעכנט מיט די פאַשיסטן פאַר דעם בלוט פון די מענטשן, וועמען ער האָט צו פאַרדאַנקען, וואָס ער איז לעבן געבליבן. ס'האָט זיך ניט איינגעגעבן אַרויסדרייען זיך פון אים אויך יענעם, וועלכער האָט געטראָגן אַ שינעל פון אַ רעזערוויסט. נאָך אינעם פּאַרטיזאַנישן אָטריאַד האָט בלאַזשנאָוו געהערט, אַז באָריס רודזיאַנקאָ איז דער איינציקער פון אַלע, וואָס איז געבליבן גאַנץ און ניט באַשעדיקט, אַז ער לעבט אַ גוטן טאָג און אַז ער האָט אָפּט זיך אינטערעסירט מיט אים, מיט בלאַזשנאָוון.

דאָס לעצטע מאָל האָט רודזיאַנקאַ געפֿרעגט וועגן אים בײַ דעם ווײַב פֿון בלאַזשנאָווס א געוועזענעם מיטאַרבעטער, ווען ער האָט זי באַגעגנט אין 1944, שוין נאָך דעם, ווי מינסק איז באַפֿרײַט געוואָרן. רודזיאַנקאַ האָט געהאַלטן אין האַנט די צײַטונג „סאָוועטסקאַיאַ בעלאַרוס", וווּ ס'איז מיטגעטיילט געווען, אַז בלאַזשנאָוו אי. נ. איז באַלוינט געוואָרן מיטן אָרדן „רויטער שטערן".

— דו ווייסט ניט, וווּ עס געפֿינט זיך איצט איוואַן? — האָט געפֿרעגט רודזיאַנקאַ אָף דער גאַס, ניט ווײַט פֿונעם קאַהאַנאָוויטשער ראַיקאָם פֿון דער פּאַרטיי.

— איך ווייס ניט, — האָט געענטפֿערט די פֿרוי, וואָס האָט געאַרבעט אין דער געבײַדע פֿונעם ראַיקאָם, וווּ בלאַזשנאָוו איז דעמאָלט געווען דער ערשטער סעקרעטאַר.

אין עטלעכע מינוט אַרום איז זי געקומען צו לויפֿן אין איוואַן ניקיטאָוויטשעס קאַבינעט. נאָך אין אַ האַלבער שעה אַרום איז אין דעם זעלבן קאַבינעט אַרײַנגעקומען אַן אויספֿאָרשער פֿונעם קאָמיטעט פֿון מעלוכישער זיכערהײַט. די ביאָגראַפֿיע פֿונעם פּאַרטעטער און מערדער, אַגענט פֿון דער דײַטשישער קאָנטער-אויסשפּירונג האָט זיך פֿאַרענדיקט מיט דער העכסטער שטראָף.

— אַזאַ איז געווען דער סאָף פֿון אָט דעם אויסוואָרף, — זאָגט איוואַן ניקיטאָוויטש. — אין אָנגעהייבן האָט זיך אַלץ דערפֿון, וואָס שוין אָפּן ערשטן פֿאַרהער בײַ די פֿאַשיסטן האָט ער זיך דערשראָקן און, ראַטעווענדיק זײַן פֿעל, האָט ער אויסגעגעבן די שטשערבאַצעוויטשעס, אונדז און אַלץ, וואָס ער האָט געוווּסט...

— און וווּ האָט מען אויסבאַהאַלטן רודזיאַנקאַן נאָכן לאַזאַרעט? — האָבן מיר געפֿרעגט.

— מע האָט אים אײַנגעאָרדנט בײַ לענע אָסטראָווסקאַיאַ.

— וועלכע אָסטראָווסקאַיאַ? מיט וואָס האָט זי זיך באַשעפֿטיקט?

— זי איז געווען אַ שנײַדערקע...

וועגן לענען האָט אויך דערציילט סטעפּאַנידע יערמאָלײַעוונאַ קאַמינסקאַיאַ („וועגן די אונטערערדישע איניאַנים האָט אַלגע ווייניק דערציילט. זי האָט נאָר געזאָגט, אַז לענע אָסטראָווסקאַיאַ האָט געהאָלפֿן"... און ווײַטער איז שוין געזאָגט געוואָרן וועגן דער אומבאַוווסטער: „זי האָט געאַרבעט, ווי אַלגע האָט געזאָגט, אַלס מעדשוועסטער אין לאַזאַרעט. געזעסן מיט לענע אָסטראָווסקען אין דער זיבעטער קאַמער...").

איוואַן ניקיטאָוויטש בלאַזשנאָוו האָט קיינמאָל ניט געזען די אומבאַוווסטע. אָבער ער האָט אומדירעקט געהאָלפֿן צו דערווײַזן, אַז דאָס אומבאַוווסטע מיידל האָט אַן שום ספֿק געהערט צו דער אונטערערדישער גרופּע פֿון אַלגע שטשערבאַצעוויטש און אירע כאַוויירים. ער האָט באַשטעטיקט, אַז אונדזערע ערשטע אײַדעס זײַנען גערעכט. ער האָט נאָך טיפֿער אויפֿגעדעקט דעם טאָך פֿונעם העלדישן טאַט, צו וועלכן ס'האָט געהאַט אַ שײַכעס אויך דאָס מיידל. דאָס איז זייער אַ סך. אָבער ניט אַלץ. נאָך ביז איצט שטייט די פֿראַגע: „ווי אַזוי האָט מען גערופֿן די אומבאַוווסטע?" ס'וואָלט געווען ניט גערעכטיק איבערלאָזן אָט די פֿראַגע אָן אַן ענטפֿער.

ווײַל וואָס באַטײַט גערעכטיקייט?

דאָס באַטײַט, אַז יעדערער באַקומט דאָס, וואָס ער האָט פֿאַרדינט. די העלדן — רום. די סאָנים — שטראָף.

ייִדיש — ב. גערשמאַן

(סאָף קומט)

פּרעסע-קאָנפֿערענץ

פֿונעם אנטיציִעניסטישן קאָמיטעט פֿון דער סאָוועטישער געזעלשאַפֿטלעכקייט

דעם 6 יון 1983 איז אינעם פּרעסע־צענטער פֿון דעם אויסערן־מיניסטעריום פֿון פּססר פֿאָרגעקומען א פּרעסע־קאָנפֿערענץ פֿונעם אנטיציִעניסטישן קאָמיטעט פֿון דער סאָוועטישער געזעלשאַפֿטלעכקייט. אָף די פֿראַגעס פֿון סאָוועטישע און אויסלענדישע זשורנאַליסטן האָבן געענטפֿערט דער פֿאָרזיצער פֿונעם קאָמיטעט, גענעראַל־פּאָלקאָווניק, צוויי מאָל העלד פֿון סאָוועטנפֿאַרבאַנד, שעף פֿון די העכסטע אָפֿיצערן־קורסן „ווּיסטרעל", מיטגליד פֿון דער צענטראַלער רעווידיר־קאָמיסיע פֿון קפּסס ד. א. דראַגונסקי; דער ערשטער שטעלפֿאַרטרעטער פֿונעם פֿאָרזיצער, דאָקטאָר פֿון יורידישע וויסנשאַפֿטן, פּראָפֿעסאָר, פֿאַרדינסטפֿולער וויסנשאַפֿט־טוער פֿון רספֿסר ס. ל. זיווס; דער שטעלפֿאַרטרעטער פֿונעם פֿאָרזיצער, קאַנדידאַט פֿון יורידישע וויסנשאַפֿטן מ. ב. קרופּקין; דער שטעלפֿאַרטרעטער פֿונעם פֿאָרזיצער פֿונעם שרײַבער־פֿאַרבאַנד פֿון פּססר יו. א. קאָלעסניקאָוו; דער שטעל־פֿאַרטרעטער פֿונעם פֿאָרזיצער, פֿאַרוואַלטער מיט אַן אָפּטייל פֿון דער „ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ", דאָקטאָר פֿון עקאָנאָמישע וויסנשאַפֿטן אי. פּ. בעליאַיעוו; דער מיטגליד פֿון פּרעזידיום פֿונעם קאָמיטעט, אַקאַדעמיקער, העלד פֿון סאָציאַליסטישער מי, לאַורעאַט פֿון דער לענין־ און מעלוכע־פּרעמיע מ. אי. קאַבאַטשניק; דער מיטגליד פֿון דעם פּרע־זידיום פֿונעם קאָמיטעט, שלײַפֿער פֿון דעם מאָסקווער זאַוואָד פֿון רעכענונגס־אַנאַליטישע מאַשינעס, דעפּוטאַט פֿונעם אויבער־סאָוועט פֿון פּססר וו. וו. פֿושקאַריאָוו; דער מיטגליד פֿון דעם פּרעזידיום פֿונעם קאָמיטעט, הויפּט־רעדאַקטאָר פֿונעם זשורנאַל „קאָמוניסטאַס", דעפּוטאַט פֿונעם אויבער־סאָוועט פֿון דער ליטווישער ססר ג. אָ. זימאַנאַס. די פּרעסע־קאָנפֿערענץ האָט געפֿירט דער שטעלפֿאַרטרעטער פֿונעם פֿאַרוואַלטער מיטן פּרעסע־אָפּטייל באַם אויסערן־מיניסטעריום פֿון פּססר וו. מ. קאַמענעוו.

ווײַטער דרוקן מיר די מאַטעריאַלן פֿון דער דאָזיקער פּרעסע־קאָנפֿערענץ.

ד. א. דראַגונסקי. כאַשעווע כאַוויירים, דאַמען און הערן! ס'איז פֿאַרגאַנגען אַנערעך אַנדערהאַלבן כאַדאָשים, זינט אָף דער גרינדונגס-פֿאַרזאַמלונג איז אויסגעבילדעט געוואָרן דער אנטיציִעניסטישער קאָמיטעט פֿון דער סאָוועטישער געזעלשאַפֿטלעכקייט און אויסגעווילט זײַן באַשטאַנד. אַנדערהאַלבן כאַדאָשים איז א טערמין אינדערעמעסן ניט קיין גרויסער. נאָר צו אונדזער אַרבעט, צום עצעם פֿאַקט פֿון אויסבילדן דעם קאָמיטעט ווערט אַרויסגעוויזן א גרויסער אינטערעס מיצאַד דער סאָוועטישער געזעלשאַפֿטלעכקייט און פֿון די מיטלען פֿון מאַסן-אינפֿאָרמאַציע. די אויסבילדונג פֿונעם אנטיציִעניסטישן קאָמיטעט פֿון דער סאָוועטישער געזעלשאַפֿטלעכקייט האָט אַרויסגערופֿן א געוויסן אינטערעס אויך אין אויסלאַנד.

מיר האָבן באַקומען פֿאַרן פֿאַרגאַנגענעם פּעריאָד מער פֿון פֿינף הונדערט בריוו פֿון סאָוועטישע בירגער. אין זיי ווערט אויסגעדריקט א הייסע שטיצע דער אַרויסגעוויזענער איניציאַטיוו. ניט ווייניק בריוו זײַנען אָנגעקומען פֿון אויסלאַנד. צו אונדז האָבן זיך געווענדט סאָוועטישע און אויסלענדישע זשורנאַליסטן. דעריבער האָבן מיר באַשלאָסן זיך טרעפֿן הײַנט מיט אײַך, דערציילן, פֿאַרוואָס און וויאַזוי עס איז געגרינדעט געוואָרן אונדזער געזעלשאַפֿטלעכע אָרגאַניזאַציע, וואָס פֿאַר א צילן, אויפֿגאַבעס האָט איר טעטיקייט, און ענטפֿערן אָף באַליביקע אײַערע פֿראַגעס.

פֿון וואָס זשע האָט זיך דאָס אַלץ אָנגעהויבן? ס'האָט זיך אָנגעהויבן דערפֿון, וואָס אין סאָף מאַרט — אָנהייב אַפּרעל האָט א גרופּע סאָוועטישע געזעלשאַפֿטלעכע טוער זיך געווענדט דורך דער פּרעסע מיט א רוף אַקטיוו זיך צו באַטייליקן אין דער פּאָליטישער דעמאַסקירונג פֿונעם ציִעניזם, געבן א מער אַנטשיידענעם קלאַפּ דער אנטיסאָוועטי-

שער פראָפּאגאנדע פונעם ציוניזם, העכערן די עפעקטיווקייט פון אונדזערע אופטועז און צוליב די דאָזיקע צילן שאפן אף פריוויליקע יעסוידעס דעם אנטיציוניסטישן קאָמיטעט פון דער סאָוועטישער געזעלשאפטלעכקייט.

מיר האָבן זיך געווענדט צו די ארבעטער, קאָלווירטניקעס, צו דער אינטעליגענץ, געלערנטע, טוער פון ליטעראטור, קונסט, צו די זשורנאליסטן, צו אלע בירגער פון פארשיידענע נאציאָנאליטעטן. בוכשטעבלעך אפן אנדערן טאָג נאָכן פארעפנטלעכן די דאָזיקע ווענדונג האָבן אָנגעהויבן אָנקומען בריוו, טעלעגראמעס. אונדזער ווענדונג האָט באגעגנט א הייסע שטיצע, כ'וואָלט געזאָגט, מיר האָבן זיך אָנגעשטויסן, אין טאָך, אף אן איסדרוק פון עכטן ענטוזיאזם. דאָס אלץ איז געוואָרן דער גרונט אף דורכפירן א גרינדונגס-פארזאמלונג. מיט דער פולער פאראנטוואָרטלעכקייט האָבן מיר געקאָנט קאָנסטאטירן, אז א געזעלשאפטלעכן מאנדאט האָבן מיר באקומען, אז די געזעלשאפטלעכע מיינונג איז געווען איסגעדריקט אין אָט דער ברייטער שטיצע. מיר האָבן באקומען דאָס רעכט זיך אָנרופן — קאָמיטעט פון דער סאָוועטישער געזעלשאפטלעכקייט, ריידן און ארויסטרעטן אין נאָמען און לויטן אופטראָג פון דער ברייטער סאָוועטישער געזעלשאפטלעכקייט.

איר קאָנט פרעגן, פארוואָס מיר זיינען נעמלעך איצט געקומען צום באשלוס וועגן דער נייטיקייט צו אָרגאניזירן אן אנטיציוניסטישן קאָמיטעט פון דער סאָוועטישער געזעלשאפטלעכקייט. א קאמף מיטן ציוניזם אלס געפערלעכן ארט פון דער בורזשואזער אידעאָלאָגיע האָט וו. אי. לענין נאָך געפירט אין אָנהייב פונעם יאָרהונדערט. דאָס סאָוועטישע פאָלק האָט שטענדיק זיך באצויגן צום ציוניזם ווי צו אן אידעאָלאָגיע, וועלכע קאָנצענטרירט אין זיך צויגן צום ציוניזם ווי צו אן אידעאָלאָגיע, וועלכע קאָנצענטרירט אין זיך די אפּאָלאָגיע פון נאציאָנאלער איסגעשלאָסנקייט, „אטאָ בעכארטאָנו מיקאָל האאָמים", אזויארום, ווי צו אן אידעאָלאָגיע א שאָוויניסטישער און ראסיסטישער.

איצטער אָבער איז געקומען די צייט, ווען דער אימפּעריאַלעזם און קוידעמקאָל די רעאקציאָנערע קרייזן פון פשא, האָבן אלץ מער אקטיוו און אלץ ברייטער אָנגעהויבן איסנוצן דעם צווישנפעלקערלעכן ציוניזם אין זייערע געפערלעכע פארן שאָלעם צילן. ס'איז באוווּסט, אז עס האָט זיך שארף פארענדערט די צווישנפעלקערלעכע לאגע. לויט דער איניציאטיוו פון וואשינגטאָן ווערן פאָרגענומען אלץ נייע אטאקעס פון די הייַנטצייטיקע קרייצנטרעגער פונעם אנטיקאָמוניזם. און ניט די לעצטע ראָליע אין אָט דעם גלאָבאלן אָנגריף אף די פּאָזיציעס פונעם שאָלעם און פראָגרעס ווערט צוגעטיילט דעם צווישנפעלקערלעכן ציוניזם און דעם פּאָליטישן אוואנטוריזם פון די הערשנדיקע קרייַזן פון יִיסראָעל. די פאלשע, פּראָפּאגאנדיסטישע, אָפן רעכילעסדיקע אקציעס פון די אידעאָלאָגישע און פּאָליטישע אוואנטוריסטן פון די רייען פונעם צווישנפעלקערלעכן ציוניזם — דאָס איז א טייל פון דער פּסיכאָלאָגישער מילכאָמע פונעם מייַרעוו קעגן דעם סאָוועטנפארבאנד.

דאָס פארגאנגענע יאָר האָט מיט א באזונדער קלאָרקייט באשטעטיקט, אז אין זייַן אנטוויקלונג כאזערט איבער דער ציוניזם אלץ מער זייַן מענטשנפייַנטלעכע אידעאָלאָגיע און פּראקטיק — די אידייען און די מעטאָדן פונעם צעשמעטערטן היטלערישן פאשיזם. די געשעענישן אין ליוואָן (און הייַנט ווערט פונקט א יאָר, זינט עס האָט זיך אָנגעהויבן די בלוטיקע אגרעסיע פון יִיסראָעל קעגן ליוואָן) האָבן באוויזן דער גאנצער וועלט, אז די פארברעכנס פון בעגינען און זייַנע קוילער-יונגען שיידן זיך מיט ווייניק וואָס אונטער פון די אכזאָריעסן, וועלכע עס זייַנען באגאנגען די היטלעראָווצעס. דאָס אלץ האָט אונדז גוירעם געווען צו דערקלערן, אז עס איז געקומען די צייַט, ווען מע דארף מער אָרגאניזירט פירן א קאמף קעגן דעם צווישנפעלקערלעכן ציוניזם, געבן אן ענטפער-קלאפּ זייַן אנטיסאָוועטישער פּראָפּאגאנדע.

דערמיט וועל איך, ווייַזט אויס, באגרענעצן מייַן קורץ ארייַנפיר-וואָרט. איך און מייַנע קאָלעגן זייַנען גרייט צו ענטפערן אף אייַערע פראגעס. אדאנק פאר דער אופמערקזאמקייַט.

קאָרעספּאָנדענט פון דער צייַטונג „דיילי וואָרלד" (פשא). די ציוניסטן אין פשא באמיִען זיך צו פארבינדן די קריטיק פון יִיסראָעל מיט אנטיסעמיטיזם. באזונדערס, איז זייער הויפּט-אָביעקט אין שייַכעס מיטן סאָוועטנפארבאנד. זיי פּרוּוון פאָרשטעלן פּסכר אלס אנטיסעמיטישע מעלוכע. ביטע, קאָמענטירט עס דורך.

ד. א. דראגונסקי. אזא מעטאָד פון דער מייַרעווודיקער, ציוניסטישער און פּראָציוניסטישער פּראָפּאגאנדע איז טיפּיש פאר דער סיסטעם פון דעזינפאָרמאציע און רעכילעס בענעגייע דעם סאָוועטנפארבאנד. ס'איז גוט באוווּסט, אז די סאָוועטישע מענטשן טרעטן אנטשיידן ארויס קעגן באליביקע פאָרמען פון שאָוויניזם, נאציאָנאליזם, קעגן אזעלכע נא-

ציאָנאַליסטישע אויסלינקונגען, ווי אנטיסעמי-
טיזם אָדער ציוניזם.

די פאַרברעכנס פון דער ייִסראַעלדיקער מיליטער-קליקע האָבן ארויסגערופן אן אויפ-געבראַכטקייט, און דאָס איז גוט באַוווּסט פון די ערלעכע מענטשן אין אַלע לענדער פון דער וועלט — סײַ ייִדן, סײַ ניט-ייִדן. אויך אין ייִסראַעל גופא זײַנען פאָרגעקומען מאַסן-דעמאָנסטראַציעס. איז וואָס זשע, אַזעלכע דעמאָנסטראַציעס פון פּראָטעסט זײַנען אויך אַן אויסדרוק פון אנטיסעמיטיזם?

די באַהויפּטונגען, אַז די איניציאַטיוו פון גרינדן דעם אנטיציוניסטישן קאָמיטעט פון דער סאָוועטישער געזעלשאַפטלעכקייט איז קלוימערשט אן אויסדרוק פון עפּעס אן אנטי-ייִדישער פּאָליטיק, זײַנען אבסורדיש. אליין די לעגענדע וועגן דער אָנוועזנהייט פון עפּעס א קלוימערשטער „ייִדישער פראגע" אין פססר ווערט אויסגענוצט, ווי באַוווּסט, צוליב דעם, קעדיי צו פאַרפעסטיקן דעם סטאַנדאַרטן טע-זיס, וואָלט איך געזאָגט, — איינעם פון די גרונט-זײַלן פון דער אידעאָלאָגיע פונעם ציוניזם וועגן אַן „אייביקן אנטיסעמיטיזם".

אונדזער קאָמיטעט וועט ארויסטרעטן און טרעט שוין ארויס קעגן פאַרנעפּלען די מויכעס, קעגן דער שטרעבונג צו שאַפן אינעם באַוווּסטזײַן פון אייניקע מענטשן נאַ-ציאָנאַליסטישע אָבערגלויבנס. דעריבער ווערט געפּירט אונדזער קאַמף, קעדיי אָפּצאַמען די מענטשן פון דער פאַרדאַרבערישער ווירקונג פון דער ציוניסטישער אינפעקציע.

קאָרעספּאָנדענט פון דער צײַטונג „טרוד". **פון וועלכע מיטלען ווערט פינאַנסירט די טעטיקייט פונעם אנטיציוניסטישן קאָמי-טעט?**

מ. ב. קרופּקין. דער קאָמיטעט איז אַן אָרגאַן פון דער געזעלשאַפטלעכקייט. וועלן זײַנע מיטלען אנטשפּרעכיק אויך זיך אויס-בילדן פון אינוועסטירונגען און סובסידיעס פון די סאָוועטישע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַני-זאַציעס, וויסנשאַפטלעכע, קינסטלערישע, קול-טור-אויפקלערערישע אנשטאַלטן און פאַריײַני-קונגען, ווי אויך פון אײַנלאַגן פון באַזונדערע בירגער.

קאָרעספּאָנדענט פון דער צײַטונג „איז-וועסטיאַ". **איך בעט אײַך געניער ענטפערן אַף דער פראַגע: פאַרוואָס ווערט געשטעלט באַזונדערס שאַרף דער קאַמף מיטן ציוניזם גראָד אַצינד, הײַנט?**

ג. אָ. זימאַנאַס. די רעאַקציאָנערע, אַגרע-סיווע ציל-געווענדטקייט פונעם ציוניזם ווײַזט זיך הײַנט ארויס נאָך מער אַנשוילעך און בוי-לעט, איידער פריער. אנטשטאַנען איז סאָף פונעם פאַריקן יאָרהונדערט ווי אַן אידעאָ-לאָגיע פון דער גרויס-בורזשואַזיע, איז דער ציוניזם הײַנט-צו-טאָג געוואָרן די אָפיציעלע דאָקטרינע פון מעדינאַס ייִסראַעל און באַשטימט איר אַגרעסיווע, פאַרכאַפּערישע פּאָליטיק אויפן נאָענטן מיזרעך אין די אינטערעסן פונעם אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם. די פּאָליטיק פו-נעם ציוניזם — דעם רעאַלן שולדיקער פון אַגרעסיווע מילכאָמעס, פונעם גענאָציד אין סאַברא און שאַטילא — זײַן פּאַטאָלאָגישע סינע צום אַלדאָס סאָוועטישן איז שוין נימעס-אומאָוועס דערעסן געוואָרן. די אײַנגעשפּאַר-טע און פרעכע טײַנעס פון די ציוניסטישע ראַדיאָ-דיווערסאַנטן, וועלכע טאַדלען פּראָ-וואָקאַטאַריש, אַז קלוימערשט, קימאַט „אַלע" צוויי מיליאָן סאָוועטישע ייִדן טרוימען טאָג און נאַכט וועגן דעם, וויאַזוי ארויסצופאָרן קיין ייִסראַעל, און די איבעריקע 269 מיליאָן בירגער פון פססר טוען בלויז איינס — זיי „אונטערדריקן" און „פאַרפאָלגן" זייערע מיט-בירגער — די ייִדן, רופן ארויס צאָרן בא די סאָוועטישע מענטשן.

א באַליביקע פאָרם פון נאַציאָנאַליזם איז שעדלעך און געפערלעך, צי עס איז ציוי-ניזם, צי אנטיסעמיטיזם, דײַטשישער ראַסיזם אָדער די ראַסן-פּאָליטיק מיצאַד דער ווײַסער מינדערהייט פון דער דאָרעם-אַפריקאַנער רע-פּובליק. באַליביקע פראַפּלערײַען וועגן דעם פאָרצוג פון דער ווײַסער, שוואַרצער אָדער געלער ראַסע איבער אַלע אַנדערע זײַנען פאַרברעכעריש. אָבער זיי זײַנען באַזונדערס געפערלעך פאַר דער מענטשהייט, ווען זיי ווערן די אָפיציעלע אידעאָלאָגיע פון א רעאַק-ציאָנערן רעזשים, וועלכער שטיצט זיך אויפן צווישנפעלקערלעכן אימפּעריאַליזם און דער-גרייכט זייער ציל מיטן קויעך פון געווער, פאַרגיסנדיק בלוט פון אומשולדיקע מענטשן.

די ציוניסטן געפעלט ניט, וואָס אַלע סאָוועטישע בירגער, און בעסויכעם די סאָוועט-טישע ייִדן, האָבן ליב זייער היימלאַנד, האָבן ליב די סאָוועטישע אָרדענונג, וועלכע איז דעראָבערט געוואָרן אין אָקטיאַבער 1917, פאַרטיידיקט געוואָרן מיט דער פּרײַז פון 20 מיליאָן לעבנס פון זין און טעכטער פון אַלע אונדזערע פעלקער בעשאַס דער גרוי-סער פאָטערלענדישער מילכאָמע. די ציוניסטן האָבן פײַנט דעם סאָוועטנפאַרבאַנד, וועלכער שטערט זיי צו פאַרווירקלעכן זייערע פּלענער. דערין איז די סיבע פון דער דיסהאַרמאָניע צווישן דעם ציוניזם און דעם סאָוועטישן פּאַטריאָטיזם, דעם סאָציאַליסטישן אינטער-נאַציאָנאַליזם פון די בירגער פון פססר.

קאָרעספּאָנדענט פון דער צײַטונג „גאָ-לאָס ראָדיני". **וואָס קאָנט איר זאָגן אין שײַ-**

כעס מיט דעם, וואָס עס האָט זיך פארקלענערט די צאָל ארויספאָרן פון פסשר?

קאָרעספאָנדענט פון דער צײַטונג „לאָס־אנדזשעלעס טײַמס" (פשא). צי האלט איר, אז דער פארלאנג פון סאָוועטישע ייִדן ארויספאָרן קיין ייִסראָעל אָדער אין אן אנדער לאנד איז געגליכן צו פאראט? אויב יאָ, איז פארוואָס?

ס. ל. זיווס. איך וועל פרוּוון ענטפערן אף ביידע פראגעס צוזאמען. זעט איר, כאווײרים, דאמען און הערן, מיר שטויסן זיך שוין פינלאנג אָן אף אזא זשאָנגלירן מיט ציפערן, וואָס די ציִעניסטישע פראָפאגאנדע ווענדט ברייט אָן. אָט ווערט געמאָלדן, אז פינעם סאָוועטנפארבאנד ווילן ארויספאָרן 50 טויזנט, אָט 700 טויזנט. ניט לאנג צוריק האָב איך אין איינעם א בוך דערזען אזא ציפער און זי פארגעדענקט: 383.528 ווילן ארויספאָרן! נאטירלעך, אנטשטייט די פראגע: פינוואנען נעמען זיך אזעלכע ציפערן? דער כעזשבן פירט זיך ניט פון דער רעאלער צאָל פערזאָנען, וועלכע ווענדן זיך אָדער האָבן זיך געווענדט מיט א הישטאדלעס וועגן ארויספאָרן, נאָר פון יענע ציפערן, וועלכע עס פלאנירן די ציִעניסטישע, מישטיינסגעזאָגט, דעמאָגראפן. לאָמיר זאָגן, עס ווערן ארויסגעשיקט הונדערט טויזנט ארויסרופן — ווערט גלײַך געמאָלדן: הונדערט טויזנט מענטשן ווילן ארויספאָרן. וויִאזוי ווערט עס געטאָן? אונטערן טערעך פון „פארייניקן די מישפאָכע" ווערן אזעלכע מינים ארויסרופן אָפגעשיקט צו מענטשן, וועלכע האָבן קיינמאָל ניט געהאט און האָבן ניט קיין קרויווים אין ייִסראָעל. צומאָל ווערן זיי אָפגעשיקט אפילע צו סאָוועטישע בירגער, וועלכע עקזיסטירן ניט רעאל, אָדער — עטלעכע ארויסרופן צו איין מענטשן. בוכשטעבלעך פאר די לעצטע וואָכן, וואָס עס עקזיסטירט דער קאָמיטעט, שיקן אונדז צו סאָוועטישע בירגער בריוו, פול מיט אויפגעבראכטקײַט, צולייגנדיק אָט אזעלכע „אָפיציִעלע" ארויסרופן. אָפיציִעלע אין וועלכן זין? מיט א רויטן שטעמפל פונעם נאָטאריִוס, אין באגלייטונגס־בריוו פונעם ייִסראָעלדיקן אויסערן־מיניסטעריִום, אין וועלכע עס רעדט זיך וועגן דער הומאנישער באציִונג צו דער פראגע וועגן מישפאָכע־פארייניקונג, עס ווערן אפילע אָנגעוויזן די קרויווים, וועלכע עקזיסטירן ניט אינדערעמעסן. דאָס איז איין מאָל א מײַסע.

אָט איז איר צווייטער אספעקט. אונדז איז ווירקלעך באוווּסט, אז אין דער לעצטער צײַט, הײַאָר און פאראיאָרן, ווערט באדײַטנדיק פארקלענערט די צאָל ארויספאָרן. איך שטרײַך אונטער: נעמלעך א פארקלענערונג פון דער צאָל פערזאָנען, וועלכע ווענדן זיך מיט א הישטאדלעס וועגן ארויספאָרן.

אין מעשעך פון די נאָכמילכאָמע־יאָרן איז דער הויפּט־מאָטיוו, וואָס האָט געצווּנגען סאָוועטישע בירגער פון ייִדישער נאציאָנאליטעט ארויסצופאָרן, געווען דער מאָטיוו פון פארייניקונג. איר ווייסט, אז אין די מילכאָמע־יאָרן זײַנען א סאך ייִדישע מישפאָכעס געווען צעשיידט, און דאָס איז געווען דער גרונט אף צו ווענדן זיך מיט א הישטאדלעס וועגן פארייניקן זיך. די פארייניקונג אָבער האָט זיך אין גרונט פארענדיקט, און דערפאר, נאטירלעך, קומט פאָר א פארקירצונג פון דער צאָל ארויספאָרנדיקע.

נאָר איך מיין, אז אכוץ דעם, ווערט אלץ ווייניקער די צאָל פערזאָנען, וועלכע לאָזן זיך פארנארן מיצאד די ציִעניסטן, פאלן א קאָרבן פון דער ציִעניסטישער פראָפאגאנדע און פארלאָזן אונדזער לאנד.

אָט דעמלט הייבן אָן ארײַנדרינגען אין דער מײַרעווודיקער פראָציִעניסטישער פראָפאגאנדע די רעכילעס, אז די סאָוועטישע מאכט־אָרגאנען באגרענעצן קלוימערשט דעם ארויספאָר אָדער שטעלן אים אָפּ. עמעצער האָט אפילע געפרוּווט פארבינדן די באדײַטנדיקע פארקלענערונג פון די ארויספאָרן מיט דער אויסבילדונג פון אונדזער קאָמיטעט. איך דארף נאָך צוגעבן, אז די לייזונג פון דער פראגע וועגן ארויספאָרן איז אן איניען פון די קאָמפעטענטע מעלוכע־אָרגאנען. אונדזער קאָמיטעט קאָן, נאטירלעך, בלויז אויפקלערן, העלפן די סאָוועטישע בירגער זיך פאנאנדערקלײַבן אינעם שעקער, אין דעם סאם פון דער ציִעניסטישער פראָפאגאנדע און זיך באמיִען זיי אָפּהיטן פון דעם.

איך רייד וועגן דעם באזונדערס דערפאר, ווײַל אונדזער קאָמיטעט האָט שוין אָנגעהויבן באקומען בריוו, פול מיט אומרו, פארביטערונג און ייִעש פון פערזאָנען אין אויסלאנד, פון געוועזענע סאָוועטישע בירגער.

איך מיין, אז עס האָט א זין אייניקע פון זיי דורכציטירן. אָט איז א בריוו, וועלכן מיר האָבן באקומען פון מײַרעוו־בערלין פון דער געוועזענער סאָוועטישער בירגערן ליובאָוו ווינקלער:

„זייער כאָשעווע און טײַערע כאווײרים איניציִאטאָרס פון שאפן די פרײַוויליקע אָרגאניזאציע — אנטיציִעניסטישער קאָמיטעט! אין דער צײַטונג „פראוודא" האָב איך מיט גרויס פארגעניגן איבערגעלייענט אײַער ווענדונג. איך באגריס אײַך מיטן שאפן דעם קאָמיטעט און ווינטש דערפאָלגרײַכע ארבעט... איך בין א קאָרבן פון דער ציִעניסטישער פראָפאגאנדע. עלף יאָר מוטשע איך זיך אויסער די

גרענעצן פון מײַן ליבן און איינציקן סאָוועטיש היימלאַנד... איך בין איצט אַלט 59 יאָר. איך בין אַ דאָקטער... כ'האָב זיך אָנגעזען און זיך אָנגעמוטשעט סײַ אין ישׂראל, סײַ דאָ... איך האָב געזען דעם כּיִישן פּרצוף פונעם ציוניזם... צאָרעס און טרערן, ליידן, דערנידעריקונג, אַ פולשטענדיקע איזאָליאַציע, איינזאַמקײַט אין אַ פרעמדער עקלהאַפטער וועלט. דאָס, וואָס עס איז געשען מיט מיר, איז אַ רעזולטאַט פון דער שווינדלערישער ציוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע. די ציוניסטן האָבן זיך אַרײַנגעמישט אין מײַן לעבן און עס אומגעבראַכט".

נאָך איין בריוו. ער איז — איר זעט, אָן אַ שיר שטעמפּלען — פון ברוקלין, ניו-יאָרק. אינעם בריוו ווערט געשריבן: „אונטערגעבנדיק זיך דער ציוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע, האָבן מיר געמאַכט אַ זעלבסטמערדערישן טראָט... מיר זײַנען פּאַשעט געווען אידיאָטן, ניט פאַרשטייענדיק, אַף וואָס מיר גייען, פאַרלאָזנדיק אונדזער איינציק היימלאַנד". איך וועל אײַך ניט לייענען פון אָנהייב ביזן סאָף, דאָ זײַנען פאַראַן פיל ביטערע, זייער ביטערע זײַטלעך. „מיר זײַנען זייער אומגליקלעך, מיר געפינען זיך אינעם צענטן קרײַז פונעם גענעם" — אָט אַזעלכע ווערטער ווערן געבראַכט אין דעם דאָזיקן בריוו, וועלכער איז אונטערגעשריבן לויטן אופטראַג פון עטלעכע מישפּאָכעס. די אויטאָרן פונעם בריוו דריקן אויס אַ זיכערקײַט, אַז „דער אַנטיציוניסטישער קאָמיטעט וועט פאַרטיידיקן די סאָוועטישע ייִדן פון די אינטריגעס פונעם ציוניזם און בכלל פונעם אימפּעריאַליזם, וועט מיטהעלפן, מע זאָל... לויטן יושער ניט אָפּלאָזן מענטשן, אומגליקלעך זיי מאַכן".

איר זעט, די פראַגע ווערט געשטעלט אַזוי־אַרום, אַז די דערלויבעניש אַף אַרויספאָרן פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד — הייסט מאַכן די מענטשן אומגליקלעך.

אינעם צעטעלע מיט דער צווייטער פראַגע איז אונטערגעשטראָכן דאָס וואָרט „פּאַראַט". איך מיין, אַז מײַן ענטפער האָט איר פאַרשטאַנען: אין יענעם פאַל, ווען עס האַנדלט זיך וועגן פאַראייניקן מיטגלידער פון אַ מישפּאָכע, ווען עס פאַראייניקן זיך ווירקלעך אַ פאָטער מיט קינדער, וועלכע ער האָט פאַרלוירן בייס דער מילכאָמע, אָדער זיי האָבן אים פאַרלוירן, איז ניטאָ קיין שום פּאַראַט.

אָבער ווען עס גייט אַ רייד וועגן דעם, אַז אַ מענטש איז אַרײַנגעפאַלן אין די נעצן פון דער שעקערדיקער ציוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע, וואָלט איך, אַלס יוריסט, געזאָגט, אַז דאָס איז אַן אַנטיפּאַטריאָטישער טאַט, וועלכער אַנטשפּרעכט ניט אונדזערע מאָראַלישע פּרינציפּן, און אַז אַזאַ טאַט געפינט ניט קיין שטיצע בײַ דער סאָוועטישער געזעלשאַפט, בײַ דער אַבסאָליוטער מערהײַט פון די ייִדן — בירגער פון אונדזער לאַנד.

קאָרעספּאָנדענט פון דער צײַטונג „סאָוועטסקאַיאַ ראָסיִא". **צי באַטייליקן זיך אין דער אַרבעט פונעם אַנטיציוניסטישן קאָמיטעט פאָרשטייער פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן?**

וו. וו. פּושקאַריאָוו. **אַ רוף צו בירגער פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן אַנטיילצונעמען אין דער אַרבעט פונעם קאָמיטעט איז שוין געווען אין אונדזער ווענדונג צו דער סאָוועטישער געזעלשאַפטלעכקײַט, און אַף אים האָבן זיך אָפּגערופן זייער אַ סך. באַם אויסווײַלן דעם קאָמיטעט אַף דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג זײַנען אין זײַן באַשטאַנד אַרײַן רוסן, ייִדן, אוקראַינער, פאָרשטייער פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן. דעמאַסקירן דעם ציוניזם, זײַן אידעאָלאָגיע פון עקסטרעמען נאַציאָנאַליזם און שאָוויניזם, די פּראַקטיק פון מערדערײַ און גענאַציד פון די הערשנדיקע קרײַזן פון ישׂראל אַפן נאָענטן מיזרעך — דאָס איז אַן אינטערנאַציאָנאַלער כויוו פון אַלע מענטשן פון גוטן ווילן.**

אין באַשטאַנד פונעם אַנטיציוניסטישן קאָמיטעט גייען אַרײַן אָנגעזעענע געלערנטע פון אונדזער לאַנד — די אַקאַדעמיקער מ. אי. קאַבאַטשניק, ט. אי. אויזערמאַן, מיטגליד-קאָרעספּאָנדענט פון דער וויסנשאַפט-אַקאַדעמיע פון פּססר וו. נ. קודריאַווצעוו; אָנגעזעענע קולטור-טוער — דער פאָלקס-אַרטיסט פון פּססר, העלד פון סאָציאַליסטישער מי מ. אי. בלאַנטער און די פאָלקס-אַרטיסטקע פון פּססר, העלד פון סאָציאַליסטישער מי א. אָ. סטעפּאַנאָוואַ; דער קינאָרעזשיסער, לאַורעאַט פון דער מעלוכע-פּרעמיע ט. מ. ליאָזנאָוואַ, פאָרשטייער פון אַרבעטס-קאָלעקטיוון פון מאָסקווע און פון הינטערמאָסקווע — דער פאָרזיצער פונעם קאָלווירט אַפן נאָמען פונעם 22-טן פּאַרטיי-צוזאַממענפאָר פון קאָלאָמנער ראַיאָן, העלד פון סאָציאַליסטישער מי א. ק. מאַריניטש און די אויפּעסציכטלערן פון בראַטצעוווסקער אויפּעסציכטלערישער פאַרייניקינג, העלד פון סאָציאַליסטישער מי ג. פּ. גאָלובעוואַ. מיטגלידער פונעם קאָמיטעט זײַנען די באַוווסטע שרײַבער ג. האָפמאַן, צ. סאָלאָדאַר, י. קאָלעסניקאָוו, דער פּאָעט א. דעמענטיעוו. ווי מיר זעען, איז דער באַשטאַנד פונעם קאָמיטעט בעעמעס אַן אינטערנאַציאָנאַלער.

קאָרעספּאָנדענט פון דער ראַדיאָסטאַנציע „שאָלעם און פּראָגרעס". **איינער פון די לייטמאָטיוון אַף דער פּראָוואָקאַציאָנעלער צונויפקומעניש „פאַרטיידיקן די סאָוועטישע ייִדן", וועל-**

כע איז פאַרגעקומען אין מאַרט האַיאָר אין
ירושלים, איז געווען די טײַנע, אַז מע דיס-
קרימינירט די סאָוועטישע ייִדן אין געביט פֿון
בילדונג און וויסנשאַפֿט. וואָס קאָנט איר זאָגן
מיקייער דעם?

מ. אי. קאַבאַטשניק. די ציִוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע האָט שטענדיק זיך אײַסגעטײַלט מיט איר אומפאַרשעמטקייט און פֿלעגט זיך ניט אָפּשטעלן פֿאַר גראָבע פֿעלשונגען. כ'וועל אָנהייבן פֿון דעם, אַז בײַ אונדז אין סאָוועטנפֿאַרבאַנד עקזיסטירט אַן אַלגעמיינע מיטלבילדונג, אַן אומבאַדינגטע פֿאַר אַלע קינדער, אומאָפּהענגיק פֿון זייער נאַציאָנאַליטעט, געשלעכט, מאַטעריעלער לאַגע. אַלע קינדער באַקומען בילדונג, בעסייכעם אויך די ייִדישע. און, הייסט עס, קיין שום דיסקרימינאַציע איז ניטאָ און קאָן ניט זײַן. אויב זשע איבערגיין צו די ווײַטערדיקע שטאַפּלען פֿון בילדונג — מיטלטעכנישער און העכסטער, איז וועגן וואָס פֿאַר אַ דיסקרימינאַציע קאָן זײַן אַ רייד, אויב לויטן בילדונגס-ניוואָ פֿאַרנעמען די סאָוועטישע ייִדן איינס פֿון די ערשטע ערטער צווישן אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן אין סאָוועטנפֿאַרבאַנד. ווײַטער, מע קאָן דרייסט זאָגן, אַז לויטן בילדונגס-ניוואָ שטייען די סאָוועטישע ייִדן אויפֿן ערשטן אָרט אין פֿאַרגלײַך מיטן בילדונגס-ניוואָ פֿון די ייִדן אין אַלע אַנדערע לענדער.

לאָמיר נעמען דעם העכסטן שטאַפּל. צווישן די סאָוועטישע ייִדן איז פֿאַראַן אַ באַדײַטנדיקע צאָל אָנגעזעענסטע געלערנטע, וועלכע זײַנען אויסגעוויילט אין העכסטן וויסנשאַפֿטלעכן אָרגאַן פֿונעם סאָוועטנפֿאַרבאַנד — אין דער וויסנשאַפֿט-אַקאַדעמיע. און אַזוי איז געווען אין אַלע יאָרן פֿון דער סאָוועטנמאַכט. איך דערמאָן זיך, אַז אינעם 1920 יאָר איז אויסגעוויילט געוואָרן פֿאַר אַן אַקאַדעמיקער דער וווּנדערלעכער פֿיזיקער, דער ראָש פֿון דער סאָוועטישער פֿיזיק-שול א. פֿ. יאָפֿע, אינגיכן נאָך דעם איז אויסגעוויילט געוואָרן א. נ. פֿרומקין, דער ראָש פֿון דער סאָוועטישער שול פֿון עלעקטראָכימיע, אַ מערקווירדיקער געלערנטער מיט אַ שעם אין גאָר דער וועלט, און אַ גאַנצע ריי אַנדערע... און נאָך דער פֿאַטערלענדישער מילכאָמע קאָן איך אָנצייל ן זייער אַ גרויסע צאָל נעמען — לאָמיר זאָגן, דער פֿיזיקער וו. ל. גינזבורג, דער קריסטאַלאָגראַף ב. ק. ווײַנשטיין, דער פֿיזיקער אי. מ. פֿראַנק און זײַן ברודער, דער ביאָפֿיזיקער ג. מ. פֿראַנק, דער ביאָכימיקער א. ס. בראַונשטיין, דער פֿיזיקער א. ב. מיגדאַל. איך וואָלט אָט דעם צעטל געקאָנט פֿאַרזעצן. און די אַקאַדעמיקער אי. ב. זעלדאָוויטש און יו. ב. כאַריטאָן זײַנען נאָך, אַכוץ דעם, דרײַ מאָל העלדן פֿון סאָציאַליסטישער-

מי. און דאָס אַלץ רופֿט אָן די ציִוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע — דיסקרימינאַציע! דאָס זעלבע איז מיט פּראָפֿעסאָרן און לערער פֿון הויכשולן און טעכניקומען. אַזוי אַרום, זײַנען די ריידערײַען וועגן דיסקרימינאַציע פֿון די ייִדן אין פּראַט פֿון בילדונג — פּאַשעט אַ פּראָוואָקאַציאָנעלער שעקער פֿון דער ציִוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע.

קאָרעספּאָנדענט פֿון דער טעלעקאָמפּאַניע „קייבל ניוס נעטוואָרק“ (פֿשאַ). מעדינאַס ייִסראָעל האָט די רעכט צו עקזיסטירן. אָבער אַ באַליביקע רעגירונג, וואָס פּראַקטיקירט אַ פּאָליטיק, אַנאַלאָגיש דער נאַציסטישער, דאַרף ניט האָבן קיין רעכט צו עקזיסטירן. צי וועט אײַער קאָמיטעט רופֿן די סאָוועטישע רעגירונג בײַטן די פּאָליטיק בענעגייע מעדינאַס ייִסראָעל, צי וועט אײַער קאָמיטעט רופֿן די סאָוועטישע רעגירונג צו שטיצן יענע עלעמענטן אין דער אַראַבישער וועלט, וועלכע האַלטן, אַז מעדינאַס ייִסראָעל דאַרף ניט עקזיסטירן?

ס. ל. זיווס. אויב איך האָב ריכטיק פֿאַרשטאַנען אײַער פֿראַגע, זעט זי אויס אָט אַזוי: מיר ריידן הײַנט וועגן דעם, אַז די רעגירונג פֿון ייִסראָעל ווענדט אָן די זעלבע מעטאָדן, וועלכע ס'האָבן אָנגעווענדט די נאַציסטן. צוזאַמען מיט דעם באַשטייט דער אָפֿיציעלער שטאַנדפּונקט פֿון דער סאָוועטישער רעגירונג, וועלכער איז ניט איין מאָל אויסגעדריקט געוואָרן, אַז מעדינאַס ייִסראָעל האָט די רעכט צו עקזיסטירן. אָבער אויב דאָס איז אַ נאַציסטישע מעלוכע, האָט זי ניט קיין רעכט צו עקזיסטירן. איך האָב אײַך ריכטיק פֿאַרשטאַנען? לאָמיר פֿונדעסטוועגן צעטיילן צוויי זײַטן פֿון דער פֿראַגע. בייס דער אויסבילדונג פֿון מעדינאַס ייִסראָעל האָט פֿון דער טריבונע פֿון דער אָרגאַניזאַציע פֿון די פֿאַראייניקטע נאַציעס און ערשט גאָר ניט לאַנג צוריק אויף דער פּרעסע-קאָנפֿערענץ אין דער דאָזיקער געבײַדע דער מיניסטער פֿון אויסערן-איניאָנים פֿון פּססר א. א. גראָמיקאָ איבערגעכאַזערט דעם אָפֿיציעלן שטאַנדפּונקט פֿון דער סאָוועטישער רעגירונג, וועלכן עס האַלט אונטער אונדזער גאַנצע געזעלשאַפֿטלעכקײַט. יאָ, מעדינאַס ייִסראָעל האָט די רעכט צו עקזיסטירן.

צוזאַמען דערמיט ריידן מיר וועגן דעם, אַז די רעגירנדיקע קרײַזן פֿון ייִסראָעל, די ייִסראָעלדיקע מיליטער-קליקע, און דאָס האָט באַזונדערס באַשטעטיקט די באַרבאַרישע אַגרעסיע קעגן ליוואַן, זײַנען באַגאַנגען און באַגייען די זעלבע פֿאַרברעכנס, ווי יענע, וועלכע זײַנען באַגאַנגען געוואָרן זײַנערצײַט מיצאַד די היטלערישע אָקופּאַנטן. צי פֿאַלן ניט צונויף די מעטאָדן און מיטלען, וועלכע עס

נוצט איצט אויס די רעגירונג פון בעגינען, מיט די מעטאָדן און מיטלען פון די נאציסטן, וועלכע האָבן דעראָבערט פאר זיך א „לעבנסרוים”?

די אויספאָרשונגען, וועלכע ס׳האָבן ניט איין מאָל דורכגעפירט די צווישנפעלקערלעכע קאָמיסיעס, און וועלכע ס׳זײַנען אַרײַן צווישן אנדערע דער יעפיסקאָפּ פון שטאָקהאָלם, דער קיניגלעכער ראטגעבער פון ענגלאנד דזש. פלעטסמילס, דער בעלגישער פּראָפעסאָר פּ. פּירסאָן מאטי, האָבן געמאכט אַן אויספיר, אז די פארברעכנס פון דער יִסראָעלדיקער מיליטער-קליקע זײַנען אנאלאָגיש די פארברעכנס פון די נאציסטן. און ס׳האָט זיך ניט איין מאָל געשטעלט די פראגע וועגן דער פּאראנטוואָרטלעכקײַט פון יענע, ווער סע האָט אינספּירירט און איז באגאנגען די דאָזיקע פארברעכנס.

מיר ריידן ניט וועגן ליקווידירן יִסראָעל. עס גייט א רייד וועגן דער פאראנטוואָרטלעכקײַט פון זײַנע רעגירנדיקע קרײַזן, וועגן אָפּשטעלן די אגרעסיווע, עקספּאנסיע-פּאָליטיק, וואָס דראָעט דעם שאָלעם אפן נאָענטן מיזרעך און ווידערשפּרעכט די אינטערעסן פון די יִסראָעלים גופע.

קאָרעספּאָנדענט פון מאָסקווער ראדיאָ. צי וועלן זײַן פארעפנטלעכט די בריוו, וועלכע ס׳האָט באקומען דער קאָמיטעט?

מ. ב. קרופּניק. אונדזער קאָמיטעט האָט באקימען זייער א גרויסע צאָל בריוו. אייניקע פון זיי זײַנען געבראכט געוואָרן די טעג אין דער צײַטונג „איזוועסטיא”, א טייל אָפּרופן — איך שטרײַך אונטער: בלויז א קליינער — האָבן מיר געגעבן אין דער בראָשור „דאָס סאָוועטישע פאָלק שטיצט אונטער”.

קאָרעספּאָנדענט פון דער אגענץ יופּי (פּשא). וואָס קאָנט איר זאָגן וועגן דער איצטיקער ראָליע פון דער יִדישער אווטאָנאָמער געגנט מיטן צענטער ביראָבידזשאן?

אי. בעליאיעוו. מיר פארמאָגן א דערפאָלגרײַכן פּרווו פון שאפן און אנטוויקלען אין דעם מיזרעכדיקן טייל פונעם סאָוועטנפארבאנד, אין כאבאראָווסקער קאנט, א יִדישע אווטאָנאָמע געגנט. פאר די אָנטיילנעמער פון דער פּרעסע-קאָנפערענץ וועט אינטערעסאנט זײַן צו וויסן, אז פאר קימאט א האלבן יאָרהונדערט פון איר עקזיסטענץ איז קיין איין מענטש פון דער יִדישער נאציאָנאליטעט פונדאָרטן ניט ארויסגעפאָרן קיין יִסראָעל.

ג. אָ. זימאנאס. מיט א צײַט צוריק בין איך אין באשטאנד פון א גרופּע כאווייריִם געווען אין דער יִדישער אווטאָנאָמער געגנט. דער הויפּט-אײַנדרוק, וואָס איך האָב באקומען, — איז די באציִונגען פון פרײַנטשאפט און ברידערלעכקײַט צווישן די יִדן און ניט-יִדן. דער ערשטער סעקרעטאר פונעם געגנטלעכן פארטיי-קאָמיטעט איז לויט דער נאציאָנאליטעט א יִד, א סאך דירעקטאָרן פון אונטערנעמונגען זײַנען יִדן, די שילדן פון אלע אָפיציִעלע אנשטאלטן זײַנען אף רוסיש און אף יִדיש.

די באפעלקערונג פון דער געגנט איז אן אײַנהײַטלעכע מישפּאָכע. די געגנט קאָן שטאָלצירן ניט בלויז מיט ווירטשאפטלעכע דערפאָלגן, נאָר אויך מיט דערגרייכונגען אין געביט פון קולטור. דאָרט איז פאראן א יִדישער טעאטער, וועלכער גאסטראָלירט אָפּט אין פארשיידענע שטעט פונעם סאָוועטנפארבאנד, דערונטער אויך אין מאָסקווע. אין דער נאָענטסטער צוקונפט וועט ער אריבערפאָרן אין א נײַער געבײַדע.

קאָרעספּאָנדענט פון דענעמארקער טעלעוויזיע. ווי איך האָב פארשטאנען, זאָגט איר, אז אנטיציִעניזם און אנטיסעמיטיזם זײַנען צוויי פארשיידענע באגריפן, נאָר צי שליסט איר אויס, אז אנטיציִעניזם קאָן אויסגענוצט ווערן ווי א באקוועמע שירמע פון אנטיסעמיטיזם?

ס. ל. זיווס. מיר האָבן שוין אין גאנג פון דער הײַנטיקער קאָנפערענץ אנטשיידן און קאטעגאָריש איבערגעכאזערט און מיר זײַנען גרייט איבערצוכאזערן ניט איין מאָל, אז אלע סאָוועטישע מענטשן, די גאנצע סאָוועטישע געזעלשאפט טרעטן אנטשיידן, קאטעגאָריש ארויס קעגן שאָוויניזם, נאציאָנאליזם, קעגן באליביקע נאציאָנאליסטישע אויסלינקונגען: סײַ קעגן אנטיסעמיטיזם, סײַ קעגן ציִעניזם. איר ווייסט גאנץ גוט, אז די ציִעניסטישע פּראָפּאגאנדע באמיט זיך א באליביקע ארויסטרעטונג סײַ קעגן דער אידעאָלאָגיע, סײַ קעגן דער פּאָליטישער פּראקטיק פונעם ציִעניזם דערקלערן אלס אנטיסעמיטיזם.

קאָרעספּאָנדענט פון דער צײַטונג „קאָמסאָמאָלסקאיא פּראוודא”. אין צוזאמענהאנג מיט אייניקע דעטאלן, וועלכע זײַנען ארויסגעשווומען אינעם איניען פון דעם היטלערישן הענקער בארביע, וואָלט זיך געוואָלט וויסן, צי זײַנען אויך באוווּסט פאקטן וועגן דער פארבינדונג פון די נאציסטישע פארברעכער מיט די ציִעניסטן.

יו. א. קאָלעסניקאָוו. פארשטייט זיך. און כ׳וועל וועגן זיי דערציילן. מיר איז אויסגעקומען צו זײַן אינעם טיפן הינטערלאנד פונעם היטלערישן מיליטער, ווּהין די סאָוועטישע קאָמאנדשאפט האָט מיך ספּעציִעל געשיקט. כ׳האָב געזען, וואָס עס האָט זיך געטאָן

אַף דער אָקופּירטער דורך די היטלעראָווצעס טעריטאָריע.

אַדאָלף היטלער האָט געגעבן זײַנע גרופּענפירערס פון עסעס און די גאָולײַטערס, גענעראַלן און אַנדערע הענקער אַ גאַנץ לאַקאָנישע, נאָר אַ וואָגיקע אָנווײַזונג: בלויז איין ייִד דאַרף פאַרבלײַבן... אָבער בלויז ווי אַן עקספּאָנאַט! מע דאַרף אָפּמערקן, אַז די נאַציסטישע הענקער האָבן דעם דאָזיקן דעמאָנישן באַפעל פון זייער פירער אויסגעפּילט פּינקטלעך, מעטאָדיש, סקרופּולעז.

און דאָ וויל איך אָפּמערקן, אַז אין מעשך פון דער גאַנצער מילכאָמע האָט די סאָוועטישע קאָמאַנדשאַפט אָפּגעגעבן אַן ערשטראַנגיקע באַדײַטונג דער רעטונג פון מענטשן פון אַ באַליביקער נאַציאָנאַליטעט און גלויבן, דערונטער אויך ייִדן, פון אומקום אין דער פאַשיסטישער קנעכטשאַפט, וואָס עס האָט זיי געדראָעט. אונדזערע העלדישע אונטערערדלער און פּאַרטיזאַנער, ניט זעלטן מיט דער פּרײַז פון זייער לעבן, האָבן געראַטעוועט די אומגליקלעכע מענטשן, זיי אויסבאַהאַלטן אין זיכערע ערטער, אָפּגעפירט אין די וועלדער.

און אין אָט דער אומגלייבלעך שווערער צײַט, ווען אַלע ערלעכע מענטשן אַף דער וועלט האָבן געטראַכט וועגן דעם, וויאַזוי וואָס גיכער צו באַזיגן די „ברוינע פּעסט", וויאַזוי צו ראַטעווען די מענטשהײַט פונעם נאַציזם, זײַנען די פירער פונעם צווישנפעלקערלעכן ציוניזם, וועלכע האָט זיך צוגעייגנט די רעכט אָנצורופן „פאַרטיידיקער פון די ייִדן", געווען פאַרנומען לאַכלוטן ניט מיט פאַרטיידיקן די ייִדן. זיי האָט באַאומרויִקט ניט דער גורל פון זייערע ברידער לויטן שטאַם, וועלכע האָבן געשמאַכט און זײַנען אומגעקומען אין די היטלערישע טויט-לאַגערן. די מאַנהיגים פונעם ציוניזם זײַנען געווען פאַרזאָרגט בלויז מיט דעם, אַז אין פּאַלעסטינע זאָלן די ייִדן האָבן אַ איבערוואָג לויט דער צאָל איבער דער אַראַבישער באַפעלקערונג!

הײַנט האָבן מיר די רעכט אַרויסטראָגן דעם סאַמע שטרענגן און גרויזאַמען אורטייל דעם ציוניזם. ווײַל אין יענער שרעקלעכער צײַט האָבן די טוער פונעם צווישנפעלקערלעכן ציוניזם ניט נאָר פאַרטיידיקט די ייִדן, נאָר, פאַרקערט, זיי האָבן זיי פאַראַטן, מאַכנדיק אַ פּשרה מיט די רעדלפירער פון דער געסטאַפּאָ און עסעס.

אַ גוויִס-איידעס דערפון איז דאָס, וואָס אין דער הויפּטשטאָט פונעם „דריטן רײַך" — אין בערלין איז געווען טעטיק דער אַזויגערופענער „פּאַלעסטינער אָפיס", בעראָש פון וועלכן ס'איז געשטאַנען איינער פון די לידערס פונעם צווישנפעלקערלעכן ציוניזם לעווי עשקאָל, וואָס איז שפּעטער געוואָרן דער פּרעמיער פון ייִסראָעל...

נעמלעך לעווי עשקאָל און זײַנע דינער האָבן זיך פאַרנומען מיט אויסקויפן בא די עסעסישע רעדלפירער די גרויסע גווירים ייִדן, וועלכע האָבן געהאַט „באַזונדערע פאַרדינסטן" פאַרן ציוניזם, פאַרורטיילנדיק פיל הונדערטער טויזנטער פּראָסטע ייִדן אַף אומקום אין די היטלערישע אויוונס-קרעמאַטאָריעס.

נאָך מער. עשקאָלס „פּאַלעסטינער אָפיס" האָט מיטגעאַרבעט דירעקט מיטן שעף פונעם 4-טן דעפּאַרטאַמענט פון דער הויפּט-פאַרוואַלטונג פון אימפּערישער זיכערהײַט-דינסט עסעס (רסכא) — מיטן ניט אומבאַוווּסטן אָבערשטורמפירער עסעס אַדאָלף אייכמאַנען. די דאָזיקע מיטאַרבעט האָט געבראַכט ביידע צדאָדים באַדײַטנדיקע „פּראָכטן". אין צוזאַמענהאַנג דערמיט איז דאָ צום אָרט דערמאָנען כאָטשבי דעם איניען פון רודאָלף קאַסטנער, וועלכער האָט זײַנערצײַט געמאַכט אַ רוישעם אין ייִסראָעל און אויסער זײַנע גרענעצן. דער דאָזיקער עמיסאַר פונעם ציוניסטישן „אַקציאָנס-קאָמיטעט" מיט „ברייטע פולמאַכטן" האָט געהאַט ביכלאַל ניט בלויז „זאַכלעכע", נאָר, כ'וואָלט אַפילע געזאָגט, האַרציקע באַציִונגען מיט אַדאָלף אייכמאַנען.

ניט צופעליק האָבן נאָכן סאָף פון דער צווייטער וועלט-מילכאָמע די ציוניסטישע שפּיר-הינט אײַנגעריסן וועלטן, זוכנדיק דעם געוועזענעם אָבערשטורמפירער פון עסעס אייכמאַנען, עס זאָלן אים, כאָלילע, ניט פּאַקן פאַרשטייער פון אַן אַנדער לאַנד און די געזעלשאַפטלעכקײַט פון דער וועלט זאָל זיך ניט דערוויסן וועגן די אויסבאַהאַלטענע סוידעס, וועגן דעם אַליאַנס פון די ציוניסטן מיט די נאַציסטן.

כאַראַקטעריסטיש איז אויך דאָס, וואָס ביז אַצינד הערט מען ניט די שטים פון די ציוניסטישע הערשער פון ייִסראָעל, ווען עס גייט אַ רייד וועגן די פאָדערונגען, מע זאָל אַרויסגעבן און באַשטראָפן די נאַציסטישע פאַרברעכער, וועלכע האָבן געפונען פאַר זיך אַ מאָקעם-מיקלעט אין די פאַרייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע.

קאָרעספּאָנדענט פון דער פּרעסע-אַגענטור „נאָוואָסטי" (אַפּן). צי ווירקן די ציוניסטישע דאָקטרינעס אַף דער אויסערן-פּאָליטיק פון ייִסראָעל?

אי. פּ. בעליאַיעוו. געוויס. זיי ווירקן, און ניט בלויז זיי ווירקן, נאָר באַשטימען. כ'וועל דערמאָנען, אַז ייִסראָעל עקזיסטירט עטוואָס מער פון 35 יאָר. פאַר דעם דאָזיקן, אין טאָך, ניט גרויסן היסטאָרישן פּעריאָד האָט

די ייִסראַעלדיקע מעלוכע זעקס מאָל געפירט מילכאָמעס!

דערביי טאַקע שפּילן די ציוניסטישע דאָקטרינעס — צווישן זיי אויך די דאָקטרינע פון א „גרויסן ייִסראַעל" פון ניל ביז יעפראַט, — אַן אנטשיידענע ראָליע אין באַשטימען די פּאָליטיק פון ייִסראַעל סיי אין די אָקופּירטע אַראַבישע טעריטאָריעס, סיי בענעגייע די שכיינים.

אין גאַנג איז געלאָזט געוואָרן א טעאָריע וועגן עפּעס אַן אור-היימלאַנד פון די ייִדן, וואָס האָט עקזיסטירט אין די אוראַלטע צייטן און וואָס מע דאַרף איצט אופשטעלן. א טעאָריע פון „היסטאָרישער רעכט", לויט וועלכער דער מײַרעוו-ברעג און דער סעקטאָר האַזאַ זײַנען דערקלערט אַלס אַזויגערופענע „באַפרײַטע" טעריטאָריעס, און א גאַנצן פאָלק — די אַראַבער פון פּאַלעסטינע איז אָפּגעפרעגט אין די גרוזעלדיקע נאַציאָנאַלע רעכט מיטן איינציקן ציל — באַרעכטיקן די אַנעקסיע פונעם מײַרעוו-ברעג און פונעם סעקטאָר האַזאַ. און בעגין האַלט, אַז דאָס איז בלויז א פראַגע פון צײַט.

נו, און אויב ריידן וועגן אַנדערע ציוניסטישע טעאָריעס, איז זייער זין באַשטייט אין דעם, אַז די פּאָליטישע מאַפּע פונעם נאָענטן מיזרעך דאַרף איבערגעטיילט ווערן. דערביי אַזויאַרום, אַז ליוואַן, סיריע, איראַק און אַפילע עגיפּעט זאָל מען צעטיילן אַף קליינע מעלוכע-אויסבילדונגען. בעגין און זײַן רעגירונג טרעטן אויך אַרויס קעגן דעם, מע זאָל באַשטימען די מעלוכע-גרענעצן פון ייִסראַעל. זיי, זעט איר, עקזיסטירן ניט אין דער נאַטור. לויט דער סכעמע פון א „גרויסן ייִסראַעל" דאַרפן די גרענעצן זײַן באַוועגלעכע און אײַנגעשטעלט ווערן, אָפּהענגיק פון דער ווײַטערדיקער טעריטאָריאַלער עקספּאַנסיע.

דעם 17 מײַ איז אין דער פרעסע פאַרעפנטלעכט געוואָרן א דערקלערונג פון אונדזער קאָמיטעט אין שײַכעס מיט דער ליוואַנער-ייִסראַעלדיקער פאַרשטענדיקונג. אין דער דערקלערונג ווערט אונטערגעשטראָכן דער קאַבאַלער כאַראַקטער פון דער פאַרשטענדיקונג, וואָס ייִסראַעל און פשא האָבן אָנגעבונדן ליוואַן. די דאָזיקע פאַרשטענדיקונג איז, לויט אונדזער מיינונג, ניט מער ווי א רויך-פאַרהאַנג, וועלכער איז באַרופן צו באַהאַלטן די עמעסע צילן פון דער פּאָליטיק פון ייִסראַעל. עס גייט א רייד וועגן א צוגרייטונג פון א נײַער מילכאָמע קעגן די אַראַבער.

קאָרעספּאָנדענט פון דער צײַטונג „אַל-וואַטאַן" (קוווייט). וויאַזוי באַציט איר זיך צו דעם גערעכטיקן קאַמף פונעם פּאַלעסטינער פאָלק אונטער דער אָנפירונג פון דער אָרגאַניזאַציע פאַר באַפרײַען פּאַלעסטינע, פאַר שאַפן א פּאַלעסטינער אַראַבישע דעמאָקראַטישע מעלוכע? די צווייטע פראַגע: וואָס פאַרא מיינונג האָט איר וועגן רייגאַנס פּלאַן פון דעם אַזויגערופענעם שאָלעם?

א. פ. בעליאַיעוו. איך מיין ניט, אַז ס'איז פאַראַן א נויטוענדיקייט צו ענטפערן באַאַריכעס אַף דער ערשטער פראַגע. דער סאָוועטנפאַרבאַנד האָט געשטיצט און שטיצט דעם גערעכטיקן קאַמף פונעם אַראַבישן פּאַלעסטינער פאָלק פאַר זײַנע נאַציאָנאַלע רעכט, פאַר שאַפן אַן אַראַבישע פּאַלעסטינער מעלוכע. מיר האָבן געהאַלטן און האַלטן, אַז דער יורידישער יעסאָד פון שאַפן אַזאַ מעלוכע איז די רעזאָליוציע פון דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע נאַציעס פונעם 29 נאָיאַבער 1947, אין וועלכער עס איז פאַרפיקסירט די נויטוענדיקייט פון צעטיילן פּאַלעסטינע, וועלכע איז געווען אונטערן מאַנדאַט, אַף צוויי מעלוכעס — אַן אַראַבישער, ווי ס'איז געווען דערמאָנט אין דער ערשטער שורע, און א ייִדישער. די ייִדישע מעלוכע איז אַנטשטאַנען דעם 14 מײַ 1948, די אַראַבישע פּאַלעסטינער מעלוכע איז ניט געשאַפן געוואָרן, אָבער פונדאַנען דרינגט ניט אַרויס, אַז די פּאַלעסטינער אַראַבער האָבן פאַרלוירן די רעכט אַף איר. מיר האָבן אַקטיווע באַציונגען מיט דער אָרגאַניזאַציע פאַר באַפרײַען פּאַלעסטינע (אָאָפּ). אין די געהעריקע דאָקומענטן איז פאַרפיקסירט די פרינציפּיעלע פּאָזיציע פון פּססר, מיר באַטראַכטן אָאָפּ פאַר דעם איינציקן געזעצלעכן פאַרשטייער פונעם אַראַבישן פאָלק פון פּאַלעסטינע.

וואָס שײַעך דער צווייטער פראַגע, ווערט דערמאָנט אינעם רייגאַן-פּלאַן פון שאָלעם, ווי באַוווּסט, עפּעס אַן אַסאָציאַציע פונעם מײַרעוו-ברעג מיט יאַרדאַניע. אָבער וואָס איז דאָס פאַר אַן אַסאָציאַציע, איז אינעם פּלאַן גופע ניט דערקלערט און ס'איז פּראַקטיש אויסגעמיטן די קאַרדינאַלע פּראָבלעם פונעם קאָנפליקט אַפן נאָענטן מיזרעך — די פּראָבלעם פון די פּאַלעסטינער. און ווי מיר דוכט, האָט דער דאָזיקער פּלאַן, וועלכער איז אַרויסגערוקט געוואָרן דעם 1-טן סענטיאַבער פאַריקס יאָר אין סאַמע ברען פון דער מילכאָמע אין ליוואַן, געהאַט א ציל אָפּצווענדן די אופמערקזאַמקייט פון דער אַגרעסיע און פון די ייִסראַעלדיקע פאַרברעכנס אין ליוואַן, און בעשום-אויפן ניט קיין אַלצאַרומכאַפּנדיקע אײַנרעגולירונג. וואָס שײַעך דעם „סטראַטעגישן העסקעם" צווישן די פאַראייניקטע שטאַטן און ייִסראַעל, איז עס טאַקע יענער רעאַלער בונד, אַף דער באַזע פון וועלכן ייִסראַעל און די פאַראייניקטע שטאַטן האָבן,

אין טאָך, צוזאמען מילכאָמע געהאלטן אין ליוואן און גרייטן זיך צו א נײַער מילכאָמע קעגן סיריע.

קאָרעספּאָנדענט פון דער צײַטונג „דיילי וואָרלד“. גענעראל דראגונסקי! פון דער אייגענער דערפארונג ווייסט איר, וואָס פאר א ראָליע עס האָבן געשפּילט די סאָוועטישע ייִדן אין דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע קעגן דעם פאשיזם, ווי אויך וועגן יענער ראָליע, וואָס עס האָט געשפּילט די סאָוועטישע ארמיי אין ראטעווען מיליאָנען ייִדן פון טויט אין די גאז-קאמערעס. קאָמענטירט עס דורך, ביטע.

ד. א. דראגונסקי. אין אן איינהײַטלעכער פילנאציאָנאלער ריי פון די סאָלדאטן און אָפיצערן פון דער רויטער ארמיי האָבן קעגן די היטלערישע האָרדעס זיך געשלאָגן אויך ייִדן. אף די פראָנטן פון דער מילכאָמע זײַנען געפאלן מיט א העלדנטאט בא 200 טויזנט ייִדן. דער מיליטערישער העלדנטאט פון א סאך טויזנטער קריגסלײַט-ייִדן איז אָפּגעמערקט מיט שלאכט-אָרדענס. העכער 120 מענטשן זײַנען באערט געוואָרן מיטן טיטל העלד פון סאָוועטנפארבאנד. אין סאָוועטנפארבאנד אכטעט מען הייליק דעם שלאכטישן העלדנטאט אין די יאָרן פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע.

איך אליין האָב אָנגעהויבן די מילכאָמע אין דער פעסטונג אָסאָוועץ. פאר 1418 טעג און שלאָפלאָזע נעכט בין איך דורכגעגאנגען א סאך פראָנטן. אין דער בריגאדע, מיט וועלכער איך האָב קאָמאנדעוועט אין סאָף פון דער מילכאָמע, זײַנען געווען פאָרשטייער פון ארום 30 נאציאָנאליטעטן, און אלע האָבן זיי זיך געשלאָגן פאר אונדזער היימלאנד. זיי האָבן ניט געפרעגט, ווער דו ביסט — א רוס, א קאזאך, א ייִד, א לעט, — זיי האָבן געהאט איין אויפגאבע — וואָס גיכער צו פארענדיקן מיטן ראסיזם, פאשיזם און דעראָבערן פרײַהײַט פאר אונדזער היימלאנד. מיר האָבן זיך געשלאָגן און געזיגט אלס אן איינהײַטלעכע פילנאציאָנאלע מישפּאָכע פון סאָוועטישע פעלקער.

און נאָך האָב איך געוואָלט דערמאָנען, אז אלע יאָר, דעם 9 מײַ, פײַערן מיר אלע דעם טאָג פון זיג. מע מערקט אים אָפּ אָפּיציעל אין א סאך לענדער... אָבער ניט אין ייִסראָעל.

אין ייִסראָעל ווערט ניט אָפּגעמערקט אלס מעלוכע-יאָמטעוו אזא גרויסע היסטאָרישע געשעעניש ווי דער זיג איבערן נאציסטישן דײַטשלאנד, ווי די צעשמעטערונג פונעם פאשיזם. די פּאטאלאָגישע סינע פון די ציִעניסטישע רעדלפירער צום סאָוועטנפארבאנד שטערט זיי צו אנערקענען דעם אלוועלטלעך-היסטאָרישן בײַטראָג פונעם סאָוועטנפארבאנד אינעם דערגרייכן דעם ניצאָכן, וועלכער האָט געשטערט צו רעאליזירן די בארבארישע פּלענער פון די נאציסטן — אויסצוראָטן אלע אזויגערופענע „נידעריקסטע ראסעס“, דערונטער ייִדן.

קאָרעספּאָנדענט פון מאָסקווער ראדיאָ. די ציִעניסטישע פּראָפּאגאנדע פּרוּווט איבערצײַגן די מײַרעוודיקע אאודיטאָריע, אז אין סאָוועטנפארבאנד אונטערדריקט מען קלוימערשט די בירגער פון דער ייִדישער נאציאָנאליטעט. איך בעט דאָס דורכקאָמענטירן.

ס. ל. זיווס. דאָס פּרוּוון אויפהייבן די „ייִדישע פראגע“ אין פּססר איז אן עלעמענט פון פּסיכאָלאָגישער מילכאָמע קעגן אונדזער לאנד. כ'וואָלט געוואָלט אין צוזאמענהאנג דערמיט ווענדן אײַער אויפמערקזאמקײַט אף דעם, אז די מײַרעוודיקע פּרעסע ווערט סיסטעמאטיש פארפלייצט מיט רעכילעס וועגן דער דיסקרימינאציע פון די ייִדן אין סאָוועטנפארבאנד. רעגולער גייען ארויס ביכער, געווידמעט ספּעציעל דער דאָזיקער פראגע. אָט ליגן פאר מיר צוויי פון זיי, וועלכע זײַנען ערשט ניט לאנג צוריק ארויסגעגעבן געוואָרן אין פראנקרײַך. איינער הייסט „אנטיסעמיטיזם אין רוסלאנד פון ברײשיס ביז אונדזערע טעג“, און דער צווייטער — „זײַן א ייִד אין פּססר“. דערבײַ זײַנען ביידע דערשינען אין א פּרעסטיזשן, כ'וואָלט געזאָגט, ערנסטן, אקאדעמישן פארלאג „אוניווערסיטעטישע פּרעסע“.

אויב א בלעטער טאָן דעם בוך „זײַן א ייִד אין פּססר“, זײַנען דאָרט פאראן אי ציפערן, אי טאבעלעס, אי פארופונגען אף קוואלן. איינס פעלט — דער עמעס. נו, לאָמיר, לעמאָשל, עפענען די זײַט 86. דאָרט ווערט געזאָגט, אז אונטעריכטן רעליגיע פאר מינדעריעריקע איז פארבאָטן לויטן ארטיקל 119 פונעם קרימינעלן קאָדעקס אזש ביז טויט-שטראָף. טוט אליין א קוק, וועגן וואָס עס ווערט געזאָגט אינעם ארטיקל 119 פון דעם קרימינעלן קאָדעקס פון דער רוסלענדישער פעדעראציע. עס ווערט געזאָגט וועגן באשטראָפונג פאר געשלעכטלעכע באציִונגען מיט א מינדעריעריקן.

בלעטערן מיר ווײַטער. אָט ווערט געזאָגט וועגן דעם, אז ווען אין 1964 האָט מען ארויסגעגעבן א פולע זאמלונג פון וו. אי. לענינס ווערק, איז אין איר, קלוימערשט, ניט אײַנגעשלאָסן געוואָרן זײַן רעדע, וואָס ער האָט געהאלטן אין 1919 און וואָס איז געווען געריכטעט קעגן אנטיסעמיטיזם, ווײַל איצטער וויל מען ניט דערמאָנען וועגן דעם. אָבער

נעמט די פולע זאַמלונג פון וו. אי. לענינס ווערק, עפנט דעם באַנד 38 און לייענט איבער דעם טעקסט פון אַ רעדע פון וולאַדי-מיר איליטשן, ווו ער דערקלערט, ווער עס צעצינדט האַס צו ייִדן — קאַפּיטאַליסטן פון אַלע לענדער, וועלכע זײַנען פאַרינטערעסירט אין דעם, קעדיי אַזויאַרום אָפּווענדן די אַרבע-טער פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן פון די עמעסע פײַנט.

אַט נאָך עטלעכע בײַשפּילן. דער אויטאָר טײַנעט, אַז אַלע פּיעסן, וועלכע גייען אין די מאָסקווער טעאַטערס, האָבן אַן אַנטיסע-מיטישע צילגעווענדטקייט. דערבײַ פאַרופט מען זיך אָף איינער אַזאַ פּיעסע. איך מיין, אַז אַפילע אויסלענדישע זשורנאַליסטן האָבן געזען די שטעלונג פון מיכאַיל בולגאַקאָווס פּיעסע „געלאָף". ס'איז דערשינען אויך איר עקראַניזאַציע. און אַט ווערט דאָס דאַזיקע דראַמאַטישע ווערק, וואָס שילדערט אַ ברייטן לײַוונט, וויאַזוי עס טרעטן אָפּ די צעגראַמיר-טע ווײַסגוואַרדייִשע באַנדעס פון קרים, דער-קלערט אַלס אַן אַנטיסעמיטיש אָף יענעם סמאַך, וואָס, זעט איר, דאָס קליינינקע פּער-סאָנאַזשל „אַרטור אַרטוראַוויטש — דער וואַנצן-קיניג" אָרדנט אײַן אין קאָנסטאַנטינאָ-פּאָל וואַנצן-יאָגענישן, און לויט איין רעפּליק קאָן מען האַלטן, אַז ער איז אַ ייִד.

אין דעם זעלבן בוך לייענען מיר, אַז „מער פון אַ האַלבן יאָרהונדערט איז אין אַט דעם לאַנד ניט פאַרווירקלעכט געוואָרן קיין איין אויסגאַבע פון דער ביבל אָף העברעיִש". אינדערעמעסן, אַט איז זי, אַ פאַרווירקלעכטע אין 1979, אויפלאַגע פונעם אַלטן טעסטאַ-מענט — כומעש — אָף העברעיִש מיט אַ פּאַ-ראַלעלן רוסישן טעקסט. די אויסגאַבע האָט פאַרווירקלעכט די קעהילע פון דער מאָסקווער כאָראַלער סינאַגאָגע.

קאָרעספּאָנדענט פון דער צײַטונג „נאַיעס לעבן". אין דער מײַרעוודיקער פּרעסע שרײַבט זיך ניט זעלטן, אַז אין סאָוועטנפאַרבאַנד ווערט קלוימערשט פאַרבאָטן צו אונטעריכטן איוריט. דערבײַ ווערט איוריט אָנגערופן אַלס נאַציאָנאַלע שפּראַך פון די ייִדן אין פּססר. וויאַזוי איז ווירקלעך די לאַגע?

ג. אַ. זימאַנאַס. העברעיִש איז קיינמאָל ניט געווען די נאַציאָנאַלע שפּראַך פון מענטשן פון ייִדישער נאַציאָנאַליטעט ניט אין צאַרישן רוסלאַנד, ניט אין סאָוועטנפאַרבאַנד. אַזאַ שפּראַך איז געווען ייִדיש. הײַנט-צו-טאָג האַלטן 14 פּראָצענט ייִדן אין סאָוועטנפאַר-באַנד ייִדיש אַלס מוטער-שפּראַך.

וואָס שײַעך איוריט, וועלכער איז אויפ-געשטעלט אין אַדאַפּטירט געוואָרן צו די באַדינגונגען פונעם הײַנטצײַטיקן לעבן אין ייִסראַעל, ווערט ער אונטעריכט אין די העכ-סטע לערן-אַנשטאַלטן פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד, דאָרט, ווו עס ווערן געגרייט ספּעציאַליסטן-פילאַלאָגן, מיזרעכקענער. צום בײַשפּיל, אינעם אינסטיטוט פון די לענדער פון אַזיע און אַפרי-קע באַם מאָסקווער מעלוכע-אוניווערסיטעט, אין טביליםער און לענינגראַדער אוניווערסי-טעטן.

כ'וועל זיך ניט אָפּשטעלן אָף דעם, אַז די ציוניסטישע לידערס שטעלן אַ באַזונדע-רע קאָרט אָף אײַנגלידערן איוריט. זיי וואָלטן געוואָלט זיך דערשלאָגן, מע זאָל לערנען אין אויפנעמען איוריט אַלס געמיינזאַמע שפּראַך פאַר דער אידיי פון אַן איינהײַטלעכער „אַל-וועלטלעכער ייִדישער נאַציע", וועלכע עס פּראָפּאַגאַנדירן די ציוניסטן. אין איוריט זעען די לידערס פונעם ציוניזם אויך אַן אינסטרו-מענט, וועלכער דאַרף פאַרלײַכטערן די פאַר-שפּרייטונג פון דער ציוניסטישער אידעאָ-לאָגיע.

אָבער לאָמיר זיך אומקערן צו ייִדיש. מיט דער גאַנצער פאַראַנטוואָרטלעכקייט קאָן מען זאָגן, אַז די ציוניסטישע סאַמאַזוואַנ-צעס — „פאַרטיידיקער פון דער ייִדישער סאָ-וועטישער קולטור" זײַנען אַבסאָליוט גלײַכ-גילטיק צו דער נאַציאָנאַלער שפּראַך פון די סאָוועטישע ייִדן — ייִדיש. רופט מיר אָן אַ באַליביקן מײַרעוודיקן ביכער-פאַרלאַג, וועל-כער וואָלט זײַן גרייט איבערצודרוקן ביכער פון סאָוועטישע ייִדישע שרײַבער, וועלכע שרײַבן אָף מאַמע-לאָשן! אָדער כאָטשבי פאַרעפנטלעכן אַן אַנטאָלאָגיע פון ווערק, פאַרעפנטלעכטע אָף ייִדיש אינעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", וועלכער גייט אַרויס אין מאָסקווע. רופט מיר אָן אַ פירמע פון גראַמפּלאַטן אָפּן מײַרעוו, וועלכע איז גרייט אַרויסלאָזן אַ פּלאַט מיט פאַרשרײַבונגען אָף ייִדיש זינגלידער אין דער אויפפירונג פון יאָסיף קאָבזאָן אָדער גאַלינע קאַרעוואַ. רופט מיר אָן אַ פירנדיקע מײַרעוודיקע צײַטונג — פון „מאָנד" ביז „ניו-יאָרק טײַמס", — וועלכע זאָל אָנשרײַבן וועגן אַט דעם וווּנדערלעכן אַלעפבייס אָף ייִדיש, וועלכן עס האָט באַ-שטעטיקט דער אָפּטייל פון פאַלקסבילדונג פון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט און איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורכן כאַבאַראָוו-סקער ביכער-פאַרלאַג אין 1982.

פאַרוואָס פאַרשווײַגט זיך עס? ווײַל אויב מע זאָל אָנשרײַבן, וועט אַ באַליביקן מענטשן אָפּן מײַרעוו ווערן אַבסאָליוט קלאָר דער עמעסער זין פון דער אַזוי-גערופענער „פאַרטיידיקונג פון דער ייִדישער קולטור אין פּססר".

קאָרעספּאָנדענט פון „רעוויו דע רעלאַסיאָן אינטערנאַסיאָנאַל“ (בעלגיע). אין בעלגיע זײַנען פאַראַן ייִדישע טוער, דערונטער צווישן די לעקטאָרס פון די אוניווערסיטעטן, וועלכע באַטייליקן זיך אין דער דעמאַסקירונג פון ייִסראָעל און פונעם ציִעניזם. פאַרשטייט זיך, זיי אַרבעטן אין זייער קאָמפּליצירטע באַדינגונגען, געפינען זיך אונטערן דרוק פון דער ציִעניסטישער פּראָפּאַגאַנדע. די פראַגע איז אָט אין וואָס: צי זעט פאָר אײַער קאָמיטעט א מיטאַרבעטערשאַפט מיט ייִדישע טוער פון אַנטי־ציִעניסטישער ריכטונג אין אַנדערע לענדער?

ס. ל. זיווס. איך מיין, אַז אונדזער קאָמיטעט וועט אין פּראָצעס פון זײַן ווײַטערדיקער אַרבעט אײַנשטעלן פאַרבינדונגען מיט אויסלענדישע נאַציִאָנאַלע און צווישנפעלקערלעכע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע טרעטן אַרויס פאַר דעמאַסקירן דעם ציִעניזם, זײַן אידעאָלאָגיע און פּאָליטישע פּראַקטיק.

רעדאַקטאָר פון דער צײַטונג „פּאָליטיקען“ (דענעמאַרק). איר זאָגט, אַז איר און אײַער קאָמיטעט שטיצט די עקזיסטענץ פון מעדינאַס ייִסראָעל... נאָר ס'איז באַוווּסט, אַז דער אידעאָלאָגישער יעסאָד פון מעדינאַס ייִסראָעל — דאָס איז ציִעניזם. וויִאַזוי זשע קאָן מען קעמפן מיטן ציִעניזם און אין דער זעלבער צײַט שטיצן די עקזיסטענץ פון מעדינאַס ייִסראָעל?

ס. ל. זיווס. איך מיין, אַז איר ווייסט זייער גוט די פּאָזיציע, פון וועלכער מיר גייען אַרויס: מיר זײַנען פאַר אַן אַנטוויקלונג פון נאָרמאַלע באַציִונגען מיט א סאַך מעלוכעס, ווו די אָנפירנדיקע קרײַזן און די הערשנדיקע פּאַרטייען פאַרנעמען אידעאָלאָגישע פּאָזיציעס, אומאָנגעמבאַרע פאַר אונדז. נאָר איך וויל ניט זאָגן, אַז מיר זײַנען גרייט הײַנט־צו־טאָג צו פאַרשפּרייטן אַזאַ מין צוגאַנג אויף ייִסראָעל, ווײַל זײַן רעגירונג שטייט אויף פּאָזיציעס פון מיליטערישן אַוואַנטוריזם, אַגרעסיע, ראַסיזם און עקספּאַנסיע.

קאָרעספּאָנדענט פון דער צײַטונג „מאָסקאָו ניוס“. לעצטנס האָט זיך אָנגעמערקט א טענדענץ צו פאַרקירצן די עמיגראַציע קיין „ערעץ־ייִסראָעל“. אין ייִסראָעל גופע איז מערקבאַר א וווּקס פון עמיגראַציאָנעלע שטימונגען. צי זאָגט עס ניט אײדעס וועגן דעם קריזיס פונעם ציִעניזם?

ס. ל. זיווס. איך מיין, אַז מע וואָלט געקאָנט ריידן ניט פּאָשעט וועגן א קריזיס פונעם ציִעניזם, נאָר גיכער פון אַלץ וועגן דעם קראַך פון איינעם פון זײַנע הויפּט־קאָנצעפּציעס — „צונויפזאַמלען די ייִדן פון דער גאַנצער וועלט אויף דער ערד פון ייִסראָעל“. וואָס קומט פאָר אין דער פּראַקטיק? פאַר אַלע יאָרן פון דער עקזיסטענץ פון אָט דער מעלוכע זײַנען דאָרט אויף שטענדיקער באַזעצונג זיך צונויפגעפאָרן פון דער גאַנצער וועלט אַנערעך אָנדערהאַלבן מיליאָן מענטשן. און אַנערעך 600 טויזנט פון זיי, דאָס הייסט א דריטל, האָבן זי פאַרלאָזט, פּאָשעט געראָדט, געמאַכט די פּלייטע. וואָס איז עס, אויב ניט א נײַע „יעציִע“?

צווישן די סיבעס, וועלכע שטויסן די מענטשן צו פאַרלאָזן דאָס דאָזיקע לאַנד, איז אויך דער אומגעהערטער וווּקס פון דער אינפּליאַציע. 135 פּראָצענט פאַראַיאָרן — אַן אייגנאַרטיקער רעקאָרד פאַר די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, און די אַטמאָספער פון שאָוויניסטישן טשאַד, דער דרוק פון די רעליגיִעזע קרײַזן, און, ענדלעך, דער צושטאַנד פון א פּערמאַנענטער מילכאָמע, ווען קיין איין מישפּאָכע ווייסט ניט, וועמען פון אירע מיטגלידער זי וועט פאַרלירן אין גאַנג פון אַן אָרדנטלעכער אַגרעסיע. איצטער ווערט אינעם ייִסראָעלדיקן פּאַרלאַמענט באַהאַנדלט די פּראַגע וועגן סאַנקציעס קעגן יענע, וועלכע פּרוּוון אַרויספאָרן פון ייִסראָעל. איך מיין, אַז דאָס אָנטפּלעקט בוילעטער פון אַלץ, וויִאַזוי עס האָט געפּלאַצט מיט א טראַסק די ציִעניסטישע לעגענדע.

■ ■ ■

דינע כאַריק

אין זײַן ליכטיקער שײַן

ווען איך בין געוואָרן איזי כאַריקס פרוי, האָב איך זיך טאַקע אינגיכן איבערצײַגט, אַז אומזיסט האָב איך מוירע געהאַט פאַר דער „לאַסט". כאַריק האָט פריִער געהאַט מיר געזאָגט, אַז דאָס איז ניט מער פאַראַנטוואָרטלעך, ווי צו זײַן אַ פרוי פון אַ באַליביקן מאַנצבל. דאָ איז ער שוין ניט געווען אינגאַנצן גערעכט: ווײַט ניט יעדער מאַנצבל וואָלט זיך באַנוגנט מיט אַזאַ באַשיידענעם אַרט לעבן, ווי בײַ אונדז האָט זיך עס געפירט. וואָס איך פלעג אים דערלאַנגען צום טיש, איז עס אים גוט געווען. כ'האָב פון אים קיינמאָל ניט געהערט, אַז אים געפעלט ניט דאָס אָדער יענץ מאכל. וואָס איך פלעג ניט טאָן אין דער באַלעבאַטישקײַט, איז ער מיט אַלץ געווען מאַסקים, און טאָמער פלעג איך עפּעס טאָן ניט אַזוי, פלעגט ער מיר אונטערזאָגן מיט אַזאַ טאָן, ווי אַ טאַטע לערנט זײַן קינד.

פון די ערשטע טעג אָן פון אונדזער צוזאַמענלעבן האָב איך אים אינגאַנצן באַפרײַט פון פירן די באַלעבאַטישקײַט. כ'האָב עס גענומען אין מײַנע הענט, און, זאָגנדיק דעם עמעס, בין איך דאַן נאָך געווען ניט פון די זייער געניטע באַלעבאָסטעס, אָבער כאַריקן האָט עס ניט געקימערט.

— וויטשעלע, — אַזוי פלעגט ער זיך צו מיר ווענדן. מיטן דאָזיקן וואָרט פלעגט מען בײַ אונדז אין ווײַסרוסלאַנד אין אַ שפּאַס אָנרופן קליינע קינדער. — דו ווייסט גאָרניט, וואָס פאַר אַ גרויסע זאַך האָסטו פאַר מיר אופגעטאָן מיט דעם, וואָס דו האָסט מיך באַפרײַט פון פירן די באַלעבאַטישקײַט. וויפל צײַט פלעגט עס בײַ מיר אָפּנעמען! איצט האָט זיך פאַר מיר געעפנט גאָר אַן אַנדער וועלט. צײַט אויף אַרבעטן האָב איך איבערגענוג. איך באַווײַז אופטאָן פיל זאַכן. נאָר, מעגלעך, ס'איז אַ כוצפּע פון מײַן זײַט, וואָס איך האָב גענומען אַ וויטשעלע און אײַנגעשפּאַנט אין אַזאַ וואָגן.

— זאָל עס דיך ניט אַרן, — פלעג איך אים באַרויִקן, — כ'האָב גראַדע ליב זיך פאַרנעמען מיט דעם, און מיר געפעלט, ווען אַ מאַנצבל מישט זיך ניט אין אַזעלכע איניאָנים.

— דו זאָגסט עס אויף אַן עמעס?

— ערן וואָרט.

— נו, אויב אַזוי, איז מײַן געוויסן רויִק.

ער פלעגט מיר שטענדיק אָפּגעבן דאָס גאַנצע געלט, וואָס ער האָט באַקומען, און קיינמאָל פלעגט ער ניט פאָדערן פון מיר קיין שום כעזשבוינעס, וווּהין דאָס געלט גייט און אויף וואָס.

ווען איך בין צוגעטראָטן צו מײַנע פליכטן אַלס באַלעבאָסטע, האָב איך קוידעמקאָל באַשטימט מאַכן אַ גענעראַלע אופראַמונג. וואַשנדיק דעם דיל, שלעפּ איך אַרויס פון אונטערן בעט אַ גרויסן שווערן טשעמאָדאַן.

— וואָס איז דאָרטן, איזי? — פרעג איך בײַ אים.

— עפן אויף, וועסטו זען.

איך עפן אויף. גאָט מײַנער! פול געפּאַקט מיט פרויִשער קליידונג. וואָס איז דאָרטן ניט געווען? טופליעס, קאָמבינאַציִעס, כאַלאַטן, צוויי קאָפּטעס, אַ מאַנטל און אַפילע קאָסמעטישע אָנגעלעגנהײַטן.

— פונוואַנען איז עס בײַ דיר? — האָב איך מיט אומרו געפרעגט. — און וועמען געהערט עס?

— דאָס איז אַלץ דײַנס, — האָט ער מיר געענטפערט. — דו געדענקסט, אַז איינמאָל, קומענדיק פון מאָסקווע, האָב איך דיר געבראַכט אַ פּאָר טופליעס, האָסטו בעשום־אויפן ניט געוואָלט נעמען. איז אָט ליגן זיי, און פון דעמלט אָן, ווען איך פלעג מיט אַ בריגאַדע שרײַבער ערגעץ אַרויספאָרן, און זיי פלעגן אײַנקויפן מאַטאָנעס פאַר זייערע פרויען און קינדער, פלעג איך אויך דאָס טאָן, זײַענדיק זיכער, אַז ווען דו וועסט ווערן מײַן פרוי, וועט עס דיר שטאַרק צוניץ קומען. וועהאָרײַע, אַלע קליידער זײַ־

סאָף. זע „סאָוועטיש היימלאַנד". נום. 7, 1983.

בען געקויפט געוואָרן אף דײַן מאָס. מעסט אָן, וועסטו זיך איבערצײַגן.

ערשט דאַן האָב איך פארשטאנען, פארוואָס כאריק פלעגט צווישן אנדערס זיך אינטערעסירן, וואָס פאר א נומער שוכווארג איך טראָג און פון וועלכער מאָס זײַנען מײַנע קליידער.

ניט געקוקט אף דעם, וואָס איך האָב אים בא־פרײַט פון שטוביקער ארבעט, איז בא אים סײַווי געווען א גרויסער מאנגל אין צײַט. אף דער ארבעט פלעגט ער אוועקגיין אינדערפרי און זיך אומקערן צו זעקס אין אָוונט. אויסער דעם, וואָס ער איז געווען דער אָנפירער פון דער יידישער סעקציע פון דער שרײַבער־אָרגאניזאציע און פאראנטוואָרט־לעכער רעדאקטאָר פונעם זשורנאל „שטערן", איז ער אויך געווען א דעפּוטאט פונעם ווײַסרוסישן צענטראלן אויספיר־קאָמיטעט, וועלכער האָט זיך שפּעטער גערופן אויבער־ראט, און א מיטגליד פון דער ווײַסרוסישער וויסנשאפטלעכער אקאדעמיע. דעריבער איז קיין וווּנדער ניט, וואָס אף אויספילן אלע פליכטן איז דער טאָג פאר אים געווען ווייניק. אָפט פלעגט ער זיך פארהאלטן ביז שפּעט אף זי־צונגען, סעסיעס און פּלענומען און אויך אף ליטע־ראַרישע אָוונטן.

אין די פרײַע אָוונטן פלעגט ער אָפּזיצן ביז שפּעט אין דער נאכט באם שרײַבטיש — רעדאגירן ווערק, ענטפערן אף בריוו, לייענען א בוך. איך האָב בעשום־אויפן ניט געקאָנט באגרײַפן, ווו ער נעמט צײַט אף שאפן לידער. און לידער פלעגן זיך גראדע בא אים אָפט באווײַזן. וויאזוי זיי שאפן זיך בא אים, האָב איך ניט באמערקט. איך פלעג נאָר זען, ווי ער פארשרײַבט זיי שוין פארטיקע, אינגאנצן באארבעט. אָפט האָט ער זיי מיר דיקטירט, און איך פלעג פארשרײַבן. שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אז שאפן פלעגן זיך בא אים לידער, ווען ער פלעגט גיין אין גאס אָדער זיצן אף א ניט אינטערעסאנ־טער פארזאמלונג, צי זיצונג, אָדער באנאכט, ווען אים פלעגט זיך ניט שלאָפן. נאָר ווען ער האָט פארטראכט א גרעסערע זאך, דאָס הייסט, א פּאָעמע, פלעגט ער נעמען אף זײַן כעזשבן אורלויב און אוועקפאָרן אין דעם שפּעטרישן הויז, וואָס האָט זיך געפונען אין פּוכאָוויטשי, ניט ווײַט פון מינסק.

צו דעם דארף מען צוגעבן, אז כאריק איז געווען ניט פון די דיכטער, וועלכע שרײַבן זייער א סאך. ס'פלעגט טרעפן, אז אין מעשעך פון א גאנץ יאָר האָט ער קיין איין ליד ניט געשאפן. דערפאר אָבער, אז עס פלעגט זיך שוין באווײַזן אין דרוק זײַנער א ציקל לידער אָדער א פּאָעמע, איז עס געווען א געשעעניש אין דער יידישער סאָוועטישער ליטערא־טור, און ניט נאָר אין דער יידישער.

וועגן דעם אלץ האָב איך זיך דערוווּסט שפּעטער, נאָר די ערשטע צײַט האָט מיך געוווּנדערט, פאר־וואָס איך זע ניט, אז זיצנדיק באם שרײַבטיש, זאָל ער אזוי האָרעווען איבער א ליד, ווי פאר פּאָעטן איז עס אייגנטימלעך.

ווען אים איז אויסגעקומען פיל ארבעטן אינדער־היים, פלעגט ער צו מיר צוגיין, זיך זעצן אף דער סאָפע, ווו איך בין געלעגן און געלייענט א בוך, און עפּעס ווי ניט דרייסט בא מיר א פרעג טאָן:

— זאָג דעם עמעס, וויטשעלע, דיר איז, קאָנטיק, גוט אומעטיק מיט מיר. ווי איך פארשטיי האָסטו ניט אזוי זיך פארגעשטעלט אונדזער צוזאמענלעבן...

— מיר איז אבסאָליוט ניט אומעטיק, — פלעג איך אים פארזיכערן. פארקערט, איך האָב מוירע געהאט, אז מיר וועלן די גאנצע צײַט זײַן אין קאָמפּאניעס, אין טומל, אין הו־הא. און דאָס איז גראדע מיר ניט זייער צום הארצן.

— אײַ, ביסטו א כיטרע, — פלעגט ער זאָגן. — נאָר דײַגע ניט. ניט אלעמאָל בין איך אזוי פאר־נומען. אָט וועט קומען זומער, די אָוונטן וועלן ווערן גרעסער, דאן וועלן מיר ווידער שפּאצירן הינטער דער שטאָט, ווי אין די ערשטע צײַטן, ווען מיר האָבן זיך באקאנט. מיר וועלן גיין אין טעאטער, קינאָ. וועסט זיך נעענטער באקאנען מיט מײַנע פרײַנט. גאָר אַן אנדער וועלט וועט זיך פאר דיר עפענען.

— מיך ארט ניט, אויב עס וועט זײַן אזוי, ווי ס'איז איצטער, — האָב איך אים געענטפערט.

איינמאָל אין אן אָפּרו־טאָג האָב איך צוגעגרייט א ווארמעס פון אײַנע יידישע מײַכאָלים: א לאָקשנקוגל און א מערן־צימעס.

— זע, פונוואנען קענסטו עס? — האָט איזוי זיך געוווּנדערט. — וואָס ווײַטער אנטדעקן זיך אין דיר נײַע טאלאנטן. א שאָד, א שאָד, וואָס זעליקל אקסעל־ראָד און לייזער קאצאָוויטש זײַנען ניטאָ דערבײַ. זיי פלעגן מיך שטענדיק אײַנלאדן אף אזעלכע גע־ריכטן.

א צווייט מאָל האָב איך אים צוגעגרייט א וואר־מעס פון ווײַסרוסישע מײַכאָלים — א זופּ א זאטיר־קע און קארטאָפל־לאטקעס. אזוי געפרעגלט, אז זיי זײַנען געווען מאמעש דורכזיכטיקע. דערבײַ האָב איך נאָך דערלאנגט צום טיש א מאָטשאנקע פון סמעטענע מיט טוואָרעך: מע שעפּט אָן אף דער לאטקע און מע עסט עס צוזאמען.

— נו, פּאָשעט דו פארוווּנדערסט מיך! — איז ער ווידער געווען באגײַסטערט.

און באם עסן האָט ער געטײַנעט:

— אבסאָליוט ניט ערגער, ווי דאָס גרייט צו די טיאָטיע וואָלאדיע (אזוי האָט געהייסן יאנקא קופּא־לעס פרוי. כאריק איז געווען באפרײַנדעט מיט קו־פּאלען, און ניט איין מאָל פלעגט דער פּאָלקס־דיכטער פון ווײַסרוסלאנד אים פארבעטן צו זיך אף ווארמעס).

פון צײַט צו צײַט פלעגן צו כאריקן ארײַנקומען פרײַנט, מערסטנטייל יונגע אָנפאנגער. זיי פלעגן זיך ארײַנשטעלן אָן שום וואָרענונג און לייענען זייערע נײַע שאפונגען.

אין א ווינטערדיקן אָוונט הער איך, ווי עמעצער שאָרכעט זיך הינטער דער טיר. איך עפן אוף — אף דער שוועל שטייט א שטשופּלע, דאר ייִנגל. דער באָכער זעט אויס א ביסל סוטולע, דאָס היטל, פונקט ווי בא איזין, ליגט אף א קוטשמע געדיכטע שווארצע געקרײַזלטע האָר. נאָר בא איזין ליגט דאָס היטל שטענדיק נאטירלעך, ווי ס'דארף צו זײַן, און בא אָט דעם באָכער — ווי בעקיוון ארופגעלייגט אף די האָר. די געלע געטרעס אף די קאמאשן, דאָס קורצע מאנטל — אויך ווי בא איזין, מער ניט, בא איזין איז דאָס מאנטל פון פוטער, און בא אים —

פון גראָבן געוואָנט. אַפילו דער קוק זײַנער — אויך ווי בא איזין, בלויז פּענסנע פּעלט אים, דעם באָ־כערל.

— דאָס דאַרף איך צום כאַוער כאַריק, — האָט ער געזאָגט מיט א דין זינגענדיק קאָל.

— אוי, ראָוועלע, גיי אַרײַן, — הערט זיך פון צי־מער איזיס קאָל.

דאָס יאַטל טוט אויס די קאַלאָשן, דעם מאַנטל. דער גרויער אָנצוג זעט אויס אַף אים צו ברייטלעך, און, קאָנטיק, אַז דער באַלעבאָס שאַנעוועט אים ניט זייער. דאָך איז ער פריש אויסגעפּרעסט, און פון דער קוטשמע שמעקט מיט אָדעקאָלאָן. ער גייט אַרײַן אין צימער און שטעלט זיך אָפּ בא דער טיר:

— גוטנאָוונט!

ס׳באַקומט זיך בא אים, ווי ער וואָלט עס אויסגעזונגען.

— איז וואָס שטייסטו בא דער טיר, ראָוועלע? — זאָגט צו אים איזי, — זעץ זיך צום טיש און האָב קיין מוירע ניט. מײַן פרוי בײַסט זיך ניט. — און צו מיר: — דאָס איז ראָווע רייזין, א יונגער פּאָעט.

באַמערקנדיק, אַז איך באַטראַכט אים מיט גרויס אינטערעס, קערט דער באָכער אָפּ פון מיר די אויגן. ער זעצט זיך צום טיש.

— כ׳בין געווען בא א כאַווער... דאָ נאָענט לעבט ער... האָב איך באַשטימט אַרײַנגיין, — פאַרענטפערט ער זיך.

— נו, אויב דו האָסט פאַרבראַכט בא א כאַווער, ביסטו דאָך לאַנג פון דער היים, — באַמערקט איזי, — דאַרף מען עפּעס איבערבײַסן.

— ניין, איך וועל בעסער אײַך איבערלייענען א פּאָר לידער.

אַף מיר איז אָנגעפאַלן א געלעכטער, נאָר כ׳האָב זיך אײַנגעהאַלטן. דער גאַסט האָט אַף מיר א קוק געטאָן און ווידער אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

— נו, און אַז איך וועל דיר פאָרלייגן ביידע זאַכן: אי איבערבײַסן וואָס־ניט־איז, אי לייענען לידער? — איז איזי פון אים ניט אָפּגעשטאַנען.

אַף ראָוונס געזיכט האָט זיך צעפלאָסן א צופרי־דענער שמייכל, און גלײַך איז ער ווי געוואָרן יינגער און שענער.

איך בין אַוועק אין קיך צוגרייטן קיבעד.

אינגיכן איז אַרײַן איזי און האָט א שעפּטשע געטאָן:

— וועסט אַוועקשטעלן דאָס עסן און אַוועקגיין אַף א קורצער צײַט. ער וועט זיך שעמען אין דײַן אָנוועזנהײַט צו עסן. צו מיר איז ער שוין צוגע־ווינט.

איך האָב געטאָן, ווי איזי האָט מיר געראָטן.

און טאַקע: ווי נאָר איך בין אַוועק אין קיך, האָט זיך דערהערט, ווי דער גאַסט פאַרברענגט פרײַ און פרײַנטלעך מיט איזין. ווען ער האָט שוין געלייענט זײַנע לידער, האָב איך זיך צוגעזעצט אַף דער סאָפקע.

כאַריק האָט די לידער באַוויליקט און אַרויסגע־זאָגט עטלעכע באַמערקונגען. דער גאַסט האָט זיך אַף לאַנג ניט פאַרהאַלטן.

— איזי, — האָב איך געזאָגט, ווען מיר זײַנען געבליבן אַליין, — ער מאַכט דיר נאָך אין אַלץ. אַפילו לייענען סטאַרעט ער זיך אַזוי ווי דו. פון דער זײַט באַקומט זיך, ווי ער וואָלט דיך פאַראָדירט.

— אים ווילט זיך אויסזען ווי א פּאָעט, און ער מיינט, אַז איך בין א מין מאָדעל פאַר דעם...

— אויב אַזוי, האָט ער טאַקע א גוטן כוש!

— וויטשעלע, טײַערינקע, דו כאַנפעסט מיך אויך? פאַרגעס ניט, אַז דו ביסט מײַן נאָענטער מענטש, דאַרפסטו מיר נאָר זאָגן דעם עמעס אין די אויגן, איך זאָל שטענדיק וויסן, ווו איך האַלט אין דער וועלט.

— גלייב מיר, אַז איך זאָג עס דיר אָפנהאַרציק.

— ניט שוין זשע זע איך טאַקע אויס ווי א פּאָעט? — זאָגט איזי מיט א צווייפל. ער גייט צו צום שפּיגל און באַטראַכט זיך.

אין א קורצער צײַט אַרום איז צו אונדז אַרײַנ־געקומען נאָך איין יאַט, אין ראָווס עלטער, אָבער ניט קיין דאַרער — א געזונטער און ברייטפּלייציקער. דאָס היטל איז בא אים אויך געלעגן אַף א געדיכ־טער באַוואַקסענער קוטשמע, ער איז געווען אָנגע־טאָן אויך אין א קורצן מאַנטל פון דעם זעלבן שטאָף, ווי בא איזין, אַף די שיך — העלע געטרעס.

— מאָטל, לאַנג ניט געזען דיך! — זאָגט צו אים איזי.

— ניטו קאַן צײַט, — האָט יענער זיך פאַרענט־פערט, — מאַן רוכעלע אַרבעט, זיץ איך א גאַנצן טוג מיט מאַן זינעלע, אַזאַ באַנדיט, אַף קיין רייגע טור מען אים ניט לאָזן אַליין!

אין זײַן ייִדיש האָט זיך שטאַרק געפילט די וואָלינער אויסשפּראַך.

— האָסטו דאָך פאַר דער צײַט אָנגעשריבן א זאַק מיט לידער, — האָט צו אים איזי געזאָגט, — איז כײַ וואָלסטו א פּאָר זשמעניעס פאַרכאַפּט מיט זיך...

— קיין זאַך ניט, נאָר דוס, ווּס איך האָב יאָ אָנגעשריבן, האָב איך טאַקע געבראַכט.

— דאָס איז דער יונגער דיכטער מאָטל גרו־ביאַן, — האָט איזי מיר אויפגעקלערט, — שרײַבט זייער א סאַך, און, צום וווּנדער, גוט.

— וואָס עפּעס צום וווּנדער? — פרעגט מאָטל.

— ווײַל בא די, וואָס שרײַבן א סאַך, באַקומט זיך זעלטן־ווען גוט.

דער איז שוין געווען א מער דרייסטער, איידער ראָווע.

ער האָט אויסגעטאָן דעם מאַנטל, אים אויפגעהאַנ־גען, פאַרקעמט באַם שפּיגעלע די האָר, זיך צוגעזעצט צום טיש און גלײַך אָנגעהויבן לייענען.

ווען ער איז אַוועק, האָט איזי וועגן אים גע־זאָגט:

— מיט דער צײַט וועט פון אים זיך אויספּיקן א גאָר וואַזשנער פּאָעט...

פון די אָנפאַנגער, וועלכע האָבן זיך פאַרגעדענקט, פלעגן צו אונדז אַרײַנקומען מאָטע דעכטיאַר, לייב טאַלאַלײַ און העניעך שוועדיק. מאָטע איז געווען א שוואַרצכיינעוודיקער, שיינער באָכער, זיך געהאַלטן סטאַטעטשנע, פלעגט זיך שיין אָנטאָן. ער האָט געשריבן אין פּראָזע לירישע נאָוועלן און דערציי־לונגען. אין זײַנע ווערק האָט זיך שטאַרק געפילט די עקזאָטיק פון פּאַלעסיע, ווו ער איז געבוירן גע־וואָרן און האָט פאַרבראַכט די קינדהײַט.

טאלאליי פלעגט ארײַנקומען ניט אָפט, פון צײַט צו צײַט. א בלאָנדער הויכער יונג, א דארער, האָט ער באַם ריידן „אנגעקוועטשט אפן לאמעד", ווי איזי פלעגט זיך אויסדריקן, דאָס הייסט, דאָרט, ווו דעם „לאמעד" האָט מען געדארפט ארויסברענגען ווייך, פלעגט זיך בא אים סײַווי באקומען הארט. די שטים איז בא אים געווען א באסאָווע, אָבער ניט קיין גראָבע, א ווייכע. ער האָט געשטאמט פון פויערים. שוין דאן איז ער געווען דער אוטאָר פון א ביכל לידער „מײַן סנאָפ — מײַן ערשטלינג". אין זײַן פאָעזיע איז געווען אָפגעשפיגלט די דאָרף־טעמאטיק. לייב טאלאליי איז זייער באפרײַנדעט געווען מיט הענעך שוועדיקן. ווען זיי זײַנען געגאנגען צוזאמען, פלעגן זיי אויסזען, ווי די באוווסטע קינאָ־פערסאָנאזשן פאט און פאטאשאָן — איינער א דראָנג, דער צווייטער א קורצינקער.

הענעך פלעגט זיך עלעגאנט אָנטאָן. פון די אָנפאנגער האָט ער זיך אויסגעטיילט מיט זײַן ערודיציע. באזונדערס איז ער באהאוונט געווען אין ליטעראטור און קונסט. איינמאָל איז ער צו אונדז ארײַנגעקומען מיט זייער א שיין מיידל, א שווארצכיינעוודיקער, שלאנקער, געקליידט אזוי, ווי ער. בעטיע האָט זי געהייסן. זי האָט זיך געפילט פרײַ, אומאָפהענגיק. מ'האָט געזען, אז זי קען זייער גוט זיך האלטן אין א געזעלשאפט. אין א קורצער צײַט ארום האָבן זיי כאסענע געהאט. פון דעמאָלט אָן פלעגן זיי קומען צו אונדז אינאיינעם.

מיט דעם שעפט זיך ווײַט ניט אויס די צאָל פון די אָנפאנגער־שרײַבער, וועלכע כאריק האָט געצויגן אין דער ליטעראטור. מע קאָן נאָך צוגעבן אזעלכע, ווי כאים לאסקער, שמועל העלמאנד, הירש בעריאזקין, סאָרע קאהאן, הירש רעלעס, כאים גורעוויטש, שימען לעלטשוק, פיניע פלאָטקין, ליפע העלער, זאכאר בארסוק, מאָטל קאפלאן, צאלע באָטוויניק און פיל אנדערע.

די ערשטע צײַט האָט זיך מיר געדוכט, אז מיט זייער קומען נעמען זיי אָפ בא איזין פיל צײַט און מי. האָב איך אים איינמאָל געפרווט ראָטן:

— עפשער וואָלסטו זיי אויפגענומען אין רעדאקציע, וואָלסטו אויסגעווינען צײַט, אין וועלכער דו פילסט אזא מאנגל...

ער האָט געענטפערט:

— ניט מיין, אז אין דער רעדאקציע האָב איך פרײַע צײַט. עס קומט אויס צו לייענען פיל מאנוסקריפטן און בריוו. דערצו קומען ארײַן שרײַבער, מע דארף יעדן אופנעמען און אויסהערן, און איך בין נאָך דער אָנפירער פון דער יידישער סעקציע בא דער שרײַבער־אָרגאניזאציע. מע קומט צו מיר מיט פארשיידענע איניאָנים. און אלס דעפוטאט פונעם צענטראלן אויספיר־קאָמיטעט האָב איך אויך ניט ווייניק פליכטן...

— אויב אזוי, שטעל אײַן א רעגלאמענט, ווען זיי זאָלן ארײַנקומען, דו זאָלסט קאָנען פלאנירן די צײַט, ווען דו ביסט אינדערהיים...

— וואָס בין איך, א טשינאָווניק? און ביכלאל, ווי דו זעעסט, קומען זיי זעלטן. און אז זיי כאפן זיך ארײַן, סטארען זיי זיך אָף לאנג ניט פארהאלטן. קלוגע כעווריע. אך, ווי ס'איז אָנגענעם צו פארברענגען צווישן יוגנט!..

פון דעמאָלט אָן האָב איך די שרײַבער־אָנפאנגער נאָך בעסער גענומען אופנעמען. דאָך האָט זיך געפילט, אז מיט איזין האלטן זיי זיך נאטירלעכער, איידער מיט מיר. זיי פלעגן אים פארטרויען אפילע זייערע פערזענלעכע דײַגעס און סודעס.

איינמאָל, ווען איזי איז געפאָרן קיין מאָסקווע, האָט מאָטע דעכטיאר אים געגעבן דעם אדרעס פון זײַן ברודער און געבעטן, ער זאָל ארײַנגיין אָפגעבן א גרוס. איזי האָט אויסגעפילט דעכטיארס ביטע.

— נו, דאָס קריכט שוין ניט אין קיינע טויערן, — האָב איך אים געזאָגט. — ווי האָט דעכטיאר געוואגט דיך באומרויקן מיט אזא קלייניקײַט? אן אנדערער אָף דײַן אָרט וואָלט זיך באליידיקט פאר אזא מיסיע.

— האָסט פאָשעט ניט פארשטאנען די סיטואציע. אים האָט זיך, קאָנטיק, זייער געוואָלט ארויסווײַזן פאר זײַן ברודער, אז ער, מאָטל דעכטיאר, איז מיט מיר אָף אזויפיל באפרײַנדעט, אז איך פיל אויס זײַנע מיסיעס. פארוואָס זשע זאָל איך אים אָפזאָגן אין אזא פארגעניגן? און, צווייטנס, ס'איז מיר פאָשעט אליין אינטערעסאנט געווען א קוק טאָן, וואָס עס שטעלט מיט זיך פאָר מאָטלס ברודער. און גוט טאָקע, וואָס איך בין געגאנגען. איך האָב דאָרט געטראָפן א אינטערעסאנטע קאָמפאניע יונגלײַט. מיר האָבן זייער גוט פארבראכט די צײַט. שפעט אין אָוונט האָבן זיי מיך באגלייט ביז דער אכסאניע. מאָטלס ברודער האָט ניט געוווסט, ווי אזוי צו דאנקען מיך.

ווי אלעמאָל אין ענלעכע פאלן, האָב איך ניט געהאט מיט וואָס צו דערווידערן.

פון דעם עטוואָס עלטערן דאָר „כאריקס וויכאָוואנצעס", ווי מע האָט זיי גערופן, פלעגן צו אונדז פון צײַט צו צײַט ארײַנקומען מוישע טייף, מענדל ליפשיץ, לייזער קאצאָוויטש, עליע קאהאן, יסראָעל סערעבריאני, ריווקע רובין, סאָרע קאהאן, אײַזיק קאהאן און אנדערע.

מוישע טייף האָט זיך דעמאָלט געלערנט אין מאָסקווע. צו אונדז פלעגט ער ארײַנגיין, ווען ער איז געקומען קיין מינסק אָף קאניקולן. א געזונטער יונג מיט א רונד פאָנעם, אָנגעטאָן אין א גרויען אָנצוג (הויזן — קליאָש, פארפראוועטע אין קורצע שטיוולעך), האָט ער געהאט אן אויסזען פון א צירקאטש, וואָס בייגט פאָדקעוועס אָף דער ארענע און הייבט אויף שווערע שטאנגען. פון אים האָט געשפרודלט מיט קוויעך און מיט לעבן. אין קאָמפאניעס האָט ער זיך געהאלטן פרײַ, אָן צערעמאָניעס. ער איז געווען שארפזיניק. ווען מע פלעגט אים פארטשעפען מיט א וואָרט, האָט ער באצאָלט קייפל־קיפלאיִם. ער איז געווען א זעלטענער דערציילער. ווען ער פלעגט ריידן געלאסן, אָן עמאָציעס, איז אים געווען א כיִעס צו הערן, מאמעש פערל האָבן זיך געשאָטן פון זײַן מויל.

ער פלעגט צו אונדז אמאָל ארײַנקומען אויך מיט זײַן פרוי, דער שוין דאן באוווסטער זינגערן ראָזע פלאָטקינע. דאָס איז געווען זייער א באכיינטע פרוי, ביז גאָר א ווווילע און געלאסענע. ווען ער פלעגט מיט איר קומען, פלעגט מאמעש ווערן א יאָמטעוו בא אונדז אין שטוב. זי האָט געזונגען לידער, אָפט אָף איזי כאריקס ווערטער. מיר זײַנען איר זייער דאנק־

באר געווען פארן גרויסן פארגעניגן, וואס זי פלעגט אונדז פארשאפן.

לויט פיל שטריכן פונעם כאראקטער און לויטן קענען האלטן זיך אין א קאמפאניע איז הירש קאמענעצקי געווען דער הייפעך פון מוישע טייפן. קאמענעצקי איז געווען א געלאסענער, זייער אן איידעלער און אויסגערעכנטער אפן ווארט. בא שארפע וויקוכים פלעגט ער ניט ארויסווייזן קיין עמאציעס, געווען פילבאר צו הומאר, האט ליב געהאט אליין זיך וויצלען, מוירע האבנדיק, ער זאל דערביי, כאסוועכאלילע, עמעצן ניט פארטשעפען, און פון א דערהערטן געלונגענעם וויץ פלעגט ער מאמעש האנאע האבן.

זייער באשיידן האט זיך געהאלטן ישראל סערעבריאני. ביכלאל איז עס געווען אן ערנסטער מענטש, א גרויסער שווייגער. ווען ער פלעגט זיך ארײַנמישן אין א וויקועך וועגן ליטעראטור־פראגן, האט מען אים געהערט מיט גרויס אינטערעס.

ריווקע רובין פלעגט ארײַנקומען מיט איר מאן — מייער אקסעלראד, זייער א טאלאנטפולן קינסטלער, זעליק אקסעלראדס א לײַבלעכן ברודער. מייער פלעגט געווײנלעך פארכאפן מיט זיך זײַנע עסקיזן, קעדיי ווײַזן אונדז אף מעווינעס.

לוסטיק און לעבעדיק איז שטענדיק געווען, ווען ס׳פלעגן זיך בא אונדז צונויפנעמען מוישע קולבאק, זעליק אקסעלראד, עליע קאהאן, מענדל ליפשיץ. ניט זעלטן פלעגט צו זיי צושטיין איציק פלאטנער. כאכמעס און וויצן האבן זיך געשאטן אן אופהער. דער געלעכטער איז ניט אנשוויגן געווארן אף קיין רעגע. מע האט ניט באוויזן צו ענדיקן לאכן פון איין וויץ, ווי גלײַך פלעגט אנפאלן א געלעכטער פון א צווייטן, און אזוי אן א סאף. איך פלעג מאמעש בעטן, זיי זאלן כאטש מאכן א קליינעם איבעררײַס.

איך געדענק, ווי קאמיש עלינקע קאהאן האט דערציילט, וויאזוי א גרופע שרײַבער איז איינמאל ארויסגעטראטן אין באריסאוו אף א ליטעראַרישן אוונט. כאריק איז אף יענעם אוונט ניט געווען, נאר ס׳האט זיך געפונען איינער א יונגער, וועלכער האט קאפירט כאריקן. אליין א קליינינקער, א דארינקער, א פארזשעניש, נאר מיט א געדיכטן קאפ האר און אין פענסנע. קוקט זיך אין אים אײַן פונעם זאל א ייִדענע און לאזט אויס מיט א קרעכץ:

— אוי, וויי! וואס פון כאריקן איז געווארן...

איינער א שרײַבער, וועלכער איז בא אונדז דערביי געזעסן אין קאמפאניע, אגעוו, ניט קיין גרויסער טאלאנט, נאר א קריכער און בארימער, האט דערציילט, אז זײַנע שאפונגען זעצן זיך איבער אף אוזבעקיש און אף גרוזיניש. גלײַך אפן ארט האט זיך בא מענדל ליפשיצן געשאפן אן עפיגראם:

— זאל מען דיך איבערזעצן אף וואס מער שפראכן, וועלן מערער מענטשן האבן פון וואס צו לאכן...

מענדל ליפשיצעס עפיגראמעס געדענקען זיך אדהײַעם.

פונעם עלטערן דאר שרײַבער, אויסער די אויבנדערמאנטע, פלעגן צו אונדז ארײַנקומען די קריטיקער יאשע בראנשטיין, יעכעזקל דונעץ, דאוויד קורלאנד, די דיכטער ארן יודלסאן, עליע סאוויקאווסקי, די פראזאיקער צאדעק דאלגאפאלסקי און אורי פינקעל.

זייער א שטארקע פרײַנטשאפט האט זיך שטענדיק געפילט צווישן איזי כאריקן און יאשע בראנשטיינען. זיי זײַנען געווען קימאט אין איין עלטער. בראנשטיין פלעגט אפט צו אונדז ארײַנגיין, ניט זעלטן זיך פארהאלטן ביז שפעט אין דער נאכט. מע קאן אבער ניט זאגן, אז זיי פלעגן פאשעט פארברענגען די צײַט, ווײַל זייערע שמועסן זײַנען געווען זאכלעכע און ערנסטע. בראנשטיין האט אין זײַנע קריטישע מאטעריאלן אויסגעטיילט א היפש ארט כאריקן. דאס זײַנען ניט געווען גלאט דיפיראמבן, נאר א טיפער אנאליז פון די פאעטישע ווערק. איזי האט זייער הויך געשעצט בראנשטיינס קריטיק און זיך גערעכנט מיט זײַן מיינונג.

ווען עס גייט א רייד וועגן די פרײַנט, וועלכע פלעגן צו אונדז ארײַנקומען ווילט זיך ניט, עס זאל זיך שאפן א מיינונג, אז בא אונדז פלעגט זיך ניט פארמאכן די טיר פון געסט. ס׳וואלט געווען ניט ריכטיק, ווײַל צײַטנווײַז פלעגט טרעפן, אז אין מעשעך פון א וואך, צי א כוידעש איז קיינער צו אונדז ניט ארײַנגעקומען.

ניט געקוקט אף דעם, וואס איך האב איזין באפרײַט פון פירן די באלעבאטישקײַט, איז קיין פרײַע צײַט בא אים סײַווי ניט געווען. ער פלעגט הארעווען גאנצע טעג ביז שפעט אין דער נאכט. ער האט זיך געפילט מיד, און איינמאל האב איך אים אײַנגערעדט, מיר זאלן פארן אף קאווקאז אפרוען. אונדזער רײַזע איז פארגעקומען אין מארט 1934, נאר אין וועג, ניט דערפארנדיק ביז האמעל, האב איך זיך דערפילט זייער שלעכט. אונדז איז פארגעשטאנען פארן דורך כארקאוו. דארט האט דאן געלעבט איציק פעפער, מיר האבן באשטימט אראפגיין אין כארקאוו און זיך דארט ווענדן נאך מעדיצינישער הילף. איזי האט אין האמעל, פונעם וואקזאל, טעלעגראפירט פעפערן, ער זאל אונדז באגעגענען. פעפער מיט זײַן פרוי ראכל זײַנען געקומען צום צוג און האבן אונדז אף א טאקסי אפגעפירט צו זיך אהיים.

גלײַך האט מען ארויסגערופן גיכע הילף. דער דאקטער האט מיר פארבאטן זיך אופהייבן פון בעט. די קרענק האט געדויערט בא א כוידעש צײַט. פעפער און זײַן פרוי האבן זיך באצויגן צו אונדז, ווי צו די סאמע נאענטע קרויווים. אין מעשעך פון אט דעם כוידעש האבן איזי און פעפער שטארק זיך באפרײַנדעט. אין כארקאוו האט כאריק געשאפן זײַן באוווּסטע ליד „וואסיליעווע קארינע" — וועגן דעם מיידעלע, וואס איז געבוירן געווארן אף דער אײַז־קרײַע, בעשאס די טשעליוסקינצעס האבן זיך געפונען אפן צאפן־פאליוס. פון כארקאוו זײַנען מיר שוין געפארן צוריק אהיים. פון דעמלט אן האט זיך די פרײַנטשאפט מיט פעפערס מישפאכע נאך מער פארשטארקט. מיר פלעגן זיך טוישן מיט בריוו, מיט באגריסונגען און פון צײַט צו צײַט זיך טרעפן.

אין יול 1934 איז בא אונדז געבוירן געווארן א ייִנגעלע — א זיבעלע. ער איז געווען זייער א קליינינקער און א שוואכינקער. מיר האבן געהאלטן אין איין ציטערן, ער זאל כאטש לעבן בלײַבן. דאך איז בא איזין די גדולע געווען גרויס.

— איך בין שוין א טאטע! א טאטע! — פלעגט ער אלעמען אָנזאָגן. און צו מיר: — ערשט ניט לאנג צוריק בין איך געווען אן איין־און־איינציקער, קיינעם ניט פארמאָגט — איצט האָב איך א ווײַב און א זון! נישקאָשע, מיר וועלן אלץ טאָן, קעדיי אים שטעלן אף די פיסלעך.

און טאקע, באנאכט פלעגט ער אָפט זיך אופכאפּן און צוגיין צום קינדער־בעטל. ער איז ספּעציעל געפאָרן קיין מאָסקווע נאָך רעפּועס פאר מיר און פארן קינד, אראָפּגעבראכט פּראָפּעסאָרן.

כ׳האָב פארשטאנען: איזי וואָלט זייער וועלן, אז דאָס ברעקל זאָל טראָגן א נאָמען נאָך זײַן טאטן דאָוויד. נאָר אף וויפל דאָס קינד איז געווען אף מישקוילעס, האָב איך מוירע געהאט אים אזוי א נאָמען געבן, וואָרעם אויב, כאסוועכאָלילע, ס׳וועט עפּעס טרעפן, וועט איזין נאָך שווערער זײַן עס איבערצוטראָגן.

— איזי, — האָב איך פאָרזיכטיק אים פאָרגעלייגט, — דײַן טאטנס נאָמען לאָמיר פארהיטן פאר א צווייטן זון. און אָט דעם לאָמיר אָנרופן יוליק, ווײַל ער איז אין יול געבוירן געוואָרן. דער נאָמען קלינגט פּאָעטיש...

איזי האָט טרויעריק א שמייכל געטאָן און איז מאסקים געווען.

דאָ האָט דאָס מאזל אונדז געשווינט. בא יוליקן האָט זיך באוויזן א גוטער אפּעטיט, און ער האָט אָנגעהויבן נעמען וואָג. אונדזער פרייד איז געווען ניט צו באשרײַבן.

ווען דאָס קינד איז שטארקער געוואָרן און האָט זיך שוין ניט גענייטיקט אין טאָגטעגלעכער מעדיצינישער האזשגאָכע, האָט איזי זיך בארויִקט און ווידער אײַנגעשטעלט זײַן פריִערדיקן רעזשים פון טאָג. ס׳איז דורכגעגאנגען א קורצע צײַט, און איינמאָל קומט ער אהיים מיט א גדולע:

— פון ווײַסרוסלאנד פאָרט קיין ביראָבידזשאן א דעלעגאציע פון כאָשעווע מענטשן, און מיך האָט מען באשטימט אלס אָנפירער. מיר וועלן ברענגען אהין א גאנצן פראכט־צוג מיט מאטאָנעס.

כאריק פלעגט זייער שטאָלצירן, ווען מע האָט אים פארטרויט א פאראנטוואָרטלעכע געזעלשאפטלעכע פליכט. דאָס פלעגט אים פרייען אמאָל מער, איידער א נײַער דערפאָלג אין זײַן שאפונג.

— איין זאך קימערט מיך, — האָט ער דערבײַ צוגעגעבן, — דו בלײַבסט אליין מיט יוליקן...

ס׳איז בא אונדז געבליבן, איך זאָל צײַטווײַליק זיך באפרײַען פון דער ארבעט.

בא א צוויי כאדאָשים האָט געדויערט די רײַזע. פון ביראָבידזשאן איז כאריק געקומען מיט א ציקל לידער, געווידמעט דער יידישער אווטאָנאָמער געגנט. דער ציקל האָט זיך איינצײַטיק געדרוקט אויך אין ווײַסרוסיש און אין רוסיש.

נאָך דער רײַזע איז דורכגעגאנגען א קליינע צײַט, און פונעם שרײַבער־פארבאנד האָט מען אונדז מיטגעטיילט, אז מיר קאָנען אריבערפאָרן אין א נײַער דירע אפן ראָג פון דער סאָוועטישער און דאָלגאָבראָדסקער גאסן.

— עפּעס צו גוט פאר אונדז, — האָט איזי געטײַנעט, — מײַן טאטע דאָוויד דער שוסטער און מײַן זיידע לייזער דער באדכן האָבן קיינמאָל אין אזא ראָסקאָש ניט געלעבט...

איבערקלײַבן זיך האָבן אונדז געהאָלפן זעליק אקסעלראָדס מישפּאָכע.

בישכיינעס מיט אונדזער נײַער דירע האָבן געוווינט די בארימטע ווײַסרוסישע שרײַבער זמיטראָק ביאדוליא (שמועל פּלאַווניק) און אנדריי אלעקסאנדראָוויטש.

זמיטראָק ביאדוליא האָט אין דער קינדהײַט זיך געלערנט אין א יעשיווע און איז געווען א גרויסער קענער פון טאנאך, פון דער העברעיִשער און יידישער ליטעראטור. אין דער קינדהײַט און אויך אין דער יוגנט איז אים אויסגעקומען העלפן די עלטערן צו פארנעמען זיך מיט וואלד־ליפערונג. ער פלעגט זיך שטענדיק געפינען צווישן ווײַסרוסישע פּויערים אפן שויס פון דער נאטור. ער האָט אין זיך אײַנגעזאפּט די עקזאָטיק, דעם שטייגער און די שפּראך פון זײַנע פרײַנט ווײַסרוסן, און טאקע דעמלט האָט ער אָנגעהויבן שאפן ווערק אף ווײַסרוסיש, סײַ אין פּראָזע, סײַ אין פּאָעזיע.

אין 1912 איז שמועל פּלאַווניק איבערגעפאָרן קיין ווילנע. דאָרט האָט פונקציאָנירט די איינציקע ווײַסרוסישע צײַטונג „נאשא ניווא״ (אונדזער זיי־פעלד). די דאָזיקע צײַטונג האָט רעדאקטירט דער שוין דאן באוווסטער ווײַסרוסישער דיכטער יאנקא קופּאלא, וועלכן ס׳זײַנען געפעלן געוואָרן ביאדוליעס ווערק, און ער האָט זיי געדרוקט אין דער צײַטונג. איינצײַטיק האָט ביאדוליא געדרוקט לידער און דערציילונגען אין דער העברעיִשער פּרעסע. ווען קופּאלא האָט זיך וועגן דעם דערוווסט, האָט ער געראטן ביאדוליען שרײַבן אף וואָסער־ניט־איז איין שפּראך. ביאדוליא האָט אויסגעקליבן ווײַסרוסיש.

מיט יאָרן שפּעטער, ווען וועגן ביאדוליען האָט מען שוין גערעדט און געשריבן ווי וועגן א קלאסיקער פון דער ווײַסרוסישער ליטעראטור און ער האָט געלעבט אין מינסק, פלעגט ער אָפט באזוכן די אָוונטן פון די יידישע שרײַבער און איז געווען מיט פיל פון זיי באפרײַנדעט. ווען מיר זײַנען געוואָרן מיט אים שכיינים, פלעגט ער אין א פרײַען אָוונט ארײַנקומען צו אונדז, קעדיי זיך דורכשמועסן מיט איזין. מיט אונדז פלעגט ער ריידן אף יידיש. ער האָט איבערגעזעצט פיל ווערק פון יידיש אף ווײַסרוסיש, מערסטנטייל פּראָזע.

זומער פלעגן אונדזערע מישפּאָכעס צוזאמען ארויספאָרן אף דאטשע אין זשדאנאָוויטשי, בא פופצן קילאָמעטער פון מינסק. איזי און ביאדוליא פלעגן אינדערפרי פאָרן מיטן בײַשטאָט־צוג קיין מינסק און פארנאכט זיך אומקערן צוריק. איך געדענק, ווי איזי פלעגט דאָ ארומבלאָנקען איבער די סטעזשקעס אינעם וואלד און הילכיק אונטערזינגען. פלעג איך שוין פארשטיין, אז די מוזע האָט זיך אין אים צעוועקט. און טאקע דאן, אין יענעם וואלד, האָט כאריק אין מעשעך פונעם זומער געשאפן די באוווסטע פּאָעמע „אף א פרעמדער כאסענע״.

ניט זעלטן פלעגן כאריק און ביאדוליא ארומבלאָנדזשען אין די טיפענישן פונעם וואלד ביז שפּעט באנאכט. אין אזעלכע פאלן האָבן סײַ איך און סײַ מאריע איסאקאָוונע ביאדוליא זיך ניט באומרויִקט. מיר האָבן געוווּסט, אז מיט ביאדוליען וועט מען אין וואלד

ניט פארבלאָנדזשען, ווײַל ווען ער האָט געארבעט אין דער יוגנט בא וואלד־ליפערונג, האָט זיך בא אים אויסגעארבעט א כּוח צו אָריענטירן זיך אין די סאמע געדיכטע פּלאָנטערנישן.

אין די ווינטער־אָוונטן פלעגן פון צײַט צו צײַט צו אונדז ארײַנקומען דער פאָלקס־פּאָעט יאנקא קופּאלא און זײַן פרוי וולאדיסלאווא פראנצאָוונא. קופּאלא איז געווען זייער א באשיידענער, א העפלעכער, ער האָט גערעדט רויִק, פּראָסט, „אָן בלימעלעך". אָף אים האָט מאמעש גערוט די שכינע, ווי איזי פלעגט זיך אויסדריקן. ער פלעגט זיך זייער אינטערעסירן מיט ייִדישע וויצן און גלײַכווערטלעך.

איינמאָל, געדענק איך, פרעגט ער בא איזין:

— וויאזוי איז דער ייִדישער אַדעקוואט צום רוסיש־ווײַסרוסישן שפּריכוואָרט „שטאָ גליאדיש, יאק באראן נא נאָוויא וואראָטא?" („וואָס קוקסטו, ווי א באראן אָף א נײַעם טויער?").

איזי האָט אים איבערגעזעצט אין ווײַסרוסיש: „וואָס קוקסטו, ווי א האָן אין בני־אָדעם?", — און האָט דערבײַ דערקלערט די אָפּשטאמונג פונעם שפּריכוואָרט.

— ניט אינגאנצן אדעקוואט, — האָט געענטפערט קופּאלא, — א האָן, ווען ער קוקט אין בני־אָדעם, הייבט ער ניט אָן צו וויסן, וואָס דאָס איז, און א באראן פירט אליין די סטאדע פון פעלד, און ווען ער דערזעט א נײַעם טויער, פארלירט ער דעם אָריענטיר און ווייסט ניט וווהין ווײַטער צו גיין. אזוי אז אין דעם פאל וואָלט עפּשער בעסער געווען דאָס שפּריכוואָרט: „שטאָ טי גליאדיש, יאק קאָזא נא אפישו" („וואָס קוקסטו, ווי א ציג אָף אן אפישע?").

אגעוו, יאנקא קופּאלעס ווערק האָבן זיך פאר דער רעוואָליוציע געדרוקט אין קליעצקינס פארלאג. דאָרט זײַנען ארויס זײַנע ביכער „הוסליאר", „זשאלייקא". אין דער סוויווע פון אָט דעם פארלאג האָט ער זיך פערזענלעך באקאנט מיט אייניקע ייִדישע שרײַבער, און ער פלעגט פירן מיט זיי פרײַנטלעכע שמועסן.

די מומע וולאדיא (אזוי פלעגן רופן וולאדיסלאווא פראנצאָוונען די, וואָס האָבן זי נאָענט געקענט) האָט זייער ליב געהאט צו שפּאסן. זי איז געווען קלוג, שארפזיניק און שטענדיק גוטמוטיק געשטימט. מיט מיר און מיט איזין איז זי געווען אָף „דו".

לויט איזיס פארלאנג בין איך אָנגעקומען זיך לערנען הינטערוויגיק אין דעם מינסקער פּעדאגאָגישן אינסטיטוט. אונדז איז אויסגעקומען צו נעמען א שטוב־ארבעטערן (דאָס איז נאָך דאן ניט געווען קיין שווערע פּראָבלעם). מע האָט אונדז רעקאָמענדירט א ווײַסרוסיש דאָרפס־מיידל. מאניע האָט זי געהייסן. זי איז געווען מיט מיר אין איין עלטער. אָף איר האָט מען זיך געקאָנט אינגאנצן פארלאָזן. זי איז געווען זייער א ווילע. מיט דער צײַט האָב איך זיך מיט איר אזוי באפרײַנדעט, אז ווען זי פלעגט אוועקפאָרן אָף א פּאָר טעג צו אירע עלטערן, פלעג איך נאָך איר שטארק בענקען.

איינמאָל זאָגט צו מיר איזי:

— ווען א זײַטיקער, וואָס קען אונדז ניט, זאָל זיך צוקוקן צו דײַנע באציִונגען מיט מאניען, וואָלט ער ניט געקאָנט באשליסן, ווער ס'איז דאָ די באלעבאָסטע און ווער — די שטוב־ארבעטערן.

לעכאטכילע האָט עס מיך א ביסל אָנגערעגט:

— אנטקעגן וואָס זאָגסטו עס?

— אנטקעגן דעם, וואָס מיר געפעלט עס זייער. דעם עמעס זאָגנדיק, האָב איך א ביסל מוירע געהאט, אז ווען דו וועסט ווערן א באלעבאָסטע פון א גרויסער דירע און דו וועסט האָבן א שטוב־ארבעטערן, וועסטו אָנהייבן פון זיך בלאָזן. לאָזט זיך אָבער אויס, אז דו ביסט, גאָט צו דאנקען, די זעלבע וויטשעלע, ווי געווען.

איך האָב זיך געסטארעט טאָן אלץ, ווי אים געפעלט, נאָר ניט צוליב נאָכגעבן אים. כ'בין פּאָשעט געווען איבערצײַגט, אז זײַן אזא, ווי כאריק וויל, הייסט זײַן א ווירדיקער מענטש.

א שטורמישע צײַט האָבן מיר איבערגעלעבט אין די הארבסט־כאדאָשים פון 1935, ווען מע האָט אָפּגעמערקט דעם צוואנציקיאָריקן יובילײ פון איזי כאריקס שאפונג.

מיט גרויס ענטוזיאזם איז דורכגעגאנגען דער יובילײ־אָוונט אין שטאָט־טעאטער. אין פּרעזידיום זײַנען געזעסן דער ערשטער סעקרעטאר פון צענטראל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּארטיי פון ווײַסרוסלאנד גיקאלאָ, דער פּאָרזיצער פונעם ראט פון פאָלקס־קאָמיסארן גאָלאָדעד, דער פּאָרזיצער פונעם צענטראלן אויספיר־קאָמיטעט טשערוויאקאָוו. ס'האָבן אָנטיילגענומען אין דעם אָוונט דעלעגאציעס פון די ברידערלעכע רעפּובליקן. באגריסונגס־טעלעגראמען זײַנען אָנגעקומען פון אלע עקן ראטנפארבאנד.

— צופיל פּאָמפּע! כ'האָב עס ניט פארדינט... — האָט, קומענדיק אהיים פון דעם שטאָט־טעאטער, געזאָגט איזי.

לויטן באשלוס פונעם שרײַבער־פארבאנד זײַנען שפּעטער דורכגעפירט געוואָרן ליטערארישע אָוונטן מיטן בײַזײַן פונעם יובילאר אין אוניווערסיטעט, אין א ריי אינסטיטוטן, טעכניקומען און שולן און אויך אין ארבעטער־קלובן. וואָס איז שײַך אָוונטן אָן זײַן בײַזײַן, זײַנען אזעלכע פאָרגעקומען אין צענדליקער שטעט און שטעטלעך, ניט נאָר אין ווײַסרוסלאנד, נאָר אויך אין אנדערע רעפּובליקן.

ווען דער יובילײ־עקסטאז האָט זיך פארענדיקט, האָט כאריק פרײַ אָפּגעאָטעמט.

— דאנקען גאָט, אָפּגעקומען...

אין 1936 איז בא אונדז געבוירן געוואָרן א זונעלע, א פעסטינקס, א וואָגיקס.

— נו, דער וועט בא אונדז וואקסן א גוואר! — האָט איזי געטײַנעט. — און יוליק וועט שוין ניט זײַן דער איינציקער...

— זאָל ער הייסן דאָוויד! — האָב איך פאָרגעלייגט.

— און ניט אנדערש! — האָט איזי באשטעטיקט.

און אָט, שוין אין מעשעך פון פיל יאָרן בין איך פון אונדזער מישפּאָכע געבליבן איינע אליין...

די איינציקע טרייסט מײַנע איז דאָס, וואָס איזי כאריקס לידער און פּאָעמעס לעבן. זיי וועלן איבערגיין פון דאָר צו דאָר און שטענדיק מונטערן די הערצער, וועקן און רופן צו פרײַנטשאפט און ליבע.

שוין וויפל יאָר איז מײַן מאן און כאווער איזי כאריק ניטאָ, נאָר זײַן ליכטיקע שײַן האָט מיר געלויכטן אָף אלע מײַנע שטעגן און וועגן. זי לויכט מיר ביז איצט און וועט מיר לויכטן קאָלזמאן איך וועל לעבן.

■ ■ ■

מאניע לאנדמאן

וואָס איך געדענק וועגן יעכעזקל דאָברושינען

זײַענדיק נאָך א שילערן פון דער מאָסקווער שול, וועלכע האָט זיך געפונען אין מארינע ראָשטשע, האָב איך פיל מאָל געהערט דעם נאָמען פונעם באוווּסטן יידישן שרײַבער און קריטיקער יעכעזקל דאָברושין. דעם דאָזיקן נאָמען פלעגט מען ארויסברענגען מיט גרויס ליבע און אכטונג. דאָס האָב איך נאָך מער באנומען, ווען איך האָב אים דאָס ערשטע מאָל דערזען. אליין דער אויסזען האָט ארויסגערופן צו אים עפּעס א באזונדערן געפיל פון כשיוועס. ער איז געווען גוטמוטיק און היימיש, שטענדיק ליבנסווירדיק און ארײַנגעטאָן אין יענעמס גוירל. געהאט האָט ער א ליבן בליק, וואָס רופט ארויס צוטרוי. אָט שטייט ער איצט פאר מײַנע אויגן: אָנגעטאָן אין א ברייטן אָנצוג, אפן קאָפּ א קײַלעכדיק-ווייכער הוט מיט ברייטע ראנדן. אין די ברילן-פענסנע האָט ער אויסגעזען ווי א געלערנטער, א פּראָפעסאָר. און אזא איז ער טאקע געווען אף אן עמעס.

איין פוס איז בא אים געווען אין א פּראָטעז, און דעריבער האָט ער באנוצט א שטעקן.

דער קומענדיקער לערער פון יידישער ליטעראַטור (כאָווער געלמאַן האָבן מיר אים גערופן) איז נאָך דעמלט געווען א סטודענט, און זײַענדיק בא אונדז אין שול אף פּראַקטיק, פלעגט ער אונדז געווײנלעך דערציילן וועגן די יידישע שרײַבער, וועגן זייערע ווערק, וועלכע זײַנען אפילע ניט ארײַן אין דער פּראָגראַם פון דער שול. דאָס איז געווען זייער אינטערעסאנט, און מיר זײַנען געזעסן אף זײַנע לימודים מיט אָפענע מײַלער. זייער שיין האָט ער איינמאָל אונדז אָנגעהויבן דערציילן וועגן יעכעזקל דאָברושינען. דער יונגער לערער האָט אים אָנגערופן ניט יעכעזקל נאָר כאָציע.

— אלעמאָל, — רעדט ארויס דער לערער, — ווען איך קום ארײַן צו כאָציע דאָברושינען, זיצט ער בא דער שרײַב-מאשין און ארבעט. די מאשינקע איז א גרויסע, א סאָלידע, אזוי סאָליד, ווי דער שרײַבער אליין...

מיר, די שילער, האָבן געוווּסט, אז אונדזער לערער שרײַבט לידער. ער האָט אונדז פארטרויט, אז אויך דאָברושין האָט געשריבן לידער. און נאָך מער: איינמאָל האָט ער אונדז פאָרגעלייענט דאָברושינס א פריִע קינדער-ליד, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן מיט די ווערטער:

גאָט, גאָט, גיב א רעגן
פאר די קליינע קינדערס וועגן...

צו אונדז אין דער יידישער שול פלעגט יעכעזקל דאָברושין קומען, האגאם זייער זעלטן. אָפטער פלעגן אונדז באזוכן פּערעץ מארקיש און שמואל ראָסין, זיי האָבן געווײנלעך געלייענט זייערע לידער און דערציילט וועגן די פּראָבלעמען פון דער סאָוועטישער יידישער ליטעראַטור. איך געדענק, ווי אין א גרויסן צימער, וועלכן מיר האָבן גערופן פיזקולטור-זאַל, פלעג זיך צונויפזאמלען דער קינדער-כאָר, אויך אייניקע אנדערע קרײַזלעך זײַנען געווען. מיר האָבן אין דעם זאל זיך געלערנט מאָלן, טאנצן. די ארויסטרעטונגען פונעם דראמקרײַז פלעגן פּאַרקומען אויך אין אָט דעם זאל, שפּעטער זײַנען אייניקע קינדער פון דעם דראמקרײַז געוואָרן ארטיסטן פונעם מאָסקווער יידישן טעאַטער. אין פיזקולטור-זאל, אף א באגעגעניש, איז צו אונדז אנומלטן געקומען יעכעזקל דאָברושין. בייס ער איז ארײַנגעקומען צו אונדז, געדענק איך, האָט ער אופגעהויבן זייער הויך דעם קאָפּ זײַנעם, אזוי א קוק געטאָן דורך דער בריל, ווי ער דארף אונדז אלעמען ארומנעמען און פארכאַפּן אלע קינדער אין זײַנע בליקן. טאקע באלד האָט ער געגעבן א זאָג:

— א סאך קינדער אין דער יידישער שול! פונוואַנען זײַנען די קינדער, צי דען אלע מאָסקווער?

עס האָבן זיך אופגעהויבן א סאך הענט, און הויכע קעלעכלעך האָבן מיטגעטיילט:

— כאוועד דאַברושין, מיר זײַנען געקומען פֿון בערדיטשעוו!

— און איך בין פֿון קאַראַסטעון!

א ביסל וויניקער האָבן געענטפֿערט, אַז זיי זײַנען פֿון ווײַסרוסלאַנד. אָבער מערסטנטייל זײַנען דאָס געווען קינדער פֿון די אוקראַיִנער קליינע שטעטלעך — בערשאַד, אומאַן, באַלטע. די מאָסקווער קינדער, וועלכע האָבן אויסגע-שטאַמלט מיט א צעבראָכענעם יידיש — „און מיר זײַנען פֿון מאָסקווע", — האָבן שוואַך גע-קענט יידיש, זיי פֿלעגט מען דערלויבן ענטפֿערן אַף רוסיש אייניקע געגנשטאַנדן, ווי, צום בײַ-שפּיל, געאָגראַפֿיע, מאַטעמאַטיק און פֿיזיק. יידישע ליטעראַטור און שפּראַך האָבן זיי גע-ווּוסט ניט גענוג גוט. אינדערהיים האָבן די עלטערן מיט זיי גערעדט אַף רוסיש.

בייס איך האָב שוין געאַרבעט אין דער צײַ-טונג „דער עמעס", פֿלעגט אין קאָרידאָר פֿון דער געבײַדע הענגען א טאָוול פֿאַר מוידאָעס, און איינמאָל האָב איך זיך פֿון א מוידאָע דער-ווּוסט, אַז דעם און דעם טאָג וועט יעכעזקל דאָברושין ארויסטרעטן אין יידישן קלוב „קאָ-מוניסט".

דער קלוב האָט זיך געפֿונען אַף ליעסנאַיאַ, ניט ווײַט פֿון דער גאָרקי-גאַס. איך און די אַנ-דערע מיטאַרבעטער פֿונעם פֿאַרלאַג פֿלעגן דאָרט זײַן אָפֿטע געסט. די ליטעראַרישע שמו-עסן, די לעקציעס פֿון יידיש-וויסן, די ארויס-טרעטונגען פֿון שרײַבער, פּובליציסטן, קולטור-טוער זײַנען געווען פֿאַר אונדז, מאַשיניסטקעס, קאָרעקטאָרן און אפֿילע פֿאַר פֿיל יונגע זשור-נאַליסטן און רעדאַקטאָרן, וועלכע זײַנען ערשט אָנגעקומען צו אונדז פֿון כאַרקאָוו, קיִעוו און פֿון אַנדערע שטעט, זייער נייטיק. פֿאַר אַזעלכע, ווי איך, זײַנען דאָס געווען מאַמעש פּאַך-לימו-דים, וועלכע זײַנען אונדז זייער צוניץ געקומען פֿריִער פֿאַר אַלץ אין דער אַרבעט. קיין איין קולטור-אונטערנעמונג אין דעם קלוב „קאָמו-ניסט" פֿלעג איך ניט דורכלאָזן. עס האָט זיך מיר טאָמיד אויסגעוויזן, אַז דער לעקטאָר וועג-דעט זיך פּערזענלעך צו מיר און פֿרעגט זיך אָן, צי איך פֿאַרשטיי אַלצדינג. צו זיך אַליין פֿלעג איך יעדעס מאָל מיט פֿרייד א זאָג טאָן — אַלץ פֿאַרשטאַנען...

אהיימגייענדיק מיט מיר פֿון איינעם אַזא אָוונט, אַף וועלכן ס'איז ארויסגעטראָטן „כאַ-ציע", האָט א יונגער פֿרײַנט מײַנער, וועלכער האָט דעמאָלט אויך געאַרבעט אין דער צײַטונג „דער עמעס" (ער האָט שוין געשריבן ניט שלעכטע פֿאַרצייכענונגען און הומאָרעסקעס), מיר דערציילט, אַז ווען ער קומט אַמאָל צוגאַסט צו דאַברושינען, נעמט יענער אים אויף טאַקע ווי א גוטן גאַסט, ער לייגט אָפּ זײַן אַרבעט, הערט אויס אַן אָטשערק אָדער א דערציילונג,

וואָס דער גאַסט האָט געבראַכט. יעכעזקל מאָי-סייעוויטש איז א גוטער, א ווייכהאַרציקער מענטש, — האָט געזאָגט מײַן כאַווער, — ער הערט מיך אויס געדולדיק, פֿאַרשטייט דאָס, וואָס איך לייען, און קלערט מיר אויף געדולדיק, וואָס עס איז גוט און וואָס מע דאַרף פֿאַריכטן. אַן עמעסער לערער איז ער!

ווי איך האָב שוין אַמאָל געשריבן, איז בײַ אונדז געווען א מאַשין-ביוראָ. אין עלטסטע מאַ-שיניסטקע איז אין איינעם א טאָג צו מיר צוגע-גאַנגען און פֿאַרגעלייגט, אַז אין דער קומענדי-קער וואָך זאָל איך פֿאָרן צו דאַברושינען אהיים, ער דאַרף מיר דיקטירן א פּיעסע פֿאַרן יידישן טעאַטער. די פּיעסע דאַרף מען אָפּגעבן זייער גיך. כאָטש דער כאַווער דאַברושין האָט אַן אייגענע מאַשינקע, — האָט זי מיר געזאָגט, — דאַרף מען דאָך אים אונטערהעלפֿן...

איך האָב זיך זייער דערפֿרייט, ווײַל מיר איז קיינמאָל ניט אויסגעקומען צו אַרבעטן מיט יעכעזקל דאַברושינען. דערצו נאָך זײַן בא אים אינדערהיים, איז פֿאַר מיר געווען זייער א גרוי-סער קאָוועד. בייס איך האָב געענטפֿערט דער עלטסטער מאַשיניסטקע, אַז איך וועל פֿאָרן צו דאַברושינען אהיים און נאָך א טאַנץ געגעבן דערבײַ, האָט זי זיך צעשמייכלט און געזאָגט:

— נאַרישע, דער טאַנץ גייט ניט פֿאַרן עסן...

געגרייט האָב איך זיך דעם גאַנצן אָפּרו-טאָג, עטלעכע מאָל געמאָסטן דאָס קלייד, וואָס איך וועל אָנטאָן, זיך פֿאַרקעמט, אַלעמאָל אַנ-דערש אויסגעלייגט די האָר, געמאַכט זיי לענ-גער, קירצער, געוואָלט אויסזען יאָמטעוודיק.

און אָט בין איך געקומען צו דאַברושינען אהיים א שײַנענדיקע, א פֿריילעכע. איך קלינג אָן אין גלעקל, און ער אַליין עפֿנט מיר. ער האָט זיך א בייג געטאָן אין מײַן זײַט, גאָרנישט ניט געזאָגט, ניט קיין גוטמאָרגן, ניט „שאָלעם-אַליי כעם", נאָר אינדערהיים איז ער גאָר אַן אַנדערער, ער שטייט אַף דער שוועל, און איך שטיי נאָך פֿון יענער זײַט טיר. איך זע בא אים ניט אָט יענע ליבלעכקײַט, ווי איך האָב אים געזען אין דער שול, ניטאָ די פֿרײַנטלעכקײַט, וועגן וועלכער מע האָט מיר דערציילט. איך פֿרעג אים, צי כ'וועל אים ניט שטערן, צי מעג איך ארײַנגיין.

זייער אומעטיק האָט ער מיך ארײַנגעפֿירט אין זײַן צימער, געגעבן א בענקל, און איך האָב זיך פֿאַרלוירן, ניט געווּוסט, וואָס צו טאָן.

— אָט איז די מאַשינקע, אָט איז פּאַפּיר, וואָס דאַרפֿט איר נאָך אַף צו אַרבעטן?

— איך דאַרף דעם מאַנוסקריפּט, פֿון וועלכן איך זאָל דרוקן, — ארויסגערעדט האָב איך עס אַזוי שטיל, פּונקט ווי איך האָב פֿאַר-לוירן די שטים.

נאָך שטילער האָב איך געגעבן א זאָג, אזוי ווי צו זיך: „ס'איז מיסטאָם עפּעס געשען בא אײַך, כאַווער דאַברושין?".

ער האָט א מאַך געטאָן מיט דער האַנט, און געענטפערט: עס לוינט ניט צו דערציילן.

און ער גיט צו: אגמעסנעפעש דאַרף מען ניט זוכן, ער קומט אליין.

ווי איך זע לויט אים, האָט ער פּײַנט זיך ארויסשטעלן, אויסזען פאַר א באַליידיקטן. אָבער עפּעס האָט אים שטאַרק געאַרט. איך האָב דאָס גוט געפילט. און, זעט אויס, קעדיי זיך אליין באַרויִקן, איז ער אריבער צום איניען:

— יאָ, אָט איז דער מאַנוסקריפּט, איך וועל אײַך ניט דיקטירן, כ'רעכן, אז איר וועט זיך אליין פאַנאַנדערקלײַבן...

א פרעג געטאָן, צי איך בין שוין לאַנג א מאַשיניסטקע, וויפל איך בין אַלט. ווען איך האָב אים געזאָגט, אז אכצן יאָר בין איך אַלט, האָט ער אופגעהויבן די אויגן אַף מיר און געזאָגט:

— יאָ, פאַרשטייט זיך, אז איר זײַנט שוין לאַנג א מאַשיניסטקע...

אין מעשעך פונעם טאָג האָב איך אָפּגע־דרוקט קימאַט א האַלבע פּיעסע, צונויפגערעדט האָבן מיר זיך, כ'זאָל אפן צווייטן טאָג קומען און פאַרענדיקן.

אַף מאָרגן בין איך שוין געווען היימישער, און ער — פרײַנטלעכער. אָבער די שטימונג איז בא אים געווען נאָך ניט קיין גוטע. איידער מיר האָבן זיך אוועקגעזעצט ארבעטן, האָט ער מיך זייער האַרציק א לויב געטאָן:

— איך האָב איבערגעלייענט אײַער גע־דרוקטס, ס'איז מיר געפעלן. מיט פאַרגעניגן האָב איך געלייענט. קיין גרײַזן מאַכט איר ניט, געפונען ערגעץ־ווו א קליין פעלערל, אָבער איר זײַנט ניט שולדיק, דאָס האָב איך ניט דײַט־לעך אָנגעשריבן. אפן אָרט פון פרײַנטלעכקײַט האָט איר געמאַכט פרוינטלעכקײַט, זאָגן אָבער זאָגט מען פרײַנטלעכקײַט, דאָס איז פונעם וואָרט פרײַנט. אויב איר ווילט, וועל איך אײַך דערציילן א צופאַל פון מײַן לעבן, דערנאָך וועט איר פאַרענדיקן די פּיעסע, עס איז דאָרט שוין געבליבן ווייניקער פון א העלפט, אזוי אז איר וועט פאַר הײַנטיקן טאָג שוין, מירצעשעם, פאַרענדיקן...

אין איינעם א שטעטל איז ער איינמאָל אײַנגעשטאַנען בא א באַלעבאָסטע אַף אכסאַ־ניע. דעם לעצטן טאָג פאַר זײַן אָפּפאָרן האָט די באַלעבאָסטע געזוכט אן אנדער קוואַרטיראַנט. ער, דאַברושין, איז נאָך געלעגן אין בעט און געשלאָפן, עס איז געווען נאָך פרי. פּלוצלינג גיט זיך אן עפן די טיר און עס קומען ארײַן צוויי מענטשן. קיינער האָט ניט אַנגעקלאַפּט, ניט געפרעגט, צי מע מעג ארײַנגיין. דאָס איז געווען די באַלעבאָסטע מיט אן אומבאַקאַנטן מאַנצבל. זי איז געקומען אים באַווײַזן דעם צימער. יענער האָט דערזען, אז א מענטש איז דאָ פאַראַן און דער מענטש ליגט נאָך אין בעט, האָט ער זיך גענומען רוקן אָף צוריק, ס'איז אים געווען ניט אַנגענעם. די באַלעבאָסטע האָט אים אַנגעכאַפּט באַם ארבל און באַרויִקט: גאָר־ניט, גאָרניט... ס'מאַכט ניט אויס, דאָס איז א יידישער שרײַבער, ניט מער...

ס'איז אוועק נאָך א שטיקל צײַט. עס קלינגט מיר אָן אליין יעכעזקל דאַברושין און בעט, איך זאָל קומען צו אים נאָכמאָל ארבעטן. זײַן שרײַב־מאַשינקע איז קאַליע געוואָרן. און שטילינקערהייט גיט ער מיר א זאָג, אז עפּשער זײַנען די הענט אויך א ביסעלע שוואַכער גע־וואָרן. „קומט מיר העלפן איבערדרוקן ניט קיין גרויס ארטיקל, עס וועט אײַך זײַן, גלייב איך, אינטערעסאַנט". דאָס ארטיקל איז געווען טאַקע זייער אן אינטערעסאַנטס, וועגן פּערעץ מאַר־קישן. די שטימונג בא יעכעזקל מאַסייעוויטשן איז ווידער געווען ניט קיין גוטע...

פרעגן איז ניט באַקוועם. פאַרענדיקט דאָס ארטיקל, קלײַב איך זיך שוין אוועקגיין, נאָר ער גיט א זאָג אומגעריכט:

— אַך, ווי ס'איז ביטער, ווען א כאַווער גייט פון אונדז אוועק...

ער האָט טיף איבערגעלעבט דעם פאַרלוסט פון א פרײַנט. ווער עס איז אוועק, וועלכער כאַווער — זאָגט ער ניט. וויסן וויל איך, נאָר פרעגן קאָן איך ניט. עפּשער וועט ער אליין זאָגן. נאָר ער שווײַגט.

פונדעסטוועגן האַלט איך ניט אויס און פרעג. דאַברושין ענטפערט:

— איר זײַנט נאָך זייער יונג, זוכט ניט קיין הארצווייטעק...

לויט מײַן סייכל האָב איך געזען, אז גוטס זאָגן א מענטשן — קאָן ער. אויך, ווײַזט אויס, טאָן גוטס א מענטשן. פאַרשאַפן פאַרדראָס — דאָס ניט. אזא איז ער געווען דער ליבער מענטש יעכעזקל דאַברושין...

מיט יאָרן שפּעטער, איך האָב שוין דאַן גע־ארבעט אין דער רעדאַקציע פון דער צײַטונג „איינִיקײַט", האָט שמועל האַלקין מיר געלייענט א ליד צום דרוקן אַף דער מאַשינקע. די ליד איז געווען געווידמעט יעכעזקל דאַברושינען:

ס'איז דאָ א ליכטיקײַט א ווארעמע
באַ אײַך אין האַרץ,
וואָס דולדעט ניט קיין ראָסט אַף זיך,
וואָס ווערט ניט שוואַרץ,
וואָס טראָגט זיך דורך דורך ווינט און פראָסט,
אין הארבסטן הארבסט אײַך ניט פאַרלאָזט,
איך האָב עס צוגעזען און זיך געזאָגט:
א ליכטיקײַט אזא ניט יעדערער פאַרמאָגט.

ליטעראטור-קריטיק
ביבליאָגראפיע
פראגן פון קונסט

נאָכעם אויסלענדער

בוזי אָליעווסקי

בוזי אָליעווסקיס ערשטער בוך לידער איז דער־שינען אין 1930, דה. אין דער צײַט, ווען די סאָוועטישע יידישע דיכטונג האָט שוין געהאט דורכ־געמאכט גאַר א גרויסן וועג. די שעפערישע ארבעט, וואָס עס האָט געטאָן דער עלטערער דאָר סאָוועטישע דיכטער מיט אָשער שווארצמאַנען אין דער שפּיץ, האָט שוין געגעבן אירע פרוכטבארע רעזול־טאטן, וואָס האָבן זיך ארויסגעוויזן מער פאר אלץ אין דער שילדערונג פון דער בירגערקריג־עפּאָכע. דאָרט, אין פײַער פון די היסטאָרישע בירגערקריג־שלאכטן, האָט זיך דאָך אויסגעשמידט דער כאראק־טער פון דעם סאָוועטישן מענטשן.

בוזי אָליעווסקי האָט טכילעס אויך זיך א צי געטאָן צו דער שילדערונג פון דער בירגערקריג־עפּאָכע. ער טרעט דאָ אָבער ארויס אין א גאַנץ אייגנאַרטיקער סיטואַציע: ער שילדערט די בירגער־קריג־עפּאָכע, ווי זי איז געזען געוואָרן מיט די אויגן פון א קינד.

אָט דער מערקווירדיקער פאקט — די באגעגעניש פון א קינד מיט די גרויסע היסטאָרישע געשעע־נישן — איז פאר אָליעווסקין ניט נאָר א פאקט פון זײַן אייגענער ביאָגראפיע — ס׳איז דאָס וויכטיקסטע, וואָס אָליעווסקי זעט אײַן אין דער ביאָגראפיע פון זײַן דאָר.

מיך האָט אופגעוועקט א קלײנינקן אין וויגל
אָן אופגעפלאַצטע באָמבע בא דער טיר...

אזוי הייבט זיך אָן די ביאָגראפיע פון אָליעווסקיס דאָר. ניט ארײַנפאלנדיק אין גוזמע, האלטנדיק זיך באם היסטאָרישן עמעס, וואָס זיכערט שטענדיק דעם קינסטלערישן עמעס, דערציילט אָליעווסקי וועגן די ערשטע באגעגענישן פון זײַן דאָר מיט די רעוואָ־ליוציאָנערע געשעענישן:

זעט אונדז די שטילינקע יינגלעך,
שטילער פון שטילסטן פרימאָרגן...

אָט טרעטן זיי, די „שטילינקע יינגלעך", ארײַן אין לעבן. ארום און ארום שוועבט נאָך דער ווי־דערקאָל פון די אָקאָרשט פארענדיקטע בירגערקריג־שלאכטן. נאָרוואָס איז עס פאַרגעקומען אין דער וואָר און שוין פילט מען, ווי עס הייבט זיך אָן פארוואנדלען אין א לעגענדע. אין אזא אטמאָספער וואקסן די „שטילינקע יינגלעך" פון אָליעווסקיס דאָר.

און יינגלעך, ווי איך, ניט קאָנענדיק זיך שיידן,
מיר זיצן אין די נעכט אין שטעטלדיקן קלוב.
מע זיצט ביז שפּעט, און טרוימענדיק, ווי קינדער,
זיך טראכטן אויס ניט אויסגעטראכטע פרייד.

וועגן וואָס זײַנען געווען זייערע טרוימען? וועגן דעם, וואָס איז נאָרוואָס דורכגעגאנגען פאר זיי אין דער וואָר — וועגן דער גרויסער מענטשלעכער העל־דישקײַט, וואָס האָט זיך אנטפּלעקט פאר די קינ־דערשע אויגן אין די רעוואָליוציע־שלאכטן. דער אײַנדרוק פון דער דאָזיקער העלדישקײַט איז גע־ווען אזוי שטארק, ער האָט אזוי אופגעוויגט דעם קינדערשן געמיט, אז דער דאָזיקער אײַנדרוק פאַר־בלײַבט אף יאָרן און יאָרן. וווהין אָליעווסקי זאָל נאָכדעם זיך ניט ווענדן, פילט ער די נאָענטקײַט פון די געפאלענע העלדן.

מע האָט זיי דרײַ אף שטאמען דאָ געהאנגען,
ציטערן נאָך אלץ די קליאָנען אינעם יאָר.
איך האָב אין האַלץ געפונען נאָך די קארבן,
און שטריקלעך ראָסטיקע פון אומרויִקע טעג.

פון דער שעפערישער יערושע.

און אזוי אף שריט און טריט:

אין ווײַטע סטעפּעס ליגן טויטע העלדן —
איך האָב באַגעגנט זיי מיט עלעף יאָר...

עס גייען דורך יאָרן. די בירגערקריג־געשעענישן האָבן זיך שוין אָפּגערוקט אין דער ווײַטער פאַרגאַנגענהײַט, נאָר דער ווידערקאָל פון די הערצאָישע שלאַכטן לעבט נאָך אין די יוגנטלעכע הערצער. און עס טרעפט — דער דאָזיקער ווידערקאָל טוט מיטאַמאָל א קלונג מיט אזא קראַפט, אז קוים וואָס מע דערקענט שוין דאָ די שטים פון די „שטילינקע ייִנגלעך". אַליעווסקי, וועלכער היט זיך שטענדיק פון דער מינדסטער גוזמע, רופט פּלוצעם אויס:

ניט ווינטן פון הארבסטיקע פעלדער
רעוועון באַנאַכט לעם מײַן טיר —
גרויסע, ניט געבאַרענע העלדן
אין פינצטערניש שרײַען פון מיר...

זעלטן־ווען דערלויבט זיך אַליעווסקי ריידן וועגן זיך אין אזא געהויבענעם טאָן. דאָס מאָל האָט ער עס געמעגט זיך דערלויבן, ווײַל צופּיל רײַף איז שוין געווען אין אים די דאָזיקע שטימונג. און דאָס איז טאַקע געווען דאָס ערשטע, וואָס מע האָט באַמערקט בא אַליעווסקין: ס'איז א דיכטער, וואָס איז פול מיט יוגנטלעכער צאַרטקײַט, אָבער טראָגן טראָגט ער אין זיך א טיפן גלויבן אין דער נאָענטקײַט פון דעם גרויסן וועלט־באַפרײַענדיקן העלדנטאַט, אין וועלכן סײַ זײַן דאָר, סײַ ער אליין וועלן נעמען דעם אקטיווסטן אָנטייל. ניט אומזיסט האָט דאָך אַליעווסקי געשריבן:

עס וואַרט דאָס הארץ און ריכט זיך דאָ אף גרויס...

אזא איז ווירקלעך געווען די גרונט־שטימונג פון אַליעווסקיס לידער: דאָס ריכטן זיך אף גרויס, דער גלויבן אינעם גרויסן באַרוף פון זײַן דאָר, דער שטענדיקער פּאַרגעפיל פונעם ריזן־שריט, מיט וועלכן עס וועט אָט־אָט א שפּאַן טאָן זײַן דאָר, דער דאָר פון די אַמאָליקע „שטילינקע ייִנגלעך".

און נאָך אין א צוויי
און נאָך אין א דרײַ יאָר —
ווער וועט שוין דעמלט דערקענען מײַן דאָר...

זײַענדיק אזוי שטאַרק דורכגעדרונגען מיט דער דערמאָנונג וועגן די יאָרן פון בירגערקריג, האָט ב. אַליעווסקי ניט איין מאָל געפּרווט אויסער לירישע לידער שרײַבן אויך פּאָעמעס, וואָס זאָלן דירעקט שילדערן יענע עפּאָכע. צווישן די דאָזיקע פּאָעמעס פאַרנעמט א באַזונדער אָרט דאָס שטרענגע און פעסט געבויטע ווערק „בא לענינען".

אין זייערע פּרווון צו שילדערן די לענין־געשטאַלט זײַנען די ייִדישע סאָוועטישע דיכטער דאָס־ראָוו געגאַנגען מיט איין וועג — דעם וועג פון דער היסטאָריש־דאָקומענטירטער לענין־ביִאָגראַפיע. דער סוזשעט פון ב. אַליעווסקיס פּאָעמע איז, מעגלעך, גענומען ניט פון היסטאָרישע דאָקומענטן. אַליעווסקי שעפּט פונעם פּאָלקס־קוואַל, פון דער מעסוירע, וועלכע דאָס פּאָלק האָט געשאַפן ארום דער געשטאַלט פונעם גרויסן פּאָלקס־פירער. פונדאַנען שטאַמען אייניקע באַזונדערקײַטן, וואָס מיר טרעפן אין אַליעווסקיס פּאָעמע.

די פּאָעמע טראָגט א מײַסעאַרטיקן כאַראַקטער, אין איר איז אויסגעמישט לעגענדע און וואָר, זי גיט אָבער איבער זייער בולעט דעם פּראַצעס, ווען דאָס פּאָלקס־באַוווסטזײַן הייבט אָן ריכטיק באַנעמען דעם היסטאָרישן באַטײַט פון די ארומיקע געשעענישן. אין ב. אַליעווסקיס פּאָעמע זעט מען, ווי דאָס פּאָלקס־באַוווסטזײַן הייבט אָן באַנעמען, אז אלע היסטאָרישע וועגן, וואָס עס האָט דורכגעמאַכט אוקראַינע, פירן צו לענינען, צו דער רויטער ארמיי, צו דער וועלט־באַפרײַונג, וועלכע די דאָזיקע ארמיי טראָגט מיט זיך.

אין צענטער פון דער האנדלונג שטייט דאָס געשטאַלט פון לענינען, כאָטש באַווײַזן באַווײַזט זיך לענין ערשט צום סאָף פון דער פּאָעמע. אָבער לענינס געשטאַלט הייבט אָן שוועבן פאַר די אויגן נאָך אין סאַמע אָנהייב פּאָעמע.

...אינעם קעלער איז שטיל. אינעם קעלער איז נאַכט.
דאָרט האָבן אין גרויל זיך די ייִדן דערטראַכט:
זאָל לאָזן זיך איינער צו לענינען גיין,
זאָל לאָזן א מענטש זיך צו לענינען בעטן:
די רויטע ארמיי ער זאָל שיקן אין שטעטל.

לעכאַטכילע איז דער געדאַנק וועגן לענינען בא דער שטעטלשער פּאָלקס־מאַסע נאָך גאָר שטאַרק פאַרנעפּלט. ס'איז קימאַט נאָר אן אינסטינקטיווער דראַנג, וואָס האָט זיך דערוועקט אין דעם מאָמענט פון דער גרויסער פאַרצווייפלונג, ווען „איבער געסלעך סע קלינגט מיט די ביינער דער טויט". אָבער קוים האָט זיך דער דאָזיקער אינסטינקטיווער דראַנג דערוועקט, לאָזט ער שוין די שטעטלשע האָרעפּאַשניקעס ניט רוען: זיי באַשליסן שיקן צו לענינען זייערן א שאַליעך — שימען דעם שמיד.

דער האַלצהעקער האָט אים זײַן סוויטע געגעבן,
געשענקט האָט דער טרעגער זײַן שאַפּענעם יאַלעס,
א פויער — א גאַרטל, און דער באַלעגאָלע
האָט אים געגעבן די לעצטע פּאָר שטיוול...

די פּאָעמע איז געבויט אזוי, אז שימען דער שמיד טרעט דאָ אוף, ווי די לעבעדיקע פאַרקערפּערונג פון דעם פּאָלקס־באַוווסטזײַן, דורך אים, דורך שימענען, וויל דער אוטאָר באַווײַזן, וויאזוי דער לעכאַטכילעדיקער אינסטינקטיווער דראַנג צו לענינען הערט אוף זײַן באַם פּאָלקס־מענטש בלויז אן אינסטינקט, ווי דער דאָזיקער דראַנג גיסט זיך אָן מיט לויטערער באַוווסטזיניקײַט, ווי דאָס פּאָלק הייבט אָן אף דורך און דורך קלאָר באַנעמען, אז

„...אינעם הארבסטיקן גרוי פון דער וועלט
לענינס אייניציקער פענצטער די שטאָק־נאַכט
באַהעלט...

צי האָט אַליעווסקי טאַקע באַוויזן אָט דעם וועג צו לענינען, וואָס עס מאַכט דורך דער פּאָלקס־באַוווסטזײַן? צום באַדויערן — ניט אינגאַנצן. פאַראַן

אין דער פּאָעמע מאָמענטן, ווען אָליעווסקי דערנענטערט זיך צו דער לייזונג פון דער דאָזיקער אויפגאבע. אזוי איז עס אין דער שילדערונג פון שימען דעם שמידס רײַזע, ווען שימען וויל זיך צווינגען ניט צו טראכטן וועגן לענינען — עס שרעקט אים די נאָענטע באגעגעניש מיט לענינען — און טראכט פּאָרט און שטרענגט זיך אָן צו פארשטיין, וואָס איז אזוינס לענין. אזוי איז עס אין דער געלונגענער שילדערונג פון שימענס ערשטן אָנקום אין קרעמל, ווען שימען דער שמיד ווערט געווירע, אז לענין —

גאנצענע טעג און ער האָט ניט קיין רו,
צי שלאָפט זי, די וועלט, צי וואכט זי, די וועלט.
נאָר גאנצענע נעכט, אז זײַן פענצטערל העלט.
וועגן אלעמען טראכט, וועגן אלעמען קלערט —
ס'האָט צאָרעס גענוג אונדזער רוסישע ערד...

געלונגען איז דעם אווטאָר אויך דער מאָמענט, ווען שימען דערזעט צום ערשטן מאָל לענינען:

און שימען דער שמיד, וואָס אַף צאָרעס פארשטייט
ער,
אין לענינען זעט —
זעט לויט די אויגן, וואָס זײַנען פארגראָבן,
אז דײַגעס מוז לענין גענוג איצטער האָבן...

אָט דער עלעמענט אין דער שילדערונג פון דער לענין־געשטאלט — לענינס גרויסע וועלט־זאָרג, לענין, וואָס „וועגן אלעמען טראכט, וועגן אלעמען קלערט", לענין, וועמעס אויג עס זעט די ליידן פונעם פאָלק אפילע אין דעם סאמע פארוואָרפנסטן העק פון דער וועלט — דאָס איז געגעבן געוואָרן אין אָליעווסקיס פּאָעמע מיט א סאך אויסדריקלעכקײַט, מיט עמעסע קינסטלערישע פארבן.

אָליעווסקי רײַסט זיך דאָ אַף קיין רעגע ניט אָפּ פון זײַן העלד, פון שימען דעם שמיד, ער קוקט מיט שימענס אויגן, און דאָס, וואָס שימען זעט, ווערט איבערגעגעבן מיט אזא נאטירלעכער שפּראך, מיט אן עכט פאָלקסטימלעכן דערציילערישן נוסעך. די גרעסטע מײַלע פון די דאָזיקע שטעלן אין אָליעווסקיס פּאָעמע — וואָס דאָ איז ניטאָ קיין איבערגעטריבענע יאָגעניש נאָך סטיליזאציע. דעם אווטאָרס אויפמערקזאמקײַט איז געווענדט ניט אַף קלײנלעכע אויסערלעכע שטריכן אין דער האלטונג פון דעם פאָלקס־מענטש, נאָר אַף דעם סאמע טאָך — אַף דער מאסן־פּסיכאָלאָגיע.

ס'דערמאָנט זיך: זומער 1927 איז מיר אויסגעקומען צו זען אָליעווסקין אין זײַן געבורט־שטעטל, אין טשערניכאָוו (נעבן זשיטאָמיר). ס'איז געווען פון די מער פאָרגעשריטענע שטעטלעך, אָבער אויך דאָ איז דאָס איבערבויען ס'לעבן אַף נײַע יעסוידעס צוגעגאנגען דעמלט ניט גרינג. הינטער דער שטאָט האָט שוין א היפּשע צאָל ייִדן געקאָרטשעוועט אן אויסגעהאקטן וואלד, מע האָט געריסן די פוילע ביימער־וואָרצלען, אָט ווי מע האָט דעמלט ביכלאל געריסן אלדאָס צעפוילטע, וואָס איז פארבליבן פון ווײַטן פארצײַטנס. א היפּשע צאָל טשערניכאָווער ייִדן האָט זיך שוין געקליבן „באזעצן אַף ערד",

אָבער ניט קיין קליינע צאָל ייִדן האָט נאָך געוואנדלט איבער דעם ליידיקן מארק, געבלאָנקעט ווי מאָרעשכוירעדיקע שאָטנס פון דעם ווײַטן אמאָל. און אזוי איז געווען אין אלץ: דאָס יונגע, דאָס נײַע, דאָס סאָוועטישע האָט, שפּראָצנדיק, קומענדיק צו דער ליכטיקער שײַן, געמוזט זיך דורכשלאָגן דורך א שווערן שיכט אלט־פרענקישקײַט, אלט־אָפּגעלעבטקײַט, אלט־ווייטעקדיקײַט.

אָליעווסקי איז דעמלט נאָך געווען זייער יונג — מיר דאכט, אז פאר די צוואנציק יאָר. אפן ערשטן בליק האָט זיך געקענט אויסווײַזן, אז ער איז פון יענעם מין באָכערים, וואָס האָבן אין זיך מער נעשאָמע איידער גוף. א שווארץ־אויגיקער, א ברויןהויטיקער, א פארפּאליעטער פון דער זון, איז ער געווען, דאכט זיך, נאָך מער פארפּאליעט פון דעם אינערלעכן פײַער, וואָס האָט געפלאטערט אין אים. אלץ, וואָס האָט געלעבט אין אים, איז געווען הייציק, לײַדנשאפטלעך. און פונקט אזוי לײַדנשאפטלעך איז געווען זײַן באציִונג צום שטעטל.

דער שטעטל־מאָטיוו האָט צו יענער צײַט ניט זעלטן פיגורירט אויך בא אנדערע סאָוועטישע ייִדישע דיכטער. בא אָליעווסקין איז דאָס אָבער געווען דער צענטראלער מאָטיוו. עס האָט זיך געפילט, אז דער גוירל פון זײַן שטעטל גייט אים אָן ווי זײַן אייגענער לעבנס־גוירל.

נאָך גאָר אין איינער פון זײַנע ערשטע לידער (געשריבן אין יאָר 1927) האָט אָליעווסקי געמאָלדן:

איך גיי פון דאָרט — איך גיי פון אלטן בארג,
ווּ קרעמלעך הילצערנע הייבן זיך אלץ העכער.
ווּ ס'שוידערט קאלט אין פינצטערניש דער מארק
מיט טעמפּן, הילכיקן און הילצערנעם געלעכטער.
און אָט אָ־דאָ מיר האלטן זיך אין ראנגלען
און ס'פּאָכעט קאלט מיט אומרו און מיט צאר...

אין די דאָזיקע שורעס איז געווען א סאך עמעס: אין די שטעטל־לידער איז אָליעווסקין ווירקלעך אויסגעקומען גאנץ אָפט צו ראנגלען זיך. מיט וועמען? מיט זיך אליין.

די שוועריקײַטן, וואָס זײַנען דעמלט געשטאנען פארן שטעטל אין פּראָצעס פון דער איבערבויִונג, זײַנען געווען גאנץ היפּש, אָבער דאָך זײַנען עס געווען בלויז צײַטווײַליקע שוועריקײַטן. אין אָליעוורסקיס יוגנטלעכער אויפפאסונג האָבן די דאָזיקע שוועריקײַטן אָנגעהויבן אויסזען, ווי פאטאלע און אומבאזיגבארע.

אזא מין שליאך — לעוואָנע און שאָסיי,
קענסט שרײַען הײַנט, ס'וועט קיינער דיר ניט זאָגן.
שטיבלעך הילצערנע זיך וואלגערן אין שניי,
א פינפטע ראָד צום וואָגן...

אין אָליעווסקיס יוגנטלעכער אויפפאסונג איז דאָס שטעטל געווען עפּעס אזוינס, וואָס שטייט אויסער געשיכטע, עס איז גלײַך ווי אויסגעשלאָסן פונעם אלגעמיינעם היסטאָרישן פּראָצעס, ס'איז א „פינפטע ראָד צום וואָגן".

עמעס, פון צײַט צו צײַט פילט מען אויך אין די דאָזיקע לידער, ווי עס קומט צום אויסדרוק אָליעווסקיס אײַנגעבוירענער געפיל פון „ריכטן זיך

אַף גרויס". עס טרעפט, אַז אויך אין די שטעטל־לידער דערהערן מיר „ס'וועט עפּעס זיין, ס'מוז עפּעס אָט דאָ ווערן", אָבער צו גרויס איז אין אַליעווסקין דעמלט געווען דער יוגנטלעכער אומגעדולד, צו שטאַרק געווען דער פאַרלאַנג צו זען דאָס שטעטל אַף דורך און דורך באַנייט, אַז אַליעווסקי זאָל קאָנען באַמערקן די ערשטע סימאָנים פון דער באַנייונג, וואָס האָט זיך דעמלט אָקאָרשט אָנגעהויבן.

עס האָט געדויערט היפּשע עטלעכע יאָר, ביז אַליעווסקי האָט זי ענדלעך דערזען און באַנומען — די סאָוועטישע שטעטל־באַנייונג. אָבער קוים האָט ער זי איינגעזען, איז ער געוואָרן איר טרייסטער דיכטער.

געווען א צייט, ווען די גסיסע פונעם אַלטן מאַרק האָט פאַרשטעלט פון אַליעווסקיס אויגן אַלעס, וואָס עס קומט פאָר אינעם סאָוועטישן שטעטל. איצט דערזעט אַליעווסקי, אַז דאָס סאָוועטישע שטעטל וואַקסט און אַנטוויקלט זיך אין דער אַטמאָספער פון פרייער און פּרוכטבאַרער מי, וועלכע מאַכט פריי און פּרוכטבאַר דעם מענטשלעכן וועזן. דאָס בילד פונעם מאַרק הייבט שוין אָן דורכגיין בלויז ווי א ווייטע דערמאָנונג.

כ'געדענק נאָך, ווי צעטומלט און פאַרטראָגן
אין מאַרק אין נימעסן די טאַטעס יאָגן...

און אָט קעגן די דאָזיקע אַמאָליקע „טאַטעס" שטעלט זיך אוועק דער טאַטע פון הייַנטיקן טאָג. דאָס איז ניט קיין ראָמאַנטיש־פאַרפּוצטע געשטאַלט. ס'איז מער ניט ווי א סאָוועטישער מענטש, א יידישער פּויער:

אָט קומט דער טאַטע אָן א באָרוועסער, א פּויער,
ווי קאָרע האַרט און ברוין איז זיין געזיכט.
ער טרייבט די טשערעדע צום ברונעם פּויען.
עס גייען איינוווינער פון יידישן קאָלווירט.

און שווער איז שוין דערקענען די באַקאַנטע.
און קוים שוין, וואָס די שכיינים מיר דערקאָנען.
און עלטערע — מיר דריקן זיך די הענט
מיט פאַרהאַרטעוועטע, אָנגעשטייפטע דלאָניעס...

ניט נאָר די דלאָניעס זיינען בא די דאָזיקע שטעטל־יידן געוואָרן „אָנגעשטייפטע" — זייער גאַנצער וועזן איז געוואָרן אַזאַ: ס'איז אוועק די קאָנווולסיווע האַסטיקייט פון די אויסוועגלאָזע באַוועגונגען. אוועק דער אומזיכערער בליק פון דעם באַדנלאָזן מענטשן. אין דער האַלטונג פונעם שטעטל־יידן איז, פונקט ווי אין זיין געמיט, צוגעקומען פעסטקייט, זיכערקייט. און דאַן איז פאָרגעקומען דאָס, וואָס האָט אַמאָל געשיינט צו זיין גאָר אומגעלעך: פאָטער און זון האָבן זיך ביידע באַגעגנט אין איין געפיל, אין איין געמיט־צושטאַנד פון געפונענער רו, געפונענעם גלייכגעוויכט.

פון ווייטן זשומעט נאָך דער עלעוואַטאָר,
און ס'ענטפערט אָפּ אַצינד די צווייַג די קלענסטע.
סע שטייט פאַרהאָרעוועט לעם איר מיין טאַטע,
און קוקט, ווי איך אַצינד אין בלאָוון פענצטער...

און לאָמפּן צינדן זיך. און ס'רוט דאָס שטעטל.
און ביימער שטעלן זיך דעם טאָג באַגלייטן.
אין גאָרטן לייגן זיך צונויף די בלעטער
און ס'גייען שלאָפן שוין אין סאָד די קווייטן.

וואָס איז עס? א פּלוצעמדיקער קער צו אידיליע? ניין, פון אַזוינס איז אַליעווסקי שטענדיק, אין אַלע צייטן, גאַנץ ווייט. ס'איז ניט מער, ווי דער סאָף פון יענעם אינערלעכן געראַנגל, וואָס האָט פריער געמאַטערט דעם דיכטערס געמיט. ס'איז דער ענדלעך געפונענער גלייכגעוויכט צווישן אַליעווסקיס גלויבן אין זיין דאָר און זיין גלויבן אין דעם סאָוועטיש־באַנייטן שטעטל. דערפאַר האָט די שטעטל־ליד בא אַליעווסקין א רעד געטאָן מיט א נייער שפּראַך. זי, די שטעטל־ליד, איז טאַקע פאַרבונדן מיט אָרטיקע דערשיינונגען, אָבער די אָרטיקייט איז דאָ ניט קיין סימען פון באַגרענעצטקייט, זי באַדייט ניט קיין אָפּגעריסנקייט פון דעם, וואָס קומט פאָר אינעם גאַנצן לאַנד. באַזונדערס דייטלעך טרעט עס אַרויס אין אַליעווסקיס פּאָעמע „שאַכטע".

אין צענטער פון דער פּאָעמע שטייט די שילדערונג פון דאָנבאַס, אָבער אין הינטערגרונט זעט איר דאָ שטענדיק אַליעווסקיס שטעטל, וואָס האָט געשיקט די „שטילינקע יינגלעך" העלפן בויען דעם סאָציאַליסטישן דאָנבאַס. אין דעם באַשטייט טאַקע די הויפּט־ווערט פון דער פּאָעמע: צו אונדזער באַגריף וועגן דאָנבאַס האָט זי עפּשער קיין סך ניט צוגעגעבן, זי האָט אָבער זייער א סך צוגעגעבן צו אונדזער באַגריף וועגן דעם סאָוועטישן שטעטל.

די „שטילינקע יינגלעך", ווי מיר זעען זיי אין דער פּאָעמע, טרעטן שוין אויף אין א נייער שיין. זיי זיינען שוין אויסגעוואַקסן, זיי האָבן שוין אַריבערגעטראָטן די שוועל צו א זעלבשטענדיק לעבן, אָבער די דאָזיקע שוועל האָבן זיי נאָרוואָס אַריבערגעטראָטן, און אָט דער „נאָרוואָס" שאַפט דעם קאָלאָריט פון דער געשטאַלט־שילדערונג. דאָ זיינען געגעבן די ערשטע באַרירונגען מיטן ברייטן מאַסן־לעבן, די ערשטע רעזולטאַטן פון דעם, ווי אָט דאָס מאַסן־לעבן דערציט און דערהויבט די „שטילינקע יינגלעך".

עפּשער שוין —
און אונדזער נייער דאָר
נעמט אויכעט שוין דאָס לעבן אין די הענט?..

אָט דער געדאַנק וויגט אויף דעם יוגנטלעכן געמיט, מאַכט אים באַזונדערס פייערלעך און דערהויבן, און דאָס דיקטירט דעם טאָן פון דער גאַנצער פּאָעמע.

ווי אַלעמאָל, בייס ער שילדערט די „שטילינקע יינגלעך" אין זייער גרויסן לעבנסוועג, איז אַליעווסקי ניט אימשטאַנד זיך באַציִען צו זיי קריטיש, ער איז איינער פון זיי, ער איז פול מיט זייער אימפּעט, און אָפּטמאָל טרעפט, אַז דאָס פאַרפירט אים. אַליעווסקי פאַרלירט צייטנווייז די ניכטערע, רעאַליסטישע שאַצונג פון די שטעטל־געשטאַלטן, ווי זיי טרעטן אויף אין דער נייער אַטמאָספער פון דאָנבאַס.

אָבער איינס פילט אָליעווסקי שטענדיק און אומעטום — דעם דראנג צו דעם גרויסן העלדנטאט, וועלכן עס טראָגן אין זיך די „שטילינקע ייִנגלעך“ פון זײַן דאָר, זייער טיפן גלויבן, אז די סאָציאַליסטישע מי דאָס איז ווירקלעך א העלדנטאט, זייער גרייטקײַט דערצו, אז דער גורל פון דער ארבעט, וועלכע זיי טוען, זאָל ווערן זייער לעבנס־גורל.

אָליעווסקיס „שאכטע“ איז ניט קיין ווערק, וואָס פּרעטענדירט אף א פילזײַטיקער און פילגעשטאלטיקער שילדערונג. דער דיכטער האָט, אין טאָך, געזען פאר די אויגן בלויז איין געשטאלט — דאָס געשטאלט פון דעם שטעטל־מענטש, וואָס פארקערפּערט אין זיך דעם אָנטייל פון דעם סאָוועטישן שטעטל אין די גרויסע פּראָצעסן פון דער גאָרער לאנד־איבערבויונג. אזא געשטאלט האָט אונדז אָליעווסקי אין זײַן פּאָעמע געוואָלט באַווײַזן און דאָס האָט ער ווירקלעך באוויזן.

אָליעווסקי האָט אָנגעשריבן א היפּשע צאָל ביראָבידזשאנער לידער. אלע האָבן זיי די מײַלע, וואָס זיי זײַנען ניט געבויט אף אויבנופיקע רײַזע־אײַנדרוקן, קורצווײַליקע באגעגענישן און בליצשנעלע אויספירן. אין אָליעווסקיס לידער פילט זיך א מער גרינטלעכע באקאנטשאפט מיט דער ביראָבידזשאנער סוויווע, א שטאַרקער און אָרגאנישגעוואָרענער צובונד צום ביראָבידזשאנער באָדן.

וואָס מאכט אזוי שטארק דעם דיכטערס צובונד צום דאָזיקן באָדן? די עקזאָטיק פון דער טײַגע, די שיינקײַט פון די בערג, צי די נאָענטקײַט פון נעם אָקעאן? ניין, ציִען ציט דאָ צו דער נײַער, דער סאָוועטישער מענטש, וואָס האָט זיך דאָ אנטפּלעקט, ווי א באשעפער. און אזוי טאקע הייסט בא אָליעווסקין די סעריע ביראָבידזשאנער לידער: „באשעפער“.

אין אָליעווסקיס ביראָבידזשאנער לידער האָט מען אלעמאָל געקאָנט זען, אז די שײַן פאלט דאָ ניט בלויז אף דער דיכטער־געשטאלט, נאָר אויך אף די ארומיקע געשטאלטן, דעם דיכטערס לעבנס־באגלייטער. דאָסראָוו געשטאלטן ווערן געגעבן ווי דעם אווטאָרס לעבנס־באגלייטער, דער אווטאָר איז שטענדיק מיט זיי, זייער גורל איז זײַן לעבנס־גורל, זײַן געמיט איז ענג פארבונדן מיט זייער געמיט, ער איז אָבער אף איין־איינציקן טראָפּנדל צארטער, לירישער — און אָט דאָס טראָפּנדל שאפט דעם אייגנארט פון אָליעווסקיס לידער.

געווען איז עס אין די יאָרן 1937—1940. דער בלוטיקער אָנגריף פונעם פאשיזם האָט זיך שוין דעמלט געלאָזט פילן גענוג שטארק, די מילכאָמע־געפאר איז שוין געווען גאָר רעאל, און אָליעווסקיס דיכטונג האָט מיט א מערקווירדיקער פילבארקײַט רעאגירט אף דער דאָזיקער געפאר. „דער מאָרגן איז אין קריג“ — רופט אויס אין איינער א ליד אָליעווסקי, און דער דאָזיקער באוווסטזײַן באהערשט דעמלט דאָס גאנצע שאפן זײַנס.

און קלאָר ווערט שוין דאָס אָרט מײַנס אף דער
וועלט,
און קאלט זיך שפּרייט דער וועג אונטער די שטערן.
ס'איז שטיל אזוי און זומערדיק אין פעלד,
אז כ'קען אצינד די וועלט, דאכט זיך, דערהערן,
און זען, ווי זיי קומען איצטער אָנעט
דיוויזיעס,
שינעלן און סאָלדאטן,
הערן, ווי סע רעוועט די מילכאָמע,
מיט דונעריקע העלדזער פון הארמאטן....

עס גלייבט זיך קוים, אז אזעלכע לידער — עכטע מילכאָמע־ליריק — זײַנען געשריבן געוואָרן ניט אין דער צײַט פון א מילכאָמע. ס'איז אָבער א פאקט: אזעלכע לידער האָט אָליעווסקי געשריבן היפּשע עטלעכע יאָר פאר דער מילכאָמע. ווידער און ווידער לאָזט אָליעווסקין ניט רוען די פראגע: מיט וואָס גייט ער — און צוזאמען מיט אים אויך זײַן דאָר — אנטקעגן דער אָנקומענדיקער וועלט־געפאר?

דאָ איז געווען די רייד ניט בלויז וועגן געווייַנלעכער שלאכט־גרייטקײַט און שלאכט־געניטשאפט, וועלכע מע האָט געדארפט זיך פארשאפן. אָליעווסקי איז געווען איינער פון די דיכטער, וואָס האָבן פארשטאנען, אז באזיגן דעם סוינע דארפן מיר אויך מיט אונדזער מאָראל, מיט אונדזער מענטשלעכקײַט, וואָס איז ניט דאָס לעצטע געווער אין קאמף קעגן דער „אנטמענטשלעכונג“, וועלכע עס טראָגט מיט זיך דער פאשיזם. דערפאר איז אין אָליעווסקיס לעצטע לידער אזוי שטארק דער מאָראלישער אקצענט, דערפאר שטעלט ער אזוי אָפט דעם טראָפּ אף נאָרמען אין דער סאָוועטישער מאָראל, וועלכע ער פילט אין זײַן דאָר און אין זיך.

אין פײַערן די ווײַט — אין רויכן און אין גלוט.
ס'ווערט פול די ערד מיט קריצעניש פון ציינער.
און כ'טראָג דער וועלט די פינעף ליטער בלוט,
אז אף א האָרעלע די וועלט זאָל ווערן ריינער...

דאָס רעדט צו אײַך א פאָרשטייער פון יענעם דאָר „שטילינקע ייִנגלעך“, וואָס האָבן נאָך גאָר באם „אָנהייב לעבן“ געגרייט זיך צו דעם גרויסן וועלט־באפרײַענדיקן העלדנטאט. איצט איז די צײַט פאר אָט דעם טאט געקומען. האָט אָליעווסקי — פּונקט ווי זײַן דאָר — דערהערט דעם רוף פון געשיכטע, ער האָט זיך געשטעלט אין דער ריי פון די, וואָס גייען באפרײַען די וועלט פונעם פאשיזם, און זײַן ליד, די צארט־לירישע ליד, האָט אָנגעהויבן ווערן א שלאכט־ליד.

ס'איז גאָרנישט ניט... געווען אמאָל א טויב,
און איצטער דארפן שטארקער זײַן די פליגל...

דאָס זײַנען שורעס, וועלכע אָליעווסקי האָט געשריבן אין 1928 יאָר. און אָט זײַנען שורעס פון יאָר 1938:

לאנג אין זיך דערהארגעט שוין די טויבן,
און אָדלערל איך האָדעווע אין הארץ...

פון די דאָזיקע צוויי ציטאטעס קאָן מען קריגן א באגריף וועגן דעם וועג, וואָס אָליעווסקי האָט דורכגעמאכט. געקומען איז אָליעווסקי אין אונדזער ליטעראטור ווי א דיכטער, וועמעס אייגנארטיקײַט איז געלעגן הויפּטזאכלעך אין דער צארט־לירישער

װענדונג צו אַלץ און צו אַלעמען, װאָס רינגלט אים אַרום:

איך נעם אַרום מײַן שײנעם דעמב, מײַן װעלט,
בײַ שײַן פֿון זון און בײַ דער שײַן פֿון שטערן...

אָט אַזאַ שטעלט זיך פֿאַר אונדז אַװעק אָליעװסקי אין זײַן ערשטן בוך לידער: אַ דיכטער, װאָס נעמט אַרום די װעלט...

און אָט קומט דער איבערבראָך. עס קומט דער באַװוּסטזײַן:

„דער מאָרגן איז אין קריג". עס קומט דער געפֿיל: „אין פֿײַער איז די װײַט, אין רױכן און אין בלוט", דער דאָזיקער באַװוּסטזײַן מאָנט, דער דאָזיקער געפֿיל פֿאָדערט.

און אַז אין אײן לאַנד, און אין אַ צװײטן לאַנד
מײַן פֿאָלק צעטראָטן װערט, דערפֿירט שױן צו דעם
ראַנד,
איז דאָך שױן קלאָר, פֿאַרװאָס מײַן בליק מײַן
מענטשלעכער
װערט גרױער פֿונעם גראָב געװאַנט
פֿון מײַן שינעל...

אָט דעמלט איז עס פֿאָרגעקומען: דער דיכטער האָט אָפּגעװאָרפֿן זײַן פֿריִערדיקע שפּראַך, ער האָט גענומען שמידן די נײַע דיכטערישע שפּראַך, די שפּראַך פֿון װידערשטאַנד, פֿון שלאַכט־גרײטקײַט. נײַע ריטמען דערהערט מען מיטאַמאָל אין אָליעװסקיס ליד, נײַע קלאַנגען, אַלץ אָפּטער און אָפּטער פֿאַרנעמט איר, װי עס קלינגט דאָ מעטאַל. דער געפֿיל װערט פֿאַרשטײַפֿט, פֿאַרהאַרטעװעט.

און װי אַ דעמב מיט האַרטקײַטן באַװאַקס איך,
און אַלע װײכקײַטן אין מיר פֿאַרגײען...

עמעס, אָליעװסקי איז אױך איצט געטרײַ זײַן דיכטערישער נאַטור: עס ציט אים צום פּײזאַזש, די שפּראַך, װעלכער ער פֿאַרטרױט אַמײנסטן, איז די שפּראַך פֿון נאַטור־שילדערונג. אָבער װי װײַט איז שױן איצט די דאָזיקע שפּראַך פֿון יענער, װאָס מיר האָבן געהערט אין אָליעװסקיס ערשטע לידער.

אָליעװסקיס פּאָעטישע פֿאָרם, װי זי האָט זיך באַװיזן אין ערשטן פּעריאָד פֿון זײַן שאַפֿן, איז געװען אין אַ היפּשער מאָס איבערגעלאָדן מיט סוביעקטיװיזם. דער איבערגעטריבענער אינטערעס צו יעדער סוביעקטיװער איבערלעבונג, אױב אַפֿילו זי דױערט ניט מער װי אײן אױגנבליק, און איז קלאַל ניט טיפּיש פֿאַרן דיכטער, די גרײטקײַט נאָכצוגײן אױף יעדן זיגזאַג פֿון געדאַנק און געפֿיל, — אָט דאָס אַלעס, װאָס האָט זיך פֿריִער געלאָזט מערקן אין אָליעװסקיס לידער, איז איצט אַװעק. די נײַע פּאָעטישע פֿאָרם, מיט װעלכער אָליעװסקי הײבט אָן אַרױסטרעטן, לאָזט זיך באַצײכענען מיט די זעלבע װערטער, מיט װעלכע דער דיכטער װענדט זיך צו זײַן דאָר:

און מיר, װאָס אין לעבן האָט קײנער געפּעסטעט,
פֿון טאָג, פֿונעם הײַנטיקן, װי פֿון אַ באַרג,
זעען דעם װעג אונדזער שװערן און פֿעסטן
און זעען די ערד אַזאַ פֿרילינגדיק־גרינע...

אָליעװסקי האָט װירקלעך זיך אױסגעלערנט קוקן „פֿון טאָג, פֿונעם הײַנטיקן, װי פֿון אַ באַרג". פֿון ליד צו ליד זעט מען דאָ, װי דער דיכטער הײבט אָן אײַנפּאַסן דאָס רעאַליסטיש־געצײכנטע בילד אין אַ װײַט־גײענדיקער סאָציאַל־היסטאָרישער פּערספּעקטיװ. דערבײַ פֿילט ער זיך קלאַל ניט ענג אין דער לירישער מיניאַטור. כאָטש עס קומט אים דאָ אױס צו אָפּערירן בלױז אױף אַ קלײנעם שטעך, האָט די שילדערונג דאָך אַ ברײטן מאַסשטאַב, זי האָט אַ װײַטן אױסבליק, אין דער קלײנער אײנצל־דערשײַנונג הערט זיך דער אָפּהילך פֿון דעם גרױסן צײַטן־גאַנג. און צו װאָס פֿאַר אַן אײנצל־דערשײַנונג אָליעװסקי זאָל זיך ניט צורירן, פֿאַלט אױף איר שטענדיק די שײַן פֿון דעם באַװוּסטזײַן: „דער מאָרגן איז אין קריג".

מערקװירדיק איז דער ריטם פֿון די לידער, װאָס אָליעװסקי שרײַבט אױף דער טעמע. ס'איז ניט דער ריטם פֿון פּלוצעם־אָנגעפֿלױגענע שטימונגען, דאָס זײַנען פֿעסט אױסגעפֿורעמטע, שטאַנדהאַפֿטיקע געפֿילן, װאָס באַהערשן דעם גאַנצן דיכטערישן װעזן, ס'איז די שטים פֿון דער אַנטשלאָסנקײַט, דאָס איז פּונקט אַזױ גרױס, װי גרױס סע איז די געפֿאַר, װאָס רוקט זיך אָן אױף דער װעלט.

איר הערט, װי דער דיכטער געזעגנט זיך שױן מיט זײַן יונג לעבן, אָבער אױף קײן רגע פֿאַלט אים ניט אײַן זיך געזעגענען מיט זײַן באַרוף: באַשיצן דאָס פֿאָלק, דאָס לאַנד, די מענטשהײַט.

אין נאָמען פֿון אָט דעם באַרוף זאָגט זיך אָליעװסקי אָפּ פֿונעם „אײנדזעלע רו", װי ער דריקט זיך אױס, ער װענדט אָפּ זײַן בליק פֿון יעטװידן װינקל, װוּ עס איז נאָך פֿאַרבליבן דאָס לעצטע ביסעלע רו, ער װיל ניט, ער טאָר זיך ניט געװױנען צו רו: אַזױ הײסט אים זײַן געװיסן און אַזױ טוט ער:

און בעסער זאָל איך גאָר שױן גײן צו גרונט,
זאָל מיך דער אומגליק פֿינצטערער ניט שױנען,
אױב כ'װעל זיך אָנהײבן באַרויִקן,
אױב כ'װעל זיך אָנהײבן געװױנען...

דער „אומגליק פֿינצטערער" האָט אָליעװסקין ניט געשױנט. ער איז געפֿאַלן גאָר אין די ערשטע שלאַכטן פֿון דער גרױסער פֿאָטערלענדישער מילכאָמע און אין זײַן ליד הערן מיר די שטים פֿונעם סאָװעטישן מענטשן, װאָס װעט קײנמאָל זיך ניט ציִען צו די „אײנדזעלעך רו", קײנמאָל זיך ניט „אָנהײבן באַרויִקן", װען עס װעט זײַן אַ געפֿאַר פֿאַר זײַן לאַנד, פֿאַר זײַן פֿאָלק, פֿאַר די דעראָבערונגען פֿון דער גרױסער סאָציאַליסטישער אָקטיאַבער־רעװאָליוציע.

אונגארישער אלמאנאך

אין בודאפעשט איז ארויס פון דרוק אן אָרדנטלעכער נומער פונעם אונגאריש־יידישן אלמאנאך (יאָרבוך 82/1981) אין דער אונגארישער שפּראך. דער רעדאקטאָר פונעם אלמאנאך איז דער פּראָפעסאָר אלעקסאנדער שייבער. צום ערשטן מאָל איז די דאָזיקע אויסגאבע דערשינען אין 1895 יאָר אונטערן נאָמען „אלמאנאך פון דער יידישער קעהילע אין אונגארן”.

אין אונדזער צײַט דערשײַנט דער אלמאנאך איין מאָל אין צוויי יאָר. אף די 600 זײַטן געפינען די לייענער ווערק פון אנערעך 60 שרײַבער, וועלכע באהאנדלען פראגן פון יידישער געשיכטע, ליטעראַטור, קונסט, פון דעם הײַנטיקן לעבן פון די יידן אין אונגארן.

אינטערעסאנט זײַנען די ארטיקלען פון א. שייבער, ר. דאן, ב. סאָלאָטשי און אנד.

א. שייבער ווידמעט זײַן פאָרשונג דער שאפונג פונעם שריפטשטעלער א. קאצער, וועלכער האָט געשריבן וועגן יידישע מינהאָגים, טראדיציעס און פאָלקס־לעגענדעס. ער איז געשטאָרבן אין אויסלאנד און איז שוין קימאט פארגעסן געוואָרן. ר. דאן, דער פארוואלטער פון דער קאטעדרע פון ביבליאָטעקוויסנשאפט אינעם בודאפעשטער אוניווערסיטעט, באהאנדלט אין זײַן ארטיקל די פראגע וועגן דער אזוי־גערופענער סעקטע „סובאָטניקעס”. דער גרונטלייגער פון דער דאָזיקער סעקטע איז געווען שימען פעטשי פון טראנסילוואניע — אן איבערזעצער פונעם טאנאך אף דער אונגארישער שפּראך (דער ניט פארעפנטלעכטער קסאוויאד פון דער איבערזעצונג, וועלכער האָט א היפשע וויסנשאפטלעכע ווערט, געפינט זיך אינעם יידישן ארכיוו פון דער בודאפעשטער סעמינאַריע). ווי באוווּסט, זײַנען פיל טראדיציעס און מינהאָגים פון די „סובאָטניקעס” נאָענט צו די יידישע.

י. ביהאָרי האָט אויסגעפאָרשט א קסאוויאד פונעם 18־טן יאָרהונדערט, וועמענס אווטאָר עס איז דער קאטוילישער גאלעך מיכאיל ווינקלער (ס׳איז באַוווּסט, אז ווינקלער האָט אָנגעשריבן א גראמאטיק פון דער יידישער שפּראך). דער קסאוויאד געפינט זיך אין דער ביבליאָטעק פון דער שטאָט פּעטש.

עטלעכע ארטיקלען זײַנען אינעם אלמאנאך געווידמעט דער אויסראָטונג פון די אונגארישע יידן מיצאד די היטלערישע טאליאָנים. עס זײַנען אויך אָפּגעדרוקט אייניקע פּראָזאישע און דיכטערישע ווערק און א בריוו־אויסטויש צווישן מארטין בובערן און ג. לוקאטש, אין וועלכן ס׳זײַנען געבראכט געוואָרן וויכטיקע ידיעס וועגן דער אונגארישער קולטור. זייער אינטערעסאנט איז דאָס ארטיקל פונעם פארשטאָרבענעם גרויסן געלערנטן פון מוזיק, פּראָפעסאָר פון דער בודאפעשטער קאָנסערוואטאָריע בענציען סאָלאָטשי, געווידמעט דער אוראלטער יידישער מוזיק. ס׳ווערן פארעפנטלעכט נאָטן, וועלכע זײַנען נאָך ביז הײַנטיקן טאָג ניט געווען געדרוקט.

אונטערצייענדיק א סאכאקל, קאָן מען זאָגן, אז דער נײַער אונגאריש־יידישער אלמאנאך באַרײַכערט די וויסנשאפט פונעם יידישן אָוואר און פון דער הײַנטצײַטיקייט. ניט אומזיסט האָט די אונגארישע פּרעסע זייער ווארעם אופגענומען די דאָזיקע אויסגאבע.

יויסעף ביהאָרי, בודאפעשט

„יודאיִקא באָהעמיִא”

דער יידישער ישעוו פון טשעכאָסלאָוואַקיע עקזיסטירט שוין מער ווי 1000 יאָר. פּראָג איז געווען איינער פון די קולטורעלע צענטערס פונעם אייראָפּעישן יידנטום. איצט, ווען דער דאָזיקער ישעוו איז קליין, דערמאָנען וועגן זײַן פארגאנגענהײַט ביניאָנים, דענקמעלער, מאציייוועס, ארכיוור־דאָקומענטן, מוזיי־עקספּאָנאטן.

אין 1950 איז לויטן באשלוס פון דער טשעכאָסלאָוואקישער רעגירונג געגרינדעט געוואָרן דער יידישער מעלוכע־מוזיי אין פּראָג. זײַן אופגאבע איז — היטן און פאָרשן די דענקמעלער פון דער יידישער געשיכטע און קולטור אין טשעכאָסלאָוואַקיע. דער פּראָגער יידישער מוזיי איז איצט ברייט באוווּסט. יערלעך באזוכן אים הונדערטער טויזנטער מענטשן. די געלערנטע פונעם מוזיי האָבן צוגעגרייט און פארעפנטלעכט עטלעכע מאָנאָגראַפיעס. די וויסנשאפטלעך־פאָרשערישע ארבעט האָט זיך אזוי פארברייטערט, אז מע האָט אָנגעהויבן

ארויסצוגעבן א ספעציעלע פעריאָדישע וויסנשאפטלעכע זאמלונג, וועלכע האָט באקומען דעם נאָמען "Iudaica Bohemiae" (ד. ה. אף לאטײַן „יודאיִק פון טשעכיע"). דאָס איז א ריין וויסנשאפטלעכע אויסגאבע. מע קאָן ניט זאָגן, אז „יודאיִקא באָהעמיִא" איז א יידישער זשורנאל, האגאם ער איז פולשטענדיק געווידמעט די פאָרשונגען פון יודאיִק. דאָסראָוו אווטאָרן פון דער זאמלונג, ווי אויך מיטארבעטער פונעם מוזיי, זײַנען גראָד ניט קיין ייִדן.

„יודאיִקא באָהעמיִא" ווערט ארויסגעגעבן אף פיר וועלט־שפראכן: גלײַכצײַטיק ענגליש, פראנצויזיש, דײַטש און רוסיש. צום באדויערן, זײַנען דאָ ניטאָ קיין ארטיקלען אָדער, לעכאָלהאפּאָכעס, רעזיומע אין ייִדיש, העברעיִש און טשעכיש.

די מאטעריִאלן אין דער זאמלונג זײַנען געווידמעט פארשיידענע טעמעס, וואָס האָבן א וועלכע־ניט־איז שײַכעס צו דער געשיכטע פון ייִדן אין טשעכאָסלאָוואקיע: באשרײַבונגען פון בעסוילעמס און שולן, אנאליזן פון ארכיוור און מוזיי־פאָנדן, באטראכטונגען וועגן דער געשיכטע פון באזונדערע ייִדישע קעהילעס אינעם לאנד, מיטיילונגען וועגן קאָנטאקטן און צווישנווירקונגען פון דער טשעכישער און ייִדישער קולטורן.

ס'איז אומעגלעך רויִק צו לייענען די מאטעריאלן וועגן דעם ייִדן־כורבן בעשאס דער צווייטער וועלט־מילכאָמע. דאָס הויפט־אָרט פארנעמען די ארטיקלען וועגן דעם קאָנצענטראציע־לאגער טערעזיִענשטאדט, זײַן אינערלעך לעבן. יארמילא שקאָכאָווא דערציילט וועגן דעם קינדערהיים „די רעפובליק שקיד" אין אָט דעם קאָנצלאגער (1978, נומ. 1, 1980, נומ. 2, 1981, נומ. 1). דער טאלאנטפולער פעדאגאָג וואלטער אייסינגער האָט צונויפגענומען אונטער איין דאך א גרויסע צאָל היימלאָזע קינדער און אָנגערופן זייער נײַע אָרעמע היים לעקאָוועד דער באוווּסטער לענינגראדער שול פאר פארוואָרלאָזטע, וועלכע ס'האָט, אלס לעבנס־דאָקומענט פון די צוואנציקער יאָרן, איבערגעלאָזט אין דער ליטעראטור ל. פאנטעלייעוו. די פעדאגאָגן און דערציִגלינגען פון דער טערעזינער „רעפובליק שקיד" זײַנען קימאט אלע אומגעקומען, אָבער עס זײַנען געבליבן שריפטלעכע דאָקומענטן, דערונטער עטלעכע נומערן פונעם אומלעגאלן קסאוויאד־זשורנאל „וועדעם", וועמענס אווטאָרן עס זײַנען געווען יונגע קאצעטלער און זייערע לערער.

לודוויג וואצלאוועק האָט געווידמעט זײַן פאָרשונג דער דיכטונג פונעם דײַטשיש־שפראכיקן פאָעט פון טערעזינער געטאָ וולאסטאמיל ארטור פאָלאק (1979, נומ. 2), אין מעשעך פון עטלעכע יאָר האָט ער געשאפן א ציקל לידער וועגן געטאָ "Die Stadt der schwarzen Tore" (די שטאָט פון די שווארצע טויערן). א טייל פון זיי זײַנען אָנגעדרוקט געוואָרן אף דײַטש אין עסטרײַך און אין דער איבערזעצונג אף טשעכיש אינעם ביולעטען פון דער פראָגער ייִדישער קעהילע.

אכוץ די פאָרשונגס־ארטיקלען דרוקט אויך „יודאיִקא באָהעמיא" ביבליִאָגראפישע נאָטיצן איבער ביכער, וואָס שטעלן פאָר אן אינטערעס פאר די יודאיִק־פאָרשער — סײַ וועלטלעכע ביכער, סײַ רעליגיִעזע. לעמאָשל, דער סטודענט פון דער בודאפעשטער יעשיווע, דער טשעכאָסלאָוואקישער בירגער דאניִעל מײַער דערציילט וועגן א נײַער פאקסימילע־אויסגאבע פון א טייל פון מײַמאָנידס „משני תורה", וועלכע איז ארויס אין אונגארן ניט לאנג צוריק (1981, נומ. 2).

קימאט אין אלע נומערן פון דער זאמלונג זײַנען פאראן מיטיילונגען וועגן פארשיידענע אויסשטעלונגען, וויסנשאפטלעכע קאָנגרעסן, רעסטאווראציע־ארבעטן אין דעם פראָגער ייִדישן מוזיי. די לעצטע נומערן פון „יודאיִקא באָהעמיִא" אנטהאלטן אויך פאָטאָגראפיִעס און רעפראָדוקציעס.

ו. טשערנין

■ ■ ■

אוקאַז פון פרעזידיום פונעם אויבערסאָוועט פון רספסר

וועגן באלוינען מיט אן ערן־גראמאָטע פון פרעזידיום פון אויבערסאָוועט פון רספסר מיילערן ב. ס. (מילערן ב. אי.)

פאר דער פיליאָריקער פרוכטבארער ליטעראַרישער און געזעלשאפטלעכער טעטיקײַט און אין צוזאמענהאנג מיטן 70־טן געבורטסטאָג באלוינען דעם שרײַבער מיילער בער סרוליעוויטש (מילער באָריס איזרײַלעוויטש) מיט אן ערן־גראמאָטע פון פרעזידיום פונעם אויבערסאָוועט פון רספסר.

פאָרזיצער פון פרעזידיום פונעם אויבערסאָוועט פון רספסר

מ. יאסנאָוו

סעקרעטאר פון פרעזידיום פונעם אויבערסאָוועט פון רספסר

כ. נעשקאָוו

מאָסקווע, 29 אפרעל 1983

וויקטאָר לעבעדעוו
דאָקטאָר פון פילאָלאָגישע וויסנשאַפטן

מאַטעריאַלן וועגן דער געשיכטע פון יודאַיִזם און וועגן זײַן קריטיק אינעם קסאַוויאַד־פאָנד פון דער עפנטלעכער ביבליאָטעק אף מ. יע. סאַלטיקאָוו־שטשעדרינס נאָמען

די פאָרשונג פון יודאַיִזם — איינער פון די אוראַלטסטע מאָנאָטעיִסטישע רעליגיִעס — איז שטענדיק אַקטועל. די דאָזיקע אַקטועלקײַט באַזירט זיך אף דעם, וואָס דער יודאַיִזם האָט געהאַט א טיפע השפּעה אף אנדערע רעליגיִעס און שטרעמונגען פונעם געזעלשאַפטלעכן געדאַנק, וועלכע האָבן אין פאַרשיידענע היסטאָרישע פּעריִאָדן געשפּילט א מערקבאַרע ראָל אינעם פּאָליטישן און קולטורעלן לעבן פון פאַרשיידענע לענדער און פעלקער. אזוי, לעמאָשל, איז אף דער גרענעץ פון אונדזער טקופע אנטשטאַנען אף דער באַזע פון יודאַיִסטישע סעקטעס דאָס קריסטנטום, און אינעם VII יה. פון אונדזער צײַטרעכענונג האָבן דער יודאַיִזם און קריסטנטום געהאַט א גרויסע השפּעה אף דער זיך אפסנײַ פאָרמירטער רעליגיִע — איסלאַם. דעריבער איז אומעגלעך צו פאַרשטיין די געשיכטע פון אָט די ביידע וועלט־רעליגיִעס — קריסטנטום און איסלאַם, ניט וויסנדיק די געשיכטע פון יודאַיִזם.

דער ציִעניזם, וועלכער איז אנטשטאַנען אינעם סאָף פון XIX יה., באַזירט זיך אף דאָגמאַטן פונעם יודאַיִזם, און דאָס ברענגט צו דעם, אז די קריטיק פונעם ציִעניזם איז ענג פאַרבונדן מיט דער קריטיק פון יודאַיִזם. פון דער אנדערער זײַט, זעט מען, אז דעם אָרטאָדאָקסאַלן יודאַיִזם האָט מען קריטיקירט אין פאַרשיידענע פאָרמען בעמעשעך פון א סאַך יאָרהונדערטער, און די דאָזיקע קריטיק דערמעגלעכט צו שפּירן די אנטוויקלונג פון די פאָרגעשריטענע, פרײַדענקערישע אידייען בא די יִידן און בא אנדערע פעלקער, וועלכע האָבן געפּריידיקט דעם יודאַיִזם. און לעסאָף, דאָס הייליקע בוך פון די יודאַיִסטן — די ביבל איז גלײַכצײַטיק אן אוראַלטער ליטעראַרישער דענקמאָל, א מין ענציקלאָפּעדיע פון קולטור, פאָלקלאָר און ליטעראַטור פון די פעלקער פונעם אוראַלטן מיזרעך. אין א געוויסער מאָס קאָן מען די דאָזיקע כאַראַקטעריסטיק אָפּטראָגן אויך צום טאַלמוד, בלויז מיט איין אונטערשייד, אז די ביבל האָט געהאַט א קאָלאָסאַלן אײַנפלוס אף דער קולטור פון די סאַמע פאַרשיידענע פעלקער אין דער וועלט, און דער טאַלמוד איז געבליבן א וויכטיקער דענקמאָל פון דער יִידישער קולטור.

אָן אומבאַדינגטער טנײַ, קעדיי דערפאָלגרײַך פאָרשן א באַליביקע דערשײַנונג פונעם געזעלשאַפטלעכן געדאַנק, איז — מאַקסימאַל פולער צוציִען די קסאַוויִאַד־קוועלן. די דאָזיקע גרונטלאַגע האָט אין א פולער מאָס א שײַכעס אויך צום יודאַיִזם. אין פאַרשיידענע ביכער־קאַמערס פון דער וועלט געפינען זיך טויזנטער אוראַלטע, מיטלאַלטערלעכע און נײַע קסאַוויִאַדן, וועלכע שפּיגלען אָפּ די געשיכטע פונעם יודאַיִזם און זײַן קריטיק. די אופגאַבע פון אונדזער איבערזיכט איז — צוציִען די אופמערקזאַמקײַט פון די פאָרשער צום באַדײַטנדיקסטן אין סאָוועטנפאַרבאַנד פאָנד פון יִידישע קסאַוויאַדן, וועלכע געפינען זיך אין דער מעלוכישער עפנטלעכער ביבליִאָטעק אף סאַלטיקאָוו־שטשעדרינס נאָמען.

מע דאַרף זאָגן עטלעכע ווערטער וועגן דעם צוזאַמענשטעל פון אָט דעם פאָנד. דער גרעסטער לויטן פאַרנעם און ווערטפולסטער לויט דער וויסנשאַפטלעכער באַדײַטונג טייל זײַנער איז די זאַמלונג פונעם קאַראַיִמישן געזעלשאַפטלעכן טוער און רײַזנדער א. ס. פירקאָוויטש (1787 — 1874), וועלכע איז אָנגעקומען אין דער ביבליִאָטעק אין די יאָרן 1862 — 1876. פירקאָוויטשעס זאַמלונג, וואָס ציילט קאָרעוו 14 טויזנט קסאַוויאַדן, איז אויסערסט פאַר־

שיידנאַרטיק לויט איר אינהאַלט[1], אָבער ווי אין א באַליביקער זאַמלונג פונעם מיטלאַלטער, איז א סטאַביל און בעקאָוועדיק אָרט דאָ אויסגעטיילט פאַר די קסאוויאַדן, וועלכע טראָגן א רעליגיִעזן כאַראַקטער. נאָך גרעסער איז די דאָזיקע פראָפּאָרץ אין דער זאַמלונג פונעם אַרכימאַנדריט אַנטאָנין (אַנדריי איוואַנאָוויטש קאַפּוסטין, 1817 — 1894), וועלכע ציילט העכער[*] טויזנט פראַגמענטן. דער אַרכימאַנדריט אַנטאָנין איז א לענגערע צײַט געשטאַנען בעראָש פון דער רוסישער גײַסטלעכער מיסיע אין ירושאָלאַים. די מערהײַט פראַגמענטן פון אַנטאָנינס זאַמלונג האָט א שײַכעס צום XI — XII יה. פון די אָנגעקומענע קסאוויאַדן אין פאַרשיידענע יאָרן האָט זיך געשאַפן א פאָנד „יִדישע מאַנוסקריפּטן פון א נײַער סעריִע", וועלכער ווערט קעסיידער פאַרפולט אויך אין אונדזערע טעג[2].

א סאַך קסאוויאַדן פון פירקאָוויטשעס און אַנטאָנינס זאַמלונגען שטאַמען פון די מיטלאַלטערלעכע גניזעס — קאַמערס פון קסאוויאַדן, וועלכע זײַנען אַרויסגענומען געוואָרן פונעם געברויך מאַכמעס זייער אַלטקײַט, אָדער מאַכמעס דעם פאַרבאָט פון די ראַבאָנים. דערפון דרינגט די מעגלעכקײַט צו געפינען ווערק, וואָס זײַנען זײַנערצײַט פאַרבאָטן געוואָרן איבער די מיינונגס־פאַרשיידנהײַטן מיטן אָרטאָדאָקסאַלן יודאַיִזם.

אונדזער איבערזיכט הייבן מיר אָן מיט דער כאַראַקטעריסטיק פון די ביבלישע מאַנוסקריפּטן. בלויז ניט קיין גרויסער טייל זייערער איז אָפּגעשפּיגלט אין א ספּעציִעלן קאַטאַלאָג, וועלכן ס'האָבן צונויפגעשטעלט מיט העכער הונדערט יאָר צוריק א. יא. האַרקאַווי און ג. ל. שטראַק. אין דער זאַמלונג פון דער מעלוכישער עפנטלעכער ביבליאָטעק געפינען זיך העכער 200 פּאַרמעטן פון דער טוירע, די אוראַלטסטע פון וועלכע עס קאָנען דאַטירט ווערן מיטן X — XII יה. עס זײַנען פאַרהיט געוואָרן צוויי אַלטערטימלעכע פּוטליאַרן — א הילצערנער (דעם פּאַרמעט האָט געפונען פירקאָוויטש אין די אומגעגנטן פון דער שטאָט דערבענט) און א קופּערנער (דעם פּאַרמעט, וואָס איז דאַטירט ניט שפּעטער פונעם XIV יה., האָט געבראַכט פון דאַמעסעק דער זעלבער פירקאָוויטש). עס זײַנען אויך פאַראַן פּאַרמעטן פונעם עסטער־בוך.

אין דער ביבליאָטעק געפינט זיך איינער פון די עלטסטע מאַנוסקריפּטן, וועלכער אַנטהאַלט א פולן טעקסט פון דער ביבל, — דער קאַיִרער קאָדעקס פון 1009 יאָר. אָן אָט דעם קאָדעקס קאָן זיך ניט באַגיין קיין איין וויסנשאַפטלעכע אויסגאַבע פונעם לאַשנקוידעשדיקן טעקסט פון דער ביבל. עטלעכע ביבלישע ביכער (יעשוע, ייִרמעיאָהו, יעכעזקל, קליינע נעוויִים) גייען אַרײַן אין דעם באָוול־קאָדעקס פון 916 יאָר, וועלכער איז באַוווּסט ניט נאָר מיט זײַן טיפער עלטער, נאָר אויך מיט דער אייגנאַרטיקער סיסטעם פון וואָקאַליזירונג, מיט דער אַזוי־גערופענער „באָוול־פּונקטואַציִע". אַכוץ דעם, געפינען זיך אין דער ביבליאָטעק עטלעכע אוראַלטע (X — XI יה.) פּאַרמעטענע קסאוויאַד־ביכער, אין וועלכע ס'זײַנען אײַנגעשלאָסן די טוירע און אַנדערע טיילן פון דער ביבל, ווי אויך העכער 2000 פראַגמענטן פון פאַרשיידענע ביבלישע ביכער אַף פּאַרמעט און פּאַפּיר.

די דאָזיקע מאַנוסקריפּטן שטעלן מיט זיך פאָר אַן אינטערעס אינעם פאַרפינקטלעכן דעם ביבלישן טעקסט און פאַר דער געשיכטע פון העברעיִש. אייניקע ביבלישע מאַנוסקריפּטן האָבן א קינסטלערישע ווערט. אויסנוצנדיק זייער מאַטעריִאַל, האָבן וו. וו. סטאַסאָוו און ד. ג. גינצבורג פאַרעפנטלעכט אין אָנהייב פונעם XX יה. אַן אַלבאָם „ייִדישער אָרנאַמענט".

די אופמערקזאַמקײַט פון לינגוויסטן און ספּעציִאַליסטן אין פראַט פון דער געשיכטע פון די קעגנזײַטיקע קולטור־פאַרבינדונגען פון די פעלקער אַפן מיזרעך קאָנען צוציִען די מאַנוסקריפּטן פון די איבערזעצונגען פון דער ביבל, וועלכע זײַנען געשאַפן געוואָרן אין די יודאַיִסטישע קעהילעס פון פאַרשיידענע לענדער: פון דער אַראַבישער איבערזעצונג, וואָס עס האָט פאַרווירקלעכט דער באַוווּסטער פילאָלאָג און טעאָלאָג סאַדי גאָאָן (892 — 942), פון דער פּערסישער איבערזעצונג, פון דער קאַראַיִמער־טיורקישער איבערזעצונג. אין אָט די אַלע מאַנוסקריפּטן איז דער טעקסט איבערגעגעבן געוואָרן, אומאָפּהענגיק פון דער שפּראַך, מיט ייִדישע בוכשטאַבן (צום אונטערשייד פון די קריסטלעכע איבערזעצונגען פון דער ביבל אַף דער אַראַבישער, פּערסישער און טיורקישער שפּראַכן, וועלכע זײַנען אויסגעפילט אין אַראַבישער גראַפיק).

די קאָמענטאַרן אַף דער ביבל אַנטהאַלטן אָפט א ווערטפולן מאַטעריִאַל ניט נאָר מיקויעך דער געשיכטע פון יודאַיִזם, נאָר אויך מיקויעך דער געשיכטע פון דער קריטיק פונעם אָרטאָדאָקסאַלן יודאַיִזם פון אינווייניק — מיצאַד פאָרשטייער פון די ראַציִאָנאַליסטישע און פרײַדענקערישע שטרעמונגען.

אַזוי, לעמאָשל, געפינען מיר אין איינעם פון די אַנאָנימע קאָמענטאַרן אַף דעם בוך פון ציפערן א ציטאַט פונעם ניט פאַרהיטן בוך (עס האָבן אים, ווײַזט אויס, פאַרניכטעט די ראַבאָנים) פון דעם קריטיקער פון דער ביבל כיווי אַל־באַלכי (IX יה.), ווו עס ווערט באַשולדיקט אין ברעכן די שוווּע... גאָט אַליין: „אויב ער האָט געשווירן פאַר די טאַטעס, אַז ער וועט געבן זייערע קינדער די דאָזיקע אויסדערווײלטע ערד (פּאַלעסטינע. — וו. ל.), איז דען גוט, ער זאָל שווערן, אַז ער פאַרבאָט זיי אַרופגיין אַף איר. און דאָס ווידערשפּרעכט דאָך זײַן ערשטער שוווּע!".

א ריי ווידערשפּרוכן האָט געפונען אין דער ביבל אויך דער דיכטער און געלערנטער אַווראָם איבן עזרא (1092 — 1167), וועלכער האָט אופמערקזאַם געמאַכט אַף אָט די ווידערשפּרוכן אין זײַנע קאָמענטאַרן אַף פאַרשיידענע טיילן פון דער ביבל.

---

[1] זע — ק. ב. סטאַרקאָווא. קסאוויאַדן פון דער פירקאָוויטש־זאַמלונג פון דער מעלוכישער עפנטלעכער ביבליאָטעק אַף סאַלטיקאָוו־שטשעדרינס נאָמען — שריפטלעכע דענקמעלער פונעם מיזרעך. יאָרבוך 1970, מ., 1974, ז. 165—192.

[2] זע — וו. וו. לעבעדעוו. נײַע זאַמלונגען פונעם מאַנוסקריפּטן־פאָנד פון דער מעלוכישער עפנטלעכער ביבליאָטעק אַף סאַלטיקאָוו־שטשעדרינס נאָמען. זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", 1976, נומ. 9, ז. 168—170.

וועגן דער פאָפולערקײַט פון די דאָזיקע קאָמענטארן אין מיטלאלטער זאָגט איידעס זייער שטאנדהאפטיקע מאנוסקריפטן־טראדיציִע. בלויז אין דער לענינגראדער עפנטלעכער ביבליִאָטעק געפינען זיך 11 רעשימעס און פראגמענטן פון איבן עזראס ביבלישע קאָמענטארן. אָפטער פון אלץ טרעפן זיך קסאוויאדן פון זײַנע קאָמענטארן אף דער טוירע, וואָס זײַנען באטיטלט מיטן נאָמען „סייפער האיאָשער", ווו דער סקעפטיציזם איז אויסגעדריקט באזונדערס בוילעט. מע דארף אָפמערקן עטלעכע אוניקאלע רעשימעס פון ביבלישע קאָמענטארן פון פארשיידענע מעכאברים, לעמאָשל, דעם קסאוויִאד פונעם קאָמענטאר אפן יעשוע־בוך פונעם מעכאבער פון XI יה. מוישע איבן דזשיקיטילא. וועגן די ביבלישע קאָמענטארן פון קאראיִמער מעכאברים וועט גיין א רייד ווײַטער אין צוזאמענהאנג מיט דער אלגעמיינער כאראקטעריסטיק פונעם קאָמפלעקס פון די קאראיִמער ווערק.

דער טאלמוד איז פאָרגעשטעלט אינעם ייִדישן פאָנד פון דער מעלוכישער עפנטלעכער ביבליִאָטעק אין א פארהעלטניסמעסיק ניט גרויסער צאָל קסאוויאדן, הויפטזאכלעך פראגמענטארע. און דאָס איז פארשטענדלעך, ווײַל דעם איקערדיקן טייל פון אָט דעם פאָנד האָט צונויפגעשטעלט דער קאראיִמער פירקאָוויטש, און די קאראיִמער האָבן, ווי באוווסט, אָפגעוואָרפן דעם טאלמוד. און פונדעסטוועגן זײַנען די אמערסטנס באדײַטנדיקע לויטן פארנעם אוראלטע רעשימעס פון אייניקע טאלמודיסטישע טראקטאטן (XII — XIII יה.) ארײַן גראָד אין פירקאָוויטשעס זאמלונג, ווײַל ער איז געווען א מענטש מיט פארשיידנזײַטיקע אינטערעסן און האָט זיך ניט באגרענעצט מיט זאמלען ווערק, פארשפרייטע בלויז צווישן די קאראיִמער. באזונדערע פראגמענטן פון טאלמודיסטישע טראקטאטן און קאָמענטארן אפן טאלמוד, ווי אויך אף מישנע און מעדרעשן, געפינען זיך, אויסער אין פירקאָוויטשעס זאמלונג, אויך אין אנדערע טיילן פונעם ייִדישן פאָנד פון דער ביבליִאָטעק. א באזונדערן אינטערעס שטעלן פאָר מיט זיך די פראגמענטן פונעם יערושאלאיִמער טאלמוד, וועלכער איז ווייניקער פארשפרייט און מער אייגנארטיק לויט דער שפראך אין פארגלײַך מיטן קאנאָנישן באָוול־טאלמוד.

אין אָט דעם פאָנד זײַנען פאראן ווערק פון א סאך מיטלאלטערלעכע ייִדישע טעאָלאָגן — סאאדי גאאָן, מוישע מײַמאָניד, טאנכום יערושאלמי, ייִצכאָק בען מוישע, כאיִם בען דאָוויד פון טודעלא אא. אינטערעסאנט איז דער קסאוויאד פון XIV יה., וועלכער אנטהאלט א זאמלונג פון דראָשעס פון א געוויסן ראָוו פון איינער פון די נאָענטמיזרעכדיקע קעהילעס (ניט דעם נאָמען פונעם מעכאבער, ניט זײַן וווין־אָרט האָט דערווײַל זיך נישט אײַנגעגעבן פעסטצושטעלן). די דאָזיקע דראָשעס זײַנען אָנגעשריבן (אָדער פארשריבן) אין דער אראבישער שפראך, און עס זײַנען פארהיט געוואָרן א סאך באזונדערקײַטן פון דער לעבעדיקער מינדלעכער שפראך.

דער ייִדישער מאנוסקריפטן־פאָנד פון דער עפנטלעכער ביבליִאָטעק פארמאָגט א היפשן אָפקלײַב ווערק פון מיטלאלטערלעכע קאראיִמער מעכאברים. דאָס דערקלערט זיך דערמיט, וואָס פירקאָוויטש שטאמט פון קאראיִמער. מע קאָן אָן גוזמע זאָגן, אז ס'איז אוממעגלעך דערלערנען די געשיכטע פון די קאראיִמער, ניט אויסנוצנדיק די מאטעריִאלן פון פירקאָוויטשעס זאמלונג. אין אָט דער זאמלונג זײַנען אָפגעשפיגלט אלע מינים פון דער מיטלאלטערלעכער קאראיִמער ליטעראטור: ביבלישע קאָמענטארן, דראָשעס און טראקטאטן פון קאראיִמישע טעאָלאָגן, זאמלונגען פון קאראיִמער געבאָטן, סידורים, און אלע מער אָדער ווייניקער באדײַטונגספולע קאראיִמער אויטאָריטעטן: אל־קארקאסאני, יויסעף אל־באציר, יעפעט האלייווי, אבו־ל־פאראדזש, ארן דער עלטערער און ארן דער ייִנגערער, קאלעב אפענדאָפאָלאָ, עליִע באשיאצי אא. די זעלבע זאמלונג האָט פארהיט א רעשימע פון די ווערק פון אייניקע שפעטערדיקע מעכאברים, וועלכע האָבן געלעבט אף דער טעריטאָריִע פון ליטע, אוקראיִנע און קרים: זאָרעך טראָקסקי, סימכע־ייִצכאָק לוצקי, יויסעף־שלוימע לוצקי אא. אין פירקאָוויטשעס פערזענלעכן ארכיוו זײַנען פאראן בריוו און דאָקומענטן פון אייניקע מיטצײַטלער זײַנע, וועלכע האָבן געשפילט אן אָנגעזעענע ראָל אינעם לעבן פון די קאראיִמער קעהילעס אין רוסלאנד אין XIX יה.: די ברידער סימכע און נאָכעם באבאָוויטש, וועלכע זײַנען געשטאנען בעראָש פון דער טאווערישער און אָדעסער גײַסטלעכער פארוואלטונג פון די קאראיִמער, דער מעלאמעד מאָרדכע סולטאנסקי, א. ס. פירקאָוויטשעס נאָענטסטע מיטארבעטער לויט דער זאמל־טעטיקײַט גאווריִעל פירקאָוויטש און מאָרדכע טרישקאָן, אא.

צווישן די קסאוויאדן פון די קאראיִמער ווערק זײַנען פאראן ניט ווייניק אוניקאלע. אזוי, לעמאָשל, זײַנען אין ערגעץ מער ניט באוווסט קיין אנדערע רעשימעס פונעם „באאָבאכטונגס־בוך" („קיטאב אל־מאנאזיר"), פון דעם טעאָלאָגישן טראקטאט אין דער אראבישער שפראך, וועלכן ס'האָט אָנגעשריבן א געוויסער וואָל־סויכער אבול־אל־כיירא טאבא איבן סאלכונא אל־מאוסילי. דער טראקטאט איז אָנגעשריבן געוואָרן אין דער שטאָט מאָסולא (צאָפן־איראק) אין 983 יאָר, דה. מיט טויזנט יאָר צוריק.

אין אייניקע קאראיִמער ווערק געפינען מיר אינטערעסאנטע יעדיִעס וועגן דער געשיכטע פון יודאיִזם. לעמאָשל, אין א זאמלבוך פון קאראיִמער טפילעס פון XIV — XV יה. ווערט דערמאָנט, פארופנדיק זיך אף אראבישע כראָניקעס, וועגן צוויי אוראלטע סינאגאָגעס אין עגיפטן און דאמעסעק, געבויטע אנטשפרעכיק אין III און IV יה. פון אונדזער צײַטרעכענונג. אין דער דאמעסעקער סינאגאָגע האָט זיך פארהיט, ווי עס באהויפטן די ראבאָניטן, די עלטסטע רעשימע פונעם טאנאך־בוך „עזרא".

די לענינגראדער עפנטלעכע ביבליִאָטעק פארמאָגט א ווערטפולסטע זאמלונג פון שאָמרוינישע קסאוויאדן. האגאם דאָס איז לויטן פארנעם פונעם מאטעריאל א קלענערע פון מ. גאסטערס זאמלונג, וועלכע געפינט זיך אין דער ביבליִאָטעק פון דזש. רײַלענד אין מאנטשעסטער, האָט זי ניט לויטן

אוראלט און לויט דער פארשיידנארטיקייט פון די שאָמרוינער קסאוויאדן צו זיך קיין גלײַכן אין דער וועלט. די שאָמרוינער זײַנען יאָרשים פון די אײַנוווינער פון אייניקע שטעט פונעם אוראלטן באָוול, וועלכע נאָווכאָדנעסער האָט באזעצט אין דער פאלעסטינער שטאָט סיכעם (איצט שכעם), און זיי האָבן אָנגענומען דעם יודאיִזם אין זײַן אָנפאנג־פאָרם, דה. אנערקענט בלויז די טוירע און אָפּגעוואָרפן די איבעריקע ביכער פונעם ביבלישן קאנאָן. די שאָמרוינער טוירע, וועלכע איז אָנגעשריבן אף לאָשנקוידעש מיט שאָמרוינישע בוכשטאבן, אנטהאלט בא 6 טויזנט ווידערשפּרוכן מיטן טעקסט פון דער ייִדישער טוירע. אין דער לענינגראדער עפנטלעכער ביבליאָטעק געפינען זיך 28 פּארמעטן, עטלעכע קאָדעקסן און קאָרעוו 400 פראגמענטן פון דער שאָמרוינישער טוירע אף פּארמעט און פּאפּיר; די אוראלטסטע קסאוויאדן זײַנען דאטירט מיטן XI — XII יה. ברייט זײַנען אויך פאָרגעשטעלט די עקזעגעטיק, דאָגמאטיק און ליטורגיע.

א גרויסן מאטעריאל וועגן דער געשיכטע פונעם געזעלשאפטלעכן געדאנק פון א סאך פעלקער אנטהאלטן די פּאָלעמישע ווערק. אינעם מאנוסקריפּטן־פאָנד פון דער ביבליאָטעק געפינען זיך רעשימעס פון ווערק, וועלכע שפּיגלען אָפּ די פּאָלעמיק פון די ראבאָניטן און קאראִימער, ווי צווישן זיך, אזוי אויך מיט די קריסטלעכע און מוסולמענער. עס ציִען צו די אופמערקזאמקייט אייניקע ייִדישע און קאראִימער טראקטאטן, וועמענס מעכאברים, פּאָלעמיזירנדיק מיט די מוסולמענער, באווײַזן, אז זיי קענען גוט די געשיכטע און די דאָגמעס פונעם איסלאם. אזוי, לעמאָשל, ווערט אין איינעם פון די דאָזיקע טראקטאטן ציטירט „דער בוך וועגן די מארשן פונעם נאָווי מוכאמעד", גענוי רעדט זיך וועגן די קעגנער פונעם נאָווי (צווישן אנדערע, ווערט דערמאָנט דער באוווסטער דערציילער, קענער פונעם אראבישן און פערסישן פּאָלקלאָר נאדר איבן אל־כאריס, וועלכן דער מעכאבער פונעם טראקטאט רופט אָן „איינער פון די בעסטע אראבישע רעדנער"). אין אן אנדער טראקטאט ווערן ציטירט אייניקע סטראָפעס פונעם קאָראן, וועלכע זײַנען ניט ארײַן אין זײַן קאנאָנישן טעקסט, ווײַל די כאליפן אָמאר און אלי האָבן קלוימערשט זיך דערמאָנט אין זיי שוין נאָך דעם, ווי ס׳איז צונויפגעשטעלט געוואָרן דער פולער טעקסט פונעם קאָראן. אזעלכע ווערק שטעלן מיט זיך פאָר אן אינטערעס פאר דער געשיכטע ניט נאָר פון יודאיִזם, נאָר אויך פונעם איסלאם.

פארהעלטניסמעסיק ניט גרויס איז אינעם פאָנד די צאָל ווערק וועגן קאבאָלע, אָבער צווישן זיי געפינען זיך אזעלכע, וואָס דריקן אויס אין אן אייגנארטיקער מיסטישער פאָרם א סאָציאלן פּראָטעסט. מע קאָן, אשטייגער, אָפּמערקן דעם קאבאָליסטישן טראקטאט פון אן אָנהענגער פון די שאבסיצוויִעניקעס.

אן אויסדרוק פון סאָציאלן פּראָטעסט (לעכאָלהאפּאָכעס אינעם אָנפאנג־פעריאָד פון איר עקזיסטענץ) איז געווען אויך אן אנדער מיסטישע שטרעמונג, וועלכע האָט זיך פארשפּרייט אין XVIII — XIX יה. צווישן די ייִדן פון פוילן, אוקראַיִנע און ווײַסרוסלאנד — דער כאסידיזם. אינעם פאָנד פון דער עפנטלעכער ביבליאָטעק געפינען זיך פריִיקע רעשימעס פון טפילעס פון אָנגעזעענע כאסידישע טוער: דאָוו־בער פון ליובאוויטש און מענאכעם־מענדל פון וויטעבסק, ווי אויך אייניקע כאסידישע קסאוויאדן פונעם XIX — XX יה.

אריבערגייענדיק צו דער אלגעמיינער באדײַטונג פונעם ייִדישן מאנוסקריפּטן־פאָנד פאר דער פאָרשונג פונעם יודאיִזם און זײַן קריטיק, דארף מען אָפּמערקן, אז אין אָט דעם פאָנד איז פאראן א גרויסע צאָל אוראלטע און אוניקאלע קסאוויאדן. באזונדערע אופמערקזאמקייט פארדינען די גרויסע און פארשיידנארטיקע לויטן אינהאלט קאָמפּלעקטן פון קאראִימער און שאָמרוינער קסאוויאדן, ווי אויך די דענקמעלער, וועלכע שפּיגלען אָפּ די קריטיק פונעם אָרטאָדאָקסאלן יודאיִזם. מע דארף אויך אין זינען האָבן, אז די באדײַטונג פון א סאך קסאוויאדן ווערט ניט באגרענעצט בלויז מיט דער מעגלעכקייט אויסצונוצן זיי, קעדיי באלויכטן די אָדער אנדערע מאָמענטן פון דער געשיכטע פון יודאיִזם און פונעם יודאיִסטישן סעקטאנטנטום. קימאט יעדער קסאוויאד קאָן פאָרשטעלן מיט זיך אן אינטערעס אויך פון אנדערע שטאנדפּונקטן.

אזוי, לעמאָשל, זײַנען פאר דער סעמיטישער שפּראכקענטעניש אויסערסט וויכטיק די העברעיִשע קסאוויאדן מיט דער באָוול־פּונקטואציע און די שאָמרוינישע קסאוויאדן. אין דעם גרויסן קאָמפּלעקס אראביש־שפּראכיקע (ייִדיש־אראבישע) קסאוויאדן איז פאראן א ביז גאָר אינטערעסאנטער מאטעריאל פאר די פאָרשער פון דער מיטלאראבישער שפּראך און פאר דער געשיכטע פון פארשיידענע אראבישע דיאַלעקטן. אין א ריי קאָמענטארן אף דער ביבל זײַנען פאנאנדערגעשאָטן אינטערעסאנטע יעדיִעס וועגן דער געשיכטע פון פארשיידענע פעלקער. לעמאָשל, א וויכטיקע דערמאָנונג וועגן די כאזארן אנטהאלט דער קאָמענטאר פון אן אומבאוווּסטן קאראִימער מעכאבער אף דעם יעשוע־בוך, ווו די נעוווּע וועגן דער קינפּטיקער צעשטערונג פון באָוול ווערט אופגענומען ווי אן אָנדײַט אף דעם קינפּטיקן אָנפאל פון די כאזארן אף איראק. ווײַזט אויס, אז אָט דער קאָמענטאר איז אנטשטאנען בייס די כאזאריש־אראבישע מילכאָמעס. מע דארף אויך אָפּמערקן, אז ס׳איז אויסערסט וויכטיק צו דערלערנען אָט די אלע קסאוויאדן, קעדיי אופשטעלן די געשיכטע פון דער ייִדישער און, אנטשפּרעכיק, פון דער שאָמרוינישער שריפט און די געשיכטע פונעם בוך.

מע קאָן האָפן, אז די ווײַטערדיקע פאָרשונג פון די ייִדישע קסאוויאדן פון דער מעלוכישער עפנטלעכער ביבליאָטעק וועט ברענגען צו נײַע אינטערעסאנטע אויספירן אין די סאמע פארשיידענע געביטן פון סעמיטאָלאָגיע און העברעיִסטיק, דערונטער אין געביט פון דער געשיכטע פון יודאיִזם.

◇ ◇ ◇

פון סאָפיִע איז אָנגעקומען א ידיִע, אַז עס איז געשטאָרבן דאָרע גאבע — א שריפטשטעלערן, וועלכע האָט געשענקט איר וווּנדערלעכן טאַלאַנט סײַ דער בולגארישער, סײַ דער ייִדישער טעמע.

מיר ברענגען דאָ אין א ייִדישער איבערזעצונג די פּייזאַזש-מיניאַטיור „אין אָוונט" אלס אָנדענק-צייכן פאר דאָרע גאבע.

ד אָ ר ע ג א ב ע

אין אָוונט

מער פון אַלץ איז מיר ליב, ווען אונדזער וואָגן הייבט זיך אויף אפן בערגל. לעכאַטכילע דערשײַנט אפן גרונט פונעם הימל דער קאָפּ פון דעם פערד, דערנאָך זײַן רוקן און שוין נאָך אים — מײַן ברודער, וועלכער פּראַוועט מיטן פערד. פונעם בערגל-שפּיץ דערזעט מען מיטאַמאָל די גאַנצע לאָנקע אינײנעם מיט די שניטער. זיי ווייסן ניט, וואָס מיר האָבן זיי געבראַכט. ניין, איך וועל זיי ניט זאָגן. זאָלן זיי אַליין טרעפן!

אָבער וואָס טוט מען מיט אונדזער שוועסטערקע? אפסנײַ אַלץ קאַליע געמאַכט! די שניטער האָבן ניט באַוויזן אפילע א פּרוּוו טאָן זיך אָנצושטויסן, וואָס מיר האָבן געבראַכט צו פירן — און זי האָט זיי גלײַך אַלץ אויסגעזאָגט. ערשט נעכטן האָט דער ברודער זי געפּאַטשט פאר דעם, איז נא דיר, הײַנט האָט זי ווידער זיך ניט אײַנגעהאַלטן און געגומען פּלאַפּלען.

יעדן אָוונט פירן מיר פאר די שניטער וועטשערע, און זיי, מיסטאמע, קלערן, אַז מיר זײַנען די ווויליסטע קינדער אין דער וועלט. ווײַל בלויז גוטע קינדער זאָרגן וועגן אַנדערע. די סאַמע בעסטע איז אָבער בא אונדז די מאַמע!

די זון פאַרגייט, און קיין ווינט איז שוין ניטאָ. אָן אים איז בעסער, ווײַל ער פײַפט אין די אויערן און שטערט אונדז הערן איינער דעם צווייטן, ווען מיר שמועסן. אינײנעם מיט דער זון גייט אַוועק דער אָוונט. די פעלדער רוישן שוין ניט. עס ציט זיי אײַנצודרעמלען. ס'איז נאָך ליכטיק, נאָר זיי ווילן שוין שלאָפן.

— פאַרוואָס איז ליכטיק?

— וואָס הייסט פאַרוואָס?

— די זון איז דאָך שוין פאַרגאַנגען!

— נאָר דער טאָג וויל ניט אַוועקגיין!

— און אויב ער וועט בִיכלאַל ניט אַוועק?

— ס'קאָן ניט זײַן. די נאַכט וועט קומען און אים דורכטרײַבן.

דאָס איז עמעס. יעדן אָוונט באַווײַזט זיך די נאַכט און פאַריאָגט דעם טאָג.

איך האָב שטאַרק ליב זיך צוהערן צו די גרילן. זיי זינגען, און בייסמײַסע וואַרפט מען אַרויף אפן וואָגן דאָס היי. צו אונדז גייט צו דער עלטערער שניטער, אײנײנעם מיט די איבעריקע באַגלייט ער אונדז ביזן שליאַך און טוט א זאָג: „אַף ווידערזען". איבערן וועג און איבער דעם פעלד פּויזעט די פינצטער־ניש. דאָס היי שמעקט מיט קימל און מיט פעלד־בלומען. די שניטער האָבן אײנײנעם מיטן גראָז אויסגעקאָסעט אויך די קוויטן — זיי זײַנען שוין געשטאָרבן, אָבער זייער דופט איז נאָך געבליבן, און מיט אים איז איבער־געפולט די גאַנצע וועלט. דעריבער זינגען די גרילן, ווי פאַרשיכּורטע!

דאָס פערד אָטעמט שווער. מײַן ברודער טרײַבט אים אָן, שטייענדיק אין פולן ווּקס אַף דעם היי.

די פינצטערניש נעמט אַרום דעם וואָגן, אויך אונדז פאַרהילט זי, און די גרילן, און די פעלדער, און די גאַנצע וועלט נעמט זי אַרײַן אין אירע אָרעמס. ווי גוט זי איז, אַט די וועלט! איך האָב זי האָלט מער פון אַלץ.

מײַן שוועסטערקע איז אײַנגעשלאָפן. וווּ־הין פאָרן מיר?.. די פעלדער זיפצן אין שלאָף, און דער וועג גייט אַרײַן אין זיי.

— ס'איז שוין נאַכט?

— נאַכט.

— סאַראַ וואַרעמע זי איז, סאַראַ גוטע, אַזוי ווי די מאַמע...

שווער אָטעמט דאָס פערד. עס דוכט זיך, אַז דער וואָגן פאַרט ניט, ער זינקט אין עפּעס אַרײַן, לאָזט זיך אַראָפּ... וווּהין פאָרן מיר?

— וווּהין פאָרן מיר?

— אַהיים.

יאָ, אַהיים. דאָס פערד ווייסט דעם וועג. ער וועט אים אָפּזוכן אין כאַשכעס, ווײַל דאָס איז אונדזער פערד. און דער שליאַך איז אונדזערער, און אָט דאָס פעלד. אַלץ איז אונדזערס.

— אונדזערס, אָדער ניין?

— אונדזערס. אַלץ איז אונדזערס.

— אַך, ווי איך האָב ליב אָט דאָס אַלץ!

יידיש — באָריס מאַגילנער

מענדל ליפשיץ

די סאָוועטישע יידישע ליטע־ראַטור האָט געליטן א שווערן פאַרלוסט: נאָך א לאַנגדויערנ־דיקער קרענק איז אין עלטער פון 76 יאָר געשטאָרבן דער באַ־וווּסטער סאָוועטישער יידישער דיכטער מענדל ליפשיץ.

60 יאָר האָט געקלונגען מ. ליפשיצעס לירישע שטים אין אונדזער פּאָעזיע. דעביוטירט אין 1923 מיט א ציקל לידער, האָט ער ניט אַרויסגעלאָזט די פען פון דער האַנט ביזן לעצטן טאָג פון זײַן לעבן.

די הויפּט־זשאַנרען פון ליפּ־שיצעס שאַפונג זײַנען געווען סאָציאַלע ליריק, טיפע פילאָסאָ־פישע באַטראַכטונגען וועגן דעם שטורמישן לעבן און וועגן דעם קאַמף פאַר יושער און גערעכ־טיקייט. עס האָבן אים באַגײַס־טערט די גרויסע איבערגעשטאַל־טונגס־פּראָצעסן אין אונדזער לאַנד, אָנהייבנדיק פון די צוואַנ־ציקער יאָרן, און די ערשטע פינפיאָרן, וועלכע האָבן געבראַכט מיט זיך א קוואַל פון לעבנס־ענערגיע און שאַפונגס־מי, ביז



די הײַנטיקע טעג, ווען אונדזער לאַנד גייט זיגרײַך צום קאָמו־ניזם.

דעם סאָוועטישן מענטשן האָט דער דיכטער מײַסטעריש געשיל־דערט און באַזונגען אין זײַנע ביכער „מײַנע און אײַערע לי־דער", „מיט הייסן טראָט", „אונטער א מאַזלדיקן שטערן", „מיט אַלעמען צוזאַמען", „איבער טויזנט ווערסטן" און פיל אַנדע־רע, וועלכע זײַנען דערשינען נאָך פאַר דער גרויסער פּאַטער־לענדישער מילכאָמע, אין דער לידער־זאַמלונג „א זון מיט א רעגן", וואָס איז געווען א מין סאַכאַקל פון זײַן נאָכמילכאָמע־דיקער שאַפונג. ליפשיצעס לידער זײַנען איבערגעזעצט און אַרויס־געגעבן געוואָרן אין רוסיש און ווײַסרוסיש.

א האַרציקער גוטמוטיקער מענטש, איז מענדל ליפשיץ גע־ווען באַליבט אין דער ליטעראַ־רישער סוויווע. ניט געקוקט אַף דעם, וואָס די קראַנקייט האָט אים ניט אָפּגעלאָזט אין משך פון צענדליקער יאָרן, איז ער געווען שטענדיק אַקטיוו אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, פילבאַר צו כאַווײרים, אומקאָמפּראָמיסלעך צו די סאָנים פון אונדזער לאַנד.

מענדל ליפשיץ איז געווען א שטענדיקער אַוטאָר און אײנער פון די בויער פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד".

קאָוועד זײַן ליכטיקן אָנדענק.

א פריידיקער קאָנצערט

א פילפאַרביקע אפישע אף יידיש, ליטוויש און רוסיש האָט געמאָלדן וועגן די פאָרשטייענדיקע צוויי קאָנצערטן פון די יידישע זעלבסטעטיקע קינסטלערישע קאָלעקטיוון באַם רעפובליקאַנישן פאַלאַץ פון די פראָפאַריינען. א צייַט ביזן אָנהייב פון די קאָנצערטן זייַנען אַלע בילעטן געווען אויספאַרקויפט. דער קאָנצערט־זאַל אף 1200 ערטער האָט ניט געקאָנט אַרייַננעמען אַלע ליבהאָבער פון דער יידישער פאָלקס־קונסט.

די פראָגראַם האָט אָנגעהויבן דער וואָקאַל־אינסטרומענטאַלער עסטראַדע־אַנסאַמבל פון יידישער עסטראַדע־ליד. מיט עכטער מייַסטערשאַפט פילן אויס די באַלאַדע „דאָס האַרץ" פונעם ליטווישן פאָלקס־פּאָעט ע. מעזשעלייַטיס (מוזיק פון וו. גלושקאָוו) די זינגער מיכאיל יאַבלאָנסקי און גאַליע ליבענשטיין. אויסגענומען האָט אויך זייער דועט „מייַן טייַערער" — א פּאָפּולערע פאָלקסליד.

דער טאַנץ־קאָלעקטיוו, וועלכער איז אין דער לעצטער צייַט פאַרגרעסערט געוואָרן מיט נייַער פעיקער יוגנט, האָט באַוויזן א ריי כאָרעאָגראַפישע בילדער: „געבוירן", „קוויק־קוויק", „כאָדעראָם" און אַנד. אין דער שטעלונג פון נ. מאַרגאָלין. דער אַרטיסט פונעם פאָלקס־טעאַטער צ. פראַנק האָט פאָרגעלייענט עטלעכע אַנעקדאָטן וועגן הערשעלע אָסטראָפּאָליער. מיט דערפאָלג זייַנען ארויסגעטראָטן די וועטעראַנען פונעם ווילנער יידישן טעאַטער געניע און באָריס לאַנדאַו — זיי האָבן מייַסטעריש אויסגעפילט אויסצוגן פון גאָלדפאַדענס קלאַסישער פּיעסע „די קישעפמאַכערן".

דער פאָלקס־טעאַטער צוזאַמען מיטן וואָקאַל־אינסטרומענטאַלן אַנסאַמבל און מיט דעם טאַנץ־קאָלעקטיוו אַרבעטן איצט איבערן מוזיקאַלן ספּעקטאַקל „בראָדער זינגער" לויט אַווראָם קאַהאַנס פּיעסע (שטעלונג — ע. כערסאָנסקי). אייניקע סצענעס פון אָט דער פאָרשטעלונג זייַנען באַוויזן געוואָרן דעם צושויער, וועלכער האָט זייער וואַרעם אופגענומען די אַרטיסטן.

דער באַגאַבטער זינגער און טענצער כ. קאַב האָט אויסגעפילט די פאָלקסליד „א פריידיקע טרער". עס טרעט ארויס איינער פון די וועטעראַנען פונעם אַנסאַמבל יאַקאָוו מאַגיד. אין א טעאַטראַליזירטער פאָרם פילט ער אויס יידישע כאַסענע־ און ליבעלידער, וועלכע די צושויער האָבן אופגענומען אף „ביס". אף דער בינע — דער וואָקאַלער פרויען־אַנסאַמבל אונטער דער אָנפירונג פון ג. פלאָטקין. אין אַן אייגנאַרטיקער מוזיקאַל־טעאַטראַלער פאָרם האָבן געקלונגען אין זייער אויספילונג הייַנטצייַטיקע און פאָלקסלידער.

ווי א יאָמטעוודיקער סיורפּריז ווערט אופגענומען די ארויסטרעטונג פונעם ערשט ניט לאַנג געגרינדעטן קינדערשן טאַנץ־קאָלעקטיוו, וועלכער ציילט אָן העכער פופציק אָנטיילנעמער. „איר זייַט אונדז טייַער, קינדער פון דער גאַנצער וועלט" — אַזוי האָבן אָנגערופן די טאַנץ־סויטע פון די קינדער זייערע אָנפירער אַניע קראַוועץ און אַלאַ גלושקאָווא.

ווי א פרילינג־בלימעלע — א מאַטאָנע דעם צושויער — איז געווען די ארויסטרעטונג פון דער זעקסיאָריקער זינגערן בעטיע פעלדמאַן, וועלכע האָט געזונגען די ליד „אַלעפבייס" (טעקסט פון כ. ביידער, מוזיק פון וו. גלושקאָוו).

מע דאַרף אָפּמערקן דעם אָנטייל אינעם קאָנצערט פון דעם וואָקאַל־אינסטרומענטאַלן אַנסאַמבל פון יידישער עסטראַדע־ און פאָלקסליד אונטער דער לייטונג פון וולאַדימיר גלושקאָוו. דער אַנסאַמבל האָט באַגלייט אַלע קאָנצערט־נומערן און האָט אַליין גלענצנד אויסגעפילט א פּאָפּורי פון יידישע לידער.

די קאָנצערט־פראָגראַם האָט זיך פאַרענדיקט מיט א „וואָרט צום צושויער", וועלכן ס'האָט אָנגעשריבן איינער פון די עלטסטע אָנטיילנעמער אינעם פאָלקס־טעאַטער טעווע גאָרעליק:

זעקס און צוואַנציק יאָר מיר לעבן,
פרייד געשעפּט און אייַך געגעבן.
זעקס און צוואַנציק יאָר,
זעקס און צוואַנציק יאָר...
גוט און פריילעך אפן האַרצן:
ס'וואַקסט א נייַער דאָר,
זאָל ער זינגען, שפּילן, טאַנצן
לאַנגע, לאַנגע יאַר!

די פראָגראַם האָט געפירט ז. ריווינע, רעזשיסער — עמיל כערסאָנסקי.

י ו י ע ל ק א ץ,
אַרטיסט פונעם ווילנער
יידישן פאָלקס־טעאַטער

נײַע װעגן

די ייִדישע מוזיק און די נײַע טעמע פאַרנעמען א בעקאָוועדיק אָרט אין דער שאפונג פון די סאָוועטישע קאָמפּאָזיטאָרן. ס׳איז גענוג אָנרופן אזעלכע נעמען, ווי מויסיי ווײַנבערג, מיכאַיל מייעראָוויטש, זינאָווי קאָמפּאנייעץ, לייב פּולווער, לייב יאמפּאָלסקי, מייער פּאָלאָנסקי, שמועל סענדעריי. די דאָזיקע טעמע באַגײַסטערט אויך אָנגעזעענע סאָוועטישע קאָמפּאָזיטאָרן — ניט־ייִדן. אמערסטן טיף איז זי אנטפּלעקט אין דער שאפונג פון דמיטרי שאָסטאקאָוויטש (דער קאָנצערט נום. 1 פאר א פידל מיט אן אָרקעסטער; דער טריאָ פאר פּאָרטעפּיאנע, דער וואָקאַל־ציקל „פון דער ייִדישער פאָלקסדיכטונג״) און אין סערגיי פּראָקאָפיעווס קווארטעט אף ייִדישע פאָלקס־ניגונים.

דער כורבן פונעם ייִדישן פאָלק, זײַן טראגעדיע — אזא איז די הויפּט־אידיי אין די בעסטע ווערק פון אָט דעם מוזיק־פּלאסט. וואָס שײַעך דעם מוזיקאלן אספּעקט, טראנספאָרמירן זיי און אנטוויקלען די ברייט־באוווסטע מאָטיוון פון דער שטייגערישער מוזיק, אנדערש גערעדט — דעם מעלאָס פונעם ייִדישן שטעטל. טאקע אין דעם מאטעריאל האָבן זיך אזעלכע קאָמפּאָזיטאָרן ווי שאָסטאקאָוויטש און ווײַנבערג דערהויבן צו גרויסע פּאראלגעמיינערונגען.

ווי אזוי זשע אנטוויקלט זיך די ייִדישע סאָוועטישע מוזיק אין אונדזערע טעג? קוידעמקאָל דארף מען, ריידנדיק וועגן דעם, לייגן אכט אף דער שאפונג פון די יונגע קאָמפּאָזיטאָרן, ווײַל אָנפאנגערישקײַט, ווי באוווסט, איז העמשעך.

אינעם זשאנער פון סימפאָנישער און קאמערמוזיק קאָן מען אָפּמערקן בא די יונגע א באשײַמפערלעכן קער צו דער נאציאָנאלער טעמאטיק. וועגן דעם זאָגן איידעס די ווערק פונעם מאָסקווער קאָמפּאָזיטאָר סערגיי טשעבאָטאריאָוו[1], וועלכער האָט געשאפן א ריי אָריגינעלע קאָמפּאָזיציעס לויט די לידער פון ארן ווערגעליס. טשעבאָטאריאָווס שאפונגען זײַנען געבענטשט מיט עכטער מוזיקאלישקײַט און הויכן פּראָפעסיאָנאליזם.

א בוילעטער באווײַז פון דעם טיפן אינטערעס צו דער ייִדישער מוזיק סײַ מיצאד די קאָמפּאָזיטאָרן, סײַ מיצאד די צושויער, איז געוואָרן דער פעסטיוואל פון קאמער־מוזיק פון די יונגע, וועלכער איז פאָרגעקומען אין סענטיאבער 1982 אין טביליסי. דער דאָזיקער פאראנטוואָרטלעכער דורכקוק איז געווען געווידמעט דער שאפונג פון די יונגע קאָמפּאָזיטאָרן, וועלכע ארבעטן אין די קאווקאזער און בײַבאלטישע רעפּובליקן, ווי אויך אין מאָסקווע און אין לענינגראד. צוויי ווערק האָבן א דירעקטע שײַכעס צו דער ייִדישער טעמע — סערגיי בערינסקיס וואָקאלער ציקל און יאָסיף בארדאנאשווילים „קאָנצערט״. זיי זײַנען הייס באוווּליקט געוואָרן מיצאד דעם ברייטן צושויער, אין דער פּרעסע און אין די פּראָפעסיאָנעלע קרײַזן.

בערינסקיס ציקל „גוואָזדיקעס אפן שניי״ איז



י. בארדאנאשווילי

ס. בערינסקי

ווידמעט דעם פעסטיוואל, שרײַבט וועגן דער דאָזיקער אָנגעשריבן אף די לידער פון כאַים ביידער. די צײַטונג „זאריא וואָסטאָקא״, אינעם ארטיקל, גע־

[1] וועגן ס. טשעבאָטאריאָווס שאפונג זע „סאָוועטיש היימלאנד״ נום. 8, 1973.

זיקער קאָמפּאָזיציע: „דאָס ווערק איז אָפּגעמערקט מיט א טיפן פארטראכט, מיט לאָגישער אנטוויקלונג, מיט אייגנארטיקייט פונעם טראגישן מאָנאָלאָג, מיט עכטער און עמעסדיקער איבערלעבונג...

ניט ווייניקער איינדרוקספול האָט געלונגען יאָסיף באַרדאנאשווילים „קאָנצערט פאר פאָרטעפּיאַנע, וויאָלאָנטשעל און קופּערנע בלאָז־אינסטרומענטן". דאָס ווערק איז געבויט אף אורעלטע פלאסטן פונעם יידישן מעלאָס און באהעפט אין זיך אן עפּישן יעסאָד מיט דורכדרינגלעכער ליריש־קייט. אין דעם דריטן טייל נוצט אויס דער קאָמפּאָזיטאָר א רייכן מאטעריאל פון יידישע געזאנגען.

אין דער שאפונג פוןביידע קאָמפּאָזיטאָרן איז מערקווירדיק די ווענדונג צו די טיפע קוואלן פון דער פאָלקס־מוזיק. די פּסאלמען־טענער פון אייגן שטימע טרעטן ארייַן אין א בונד מיט דער שארף עקספּרעסיווער הייַנטצייַטיקער מוזיקאלער שפּראך.

די יידישע מוזיק אין אָנהייב פון די אכציקער יאָרן בא אונדז אין לאנד לעבט און געפינט נייַע וועגן, א נייַעם אינהאלט אין איינקלאנג מיטן הייַנטיקן טאָג. זי פארנעמט, ווי פריער, א בעקאָוועדיק אָרט אין דער ברייטער פּאנאָראמע פון דער פילנאַציאָנאלער סאָוועטישער מוזיקאלער קולטור.

ע. קאָזשעווניקאָוו

אונדזער ספּראווקע

אינקורצן וועגן י. באַרדאנאשווילים און ס. בערינסקים שאפונג

יאָסיף יוזאָוויטש באַרדאנאשווילי איז געבוירן געוואָרן אין 1948. ער פארענדיקט אין 1973 דעם קלאס קאָמפּאָזיציע פון דער טבּיליסער מעלוכישער קאָנסערוואטאָריע, וועלכן ס'האָט קורירט דער פּראָפעסאָר שאווערדאשווילי. אין סאמע אָנהייב פון זייַן שעפערישן וועג ווענדעט זיך י. באַרדאנאשווילי צו דער יידישער מוזיק. בא הייַנטיקן טאָג זייַנען ברייט באוווּסט זייַנע ווערק — די וואָקאל־סימפאָנישע פּאָעמע „דער גורל" פאר א כאָר און א סימפאָנישן אָרקעסטער, אף די לידער פון מוישע איבן עזרא; די וואָקאל־סימפאָנישע פּאָעמע־מיסטעריע „געדאנקענגאנג" אף די ווערטער פון מארק אוורעלי און ש. גיבעראָל; די אָפּערע „בלאָנדזנדע שטערן" לויט שאָלעם־אליכעמען; די סימפאָניע „אופגאנג" („יעשוע"), וועלכע עס האָט דאָ ניט לאַנג אויסגעפילט דער פּראכטפולער גרוזינישער דיריזשאָר דזשאנסוג קאכידזע; און, פארשטייט זיך, דער איבנדערמאָנטער „קאָנצערט". באַרדאנאשווילים שאפונג באקומט א ברייטע אנערקענונג סייַ אין גרוזיע, סייַ אויסער אירע גרענעצן.

סערגיי סאמאָילאָוויטש בערינסקי איז געבוירן געוואָרן אין 1946. אין 1975 פארענדיקט ער דעם מאָסקווער מוזיקאל־פּעדאגאָגישן אינסטיטוט אפן נאָמען פון די גנעסינס לויטן קלאס קאָמפּאָזיציע. צווישן ס. בערינסקיס ווערק קאָן מען אָנרופן בלויז צוויי מיט אן אויסגעשפּראָכענער יידישער טעמע (די קאנטאטע „טרעבלינקער שטיינער" — א מאָנומענטאלע קאָמפּאָזיציע פאר א כאָר מיט סאָליסטן, מיט א פאָרלעזער און מיט אן אָרקעסטער, אף אָרן ווערגעליסעס לידער, און דער איבנדערמאָנטער וואָקאלער ציקל „גוואָזדיקעס אפן שניי". אין מעשעך פון די לעצטע יאָרן דרינגט אריַין דער יידישער מעלאָס אלץ טיפער אין ס. בערינסקיס שאפונג ביכלאל. אזוי, לעמאָשל, ווערט די קולמינאציע אין זייַן קאָנצערט פאר א גאָבאָי מיט אן אָרקעסטער דער עכט יידישער מעלאָדישער קער, וועלכן מיר דערהערן בלויז איין מאָל.

ווען ס. בערינסקי ווענדעט זיך צו די עלעמענטן פונעם יידישן מעלאָס, נוצט ער זיי אויס, אלפּי קלאל, אלס דראמאטורגישן און פּסיכאָלאָגישן אקצענט אינעם קאָנטעקסט פון דעם ווערק. די מוזיקאלע קריטיק, דערונטער אף די שפּאלטן פונעם זשורנאל „סאָוועטסקאיא מוזיקא", האָט ניט איין מאָל אָפּגעמערקט, אז אָט דער קאָמפּאָזיטאָר ציט זיך צו דער בילדערישקייט, וועלכע איז באהעפט מיט דער יידישער מוזיק.

אפן קינאָ-עקראַן

באַריס שיינין

מיכאִיל ראָם און זײַן פילם „געוויינלעכער פאַשיזם"

צוליב וואָס מאַכט מען קינאָפילמען? דער ענטפער ווײַזט אויס צו זײַן אזא באַשײַמפערלעכער, אז מע וואָלט געקאָנט דעם מענטשן, וועלכער שטעלט אזא פראַגע, האַלטן פאר א „טשודאַק". כ'בעט אײַך, אײַלט זיך ניט: עס איז ניט טאָמיד אזוי פאַשעט צו ענטפערן אף א פאַשעטער פראַגע...

אייניקע קינאָרעזשיסערן שטעלן פילמען און באַוואָרענען זיך באַצײַטנס מיט דערפאָלג בא די צושויער. דעם דערפאָלג באַוואָרנט מען לעכאַטכילע מיט א שאַרפן סוזשעט, מיט אַנגאַזשירן באַרימטע אַרטיסטן, מיטן ברייטן פאַרנעם און שווּנג פון דער אינסצענירונג. ס'ווערט געשאַפן א ספּעקטאַקולאַרע פאָרשטעלונג, שוישפּילעריש פאר יעדן פּרײַז, א ספּעקטאַקל, וועלכער זאָל פאַרכאַפּן דעם צושויער ווי א פאַבלהאַפטער כאָלעם, וואָס מע וויל, ער זאָל זיך ציִען אָן אן עק. מיר מאַכן ניט קיין פאָרוואוּרף די אוטאָרן פון אזעלכע פילמען, סראָוו פון זיי טוען זייער אַרבעט בישליימעס, און גאַנץ אָפט מיט טאַלאַנט און באַהאַוונטקײַט. עס זײַנען אָבער פאַראַן קינאָמײַסטערס, וועלכע שטעלן זיך גאָר אַנדערע, פיל מער קאָמפּליצירטע אויפגאַבעס. פאר אזעלכע רעזשיסערן איז קינאָ אן אַרט דענקען, אן אינסטרומענט צו פאָרשן די סטירעסדיקע דערשײַנונגען אינעם לעבן. ניט אַריבערטרעטנדיק די ראַמען פון א קונסט-פאָרשטעלונג, פאַרוואַנדלט אזא קינעמאַטאָגראַף דעם צושויער אין א מיטבאַטייליקטן אין דער געדאַנקען-וועלט פונעם מעכאַבער, צווינגט צו פאַרטראַכטן זיך, זוכן און געפינען אַן ענטפער אף אַקטועלע פראַגן, וועלכע פאַרכאַפּן די מויכעס ניט אין כאָלעם, נאָר אין דער ווירקלעכקײַט...

צווישן די טוער פונעם סאָוועטישן קינעמאַטאָגראַף, וועלכע אַנטוויקלען אזעלכע טראַדיציִעס, האָט דער רעזשיסער מיכאִיל איליטש ראָם פאַרנומען א גאָר כאָשעווע אָרט. ער האָט געקאָנט ניט נאָר זוכן, נאָר אויך געפינען דאָס, וואָס מע דאַרף. די פילמען, וועלכע ער האָט געשטעלט, רעגן הײַנט דעם צושויער פונקט ווי מיט יאָרצענדליקער צוריק, ווען זיי האָבן צום ערשטן מאָל זיך באַוויזן אפן עקראַן.

מיט זײַן דורכדרינגלעכן בליק, מיט זײַן ווייכן, עטוואָס איראָנישן שמייכל איז מיכאִיל ראָם אויסערלעך ווייניק-וואָס ענלעך געווען אף א קונסט-טוער. מע וואָלט גיכער אים געקאָנט האַלטן פאר א דאָקטער, וועלכער באַטראַכט אויפמערקזאַם דאָס פּאָנעם פון זײַן פּאַציִענט, קעדיי לויט נאָר אים אַליין באַוווּסטע סימאָנים פעסטשטעלן די סיבע, די ערנסטקײַט און דעם כאַראַקטער פון דער קראַנקײַט.

מענטשן, וועלכע האָבן אים געקענט ניט גענוג נאָענט, זײַנען געווען בא דער מיינונג, אז ער איז פּאַשעט געווען א מאַזלדיקער מענטש. ער אַליין האָט אויך אזוי געטראַכט. דאָס איז ניט געווען קיין אָנשטעל, קיין פּאָזע. די קונסט טיילט צו האַצלאָכע בלויז די יעניקע, וועלכע זײַנען עס ווערט. אין דעם זין איז מיכאִיל איליטש ראָם ווירקלעך געווען א באַרמאַזל. איז עס דען ניט קיין מאַזל-

זאַך אָנצוטרעפן אַף עכט-טאַלאַנטפולע סצענאַ-ריסטן, וועלכע פארשטייען דעם רעזשיסער אַפן ווונק, צו געפינען בעעמעס באַגאַבטע אַסיסטענטן, צו אַרבעטן מיט פּרעכטיקע אַקטיאָרן? מע מוז אָבער פאַרשטיין, אַז קע-דיי אַ מענטשן זאָל אַזוי גוט גיין אין לעבן, מוז ער פאַרמאָגן אַ שאַרף אויג פון אַ קינסט-לער, אַ קאָפּ פון אַ דענקער. און מיכאַיל ראָם האָט פאַרמאָגט אָט די מײַלעס.

אין קינאָ איז ער געקומען שוין אַ דער-וואַקסענער מענטש אין אָנהייב פון די דרײַ-סיקער יאָרן. ער האָט דאַן געדינט אין דער רויטער אַרמיי, פאַרמאָגט די בילדונג און די דערפאַרונג פון אַ סקולפּטאָר, געמאַכט אויך פּרוּוון אַפן ליטעראַרישן געביט.

דער קינעמאַטאָגראַף האָט אין יענער צײַט דורכגעלעבט די דראַמאַטישסטע טקופע אין זײַן געשיכטע. דער קלאַנג-פילם האָט געהאַלטן אין געבוירן ווערן. אַלע דעמאָלט באַוווסטע מײַסטערס זײַנען געווען פאַרנו-מען מיט שאַפן די ערשטע ריידנדיקע פילמען. די גרעסטע מערהײַט קינאָטעאַטערן האָבן אָבער נאָך קיין געהעריקע אַפּאַראַטור פאַר קלאַנג-פילמען ניט געהאַט. טאָקע דעמאָלט האָט מען דעם יונגן רעזשיסער פאָרגעלייגט, ער זאָל זיך נעמען צום שטעלן אַ שטומען פילם. דעם פאָרשלאָג האָט ער אָנגענומען, און מע האָט באַשלאָסן עקראַניזירן מאָפּאַסאַנס דערציילונג „די פּאַמפּושקע”. אָנטיילצונע-מען אינעם פילם האָט ראָם פאַרבעטן די דאַן באַרימטע טעאַטראַלע אַרטיסטן ג. סערגייע-וואַ, וו. גאַריונאָוו, פ. ראַניעווסקאַיאַ.

דאָס אײַנלאַדן ראַניעווסקען איז צוגעגאַנ-גען קימאַט ווי אין אַן אַנעקדאָט. די אַקטרי-סע איז דעמאָלט געווען זייער פאַרנומען אין טעאַטער און איז מאַסקים געווען צו קומען שפּילן אין קינאָ נאָר דערפאַר, ווײַל זי האָט אַלפּי-טאָעס געמיינט, אַז דורכן טעלעפאָן רעדט מיט איר ניט דער אומבאַקאַנטער מ. ראָם, נאָר דער אַלעמען באַוווסטער און אָנגעזעענער אַבראַם ראָאָם...

פאַינע ראַניעווסקעס שוישפּילערישער טאַ-לאַנט האָט אין אַ באַדײַטנדיקער מאָס באַ-שטימט דעם דערפאָלג פונעם פילם, אין וועלכן ראָמס דראַמאַטורגישע אופטוען און זײַנע רעזשיסערישע מעטאָדן האָבן אויף אַ ווונדערלעכן אופן זיך באַהעפט מיט דער שפּיל פון די אַרטיסטן. יאָרן וועלן פאַרבײַ-גיין, און זיי אַלע וועלן זיך ווידער באַגעגענען אין איינעם פון די בעסטע פילמען פונעם סאָ-וועטישן קינאָ, — „דער טרוים” — אין וועלכן ראַניעווסקאַיאַ וועט שפּילן איר סאַמע פאַרבנ-רײַכע ראָל אַלס באַלעבאָסטע פון מעבלירטע צימערן מאַדאַם ראָזאַ סקאָראָכאָד... דאָס וועט

מיכאַיל ראָם — אַ רויטאַרמייער

אָבער געשען פיל שפּעטער... דערווײַל וועלן מיר דערציילן, וויאַזוי מיכאַיל ראָם איז אָנגע-קומען אין קינעמאַטאָגראַף.

די קינדהײַט האָט ער פאַרבראַכט אין מיזרעך-סיביר. איבעריקנס, לאָמיר בעסער הערן, וואָס ער זעלבסט האָט וועגן דעם דערציילט:

„...געבוירן בין איך אין אירקוטסק, אין סיביר. ביז דער עלטער פון 5 יאָר האָב איך געלעבט אין זאַבײַקאַליע, ניט ווײַט פון דער איצטיקער הויפּטשטאָט פון בוריאַט-מאָנגאָ-ליע אולאַן-אודע, אַנערעך אַ הונדערט ווערסט פון דער אײַזנבאַן-ליניע. ווי קומען מיר אַהין? מיר זײַנען אַהין פאַרוואָרפן געוואָרן, ווײַל מײַן פאָטער איז געווען איינער פון די עלטסטע סאָציאַל-דעמאָקראַטן. ער איז אַוועק אין רעוואָלוציאָנערער אונטערערד גלײַך פונעם אוניווערסיטעט און איז אײַנגיכן אַרויסגעשיקט געוואָרן קיין סיביר. די מאַמע איז נאָכגע-פאָרן. זיי האָבן כאַסענע געהאַט מיט אַ וואָך פאַר דעם, ווי מע האָט דעם פאָטער אַרעס-טירט, און מײַן עלטערער ברודער איז גע-בוירן געוואָרן, ווען דער פאָטער איז געזעסן אין דער פּעטראָפּאַוולאָווסקער פעסטונג. איך בין געבוירן אין סיביר. דער פאָטער איז גע-ווען אַ דאָקטער. די נאָענטע באַקאַנטשאַפט מײַנע מיט דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע פון די סאַמע קינדער-

יאָרן אַז איז מיר שפּעטער צוניץ געקומען, ווען איך האָב געשטעלט פילמען וועגן לעניִנען"...

אין 1907 איז די מישפּאָכע איבערגעפאָרן קיין מאָסקווע, און דער קליינער מיכאַיִל איז אַרײַנגעטראָטן לערנען אין גימנאַזיע. אין 1918 האָט ער אָנגעהויבן אַרבעטן אַלס אַגענט אַף אופצוקויפן דערנערונגס-פּראָדוקטן, און אַדאַנק דער דאָזיקער אַרבעט האָט ער געהאַט די מעגלעכקײַט אַרומצופאָרן איבער רוסלאַנד, ווען דאָס לאַנד האָט דורכגעלעבט אַ שווערע און העלדישע צײַט. שפּעטער איז ראָם מאָביליזירט געוואָרן אין דער רויטער אַרמיי.

די לעבנס-דערפאַרונג פון אַ רויטאַרמייער האָט אים געהאָלפן אין דער אַרבעט איבער זײַן צווייטן פילם — „דרײַצן". דעם סצענאַרי האָט ער אָנגעשריבן בעשוטפעס מיטן קינאָ-דראַמאַטורג י. פּרוט אַפן סמאַך פון אַ דערציילונג וועגן דעם העראָיִשן קאַמף פון אַ גרופּע קאָמסאָמאָלצעס מיט אַ באַנדע באַסמאַטשעס. די געשעענישן קומען פאָר אין 1931 אין די זאַמדן פון מיטל-אַזיע.

אַפן עקראַן באַווײַזן זיך צעבראָכענע מאַציוועס, רעשטלעך פון אַ שטיינערנעם פּלויט און אַרום זיי אַן אומענדלעכער יאַם פון זאַמד... אין דאָזיקן מידבער זײַנען פאַרוואָגלט געוואָרן צען רויטאַרמייער, אַ קאָמאַנדיר, זײַן פרוי (די אַרטיסטקע יע. קוזמינאַ, וועלכע איז שפּעטער געוואָרן די העלדין פון דעם גרעסטן טייל פון מ. ראָמס פילמען) און אַן אַלטער מאַן, אַ געאָלאָג, — 13 מיטגלייער, ווען דער גוירל האָט אַוועקגעשטעלט פאַר אַ האַרבן אויספּרוּוו. עס לויערן אַף זיי קאַלערליי סאַקאָנעס פון אַלע זײַטן, אַלע זײַנען אויסגעמאַטערט פון דער היץ און פון דאָרשט, טויטמיד פונעם לאַנגן וואַנדערן אין די זאַמדן. זיי זײַנען גרייט פאַר דער פּרײַז פונעם אייגענעם לעבן פאַרהאַלטן די באַסמאַטשעס באַם ברונעם.

מיכאַיִל ראָמס צווייטער פילם איז אויך אַרײַן אין פאָנד פון דער קינאָ-קלאַסיק. דאָס, וואָס דער רעזשיסער האָט אופגעטאָן שפּעטער, קאָן מען באַצייכענען אַלס שפּעפערישן העלדנטאַט: צום ערשטן מאָל איז אין ראָמס פילמען געשאַפן געוואָרן דאָס געשטאַלט פונעם פירער פון דער רעוואָליוציע וולאַדימיר איליטש לענין.

עפּשער האָט דאָס מאַזל ווידער צוגעשפּילט? אַ גליקלעכע באַגעגעניש מיטן אויסגעצייכנטן דראַמאַטורג א. קאַפּלער? מיטן ערשטקלאַסיקן אַרטיסט ב. שטשוקין?

מעגלעך. נאָר די יונגע יאָרן אין אַ סאָלדאַטישער שינעל זײַנען אויך ניט שפּורלאָז פאַרבײַ. צווישן פיל אַנדערע געשעענישן אין יענער צײַט, וועלכע האָט געמאַכט אַ שטאַרקן רושעם אַף מ. ראָמען און איבערגעלאָזט אַ טיפן שפּור אין זײַן זיקאָרן, איז אויך געווען דער כוידעש יוני פון 1920 יאָר, ווען ער איז אַלס דעלעגאַט פונעם שיסער-פּאָלק אין רעזערוו בײַגעווען אַף אַ קאָנפערענץ פון אַרבעטער און פויערים, אַף וועלכער ס'איז אַרויסגעטראָטן לענין.

אין ראָמס פילמען „לענין אין אָקטיאַבער" און „לענין אין אַכצנטן יאָר" האָט די ראָל פונעם פירער געשפּילט ב. שטשוקין. דאָס איז אַ זעלטענער פאַל, ווען דעם אַרטיסטס פּערזענלעכקײַט באַהעפט זיך פולקום מיטן געשטאַלט פון דעם פאָרגעשטעלטן העלד. סײַ די, וועלכע זײַנען געווען נאָענט באַקאַנט מיט לענינען, סײַ די, וועלכע האָבן אים געקענט נאָר לויט זײַנע פּאָרטרעטן, האָבן אַלציינס גוט אופגענומען און אַנערקענט אָט די פילמען, וועלכע זײַנען געווען דער גוטער אָנהייב פון דער „לעניניִאַנע" אין סאָוועטישן קינאָ.

אין 1939 איז מ. ראָם אין באַשטאַנד פון אַ קינאָ-גרופּע, וועלכע האָט געזאַמלט מאַטעריאַל פאַר אַ כראָניקאַלן פילם, אַרומגעפאָרן איבער די שטעט פון די מײַרעוודיקע געביטן אין ווײַסרוסלאַנד, באַלד נאָך דער באַפרײַונג פון דער געגנט מיצאַד דער רויטער אַרמיי. „דאָס איז געווען אַ רײַזע ניט אַזוי אין שטעט, ווי אין דער צײַט", — האָט ער געשריבן. אַלץ, וואָס האָט זיך געדאַנקלעך אַסאָציִירט מיטן בורזשואַזן לעבנס-שטייגער אין שטאָט און אין דאָרף, האָט גלײַך ווי אופגעלעבט פונסנײַ פאַר אונדזערע אויגן: דער פּריצישער הויף מיטן גוטבאַזיצער, קלייטלעך מיט גראָשנדיקע סכוירעס, צעפּאָרענע דראָזשקעס אין די שמאָלע געסלעך, שילדן מיט הויכקלינגענדיקע נעמען איבער קליינע האָטעלעכלעך, פאַרבײַגייער אין האַרטע קײַלעכדיקע קאַפּעליושן, וועלכע ענטפערן אײַך מיט איבערגעטריבענער העפלעכקײַט, אַרבעטער-קוואַרטאַלן, ווו מע לעבט אין גרויס ענגשאַפט. קאָלערליי באַגעגענישן און צווישן זיי — אַ מענטש אין ברילן, אָנגעטאָן אין אַן עלעגאַנטן מאַנטל, וועלכער איז געשטאַנען און געהאַנדלט מיט עפּל. אַליין איז ער פון פאַך אַ דאָקטער...

בײַס דער רײַזע האָט ראָם זיך צוזאַמענגעטראָפן מיטן צײַטונגס-קאָרעספּאָנדענט יע. גאַברילאָוויטש, וועלכער איז שוין צו יענער צײַט געווען אַ סאָלידער שרײַבער און אויך פאַרמאָגט אַ געוויסע דערפאַרונג אין קינאָ-קונסט.

באַגעגנט האָבן זיי זיך אין ביאַליסטאָק צופעליק, אונטער דער שילד פֿון א פּאַנסיאָן. אף דער שילד איז געווען אָנגעמאָלט א בעט, א טעלער יויך און א באַלעבאָסטע לעבן א ברענענדיק פֿײַער אין קאַמין. אפֿן שילד איז געווען אָנגעשריבן נאָר איין וואָרט: „דער טרוים"...

א קאַדער פֿונעם פֿילם „טרוים"

טאַקע דאָ אפֿן אָרט איז בא זיי געבוירן געוואָרן דער געדאַנק וועגן א נײַעס פֿילם. די האַנדלונג באַדאַרף פֿאָרקומען אין פּאַנ-סיאָן „דער טרוים" אין איינעם פֿון די פּוילי-שע שטעטלעך.

דעם סצענאַרי האָבן זיי אָנגעשריבן פֿאַר א קורצער צײַט. צו דעם מענטשן אין ווײַסן מאַנטל, וועלכן ראָם האָט באַמערקט, זײַנען צוגעקומען אַנדערע פּערסאָנאַזשן פֿון גאַברי-לאָוויטשעס נאָטיץ-ביכל: „א שטעטל. אַן אינזשעניער פֿאַרקויפֿט סאָדע-וואַסער. די מוטער זײַנע לייגט אונדז פֿאָר קויפֿן פּוילישן קאָניאַק אָדער פּאָמאַדע פֿאַר דער „פֿאַני". ניט קיין נאַרישע פֿרוי, א דיקלעכע מיט אַן אַסטמע..." די באַאָבאַכטונגען בא ביידע קינסטלער זײַנען געווען פֿון איין מין. אפֿן ערשטן אָרט אין סצענאַרי פֿיגורירט דער זון,

דערנאָך באווײַזט זיך די מוטער, די באלעבאָסטע פונעם האָטעל. אין די מעבלירטע צימערן פונעם „טרוים” וווינען, קריגן זיך און שפילן אין לאָטאָ אלע אזעלכע לײַט, וועלכע זײַנען נייטיק פאר א גרויסן פאָליטיש-סאָציאלן פילם.

דאָס איז געווען א מין עקראניזירטער גרופן-פאָרטרעט, אין וועלכן יעדער באזונדער באקומט זיך רעליעפער אין שאָטן אָדער אין ליכט פון דער שכיינעסדיקער פיגור. אלע פערסאָנאזשן זײַנען אינדיווידועל, פסיכאָלאָגיש פארשיידן, און אלע איינינעם בילדן זיי אן איינהײַטלעכע סאָציאלע גרופע.

יע. גאברילאָוויטש און מ. ראָם האָבן אנטפלעקט א וועלט פון גײַסטיקן דאלעס און נעבעכדיקע פרעטענזיעס, ווו מע פילט דעם ווידערשפרוך צווישן דער מאנירלעכקײַט פון דער אופירונג פון די מענטשן און זייער ווירקלעכער לאגע. זיי האָבן געשאפן א פילם וועגן ניט באפרידיקטער ליבע, ניט רעאליזירטע טאלאנטן. אינעם פילם האָט זיך אָפגעשפיגלט די קאָמפליצירטקײַט, וואָס קומט צום אויסדרוק אין דער טראדיציאָנעלער ליטעראטור וועגן קליינעם מענטשעלע, זײַן פארלוירנקײַט און ביטערן מאזל.

אן אנסאמבל פון פרעכטיקע שוישפילער האָט אָנטיילגענומען אין אָט דעם פילם. מ. אסטאנגאָוו, יע. קוזמינא, ר. פליאט און, פארשטייט זיך, פאינע ראניעווסקאיא, וועלכע האָט געשפילט די ראָל פון מאדאם ראָזע סקאָראָכאָד. ראָזע האָט ליב איר זון מיט א בלינדער ליבע, און דערבײַ איז זי אויך א מייוון אף זײַנע שוואכקײַטן. זי סטארעט זיך מיט אלע קויכעס צו פארבאָרגן איר מיטגעפיל צו פרעמדער נויט, אונטער דער מאסקע פון קאלטער אויסגערעכנטקײַט. זי איז טאָמיד גרייט יענעם צו באשווינדלען, נאָר זי בלײַבט אליין צום נאר איבער איר גרענעצלאָזער אומזיניקער ליבע צום זון.

דער פילם איז פארענדיקט געוואָרן פארן סאמע אָנהייב פון דער מילכאָמע און איז ארויס אפן עקראן ערשט אין 1943.

אין יענער צײַט איז ראָם געווען פארנומען באם שאפן דעם אנטיפאשיסטישן פילם „דער מענטש נומער 217”, עס האָבן געוואַרט אף זייער ריי די פאָליטישע פילמען „די געהיימע מיסיע” און „די רוסישע פראגע”, אין וועלכע דער רעזשיסער האָט זיך באמיט אויסצופאָרשן דעם מעכאניזם פון דער אנטיסאָוועטישער טעטיקײַט פון די סאָנים פון שאָלעם, אנטפלעקן די סאָציאלע וואָרצלען אין די האנדלונגען פון מענטשן, וועלכע באשטימען דעם גויראל פון לענדער און פעלקער.

דעם יונגן דאָר פון סאָוועטישע מענטשן אין נאָכמילכאָמע-פעריאָד האָט ער געווידמעט דעם פילם „9 טעג פון איין יאָר”, אן אנערקענטן שעדעווער פון דער קינאָ-קונסט.

וואָס ווײַטער עס טרעטן אָפ אין דער פארגאנגענהײַט די גרויזאמע געשעענישן פון דער פאָטערלענדישער מילכאָמע, אלץ צודרינגלעכער באהערשן זיי די מויכעס פון די קינסטלער. דאָס, וואָס עס איז פאָרגעקומען אין יענער שרעקלעכער צײַט, טאָר ניט פארגעסן ווערן. די נײַע דוירעס דארפן דאָס אלץ וויסן און באזיניקן, זיי מוזן וויסן דעם גאנצן עמעס וועגן דעם פאשיזם, וויאזוי און פארוואָס די פאשיסטן איז געלונגען צו פארטומלען די מויכעס פון א גאנץ פאָלק, פארוואנדלען עס אין א טעמפן אויספירער פון די וואנזיניקע אידייען פונעם כאָסערדייעדיקן „פיורער”.

דער גויראל האָט צונויפגעפירט ראָמען מיט די דעמאלט נאָך יונגע קינאָ-ספעציאליסטן מ. טוראָווסקאיא און י. כאניוטין, וועלכע האָבן, ארבעטנדיק איבער ביכער, דורכגעקוקט אין מעלוכישן פילם-ארכיוו קינסטלערישע און דאָקומענטאלע פילמען. אינגיכן איז זיי קלאָר געוואָרן, אז צווישן די דײַטשישע עקספרעסיאָניסטישע פילמען פון די צוואנציקער יאָרן „דער קאבינעט פון דאָקטער קאליגארי”, „נאָספעראטו”, „דאָקטאָר מאבוזאָ — דער קאָרטן-שפילער” און די דאָקומענטאלע קאדרען, וועלכע זײַנען אופגענומען געוואָרן אין דער צײַט פון דער צווייטער וועלט-מילכאָמע, איז פאראן עפעס געמיינזאמס. די פילמען וועגן וואמפירן און מערדער, וועלכע זײַנען אונטערטעניק און טוען געהאָרכזאם אלץ, וואָס עס באפעלט זיי א פרעמדער בייזער ווילן, זײַנען געווען ענלעך אף א „פראָלאָג”, און די פילמען וועגן דער וועלט-מילכאָמע, וואָס דער פאשיזם האָט מיט זיך געבראכט, זײַנען געווען דער „עפילאָג”. אין דער מיט האָבן די אווטאָרן געדאנקלעך אוועקגעשטעלט דעם דײַטשישן דורכשניטלעכן קליינבירגער מיט זײַן באגרענעצטן באוווסטזײַן, וואָס עס האָט זיך אף אן אייגנארטיקן אויפן אָפגעשפיגלט אין די „שרעקפילמען”. „אונדז אינטערעסירן די כאראקטעריסטישע פסיכאָלאָגישע און מאָראלישע שטריכן פונעם דײַטשישן קליינבירגער, — האָבן זיי געשריבן, — מיט וועלכע היטלער האָט זיך גערעכנט אין די געגעבענע היסטאָרישע באדינגונגען און וועלכע האָבן אים געגעבן די מעגלעכקײַט צו פארכאפן די מאכט אין דײַטשלאנד. דאָס זײַנען געווען די זעלבע שטריכן פון דער קליינבירגערלעכער וועלט-אָנשויונג, וועלכע דינען אויך הײַנט-צו-טאָג אלס נערונגס-שטאָף פאר די, וועלכע שטרעבן צום ווידערגעבורט פונעם פאשיזם”.

דעם מאַסן-באַוווסטזײַן פֿונעם דײַטשישן קלײנבירגער האָבן טוראָוווסקאַיאַ און כאַניו-טין געהאַט בעדייע צו איליוסטרירן מיט קאַ-דרען, גענומענע פֿון דײַטשישע קינסטלערי-שע פֿילמען, און די כראָניק האָט באַדאַרפֿט איבערגעבן דעם פּסיכאָלאָגישן פּראָצעס אין פּעריאָד פֿון איסניכטערונג.

מיט דער דאָזיקער אידיי זײַנען זיי גע-קומען צו מיכאַיל ראָמען. מע איז צוגעטראָטן צו דער ארבעט, נאָר אינגיכן האָט זי אָנגע-נומען אַן אומדערוואַרטע ווענדונג. דער מאַ-טעריאַל פֿון די קינסטלערישע פֿילמען האָט זיך ניט געלאָזט אַרײַנפּרעסן אין דאָקומענטאַ-לע ראַמען. דעם רעזשיסערס שעפֿערישע פּערזענלעכקײַט האָט אַף איר אייגנאַרטיקן

איז ניט מעגלעך זיך פֿאָרצושטעלן די גע-שיכטע פֿון סאָוועטישן קינעמאַטאָגראַף.

עס איז אַ פֿאַרשפּרײטע מיינונג, אַז קינסטלערישע פֿילמען לעבן לאַנג, און דאָ-קומענטאַלע פֿילמען האָבן אַזאַ גורל, ווי צײַטונגען, זיי זײַנען פֿאַרורטיילט פֿאַרביטן צו ווערן מיט אַנדערע פֿילמען, וועלכע האָבן פּונקט אַזאַ קורץ לעבן. מיט ראָמס פֿילם איז ניט אַזוי געשען. אין 1965, ווען „געוויינלעכער פֿאַשיזם" איז דעמאָנסטרירט געוואָרן, האָבן אים געזען 40 מיליאָן מענטשן. און פֿון דעמלט אָן, שוין אַ צוואַנציק יאָר צײַט, גייט ער ניט אַראָפּ פֿונעם עקראַן. ביז הײַנטיקן טאָג רעדט מען און מע אַמפּערט זיך וועגן אים.



מ. ראָם, א. באַטאַלאָוו, נ. פּלאָטניקאָוו. „ניין טעג פֿון איין יאָר"

אויפֿן עס אופֿגענומען און צוגעגעבן אַ נײַעם קאָלאָריט דעם גאַנצן מאַטעריאַל. פֿאָרזעצנ-דיק זייער געמיינזאַמע ארבעט מיט מ. ראָ-מען, האָבן די פֿאָרשער אַנערקענט, אַז „זײַן גאַנצע אינדיווידואַליטעט אַלס מענטש און קינסטלער האָט געלייגט איר כויסעם אַף דער געשטאַלטונג פֿונעם פֿילם, אָפּשפּיגלענ-דיק זיך אין אים ווי אין אַ שפּיגל".

עס האָט דאַן געהאַלטן אין געבוירן ווערן מיכאַיל ראָמס, איצט שוין ברייט באַוווסטער פֿילם „געוויינלעכער פֿאַשיזם", אָן וועלכן עס

דער פֿילם האָט געפֿאָדערט פֿון זײַנע שע-פֿער אַ שפּאָר ביסל פֿיזישע און מאָראַלישע אָנשטרענגונגען. צוויי מיט אַ האַלבן מיליאָן מעטער פֿילם-טאַשמעס זײַנען דורכגעגאַנגען דורך די הענט און דורך דעם האַרץ פֿונעם רעזשיסער, קעדיי זיי זאָלן דערנאָך אויסיי-דערן אין פֿופֿצן נאָוועלן, פֿאַרוואַנדלענדיק די צושויער אין איידעס פֿונעם פּראָצעס, אין רעזולטאַט פֿון וועלכן דער פֿאַשיזם איז גע-בוירן געוואָרן, און איידעס פֿון דער טראַגע-דיע פֿונעם דײַטשישן פֿאָלק.

דער אוטאָר האָט אף זײַן שטייגער איבערגעשטאַלטיקט דעם ארכיוו-מאַטעריאַל, צוגעבנדיק אים א היכע מאָס פון בילדערישקײַט.

עס שווינדלט פאר די אויגן א מעטושטעשע, אָנפאָנעמדיקע מאסע, וועלכע פאָלגט בלינד דעם געבאָט פונעם פיורער. ווי ווײַט ניט ענלעך אף זיי זײַנען די, וועמען ס'איז באשערט געווען צו ווערן קאָרבאָנעס פון די פאשיסטן!

אָט זײַנען די בילדער פון די אסירים אין אָשווענטשים. פון זיי איז קיינער ניט לעבן געבליבן. עס לעבן אָבער זייערע אויגן. זיי זײַנען פול מיט צאר, מיט ווייטעק, מיט אומדערטרעגלעכע לײדן. פרעכטיקע מענטשלעכע אויגן... פונעם עקראַן קוקן אראָפּ פענעמער, פולע מיט מענטשלעכער ווירדע, וואָס לאָזט זיך ניט פארניכטן.

ראָמס פילם בריט די נעשאָמע, רעגט דעם געדאנק. מיט צוטרויִלעכן ייִשעוו-האדאאס טראָגט דער קינסטלער ארויס דעם אורטייל פון דער מענטשהײַט דעם פאשיזם און די פאשיסטן.

קעדיי דער לייענער, וועלכער האָט נאָך דעם פילם ניט געזען, זאָל האָבן כאָטש א לעפּיִערכדיקע פאָרשטעלונג וועגן זײַן געשטאלטונג, וועלן מיר פרוּוון דערציילן, וויִאזוי די האנדלונג הייבט זיך אָן:

אפן עקראַן באווײַזן זיך קינדערשע געמעלן: „דער פריילעכער קאָטער", „דער הונגעריקער קאָטער", „דער כיטרער קאָטער"... די דרײַ געמעלן זײַנען ניט ענלעך איינער אפן צווייטן. מיט זיי ברענגט דער אווטאָר צום אויסדרוק זײַן געדאנק וועגן דער נויטווענדיקײַט בא מענטשן זיך פארנעמען מיט שעפערישער ארבעט...

די קאדרען מיט די לעבהאפטע קינדערישע פענעמער בײַטן זיך, און מיר זעען אקוואַרעלנע פאראשוטיסטן און פליִענדיקע מענטשלעך מיט פראָפּעלערן אף די פלייצעס.

ווי ווּנדערלעך פארשיידנארטיק עס איז דער מענטש... — פארטראכט זיך ראָם.

אנטוויקלענדיק די דאָזיקע טעמע, ווײַזט ער יונגעלײַט, וועלכע מע האָט פאָטאָגראַפירט אומבאמערקט אינעם הויף פון אן אינסטיטוט אין טאָג, ווען מע נעמט אוף עקזאַמענעס, און בילדער, ווו עס באגעגענען זיך פארליבטע פאָרלעך...

אופגעכאפטע דעטאלן און שטריכן אין אויסערלעכן אויסזען און אין דער אופירונג: א נערוועזן גענעצל, אָפּגעטראָגענע שיך, א מיידלס אימפולסיווער זשעסט, ווען זי נעמט זיך פארקנעפלען די קנעפלעך פונעם העמד באם באָכער, וועלכער האָט געוואַרט אף איר אפן אָפּגערעדטן אָרט... אין די דאָזיקע באַוועגונגען פילט זיך דער אינסטינקט פון מוטערלעכער זאָרגעוודיקײַט...

און ווידער באגעגענישן. זשעסטן, ענלעכע בא פארשיידענע מענטשן.

פרויען מיט קינדער-וועגעלעך און א סעריע קינדערשע געמעלן „מײַן מאמע איז די שענסטע". זיי מאָנטירן זיך לײַכט איינער מיטן אנדערן און מיט די פריִערדיקע רעפּאָרטאזשן.

אָט שטייט א מוטער. זי דארף אריבערגיין דעם וועג דורכן שטראָם פון לויפנדיקע אווטאָמאשינעס. זי נעמט דאָס קינד אף די הענט און ווערט פארשטארצט אין סטאָפּקאדער. עס הערט זיך א שאָס. א דײַטשישער סאָלדאט שיסט אין דער פלייצע פון א פרוי מיט א קינד אף די הענט. דאָס איז איינע פון די שרעקלעכע און ברייט-באוווּסטע פאָטאָגראַפיִעס. אין דער אלציינער פאָזע פון צוויי מאמעס אינעם קאדער און אפן בילד הערט זיך דער וויי-געשריי פונעם אווטאָר. זײַנע פײַנלעכע ראיוינעס.

אין דעם דאָזיקן פילם איז פרינציפּיִעל וויכטיק ניט נאָר די ראָל פונעם אווטאָר, וועלכער קאָמענטירט די געשעענישן אפן עקראַן, נאָר אויך די ראָל פונעם צושויער, וועלכן מע צווינגט, ער זאָל צוזאמען מיטן מעכאבער באגרײַפן די גרויזאמע טעכנאָלאָגיע פון פארטומלען די מויכעס פון א גאנץ פאָלק.

אפן עקראַן באווײַזן זיך מענטשלעכע שארבנס. דאָס איז נאָך ניט די כראָניק פון די פאשיסטישע רעציכעס... עס באוועגן זיך שמייכלענדיקע יונגעלײַט, זיי מעסטן איינער באם אנדערן דעם קאָפּ, מע פאָרשט „ארישע פראָפּאָרציִעס". אן אומשולדיקע באשעפטיקונג... נאָר באלד באווײַזט זיך א דאָסיע מיט די באריכטן, וועגן דער פארניכטונג פון די ווארשעווער ייִדן. „די גרויסע נאציאָנאלע אידיי ווערט פארווירקלעכט".

„געוויינלעכער פאשיזם" איז א פילם, וועלכער רעגט ניט נאָר דעם זיקאָרן, ער קעמפט און וואָרנט, רופט, עס זאָלן זיך פארייניקן אלע ערלעכע מענטשן אף אונדזער פלאנעטע, פאָדערט, זיי זאָלן באצײַטנס טאָן אלץ, וואָס עס איז נייטיק, קעדיי דער פאשיזם זאָל זיך ניט איבערכאזערן.

הײַנט איז שוין מיכאיִל איליטש ראָם ניטאָ צווישן אונדז. עס לעבן אָבער און עס ווערן ניט פארעלטערט די פילמען, וועלכע ער האָט געשאפן.

■ ■ ■

מיר אינפאָרמירן אונדזערע לייענער

אין יול־נומער פון „סאָוועטיש היימלאַנד" פאַרן לויפיקן יאָר האָבן מיר פאַרעפנטלעכט דעם באַריכט פון דער יִיסראָעלדיקער אויספאָרשטונגס־קאָמיסיע וועגן דעם מאַסן־מאָרד אין די פּאַלעסטינער פּליטים־לאַגערן סאַבראַ און שאַטילאַ. פאָר־זעצנדיק צו אינפאָרמירן די לייענער וועגן דעם גאַנג פון די אויספאָרשונגען, דרוקן מיר הײַנט די מאַטעריאַלן פונעם „רונדן טיש" אַרום אָט דעם איניען, וועלכן ס'האָט דורכגעפירט די צײַטונג „ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ".

בעגין האָט געוווּסט

פון דער דאָסיע פון דער צווישנפעלקערלעכער קאָמיסיע אַף אויספאָרשן די פאַרברעכנס פון דער רעגירונג פון יִיסראָעל קעגן דעם ליוואַנער און פּאַלעסטינער פעלקער

באַם „רונדן טיש" פון דער „ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ"

אינעם געשפּרעך באַם „רונדן טיש" פון דער „ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ" באַטייליקן זיך די מיטגלידער פון דער קאָמיסיע: דער ער־שטער שטעלפאַרטרעטער פונעם יוסטיץ־מיני־סטער פון פסר א. יאַ. סוכאַרעוו; דער די־רעקטאָר פונעם אינסטיטוט פון מעלוכע און רעכט פון דער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע פון פסר, מיטגליד־קאָרעספּאָנדענט פון דער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע פון פסר וו. קודריאַוו־צעוו; דער מיטגליד פונעם וויסנשאַפטלעכן ראַט אַף אויספאָרשן די פּראָבלעמען פון שאָלעם און אַנטוואָפענונג א. א. בערקאָוו, ווי אויך דער זשורנאַליסט פּ. מ. סייפּול־מוליו־קאָוו, וועלכער איז אַרויסגעטראָטן אַלס איידעס.

די זיצונג באַם „רונדן טיש" פירט דער פאַרוואַלטער פונעם אָפּטייל פון אויסערן־פּאָליטיק אין דער „ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ" דאָקטאָר פון עקאָנאָמישע וויסנשאַפטן אי. פּ. בעליאַיעוו.

א מילכאָמע אַף אויסצוראָטן די ציווילע באַפעלקערונג

„ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ" (ווײַטער — „ל.ג."). די ערשטע פראַגע איז צו אײַך, אַלעקסאַנדער אַלעקסאַנדראָוויטש בערקאָוו, ווי צו א מיטגליד פונעם צווישנפעלקערלעכן סעקרעטאַריאַט פון דער קאָמיסיע. צי וואָלט איר ניט געקאָנט מיטיילן אייניקע, אַזוי צו זאָגן, „ביאָגראַפישע" אָנגאַבן פון דער קאָ־מיסיע: ווען זי איז געגרינדעט געוואָרן, ווער עס גייט אַרײַן אין איר באַשטאַנד, די הויפּט־צילן און מעטאָדן פון איר טעטיקײַט. דאָס וואָלט געמאַכט אונדזער שמועס מער קאָנ־קרעטער.

א. בערקאָוו. **אין דער קאָמיסיע גייען אַרײַן אָנגעזעענע פּאָליטישע און געזעלשאַפט־לעכע טוער, קאָמוניסטן און סאָציאַל־דעמאָ־קראַטן, פאָרשטייער פון פראָפאַריינען, פון אַקאַדעמישע און רעליגיעזע קרײַזן און, פאַר־שטייט זיך, אוטאָריטעטע יוריסטן (געלערנטע און פּראַקטיקער). צווישן זיי געפינען זיך, באַנאַנד מיט פאָרשטייער פון די סאָציאַליסטי־שע לענדער, אויך דער ענגלישער אַדוואָקאַט, קיניגלעכער ראַטמאַן דזש. פּלעטס־מילס, דער פּרעזידענט פון דער צווישנפעלקערלעכער פּאַגוואָש־באַוועגונג פון געלערנטע, לאַורעאַט פון דער נאָבעל־פּרעמיע ד. קראָופאָרט־כאָדזשקין, דער עפּיסקאָפּ פון שטאָקהאָלם**

ל. קאַרלסאָן, דער געוועזענער פּרעזידענט פון פּאָרטוגאַליע פ. קאָשטאַ גאָמעש, דער גענעראַל-סעקרעטאַר פון דער אַלוועלטלעכער פעדעראַציע פון פּראָפאַריינען אי. זאַקאַריאַ, דער ערשטער שטעלפאַרטרעטער פונעם פאָרזיצער פון דעם פּאַרלאַמענט פון פינלאַנד פּ. טיויאַליאַיאַרווי, דער מיטגליד פון דער פּאָליטביוראָ פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי פון סענעגאַל ב. סעק, דער סעקרעטאַר פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פּאַרטיי פון דער שווייץ זש. מעטראַל, דער גריכישער קאָמפּאָזיטאָר מ. טעאָדאָראַקיס. כ'האָב דאָ אָנגערופן בלויז אייניקע נעמען, קעדיי צו באַווײַזן, אַז אין דער קאָמיסיע זײַנען פאָרגעשטעלט ניט בלויז פאַרשיידענע רעגיאָנען פון דער וועלט, נאָר אויך פאַרשיידענע שטרעמונגען פון דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג.

דאָס „געבורטאָרט" פון דער קאָמיסיע איז די שטאָט ניקאָסיע (ציפּערן). דאָרט איז פאָרגעקומען איר ערשטע סעסיע (אויגוסט 1982). ניט לאַנג צוריק איז אין זשענעווע דורכגעפירט געוואָרן איר צווייטע סעסיע. ווי איר זעט, איז די „ביאָגראַפיע" פון דער קאָמיסיע גאָר א קורצע. און וואָס קירצער זי וועט זײַן, איז אַלץ בעסער. די קאָמיסיע איז געשאַפן געוואָרן צוליב אויספאָרשן די פאַרברעכנס קעגן שאָלעם, די קריגס-פאַרברעכנס און פאַרברעכנס קעגן דער מענטשלעכקייט, וועלכע עס באַגייט דער יִשׂראָעלדיקער אַגרעסאָר אין ליוואַן. דאָס הייסט, אַז די נויטווענדיקייט אין אַזאַ קאָמיסיע וועט אָפּפאַלן, ווי נאָר עס וועלן זיך אָפּשטעלן די דאָזיקע אויסטערלישע פאַרברעכנס און דאָס מיליטער פון יִשׂראָעל וועט אַרויסגעפירט ווערן פון דער גאַנצער ליוואַנער טעריטאָריע. די קאָמיסיע שטרעבט מיטצוווירקן, עס זאָל וואָס גיכער דערגרייכט ווערן דער דאָזיקער ציל. זאַמלענדיק איידעס-באַווײַזן וועגן די דאָזיקע פאַרברעכנס און אַנדערע באַשטעטיקונגען, געבנדיק זיי א יורידיש-פּאָליטישע קוואַליפיקאַציע, העלפט דערמיט די קאָמיסיע צו דעמאַסקירן דעם אַגרעסאָר און ווירקט מיט זײַן מאָראַליש-פּאָליטישער איזאָליאַציע. זײַענדיק אַן אָרגאַן פון דער אַלוועלטלעכער געזעלשאַפטלעכקייט, אָבער ניט קיין טריבונאַל, פאַרמאָגט זי ניט, געוויינלעך, קיין וועלכע-ניט-איז מאַכטהאָבערישע באַפולמעכטיקייטן, האָט ניט קיין מעגלעכקייט צו אָנווענדן בענעגייע בעגינען אָדער שאַראַנען קרימינעלע סאַנקציעס. אירע באַשלוסן זײַנען געווענדט צו דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג פון דער וועלט, צו די מעלוכישע און ניט-מעלוכישע אָרגאַניזאַציעס, זיי אַנטהאַלטן א שטרענגע מאָראַלישע פאַרורטיילונג פון די שולדיקע אין די פאַרברעכנס.

„לג". אַף וויפל איז עפעקטיוו די טעטיקייט פון אַזעלכע קאָמיסיעס?

א. ב. דערווײַל איז שווער צו זאָגן אויך מיקייעד דער עפעקטיווקייט פון געוויסע ווערדיקטן. נעמט, אַשטייגער, די באַוווּסטע רעזאָליוציעס פון דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע נאַציעס. יִשׂראָעל איגנאָרירט זיי פּרעך. האַגאַם דאָס איז די איינציקע אין דער וועלט מעלוכע, וועלכע איז געשאַפן געוואָרן גראָד לויטן באַשלוס פון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע. דעריבער האָבן נאָך א שטאַרקערע באַדײַטונג די מאַטעריאַלן, וועלכע ס'האָט צונויפגעזאַמלט די דאָזיקע אָביעקטיווע, אומאָפּהענגיקע קאָמיסיע. זיי דעמאַסקירן, ערשטנס, די פאַרברעכערישע צילן און מעטאָדן פון די יִשׂראָעלדיקע אַגרעסאָרס: ס'איז דאָך א פאַקט, אַז אָנצוווענדן שראַפּנעל-גראַנאַטעס אין דער פאָרם פון קינדער-שפּילעכלעך האָבן זיך ניט דערטראַכט אַפילע די נאַציסטן; צווייטנס, באַווײַזן זיי, אַז צו די דאָזיקע פאַרברעכנס האָט א שײַכעס דאָס „ווײַסע הויז", וואָס איז באַצײַטנס אינפאָרמירט געווען וועגן דער שכיטע אין סאַבראַ און שאַטילאַ; דריטנס, ווײַזן זיי אָן אַף דער צוויעס פון א „צווייענדיקן סטאַנדאַרט" אינעם צוגאַנג פון פּשאַ צו די מענטשן-רעכט.

מע קאָן ברענגען בײַשפּילן, ווי עפעקטיוו עס איז אַזאַ אַרבעט פון געזעלשאַפטלעכע קאָמיסיעס. פונעם 1970 ביזן 1975 האָט פונקציאָנירט אַן אַנאַלאָגישע קאָמיסיע אַף אויסצופאָרשן די פאַרברעכנס פון פּשאַ אין אינדאָכינע. דאָס, וואָס זי האָט סיסטעמאַטיש דעמאַסקירט און עפנטלעך פאַרורטיילט די דאָזיקע פאַרברעכנס, האָט געצוווּנגען דער אַמעריקאַנער קאָמאַנדשאַפט מאַכן אַן אומפּרעצעדענטן טראָט: שאַפן א ספּעציעלע קאָמיסיע פון דער אַרמיי פון פּשאַ אַף אויסצופאָרשן די געשעענישן אין סאָנגמי. פאַרשטייט זיך, דאָס איז געטאָן געוואָרן, קעדיי אָפּצוּווענדן די אויפמערקזאַמקייט פון די אַמעריקאַנער פאַרברעכנס, וועלכע טראָגן דעם כאַראַקטער פון א סיסטעם.

אָדער נעמט די קאָמיסיע, וועלכע איז געשאַפן געוואָרן אין 1974 אַף אויסצופאָרשן די געשעענישן אין טשילי. זי האָט טייקעף געוואָרנט די כונטע, אַז אויב ס'וועט זיך אָנהייבן א פּראָצעס קעגן ל. קאָרוואַלאַנען און קעגן אַנדערע לידערס פון דער פאָלקס-איינהייט, וועט דרינגענד אָרגאַניזירט ווערן א געזעלשאַפטלעכער קאָנטרפּראָצעס. די ווענדונג צו דער כונטע האָט זיך פאַרופן אַף א וויכטיקן היסטאָרישן פּרעצעדענט: אין 1933,

ווען די נאַציסטן האָבן דורכגעפירט דעם פּראָוואָקאַציאָנעלן פּראָצעס אַרום דער אונטערצינדונג פונעם רײַכסטאַג, האָט דעם עמעס אויפגעשטעלט ניט דער אימפּעריִשער געריכט אין לײַפּציג, נאָר דער געזעלשאַפטלעכער קאָנטרפּראָצעס אין לאָנדאָן. דער באַוועגונג פון סאָלידאַרישקײַט מיטן טשילײַער פאָלק האָט זיך אײַנגעגעבן צו דערגרייכן, עס זאָל ניט דורכגעפירט ווערן קיין געריכט־עקזעקוציִע, וועלכע פּינאָטשעט האָט געגרייט, ס'זאָלן פאַרמאַכט ווערן די שוידערלעכע קאָנצענטראַציִע־לאַגערן, אַזעלכע ווי דאָסאָן, און עס זאָלן באַפרײַט ווערן פיל טויזנטער פּאַטריאָטן.

אָט די ביידע קאָמיסיִעס האָבן אין די ווענדונגען צו די סאָלדאַטן און אָפיצערן, צו די שעפן פון די טורמעס און קאָנצלאַגערס ניט איין מאָל אונטערגעשטראָכן די פאַראַנטוואָרטלעכקײַט סײַ פון יענע, וועלכע גיבן אָפּ פאַרברעכערישע באַפעלן, סײַ פון די, וועלכע פילן אויס אַזעלכע באַפעלן. אין יענער צײַט איז דאָס ניט געווען פאַרויסגעזען ניט אין די זשענעווער, ניט אין די האַאַגער קאָנווענצן. און אין אַ באַדײַטנדיקער מאָס האָט נעמלעך די דערפאַרונג פון די געזעלשאַפטלעכע אויספאָרשונגס־קאָמיסיִעס אונטערגעזאָגט די נייטיקײַט צו לייזן די דאָזיקע פראַגע אין קאָנווענציאָנעלן פּלאַן, וואָס עס איז טאַקע געטאָן געוואָרן אינעם צוגאָבלעכן פּראָטאָקאָל צו די זשענעווער קאָנווענצן. אין געגעבענעם פאַל זײַנען די געזעלשאַפטלעכע קאָמיסיִעס אַרויסגעטראָטן ניט נאָר אַלס היטער, נאָר אויך אַלס סטימוליאַטאָר פון דער צווישנפעלקערלעכער הומאַניסטישער רעכט.

„לג“. אַזוי אַרום, איז איצט נאָך מער געזעצלעך צו שטעלן די פראַגע וועגן דער פאַראַנטוואָרטלעכקײַט פאַר פאַרברעכערישע באַפעלן און זייער אויספילונג און, אין אַלגעמיין גענומען, וועגן דער פאַראַנטוואָרטלעכקײַט פון די ייִסראָעלדיקע מעלוכישע, פּאָליטישע און מיליטערישע טוער, וועלכע האָבן געבראָכן די געזעצן פון פירן אַ מילכאָמע, פאַר זייערע פילצאָליקע פאַרברעכנס?

א. ב. די געזעצן און די זיטן פון פירן אַ מילכאָמע ווייסן ניט נאָר ספּעציאַליסטן־עקספּערטן. אונטער די קאָנווענצן שטייען די כסימעס פון פאָרשטייער פון דער איבערוועגנדיקער מערהײַט מעלוכעס פון דער וועלט, דערונטער — פון ייִסראָעל און פּשאַ.

אַ פּאָליטישער טוער, לעמאָשל, דער ראָש פון אַ רעגירונג, אַ מיליטערישער קאָמאַנדיר, וועמענס מיליטער טרעט אַרויף אויף דער טעריטאָריע פון אַן אויסלענדישער מעלוכע און קאָנטראָלירט זי, טראָגן אַ דירעקטע און פולע פאַראַנטוואָרטלעכקײַט פאַר מיליטערישע און אַנדערע פאַרברעכנס, וואָס מע באַגייט אויף דער דאָזיקער טעריטאָריע.

די ייִסראָעלדיקע אַרמיי, וועלכע געפינט זיך אויף דער טעריטאָריע פון ליוואַן, האָט אַרויפגעבראַכט אויף די אומבאַוואָפנטע ליוואַנער און פּאַלעסטינער, אויף זייערע הײַזער און אויף זייער ערד רעציכע און רויִנירונגען. ווי עס האָבן באַוויזן פילצאָליקע איידעס, וועלכע זײַנען אַרויסגעטראָטן אין זשענעווע פאַר דער צווישנפעלקערלעכער אויספאָרשונגס־קאָמיסיע, פאַלן אויס ביז 80 פּראָצענט פאַרלוסטן אין ליוואַן אויף דער פרידלעכער באַפעלקערונג. אַזוי אַרום, האָט די ייִסראָעלדיקע אַרמיי ווירקלעך געפירט און זעצט פאָר צו פירן אויף דער ליוואַנער טעריטאָריע אַ מילכאָמע קעגן דער אומבאַשיצטער ציווילער באַפעלקערונג. אין העסקעם מיט די זשענעווער קאָנווענצן זײַנען די קאָמאַנדשאַפט פון דעם ייִסראָעלדיקן מיליטער, וועלכע אָקופּירט די ליוואַנישע טעריטאָריע, און די פּאָליטישע פירער פון ייִסראָעל פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַלע האַנדלונגען פון זייערע אונטערגעאָרדנטע, דעמלט, ווען עס ווערט באַוויזן (נאָכן באַקומען געהעריקע באַריכטן אין אַ באַליביקער פאָרם!) וועגן מעגלעכע אָדער שוין באַגאַנגענע פאַרברעכנס. דערונטער אויך דאַן, ווען זיי האָבן ניט אָנגענומען די געהעריקע מיטלען, קעדיי אָפּצושטעלן פאַרברעכנס, וועלכע ווערן באַגאַנגען. זיי דאַרפן באַשטראָפט ווערן באַגלײַך מיט יענע, וועלכע באַגייען זיי.

„לג“. זייער אָפט קומט אויס צו הערן, אַז דאָס אַרײַנטרעטן פון ייִסראָעל קיין ליוואַן איז געווען אַ „זעלבסטשוץ“, אַן ענטפער, קלוימערשט, אויף די „טעראָריסטישע“ האַנדלונגען פון די פּאַלעסטינער. צי האָבן אונטער זיך אַ גרונט אַזעלכע פאַרענטפערנדיקע טערוצים פון די פּאָליטישע און מיליטערישע פירער פון ייִסראָעל?

וו. קודריאַשאָוו. רײדנדיק וועגן דעם, אַז ייִסראָעל האָט אָנגענומען מיטלען פון זעלבסטשוץ, פאַרופט מען זיך אויפן אַטענטאַט אויף דעם ייִסראָעלדיקן געזאַנדטן ש. אַרגאָוו אין לאָנדאָן דעם 3 יוני 1982 און, צווייטנס, אויף די האַנדלונגען פון די פּאַלעסטינער קעגן ייִסראָעל (באַשיסונג פון דער טעריטאָריע, אַקטן פון די פּאַרטיזאַנער). ניט דאָס און ניט יענץ באַרעכטיקט ניט די ייִסראָעלדיקע אַגרעסיע קעגן ליוואַן. דער אַטענטאַט אויפן ייִסראָעלדיקן געזאַנדטן האָט ניט קיין שום שײַכעס צום מיליטערישן אָנפאַל, וועלכער זאָל דערלויבן ייִסראָעל אָנצונעמען מיטלען פון זעלבסטשוץ. דערצו איז באַוויזן, אַז דער,

וואָס האָט דורכגעפירט דעם אַטענטאַט, איז ניט קיין ליוואַנער און האָט נישט נאָר ניט געהערט צו דער אָרגאַניזאַציע פון באַפרייַען פּאַלעסטינע, נאָר איז מיצאַד איר געריכט פאַרמישפּעט געוואָרן צו טויט-שטראָף.

דער צווייטער אַרגומענט איז אומבאַגרינדעט דערפאַר, ווייַל די האַנדלונגען פון די פּאַלעסטינער זייַנען געווען פּראָוואָצירט: גראָד זיי האָבן פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ זעלבסט-שוץ, אַ פאַרטיידיקונג קעגן דער אַגרעסיע (נעמלעך אַזוי זייַנען זיי כאַראַקטעריזירט געוואָרן דורך דער גענעראַל-אַסאַמבליי אין דער רעזאָליוציע 226 (XXXVI) פון 17 דעקאַבער 1981). צו קיין שום קאָרבאָנאָס צווישן דער יִיסראָעלדיקער באַפעלקערונג האָבן די האַנדלונגען פון די פּאַלעסטינער, ווי באַוווּסט, ניט געבראַכט.

„לג״. צו דעם שוין געזאָגטן וועל איך צוגעבן, אַז דעם 25 יולי 1981 איז צווישן דער אָרגאַניזאַציע פון באַפרייַען פּאַלעסטינע און יִיסראָעל, מיט דער הילף פונעם אַמעריקאַנער פאַרמיטלער פ. כאַביב, אונטערגעשריבן געוואָרן אַ פאַרשטענדיקונג וועגן אָפּשטעלן דאָס פייַער. די פּאַלעסטינער האָבן זי אויסגעפילט, ווי ס׳האָבן אָנערקענט אויך די יִיסראָעלים. דער פּראָפעסאָר אי. פּאַראַט, אַשטייגער, האָט געשריבן אין דער צייַטונג „האַאַרעץ״ (דעם 25 יוני 1982): „איך קלער..., אַז יאַסיר אַראַפאַט האָט געמאַכט אַן אומעגלעכס. ער האָט סקרופּולעז אויסגעפילט די פאַרשטענדיקונג, וועלכע די אָרגאַניזאַציע פון באַפרייַען פּאַלעסטינע האָט געשלאָסן, מיט דער הילף פון די אַמעריקאַנער, מיט יִיסראָעל (וועגן אָפּשטעלן דאָס פייַער), קימאַט אַ גאַנץ יאָר, אויב די אָרגאַניזאַציע פון באַפרייַען פּאַלעסטינע איז לעכאַכילע געווען מאַסקים און האָט דערנאָך פּינקטלעך אויסגעפילט די פאַרשטענדיקונג וועגן אָפּשטעלן דאָס פייַער, הייסט עס, אַז אין דער צוקונפט וואָלט די אָרגאַניזאַציע פון באַפרייַען פּאַלעסטינע אויך מאַסקים געווען אויסצופילן די פאַרפליכטונגען לעגאַבע דער פּאָליטישער אייַנרעגולירונג...״

אַזוי האָבן געהאַנדלט די נאַציסטן

„וו. ק.״ אין פעוראַל, האַיאַר, האָט אין זשענעווע אויף דער זיצונג פון דער קאָמיסיע פון דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע נאַציעס איבער מענטש-רעכט דער פאַרשטייער פון יִיסראָעל אויך געפּרוּווט באַרעכטיקן די אָקופּאַציע פון ליוואַן, ברענגענדיק צוויי טערוצים: אונטער דער יִיסראָעלדיקער אָקופּאַציע לעבט זיך די ליוואַנער קלוימערשט בעסער, איידער פריִער. און די אָקופּאַציע גופע איז קלוימערשט אַרויסגערופן געוואָרן פון דעם זעלבן „טעראָריזם״ פון די פּאַלעסטינער.

די דאָזיקע אַרגומענטאַציע האָבן מיר דערמאָנט די טערוצים פון די נאַציסטן בייַס דער צווייטער וועלט-מילכאָמע. אָקופּירט עסטרייַך, האָבן די היטלעראָווצעס דערקלערט, אַז נאָכן אַנשלוס, דאָס הייסט נאָכן פאַרייניקן עסטרייַך צו דייַטשלאַנד, האָט דאָס עסטרייַכישע פאָלק אָנגעהויבן לעבן בעסער. און דאָרעם-פראַנקרייַך האָט דער ווערמאַכט פאַרנומען אין 1944 אונטער טערוצן, אַז מע דאַרף קלוימערשט קעמפן מיט די טעראָריסטן — מיטן פראַנצויזישן ווידערשטאַנד...

צי זעט עס ניט אויס מאָדנע, וואָס די טערוצים פון די אַגרעסאָרס כאַזערן זיך איבער? ניין, דאָס איז לאָגיש, ווייַל עס כאַזערן זיך איבער די פּרעטענזיעס גופע אויף צו פאַרכאַפּן פרעמדע טעריטאָריעס.

אין העסקעם מיט דער רעזאָליוציע פון דער גענעראַל-אַסאַמבליי פון דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע נאַציעס פון 14 דעקאַבער 1974, נומ. 3314 (XXIX) ווערט אָנערקענט אַלס אַגרעסיע ניט בלויז אַ באַוואָפנטער אָנפאַל אויף אַ פרעמד לאַנד, נאָר אויך די פאָלגנדיקע אָקופּאַציע פון דעם דאָזיקן לאַנד, „וואָס פאַר אַ צייַטווייַליקן כאַראַקטער זי זאָל ניט טראָגן״ (אַרטיקל 3).

דערבייַ שטרייַכט אונטער די רעזאָליוציע, אַז „קיין שום אויסרעכענונגען פון אַ באַליביקן כאַראַקטער, זאָל זייַן פון אַ פּאָליטישן, עקאָנאָמישן, מיליטערישן אָדער פון אַן אַנדערן, קאָנען ניט דינען אַלס באַרעכטיקונג פון אַן אַגרעסיע״ (אַרטיקל 5).

אַן אַגרעסיע, דערונטער אַן אומגעזעצלעכע אָקופּאַציע — דאָס איז אַ צווישנפעלקערלעכער פאַרברעכן. וועגן דעם ווערט אָן צווייטיקייַט געזאָגט אין דער זעלבער רעזאָליוציע פון דער גענעראַל-אַסאַמבליי פון דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע נאַציעס: „אַן אַגרעסיווע מילכאָמע איז אַ פאַרברעכן קעגן דעם צווישנפעלקערלעכן שאָלעם. אַן אַגרעסיע באַדינגט מיט זיך אַ צווישנפעלקערלעכע פאַראַנטוואָרטלעכקייַט״ (אַרטיקל 5).

פאַראַנטוואָרטלעכקייַט פאַר פאַרברעכנס קעגן שאָלעם און מענטשלעכקייַט, פאַר מיליטערישע פאַרברעכנס איז ניט אַבי-וואָס. אין דעם האָבן זיך איבערצייַגט די נאַציסטישע פאַרברעכער (דער טריבונאַל אין נירנבערג) ווי אויך די יאַפּאַנישע מיליטאַריסטן (דער טריבונאַל אין טאָקיאָ). איך האָף, אַז אינגיכן

וועט זיך אין דעם איבערצײַגן אויך דער ליוואַ-
נער הענקער באַרביע. די דאָזיקע פאַראַנט-
וואָרטלעכקייט וועט פריער אָדער שפּעטער
אויסקומען צו טראָגן אויך די אָרגאַניזאַטאָרס
פון דער מילכאָמע אין ליוואַן.

אָקופּאַציע — דאָס איז אַ פאַרברעכן

„לג". אין וואָס באַשטייען איצט די פאַר-
ברעכנס פון ייִסראָעל און פון זײַנע באַוואָפּנ-
טע קרעפטן און וואָס פאַר אַ קאָנקרעטע
נאָרמעס פון צווישנפעלקערלעכער רעכט זײַ-
נען זיי איוועור?

א. סוכאַנאָוו. ס'איז ניטאָ, אַפּאַנעם, קיין
איין נאָרמע, וועלכע עס האָבן ניט געבראָכן
גראָב און אַפילע אַרויסרופעריש די ייִסראָעל-
דיקע אָנפירער און מיליטערלײַט.

ווי ס'איז אונטערגעשטראָכן געוואָרן אויף
דער זיצונג פון דער אויספאָרשונגס-קאָמיסיע,
האָבן פילצאָליקע פאַקטן, וועלכע ס'האָבן גע-
בראַכט די איידעס, אויסשפּעלעך באַוויזן, אַז
די ייִסראָעלדיקע אָקופּאַציאָנעלע מאַכט-
אָרגאַנען רופן אַרויס און פּראָוואָצירן גוואַלד-
טאַט, צווישנרײַבונגען און פּאַרטיפּערונג פון
דער סינע און פון די קאָנפליקטן צווישן פאַר-
שיידענע גרופּעס פון דער באַפעלקערונג
(אײַנגעשלאָסן אַ בעקיוונדיקע אָרגאַניזאַציע
פון פיזישער פאַרניכטונג אין די לאַגערן פון
פּאַלעסטינער פּלייטים), זיי שטיצן די אַרויס-
טרעטונגען פון די רעכטע עקסטרעמיסטן
(„ליוואַנער קרעפטן"), וועלכע פּראָוואָצירן צו-
נויפשטויסן צווישן די מוסולמענער און די
קריסטן-מאַראָניטן.

„לג". ס'איז דאָ אָפן אָרט צו שטעלן די
פראַגע: צי איז געווען ייִסראָעל אַן אָקופּאַנט
פונקט אין יענער צײַט, ווען אין סאַברא און
אין שאַטילאַ איז געגאַנגען די שכיטע? מײַן
פראַגע איז אַנטשטאַנען אין צוזאַמענהאַנג
מיט דעם, וואָס אונטערן דרוק פון דער
ייִסראָעלדיקער געזעלשאַפטלעכקייט און פון
דער געזעלשאַפטלעכקייט פון דער וועלט,
ביפראַט, אין רעזולטאַט פון דער מעכטיקער
פאַר דער גאַנצער געשיכטע פון ייִסראָעל
400-טויזנטקעפּיקער אַנטימילכאָמע-דעמאָנ-
סטראַציע, וועלכע איז פאָרגעקומען דעם
28 סענטיאַבער 1982 אין טעל-אָוויוו, איז
געשאַפן געוואָרן אַ קאָמיסיע אויף אויסצו-
פאָרשן די מאַסן-האַריגעס אין אָט די פּאַ-
לעסטינער לאַגערן. בעראָש פון איר איז
געשטאַנען דער פאָרזיצער פונעם אויבער-
געריכט פון ייִסראָעל קאַהאַן.

קאַהאַנס קאָמיסיע האָט אין איר שלוס-
באַריכט אָנגעוויזן, אַז אין יענע טעג איז
קלוימערשט ניט געווען קלאָר, צי איז די
ייִסראָעלדיקע אַרמיי אַרויסגעטראָטן אין דער
ראָליע פון אַן אָקופּאַנט אינעם מאָמענט פון
פאַרכאַפּן מײַרעוו-ביירוט, ווו עס געפינען זיך
די לאַגערן.

א. ס. ווען דעם 15 סענטיאַבער גאַנצ-
פרי, ווי ס'האָבן באַוויזן די איידעס בײַס דער
זיצונג פון דער צווישנפעלקערלעכער אויס-
פאָרשונגס-קאָמיסיע אין זשענעווע, איז די
ייִסראָעלדיקע אַרמיי אַרײַנגעגאַנגען און האָט
צו האַלב טאָג אין דעם זעלבן טאָג פאַרכאַפּט
מײַרעוו-ביירוט, איז זי געוואָרן אַן אָקופּאַנט.
מיט אַלע פאָלגן פון דעם דאָזיקן געשעענעם
פאַקט! די טיילן פון דער ייִסראָעלדיקער
אַרמיי, ווי ס'איז צו זען פון די גוויִעס-
איידעס, האָבן אַרומגערינגלט די לאַגערן
סאַברא און שאַטילאַ. און אויב די פּאַלעסטי-
נער אין די דאָזיקע לאַגערן — די פרויען,
קינדער, זקיינים, אומבאַוואָפנטע מענטשן —
זײַנען מערדעריש דערהאַרגעט געוואָרן מיצאַד
ספּעציעל צוגעגרייטע אָטריאַדן, איז שוין
דערוויזן געוואָרן, אַז די דאָזיקע אָטריאַדן
זײַנען געבראַכט געוואָרן צום אָרט, ווו עס
זײַנען באַגאַנגען געוואָרן די פאַרברעכנס,
מיצאַד דעם ייִסראָעלדיקן מיליטער-פּערסאָ-
נאַל.

„לג". נאָך איין פראַגע: צי זײַנען די
אײַנוווינער פון די לאַגערן סאַברא און שאַ-
טילאַ געווען ציווילע פּערזאָנען?

א. ב. יאָ.

„לג". ס'האָט, ווײַזט אויס, אַ זין צו ווענדן
די אויפמערקזאַמקייט אָט אויף וואָס. קיין שום
אָרגאַניזירטע אָדער אַנדערע קריגס-אָפּעראַ-
ציִעס קעגן דעם ייִסראָעלדיקן מיליטער, וואָס
איז אַרײַנגעטראָטן אין מײַרעוו-ביירוט דעם
15 סענטיאַבער, האָבן די פּאַלעסטינער ניט
געפירט. זיי האָבן ערלעך זיך געהאַלטן בא
דער פאַרשטענדיקונג וועגן פאַרלאָזן די לי-
וואַנער הויפּטשטאָט. די ייִסראָעלדיקע אַרמיי
אָבער, פּינקטלעכער — איר קאָמאַנדשאַפט:
דער שוץ-מיניסטער שאַראָן, דער שעף פו-
נעם גענעראַל-שטאַב אייטאַן, די גענעראַלן
דראַרי, יאַראָן און אַנדערע — האָבן אַלץ
געטאָן, קעדיי צוגרייטן דעם מאַסן-
מאָרד אין סאַברא און שאַטילאַ. זיי האָבן
דאָך געוווּסט, אַז די האַנדלונגען פון יענע,
וועלכע האָבן געהאַרגעט, וועלן זײַן געריכ-
טעט קעגן דער אומבאַשיצטער ציווילער
באַפעלקערונג.

וו. ק. די האַנדלונגען פון די אָנגערופּע-
נע מיליטער-אָנפירער פון ייִסראָעל זײַנען
געפערלעכע ברעכונגען פון די זשענעווער
קאָנווענצן און פונעם פּראָטאָקאָל פון 1977
(טייל 1), וועלכער איז אַ צוגאָב צו דער

קאָנווענץ. דאָ גייט א רייד וועגן א צווייפּאַכער שולד פון יִשׂראל — סײַ אַלס אַן אַקופּירנדיקן צאַד, סײַ אַלס א דירעקטן אַנטיילנעמער (איך האָב אין זינען די יִשׂראלדיקע מיניסטאָרן און גענעראַלן) אין צוגרייטן די האריגעס אין סאברא און שאטילא.

ווער האָט ניט געוואָלט דערהערן די ווייגעשרייען וועגן הילף?

„לג״. דער צווישנפעלקערלעכער אויספאָרשונגס-קאָמיסיע זײַנען פון די גויִעס-אײדעס אין זשענעווע באַוווּסט געוואָרן פאַקטן, אַז ווי נאָר די אַטריאַדן פון די מערדער זײַנען אַרײַנגעקומען אין די לאַגערן סאברא און שאטילא, האָבן סײַ די יִשׂראלדיקע סאָלדאַטן און אָפיצערן, סײַ די גענעראַלן (לעמאָשל, דער בריגאַדיר אַמאָס יאַראָן!) באַקומען סיגנאַלן, אַז אין די לאַגערן האָט זיך אָנגעהויבן אַן עמעסע שכיטע און אַלס אירע קאָרבאָנעס זײַנען שוין געוואָרן פרויען, קינדער און זקיינים, אומבאַוואָפנטע מענטשן. וויאַזוי קוואַליפיצירן די יוריסטן די דאָזיקע אָביעקטיווע פאַקטן, וועלכע קאַהאַנס קאָמיסיע, אַגעוו, האָט ניט אָפּגעלייקנט?

ו. ק. אין געגעבענעם פאַל גייט נאָכאַמאָל א רייד וועגן געפערלעכע ברעכונגען פון דער זשענעווער קאָנווענץ פונעם 1949 (IV) און פונעם פּראָטאָקאָל פון דעם יאָר 1977 (טייל 1).

„לג״. וויאַזוי שאַצן אָפּ די יוריסטן דעם שלוס-באַריכט פון קאַהאַנס קאָמיסיע וועגן דער אויספאָרשונג פון די מאַסן-מאָרדן אין סאברא און שאטילא? כ׳וועל דערמאָנען, אַז ער האָט זיך באַוויזן דעם 7 פעברואַר ד. י. און איז באַגעגנט געוואָרן אויף א צווייענדיקן אופן. אפן מיִרעוו האָט מען, לעמאָשל, געטײַנעט, אַז דער דאָזיקער דאָקומענט איז שיר ניט א „לימעד פון דעמאָקראַטיע״. אין פשא איז מען פון דעם באַריכט אַרײַנגעפאַלן אין היספּײַלעס.

ו. ק. ערשטנס, וויל איך אונטערשטרײַכן, אַז קאַהאַנס קאָמיסיע איז געשאַפן געוואָרן טראָץ דעם ווילן פון בעגינען און פון אַנדערע „קעמפער פאַר דעמאָקראַטיע״ אין יִשׂראל. צווייטנס, איז זי א רעגירונגס-קאָמיסיע, וואָס עס האָט בווילעט זיך אָפּגעשפּיגלט אויף איר אַרבעט. און אויב אייניקע פאַקטן, וועלכע ווערן געבראַכט אין איר באַריכט, וואַרפן א שײַן אויף דער שכיטע אין סאברא און שאטילא, זײַנען אירע אויספירן, ווי מע דריקט זיך אויס, „אוועקגעשטעלט אויף א טאָרמאָז״.

די טאָרמאָזן פון דער יִשׂראלדיקער פעמידע

„לג״. מיר דוכט זיך, אַז עס האָט א זין צו מאַכן אויפמערקזאַם אויף דעם, אַז אייניקע פאָרמולירונגען פון קאַהאַנס קאָמיסיע זײַנען אויסערלעך פינקטלעכע און אפילו גאַנץ שטרענגע. באַזונדערס די, וועלכע קאָנסטאַטירן די פאַראַנטוואָרטלעכקײַט. אין א ריי מאָמענטן פאַלן זיי צונויף מיט די פאָרמולירונגען פון די באַשולדיקונגס-אויספירן אין דער דאָסיע וועגן די שטרענג פאַרורטיילטע יאַפּאַנישע הויפּט-קריגספאַרברעכער, לעמאָשל, פונעם גענעראַל יאַמאַסיטאַ און פון טאָגאָ, וועלכע זײַנען פאַרמישפּעט געוואָרן צו טויט-שטראָף. וואָס זשע האָט פאַרגעלייגט קאַהאַנס קאָמיסיע אין אירע אויספירן?

דער ווערדיקט — שולדיק!

פּרעמיער-מיניסטער פון יִשׂראל בעגין, געוועזענער שוץ-מיניסטער שאַראָן.

זיי האָבן אָפּגעגעבן א באַפעל וועגן דער מילכאָמע קעגן ליוואַן. זיי זײַנען שולדיק אין דער בעקיוונדיקער פאַרניכטונג פון פיל טויזנטער אומבאַוואָפנטע ליוואַנער בירגער אין פאַלעסטינער. זיי טראָגן א דירעקטע און פולע פאַראַנטוואָרטלעכקײַט פאַר דער שכיטע אין די לאַגערן פון די פאַלעסטינער פליטים סאברא און שאטילא. צוזאַמען מיט זיי טראָגן די פאַראַנטוואָרטלעכקײַט פאַרן גענאָציד אין ליוואַן אַלע יִשׂראלדיקע פּאָליטיקער און מיליטערלײַט, וועלכע זײַנען באַגאַנגען ווילדע פאַרברעכנס קעגן דעם ליוואַנער און פאַלעסטינער פעלקער. אַלע דאַרפן זיי באַשטראָפט ווערן אַלס קריגס-פאַרברעכער!

ו. ק. די יִשׂראלדיקע קריגס-פאַרברעכער זײַנען אָפּגעקומען מיט... דעמיסיע, דאָס הייסט מיט לײַכטער שרעק. דעם יִשׂראלדיקן פּרעמיער-מיניסטער בעגינען האָט מען פּראַקטיש ביכלאַל אַרויסגעפירט פון אונטער דער

פאַראַנטוואָרטלעכקייט. דערבײַ אונטערן לעכערלעכן טערעץ, אַז דער פּרעמיער-מיניסטער פון ייִשׂראָעל, וועלכער האָט געגעבן די האַסקאָמע אַף צו פאַרכאַפּן מײַרעוו-ביירוט נאָך דעם 14 סעפּטעמבער און איז געווען אינפאָרמירט וועגן שאַראָנס פּלענער בענעגייע די פּאַלעסטינער און ער האָט סאַנקציאָנירט „דעם גײַרעש פון די פּאַלעסטינער פון ליוואַן קיין סיריע און יאַרדאַניע", — האָט קלוימערשט זיך דערוווּסט וועגן דער שכיטע אין סאַבראַ און שאַטילאַ בלויז דעם 18 סעפּטעמבער 5 אַזייגער פאַרנאַכט... דאָס הייסט, ווען אַלץ איז שוין געווען פאַרענדיקט!

„לג". און אַזאַ באַהויפּטונג האָט געשפּילט די ראָליע פון „אומגעבונגען, וועלכע פאַרווייכערן די שולד"! האַגאַם אין דעם באַריכט פון קאַהאַנס קאָמיסיע איז פאַרפיקסירט, אַז גראָד סאַמע אין יענע מינוטן, ווען די מערדערישע באַנדעס, אויסגעשולטע אונטער דער אָנפירונג פון די ייִשׂראָעלדיקע גענעראַלן, געבראַכטע אַף ייִשׂראָעלדיקע מיליטערישע פראַכט-מאַשינעס און גרייטע צו האַנדלען לויטן ייִשׂראָעלדיקן סצענאַרי, — האָבן גענומען אַרײַנגיין אין די לאַגערן, האָט זיך אָנגעהויבן די זיצונג פון דער רעגירונג פון ייִשׂראָעל. אין גאַנג פון דער זיצונג האָט בעגין ניט דערווידערט קעגן דעם, אַז די „ליוואַנער קויכעס" זאָלן אַרײַנטרעטן אין די לאַגערן, כאָטש מע האָט אים געוואָרנט וועגן דער געפאַר פון א שכיטע. פאַרוואָס? דער פּרעמיער-מיניסטער האָט געוויס געוווּסט וועגן שאַראָנס פאַרברעכערישן פאַרטראַכט — דורכפירן א שכיטע אין סאַבראַ און שאַטילאַ.

בעגין האָט, אַזויאַרום, געוווּסט! ער האָט געוווּסט וועגן דער מעגלעכקייט פון א מאַסן-מאָרד אין די לאַגערן סאַבראַ און שאַטילאַ, ווי אויך וועגן דעם גענאָציד קעגן דעם ליוואַנער און פּאַלעסטינער פעלקער! און ער האָט גאָרנישט ניט געטאָן, קעדיי אויסצומײַדן אָט די שווערסטע פאַרברעכנס.

וו. ק. דאָס „אָוועקשטעלן אַף א טאָרמאָז" אַלץ וואָס עס האָט א שײַכעס צו דער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון די ייִשׂראָעלדיקע קריגס-פאַרברעכער, וועט זיי ניט ראַטעווען פון דער מאָראַלישער און יורידישער פאַראַנטוואָרטלעכקייט אין דער צוקונפט: די נאָרמעס פון צווישנפעלקערלעכער רעכט, די געזעצן פון פירן א מילכאָמע דאַרפן אָפּגעהיט ווערן! דאָס רעכט פון די פעלקער דאַרף נעמען די אויבערהאַנט!

„לג". די ייִשׂראָעלים באַרעכטיקן דאָס באַגיין זיך אַכזאָריעסדיק מיט דער פרידלעכער באַפעלקערונג, פאַרופנדיק זיך אַף עפּעס „קעגנמיטלען" פון „פאַרטיידיקונג" קעגן די האַנדלונגען פון די „טעראָריסטן", ווי זיי רופן די שלאַכטלײַט, וועלכע שטעלן א ווידערשטאַנד דער ייִשׂראָעלדיקער אַגרעסיע. צי איז געזעצמעסיק אַזאַ מין אַרגומענטאַציע?

א. ס. די ציִעניסטישע רעדלפירער פון ייִשׂראָעל ווילן ניט אָנערקענען ליוואַן, ווי אויך דאָס קעמפערישע פּאַלעסטינער פאָלק, אַלס קריגס-צאַד אינעם קאָנפליקט. אַזוי איז פאַר זיי פּאַשעטער צו אינטערפּרעטירן די נאָרמעס פון דער צווישנפעלקערלעכער געזעצלעכקייט און, פאַרשטייט זיך, כאָטש ווי-ניט-איז זיך באַרעכטיקן פאַר דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג... פונעם שטאַנדפּונקט פון רעכט איז דער ווידערשטאַנד פון די ליוואַנער און פּאַלעסטינער נאַטירלעך און געזעצלעך, ער שטעלט מיט זיך פאָר א געצוווּנגענע רעאַקציע אַף דער אומופהערלעכער עסקאַלאַציע פון די ייִשׂראָעלדיקע פּלענער פון פאַרכאַפּן אַראַבישע טעריטאָריעס און פונעם גענאָציד בענעגייע די פּאַלעסטינער.

ייִשׂראָעל זאָגט זיך אָפּ צו געבן די פּאַלעסטינער שלאַכטלײַט דעם סטאַטוס פון קריגסגעפאַנגענע מיט אַלע פאָלגן, וועלכע דרינגען פון דעם אַרויס. אָבער אַזאַ מין אָפּזאָג איז ניט בלויז אַנטיהומאַניש, נאָר ער איז דירעקט אויוועך:

— אַף די רעזאָלוציעס פון דער גענעראַל-אַסאַמבליי פון די פאַראייניקטע נאַציעס, וועלכע פאָדערן צו געבן אַזאַ סטאַטוס די שלאַכטלײַט פאַר פרײַהײַט, וועלכע קעמפן קעגן אויסלענדישער אָקופּאַציע, פאַר פאַרווירקלעכן זייער רעכט אַף זעלבסטבאַשטעטיקונג, וואָס עס געהער זיך אָן דירעקט צו די פּאַלעסטינער שלאַכטלײַט (לעמאָשל, די רעזאָלוציע 3103 (XXVIII) פונעם 12 דעקאַבער 1973, ווי אויך דעם אויבנאָנגעוויזענעם (צוגאָבלעכן) פּראָטאָקאָל פונעם 1977 (אַרטיקל 1, פּאַראַגראַף 4);

— אַף דער דריטער זשענעווער קאָנווענץ פונעם 12 אויגוסט 1949 בענעגייע דער באַציִונג צו די קריגסגעפאַנגענע. אַגעוו, איז זי אָבליגאַטאָריש פאַר ייִשׂראָעל, וועלכער האָט זי אָנערקענט נאָך דעם 6 יון 1951. דאָס אַרטיקל 4 זעט פאָר די אָנערקענונג פונעם סטאַטוס פון קריגסגעפאַנגענע פאַר די פּאַלעסטינער סײַ אַלס אָנטיילנעמער פון א מאַסן-אופשטאַנד, סײַ אַלס שלאַכטלײַט פון רעגולערע באַוואָפנטע קרעפטן, וועלכע געהערן צו מאַכט-אָרגאַנען, וואָס די מעלוכע, וועלכע האָט גענומען אין געפאַנגענשאַפט, אָנערקענט זיי ניט, אָדער, ענדלעך, אַלס שלאַכטלײַט פון באַוואָפנטע קרעפטן פון איינעם פון די קאָנפליקטירנדיקע צדאָרים —

אין געגעבענעם פאַל פון ליוואַן. די פּאַלעסטינער פּאַרטיידיקן דאָך ניט בלויז זיך אַליין, נאָר די גאַנצקייט פון דער ליוואַנער טעריטאָריע.

די אַכזאַריעסדיקע באַציִונג צו די פּאַלעסטינער — צו די שלאַכטלײַט און צו די ציווילע פּערזאָנען, אַרײַנגעפּאַלענע אין די הענט פון די ייִסראַעלדיקע קרעפטן (דאָס האָבן באַשטעטיקט די איידעס, וועלכע זײַנען אַרויסגעטראָטן פאַר דער צווישנפעלקערלעכער קאָמיסיע), איז אַן אומבאַשטרײַטבארער פאַקט פון ברעכן די יעסוידעסדיקע פונקטן פון די אָנגעוויזענע אויבן 3 און 4 זשענעווער קאָנווענצן. די דאָזיקע קאָנווענצן פאָדערן אין אַ באַליביקער צײַט און באַ אַלע אומגעבונגען הומאַניש זיך באַציִען צו די שלאַכטלײַט און צו די ציווילע פּערזאָנען און פאַרווערן, נעמלעך, אָנצווענדן בענעגייע זיי פּײַניקונגען, גוואַלדטאַט, איבערשרעק, קאָלעקטיווע שטראָף-מיטלען און דגל.

„לג". אין וואַשינגטאָן באַהויפּטעט מען, אַז די אַמעריקאַנער סאָלדאַטן אין די פּילנאַציאָנאַלע קרעפטן פּאַרטיידיקן די ליוואַנער און טראָגן שאָלעם און סוווערעניטעט פאַר ליוואַן...

א. ס. פּשאַ איז ייִסראַעלס אַ מיטאָנטייל-נעמער אין אָט דעם דוירנדיקן פאַרברעכן, אַ מיטאָנטיילנעמער אין די קאָנקרעטע אַקציִעס פון די באַוואָפנטע קרעפטן פון ייִסראַעל.

ווי ס'איז אָנשוילעך דערוויזן געוואָרן אין דער קאָמיסיע פאַר מענטשן-רעכט פון דער אָרגאַניזאַציִע פון די פאַראייניקטע נאַציִעס, וואָלט ייִסראַעל פּאַשעט ניט געקאָנט אָנהייבן דעם נײַעם עטאַפּ פון זײַן אַגרעסיע קעגן די אַראַבישע פעלקער, ווען ניט די דירעקטע שטיצע פון פּשאַ. ס'איז באַוווּסט, אַז פּשאַ האָבן גאַראַנטירט די זיכערקײַט סײַ פון דער פרידלעכער באַפעלקערונג אין מיִרעוו-ביירוט, סײַ די פּאַלעסטינער פּליטים. רייגאַנס אַדמיניסטראַציִע, אין נאָמען פון וועלכער עס זײַנען געגעבן געוואָרן די דאָזיקע „גאַראַנטיעס", האָט גאָרנישט ניט געטאָן אויף פאַרווירקלעכן זיי. אין סאַכאַקל האָבן די אַמעריקאַנער גאַראַנטיעס ניט אויסגעמיטן, נאָר מיטגעהאָלפן דורכפירן די שכיטע אין סאַברא און שאַטילא.

א. ב. איצט איז שוין קלאָר, אַז די אָנוועזנהײַט פון די באַוואָפנטע קאָנטינגענטן פון פּשאַ אינעם באַשטאַנד פון די פּילנאַציאָנאַלע קרעפטן ווערט אויסגענוצט מיצאַד ייִסראַעל צוליב פאַרזעצן די אָקופּאַציִע און צוויִיגענען די ליוואַנער טעריטאָריעס, וועלכע ער האָט פאַרכאַפּט.

ווער וועט באַקומען די שטראָף?

די מיינונג פון אַן אַמעריקאַנער יוריסט און פון אַ ייִסראַעלדיקן יוריסט

ווער און ווי.אַזוי וועט פאַר די ייִסראַעלדיקע פאַרברעכנס קעגן דעם ליוואַנער און פּאַלעסטינער פעלקער באַקומען די שטראָף? — אָט די פראַגע באַאומרויִקט מיליאָנען מענטשן. אין פאַרשיידענע לענדער, אויף אַלע קאָנטינענטן. צי זײַנען מעגלעך צווישנפעלקערלעכע סאַנקציִעס קעגן די ייִסראַעלדיקע קריגס-פאַרברעכער, נעמלעך — פאַר אָרגאַניזירן און דורכפירן די שכיטע אין די פּאַלעסטינער לאַגערן סאַברא און שאַטילאַ? די דאָזיקע צוויי פראַגעס האָט די „ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ" פאַרגעבן נאָך אין זשענעווע דעם אַמעריקאַנער יוריסט פ. לעמבן און דעם ייִסראַעלדיקן יוריסט א. פעלדמאַנען, וועלכע זײַנען אַרויסגעטראָטן דאָרט אין דער צווישנפעלקערלעכער אויספאָרשונגס-קאָמיסיע. דער לעצטער איז, אַגעוו, באַוווּסט מיט זײַנע אַרויסטרעטונגען אין די געריכט-אינסטאַנצן פון ייִסראַעל אַלס פאַרטיידיקער פון יענע ייִסראַעלדיקע סאָלדאַטן און אָפיצערן, וועלכע האָבן זיך אַנטשיידן אָפּגעזאָגט צו אָנטיילנעמען אין דער מילכאָמע אין ליוואַן.

ביידע זײַנען געווען אייניק אין דער מיינונג, אַז ייִסראַעל, וועלכער זעצט פאָר צו אָקופּירן די טעריטאָריע פון ליוואַן, פּונקט ווי זײַנע פּאָליטישע און מיליטערישע פירער און די אויספירער פון זייערע באַפעלן — די גענעראַלן, אָפיצערן און סאָלדאַטן, — זײַנען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די מיליטערישע פאַרברעכנס, וועלכע זיי באַגייען.

פ. לעמב איז טיף איבערצײַגט, אַז די ייִסראַעלדיקע אָנפירער — אַזעלכע, ווי בעגין, דער געוועזענער שוץ-מיניסטער שאַראָן, דער אויסערן-מיניסטער שאַמיר, דער שעף פונעם גענעראַל-שטאַב אייטאַן, אַנדערע מיליטערלײַט, וועלכע האָבן קאָמאַנדעוועט מיט די מיליטער-טיילן אין ליוואַן, דאַרפן געשטעלט ווערן צום געריכט און באַשטראָפט ווערן ווי קריגס-פאַרברעכער, וועלכע האָבן „געפערלעך געבראָכן" די זשענעווער קאָנווענצן.

א. פעלדמאַן האַלט, אַז ייִסראַעל, וועלכער האָט געכאַסמעט די זשענעווער קאָנווענצן, איז מעכוייעוו זיי אויסצופילן אין אַלע אַספּעקטן. אויסער דעם, דאַרף מען ניט פאַרגעסן, אַז צוליב פאַנאַנדערקוקן די קריגס-

פאַרברעכנס פון א לאַנד, וואָס האָט געכאַסמעט די זשענעווער קאָנווענצן, מעגן אויסגענוצט ווערן אויך די נאַציאָנאַלע געריכטן.

פ. לעמב האָט צוגעגעבן: סאַנקציעס זײַנען מעגלעך אויך אין יענעם פאַל, אויב זיי וועלן פאַרווירקלעכט ווערן דורך דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע נאַציעס. עס קאָן געשאַפן ווערן א ספּעציעלער צווישנפעלקערלעכער טריבונאַל אף אויסצופאָרשן די ייִסראָעלדיקע פאַרברעכנס, באַזונדערס יענע, וועלכע זײַנען באַגאַנגען געוואָרן בײַס דער שכיטע אין סאַבראַ און שאַטילאַ, און אף צו באַשטראָפן די שולדיקע.

א. ב. נאַרוואָס איז דערשינען א בוך, וואָס בלויז זײַן נאָמען איז ווי געווענדט צו יענע, וועלכע פּרוּוון הײַנט באַנײַען די פּראַקטיק פונעם נאַציזם — איך האָב אין זינען די דריטע (צום באַדויערן נאָכן טויט) אויפלאַגע פון א. אי. פּאָלטאָראַקס „נירנבערגער עפּילאָג”. אינעם נאָכוואָרט צו אָט דעם בוך, וועלכן ס'האָט אָנגעשריבן דער פּאַרזיצער פונעם אויבער-געריכט פון פססר ל. נ. סמירנאָוו, ווערט געזאָגט: דער ראַסיסטישער טאָך פון דער אידעאָלאָגיע פונעם ציוניזם מאַכט אים קרויוויש מיטן נאַציזם: די ייִסראָעלדיקע רעאַקציאָנערן האָבן זיך אוועקגעשטעלט אין איין ריי מיט די היטלעראָוצעס. דאָס איז זייער אַן אויטאָריטעטע מיינונג — לעוו ניקאָלײַעוויטש סמירנאָוו איז דאָך געווען דער געהילף פונעם הויפּט-באַשולדיקער אפן נירנבערגער פּראָצעס.

מיט וועמען איז
די געזעלשאַפטלעכקײַט
פון דער וועלט?

„לג”. אין גאַנג פון דער „סאַמע לאַנגער מילכאָמע” פון ייִסראָעל אין ליוואַן, איז, צום כידעש פון בעגינען און פון אַנדערע ייִראָעלדיקע פּאָליטישע און מיליטערישע לידערס, פּאַרגעקומען עפּעס אַזוינס, וואָס עס וואַרפט אָן אף זיי ביז איצט א געדריקטע שטימונג. איך האָב אין זינען די באַלויכטונג פונעם גאַנג פון דער מילכאָמע, ווי אויך פון דער שכיטע אין סאַבראַ און שאַטילאַ, דאָס באַווײַזן די רויִנירונג פון ליוואַן און פון די פּאַלעסטינער לאַגערן אין דער פּרעסע. דאָס האָט אָפּגעשפּיגלט אין לעצטן פאַל די שטימונג פון דער געזעלשאַפטלעכקײַט פון דער וועלט. רעפּאָרטאַזשן און אַרטיקלען-אויספאָרשונגען אין די גרעסטע און ווירקזאַמע צײַטונגען, פילמען אין דער טעלעוויזיע און אפן ברייטן עקראַן — דאָס אַלץ האָט זיך אַרופגעוואָרפן אף זיי ווי א לאַווינע פון דאָקומענטאַלע באַשולדיקונגען. דאָס זײַנען וויכטיקע גוויִעס-איידעס, און זיי זײַנען אָפּגעגעבן געוואָרן אין רעשוס פון די מיטגלידער פון דער צווישנפעלקערלעכער אויספאָרשונגס-קאָמיסיע. איך וויל בעטן דעם זשורנאַליסט פאַריד סייפול-מוליוקאָוון אַרויסזאָגן מיקייעך דעם זײַן מיינונג.

פ. סייפול-מוליוקאָוו. מיר איז אויסגעקומען צוזאַמען מיט אַנדערע סאָוועטישע זשורנאַליסטן און טעלע-אָפּעראַטאָרס צו אַרבעטן אין ליוואַן בײַס דער ייִסראָעלדיקער אינוואַזיע און זײַן אין די אָקופּירטע מיצאַד ייִסראָעל ליוואַנער שטעט סײַדאַ, נאַבאַטיִא, טיר, ווי אויך אין די לאַגערן פון די פּאַלעסטינער פּלייטים, פון וועלכע די אָקופּאַנטן האָבן בוכשטעבלעך געמאַכט אַש און פּאָרעך.

לויט די שפּורן פון די טעלע-רעפּאָרטאַזשן פון די ערטער, ווו עס זײַנען פּאָרגעקומען די געשעענישן, האָט דאָ ניט לאַנג צוריק די צענטראַלע טעלעוויזיע אַרויסגעלאָזט א דאָקומענטאַלן פילם „ליוואַן אין פײַער”, וועלכער איז באַוויזן געוואָרן אויך אף דער זיצונג פון דער צווישנפעלקערלעכער קאָמיסיע אין זשענעווע אַלס איידעס-דאָקומענט.

מע דאַרף זאָגן, אַז די קינאָ- און טעלע-זשורנאַליסטן פון פאַרשיידענע לענדער, אומאָפּהענגיק פון זייערע שטאַנדפּונקטן אין פּאָליטישע פּאָזיציעס, האָבן געשאַפן וועגן דעם ייִסראָעלדיקן גענאָציד אין ליוואַן קינאָסטענגעס פון א שרעקלעכער, שלאָגנדיקער קראַפט. אף די אָנטיילנעמער פון דער זשענעווער באַגעגעניש און, אַפּאָנעם, אף מיליאָנען צושויער האָבן געמאַכט אַן אומפאַרגעסלעכן אײַנדרוק די דאָקומענטאַלע פילמען פונעם יאַפּאָנישן קינאָ-אָפּעראַטאָר כיראָקאַוואַ און פון דער אַמעריקאַנער טעלעקאָמפּאַניע איי-בי-סי וועגן דער שכיטע אין סאַבראַ און שאַטילאַ, ווי אויך דער פילם פון די פּאַלעסטינער קינאָ-אָפּעראַטאָרס וועגן דער אינוואַזיע פון ייִסראָעל אין ליוואַן.

אף די עקראַנען פון דער וועלט זײַנען באַוויזן געוואָרן שוידערלעכע קאַדרען פון מאַסירטע באָמבאַרדירונגען, וועלכע ס'האָט דורכגעפירט די ייִסראָעלדיקע אַוויִאַציע פון אַמעריקאַנער פּראָדוקציע אף די וווינונגס-קוואַרטאַלן פון ביירוט, סײַדאַ, טיר, נאַבאַטיִא, אף די לאַגערן פון די פּאַלעסטינער פּלייטים. פונעם עקראַן האָבן אף מיליאָנען צושויער אין א סאַך לענדער געקוקט ליוואַנער און פּאַלעסטינער קינדער און פרויען, אָפּגעברענ-

טע דורך פאָספאָר-סנאַריאַדן. מענטשן האָבן געזען, ווי עס פאַלן אייַן פילשטאָקיקע הייַזער אין ביירוט אונטער די וואַקוום- און קאַסעטע-באָמבעס, ווי עס קומען אום טויזנטער אומשולדיקע ליוואַנער און פאַלעסטינער.

ניט אומזיסט האָט בעגין זיך געקלאָגט בייס זייַן וויזיט אין וואַשינגטאָן אין יון 1982 אַף די אַמעריקאַנער און אַף אַנדערע מייַרעוודיקע זשורנאַליסטן. זיי באַלויכטן, זעט איר, ניט אָביעקטיוו דעם גאַנג פון די מיליטערישע אָפּעראַציעס אין ליוואַן, באַווייַזן די קאָרבאָנעס צווישן די ליוואַנער און פאַלעסטינער און טיילן גאָרנישט ניט מיט וועגן דער „הומאַנישער" ראָליע פון דער ייִסראָעלדיקער אַרמיי. אַפּאָנעם, נעקאָמע נעמענדיק פאַר דעם, האָט די ייִסראָעלדיקע אַוויאַציע „גאַנץ צופעליק" אַראָפּגעוואָרפן באָמבעס אַפן ביירוטער האָטעל „קאָמאָדאָר", וווּ עס האָבן בייס דער מילכאָמע געוווינט אויסלענדישע זשורנאַליסטן און טעלעאָפּעראַטאָרס...

די מיטגלידער פון דער צווישנפעלקערלעכער אויספאָרשונגס-קאָמיסיע האָבן באַשטעטיקט די פאַראַנטוואָרטלעכקייַט און די שולד פאַרן גענאָציד, וואָס ייִסראָעל האָט פאַרווירקלעכט אין ליוואַן. זיי האָבן קאָנסטאַטירט, אַז די ייִסראָעלדיקע אַרמיי, וועלכע איז באַגאַנגען אַן אַגרעסיע קעגן אָט דעם לאַנד, האָט געפירט און זעצט פאָר צו פירן אַף דער ליוואַנישער ערד אַ מילכאָמע קעגן דער אומבאַוואָפנטער ציווילער באַפעלקערונג, און די ייִסראָעלדיקע פאָליטיקער און מיליטערלייַט (זיי זייַנען אָנגערופן בא די נעמען אין די מאַטעריאַלן פון דער קאָמיסיע) זייַנען באַגאַנגען פילצאָליקע קריגס-פאַרברעכנס קעגן דער מענטשהייַט, אומנוצנדיק אין ליוואַן געווער פון מאַסן-פאַרניכטונג פון מענטשן. די שולדיקע דאַרפן באַשטראָפט ווערן!

די אויספאָרשונג פון די ייִסראָעלדיקע פאַרברעכנס קעגן דעם ליוואַנער און פאַלעסטינער פעלקער איז הייַנט געוואָרן אַ טייל פונעם קאַמף פאַר אַן אַלזייַטיקער אייַנרעגולירונג פונעם קריזיס אַפן נאָענטן מיזרעך, פאַר אַ גערעכטער לייזונג פון דער פאַלעסטינער פּראָבלעם. ייִסראָעל דאַרף לעבן אין שאָלעם מיט זייַנע אַראַבישע שכיינים!

די צווישנפעלקערלעכע קאָמיסיע זעצט פאָר די אויספאָרשונג.

(„ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ", 20 אַפּרעל 1983)

אינפאָרמאַציע פאַר די ליבהאָבער פונעם ייִדישן בוך

א קאָלעקטיווע זאַמלונג

עס געפינט זיך אין דרוק און וועט דערשייַנען אין סאָף 1983 אַ גרויסע זאַמלונג פון סאָוועטישע ייִדישע שרייַבער „פּראָבלעמען פון דער צייַט", וואָס באַשטייט פון 35 דאָקומענטאַלע פאַרצייכענונגען וועגן דעם לעבן פון די ייִדן אין סאָוועטנפאַרבאַנד. די אויסגאַבע איליוסטרירט און ווערט באַגלייט מיט קורצע ביאָגראַפישע ידיעות וועגן די מעכאַברים.

„ביראָבידזשאַן — אַ קאַנט אַ ווייַטער און נאָענטער"

אַזוי וועט הייסן די יובילייאויסגאַבע פון ווערק פון סאָוועטישע ייִדישע שרייַבער, געווידמעט דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט. זיי זייַנען געשריבן אין פאַרשיידענע יאָרן, אָנהייבנדיק פון דער אַנטשטייונג פון ביראָבידזשאַן.

דער בוך וועט דערשייַנען זומער 1984, צום יאָרטאָג פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט.

לידער פון ייִדישע דיכטער אין אַ מוזיקאַלער זאַמלונג

אין סאַראַטאָוו איז דערשינען אַ זאַמלונג פונעם קאָמפּאָזיטאָר יעווגעני ביקעשאָוו אונטערן נאָמען „צייַט און ליד".

צווישן אַנדערע זייַנען דאָ אייַנגעשלאָסן צוויי זינגלידער אַף די טעקסטן פון שיקע דריז און מאָטל גראָוומאַן.

ווי אַלע אַנדערע ביכער, קאָנען אויך די דאָזיקע באַשטעלט ווערן אין די ביכער-קראָמען פון סאָיוזקניגאָטאָרג; אין אויסלאַנד — דורך די פאָרשטייערשאַפטן פון („מעזשדונאַראָדנאַיאַ קניגאַ").
В/О «Международная книга»

בלעטערנדיק זשורנאַלן און צײַטונגען

דרײַ אינטערוויוען אין דער צײַטונג „ביראָבידזשאַנער שטערן"

נײַע פּראָיעקטן

אף די פראגן פון דער רעדאקציע ענטפערט דער מיטארבעטער פונעם ביראָבידזשאנער פיליאל פון דער קינסטלערישער אטעליע בא דער כאבא־ראָווסקער אָפּטיילונג פונעם קינסטלערישן פאָנד פון רספסר, דער דערצויגלינג פון דער מאָסקווער אינדוסטריעלער הויכשול אף וו. מוכינאס נאמען מ. ס. טשערניס.

— מיכאיל סעמיאָנאָוויטש, די לייענער פרעגן זיך אָן וועגן דער ארבעט פון אײַער קאָלעקטיוו.

— אין אונדזער אטעליע ארבעטן מענטשן דערפארענע, פראָפעסיאָנאלן, און, דעריקער, אזעלכע, וואָס האָבן ליב זייער ארבעט און קענען זי אויסגעצייכנט. צווישן זיי — איינער פון די עלטסטע קינסטלער פון אונדזער שטאָט דמיטרי אלעקסייעוו, די קינסטלער־אויספאָרמירער ניקאָלײַ בראטשוק, וולאדימיר מיזגאלסקי און אנאטאָלי גלושטשענקאָ, דער ספעציאליסט פון מעטאל־פלאסטיק לעאָניד שיימאן. טאקע אדאנק זייערע באמיונגען און שפעפערישער ענערגיע ווערט די שטאָט ביראָבידזשאן מיט יעדן טאָג אלץ שענער און שענער.

— עפשער וועט איר אָנרופן קאָנקרעטע פאקטן, וואָס באשטעטיקן דעם דאָזיקן אויספיר...

— אדעראבע. אין די לעצטע צוויי יאָר איז דער קאָלעקטיוו פון אונדזער אטעליע געווען באשעפטיקט מיט שאפן די קינסטלערישע אויספאָרמירונג פון דער ביראָבידזשאנער נײַ־פאבריק צו איר 50־יאָריקן יובילײַ, ווי אויך פון די מיטעלע ספעציעלע לערן־אנשטאלטן פונעם געגנטלעכן צענטער און פון דער סטאָמאטאָלאָגישער פאָליקליניק. עס האָבן זיך באוויזן נײַע סטענדן אפן לעניך־פלאץ און אף די צענטראלע גאסן פון ביראָבידזשאן. אין אונדזער אטעליע איז אויך אויסגעפארטיקט געוואָרן דער מאקעט פון דער סטעלע לעקאָוועד דעם 50־טן יאָרטאָג פון דער אויסבילדונג פון פססר, וועלכע איז אוועקגעשטעלט אין ראיאָן פון דער דימיטראָוו־גאס.

— וועלכע ארבעטן פילט איר אויס אצינד?

— נאטירלעך, אז צום פאָרשטייענדיקן גאָלדענעם יובילײַ פון דער געגנט דארפן מיר א סאך אופטאָן. שוין אצינד האָט זיך אָנגעהויבן א טייל־ווײַזע איבערפלאנירונג פון די לאָקאלן אינעם שטאָטישן קולטור־פאלאץ. דאָ וועט אויסגעשטאט ווערן א גרויסער אויסשטעלונג־זאל, אן אָפּרוזאָנע, א זאל פון קאסעס, א קאָקטייל־באר.

ס׳וועלן רעקאָנסטרויִרט ווערן עקספאָזיציע־זאלן פונעם געגנטלעכן קאנטקענטעניש־מוזיי. די דעקאָראטיוו־פראקטישע קונסט וועט ענדערן דעם אויסזען פונעם שטאָטישן קלוב פון שאָך און דאמקעס.

מיט דער הילף פון די מאָסקווער קאָלעגן פלאנירן מיר אויסצופאָרמירן די אינטעריערן פון דער געגנטלעכער פילהארמאָניע, ווו די ווענט פון דער פאָיע וועלן באפוצט ווערן מיט נאציאָנאלן אָרנאמענט, מיט פאָרטרעטן פון העלדן פון די ווערק פון שאָלעם־אלייכעם, מענדעלע מויכער־ספאָרים און אנדערע גרויסע ייִדישע שרײַבער.

כוץ דעם, איז געמאָלדן געוואָרן א שעפערישער קאָנקורס אפן בעסטן פראָיעקט פון א דענקמאָל לעקאָוועד די ערשטע בויער פון ביראָבידזשאן. ווער עס וועט זײַן דער זיגער פונעם קאָנקורס, איז דערווײַל שווער צו זאָגן, ס׳זײַנען פאראן אינטערעסאנטע פאָרשלאָגן, פארכאפנדיקע פלענער. אָבער איין זאך איז אויסער יעדן סאָפעק: די קינסטלער פון ביראָבידזשאן, ווי אלע האָרעפּאשניקעס פון אונדזער צוויי מאָל אָרדענטרעגערישער געגנט, גרייטן זיך ווירדיק צו באגעגענען איר רומפולן יובילײַ.

ל. שקאָלניק

הונדערט וועגן, הונדערט שטעגן

א פּאָר פראגן דעם דירעקטאָר פון דער ביראָבידזשאנער ביוראָ פון רײַזעס און עקסקורסיעס א. נ. יערמאקאָווא.

— אנע באָריסאָוונא, אין 1980 האָט די גענעראַל־אסאמבליי פון דער אלוועלטלעכער טוריסטישער אָרגאניזאציע פּראָקלאמירט אַן אלוועלטלעכן טאָג פון טוריזם. האיאָר וועט ער דורכגיין אונטערן דעוויז: „ווירדיקע געסט — גאסטפרײַנטלעכע באלעבאטים". וויִאזוי האָט אײַער ביוראָ זיך אָפּגערופן אף אזא מאָסמיטל?

— אונדזער ביוראָ איז אָרגאניזירט געוואָרן אין יאנוואר 1974. זינט דעמלט האָט זי באדינט טויזנטער עקסקורסאנטן — מענטשן פון פארשיידענע פּראָפעסיעס. בלויז האיאָר זײַנען אף עקסקורסיעס געוועזן 40 טויזנט ביראָבידזשאנצעס, בא דרײַ טויזנט האָבן אָפּגערוט לויט טוריסטישע פּוטיאָווקעס. קוואליפיצירטע עקסקורסיע־פירער אָרגאניזירן פארשיידענע עקסקורסיעס איבער דער שטאָט און אויסער אירע גרענעצן.

אדאנק אונדזער ביוראָ באקאנען זיך די אײַנוווינער פון דער געגנט מיט סאכאלין, כאבאראָווסק, וולאדיוואָסטאָק, רוען אָפּ אף די טוריסטישע באזעס „לאזורני בערעג" און „טיכי אָקעאן" אין פרימאָריע. ניט זעלטן פאָרן ארויס די האָרעפאשניקעס פון די זאוואָדן, פאבריקן, סאָווירטן, אפן כעזשבן פון זייערע אונטערנעמונגען, אין פארשיידענע שטעט פונעם לאנד. אויך איצטער, נאָכן אונטערפירן די סאכאקלען פון די פעלד־ארבעטן, קאָמפּלעקטירט דער געגנטקאָם פונעם פּראָפאריין פון דער לאנדווירטשאפט א גרופּע אף דורכמאכן א רײַזע קיין סאָטשי. 30 זיגער פון דער סאָציִאליסטישער פארמעסטונג אין די דערפער וועלן באקומען אומזיסטע פּוטיאָווקעס. זיי וועלן זײַן ווירדיקע געסט פונעם שווארציאמישן ברעגלאנד.

האיאָר האָבן זיך באוויזן בא אונדז נײַע מארשרוטן איבער די שטעט פון מיטלאזיע, אין דער מארשרוט־מאפּע פון די ביראָבידזשאנער טוריסטן האָבן מיר אײַנגעשלאָסן די לעטישע שטאָט פּאנעוועזשיס, וווּ עס שפּילט דער באוווסטער אין גאנצן לאנד דראמאטישער טעאטער.

טראדיציִאָנעלע זײַנען געוואָרן די אייגטאָגיקע ארויספאָרן אף דער וואָלאָטשײַעווקער סאָפּקע. אין מעשעך פון יעדן יאָר פירן דורך אָנערעך 600 פּיִאָנערן רײַזעס — בײַס די פרילינגדיקע און ווינטער־קאניקולן — איבער די שטעט פונעם ווײַטן מיזרעך אפן צוג „פּאקעל". עס קומען צו פאָרן צו אונדז קינדער פון בלאגאָוועשטשענסק, קאָמסאָמאָלסק־אפן־אמור, כאבאראָווסק.

— איר באדינט טויזנטער עקסקורסאנטן, בײַס אין אײַער אנשטאלט זײַנען פארנומען גאנץ ווייניק מיטארבעטער. וויִאזוי באגייט איר זיך?

— אונדז העלפן געזעלשאפטלעכע עקסקורסיע־פירער. פּונקט איצט, ווען איר געפינט זיך בא אונדז, קאָנט איר זיך באקאנען מיט דער לערערן א. ל. ערליכמאן, מיט דער מעדיצין־טוערן ט. ק. ראקיטינא, מיט דער מיטארבעטערן פונעם קאנטקענטעניש־מוזיי א. נ. שאשקון און מיט אנדערע אקטיוויסטן.

אף הונדערטער וועגן און שטעגן שפּן פרייד און מונטערקײַט די ביראָבידזשאנער טוישווים.

ד. פּײַן

„א דאנק אײַך, מײַנע לאנדסלײַט..."

אין אונדזער געגנט גאסטראָלירט די ראָקגרופּע „קאסקאד" — א לאורעאט פונעם אלפארבאנדישן קאָנקורס פון עסטראדע־קאָלעקטיוון. דער קאָנפעראנסיע פון דער גרופּע יורי כיזשניאקציבולעווסקי ענטפערט אף אונדזערע פראגן.

— יורי סעמיאָנאָוויטש, דערציילט אונדז וועגן זיך און וועגן אײַער עסטראדע־קאָלעקטיוו.

— איך וועל אָנהייבן דערפון, אז איך בין געבוירן געוואָרן אין ביראָבידזשאן, דאָ פארענדיקט די שול, פונדאנען אוועקגעפאָרן „אײַנעמען" מאָסקווע. כ'ווייס ניט, צי דאָס האָט זיך מיר אײַנגעגעבן, נאָר נאָכן פארענדיקן דעם מאָסקווער טעאטראלן אינסטיטוט בין איך געוואָרן א פּראָפעסיאָנעלער ארטיסט.

אזא איז, אזוי צו זאָגן, די אויסערלעכע זײַט פון מײַן שפּעטערישער ביִאָגראפיע. נאָר אויב דערמאָנען אייניקע פּראָטים, איז נייטיק אין דער ערשטער רײ אָנרופן די טײַערע פאר מיר מענטשן, די ביראָבידזשאנער טוישווים יעפים וויקטאָראָוויטש ליבערסקי און מאקס באָריסאָוויטש רײַנגאָלד, וועלכע האָבן מיך באהעפט מיט דער אוראלטער און שטענדיק יונגער דראמאטישער קונסט. דאָס זײַנען געוועזן מענטשן — אליין באגײַסטערטע, וואָס האָבן געקענט באגײַסטערן אנדערע. יעפים וויקטאָראָוויטש איז געוואָרן מײַן ערשטער טעאטער־דערציִער. מאקס באָריסאָוויטש האָט מיך אין 1956 רעקאָמענדירט דעם גרויסן עסטראדע־מײַסטער ארקאדי רײַקינען, וועלכער האָט א געוויסע צײַט זיך פארנומען מיט מיר: געהאָלפן שטעלן טשעכאָווס א דערציילונג, רעפּעטירט מיט מיר ליִרישע מאָנאָלאָגן, און דערמיט גופא געהאָלפן אָנקומען אין אינסטיטוט.

— אײַער ראָקגרופּע איז נאָך ביז גאָר א יונגע...

— יאָ, אָבער ניט געקוקט אַף איר יונגקייט, איז זי שוין גענוג פּאָפּולער אין אונדזער לאַנד. זי האָט גאַסטראָלירט אין לענינגראַד, אין די הויפּט־שטעט פון די פאַרבאַנדישע רעפּובליקן, אַף דעם אַטאָם־מאַש, אַפן קאַמאַז, אין וולאַדיוואָסטאָק, כאַבאַראָווסק. די לידער אין דער אויספירונג פון „קאַסקאַד״ האָבן געקלונגען ניט איין מאָל לויט דער צענטראַלער טעלעוויזיע און אַלפאַרבאַנדישער ראַדיאָ. די פירמע „מעלאָדיאַ״ האָט אַרויסגעלאָזט אַ גראַם־פּלאַט פונעם אַנסאַמבל, אַצינד גרייט זי אַ צווייטן.

„קאַסקאַד״ האָט אָנטיילגענומען אין אַזעלכע פּאָפּולערע אין אונדזער לאַנד פעסטיוואַלן פון דער עסטראַדע־ליד, ווי „בוקאָווינער פרילינג״ אין טשערנאָוויץ און „וויַסע אַקאַציע״ אין אָדעס.

— מיט ביראָבידזשאַן פאַרבינדט אײַך נאָר די קינדהייט?

— פאַרשטייט זיך, ניין! אַצינד לעבט דאָ מײַן מאַמע, וועלכע האָט ביזן אוועקגיין אַף פּענסיע געאַרבעט לאַנגע יאָרן אַפן ברויט־קאָמבינאַט. דאָ לעבן אויך און אַרבעטן דער ברודער לעאָניד און צווייַ שוועסטער — טאַניע און נאַדיע. כוץ דעם, געפינען זיך אין ביראָבידזשאַן די פרײַנט פון מײַן יוגנט. איינער פון זיי איז לעוו גאָרעליק, מיט וועלכן מיר זײַנען אַמאָל אינצווייען אַרויסגעטראָטן אין דער קינסטלערישער זעלבסטעטיקייט.

באַ אָט דער געלעגנהייט, וויל איך זאָגן מײַנע לאַנדסלײַט — די ביראָבידזשאַנצעס: אַ דאַנק דער שטאָט, אין וועלכער איר וווינט און וועלכע האָט מיך אַרויסגעפירט אין דער וווּנדערבאַרער און פרעכטיקער וועלט פון דער סאָוועטישער עסטראַדע.

ל. שולמאַן

געווידמעט די מאַרטירער פון וואַרשעווער געטאָ

אין ווילנע איז אינעם רעפּובליקאַנישן הויז פון די פּראָפאַריינען פאָרגעקומען אַן אָוונט לעקאָוועד דעם אופשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ.

דער גרויסער קאָנצערט פונעם ווילנער ייִדישן פאָלקס־טעאַטער האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ קאָלעקטיוון אַרײַנפיר פון אַ גרופּע זעלבסטעטיקע שוישפּילער. נאָכדעם האָט דער פאַרייניקטער כאָר אויסגעפילט אַף ייִדיש, רוסיש, פּויליש, ענגליש און פראַנצויזיש דעם באַרימטן פּאַרטיזאַנער־הימען פון הירש גליק „זאָג ניט קיינמאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג״.

מיט באַגײַסטערונג האָבן די יונגע שוישפּילער אויסגעפילט אַ ריי לידער פון דאָוויד האָפשטיין, אַרן ווערגעליס און כאַיִם ביידער.

באַזונדערס רירנדיק איז געווען די אַרויסטרעטונג פונעם קינדער־אַנסאַמבל, וועלכער האָט באַוויזן אַ קאָלעקטיוון טאַנץ און געזונגען ייִדישע קינדער־לידער.

געשטאָרבן אווראָם שטענצל

אין לאָנדאָן איז אין עלטער פון 85 יאָר געשטאָרבן אווראָם שטענצל, דער באַקאַנטער ייִדישער דיכטער און אומדערמידלעכער קולטור־טוער, רעדאַקטאָר פון דער כוידעש־שריפט „לאָשן און לעבן״, וועלכע ער האָט געגרינדעט מיט 43 יאָר צוריק אַלס העמשעך פון זײַנע „ווײַטשעפּלהעפטלעך״.

אווראָם שטענצל איז געבוירן געוואָרן אין פּוילן. אין דער יוגנט איז ער איבערגעפאָרן קיין בערלין, ווו ער האָט דעביוטירט אַלס דיכטער.

אין 1936 פאַרלאָזט שטענצל דאָס היטלער־דײַטשלאַנד און באַזעצט זיך אין לאָנדאָן. אַ פאַרליבטער אין דער ייִדישער שפּראַך, האָט ער אין מעשעך פון לאַנגע יאָרן אָנגעפירט מיט די ייִדישע ליטעראַרישע „שאַבעס־נאָכמיטאָגס״ אין ווײַטשעפּל.

אי. באַבעל און מ. גאָרקי (פון דער סעריע „געשפּרעכן מיקויעך לעבן”)

„ווי?אזוי מע האָט עס געטאָן אין אָדעס” (פונעם ציקל „אָדעסער דערציילונגען”)

עסקיזן פון קאָסטיומען
צו אי. באַבעלס פּיעסע „אונטערגאַנג"

עסקיזן פון קאָסטיומען
צו אי. באַבעלס פּיעסע „אונטערגאַנג"

„ארגאמאק” (פונעם ציקל „רײַטער־ארמיי”)

„געדאליע” (פונעם ציקל „רײַטער־ארמיי”)

די קולדורער מינעראלע וואסער

איינע פון די סאמע ווערטפולע נאטור־רײַכטימער פון דער ייִדישער אווטאנאָמער געגנט זײַנען די מינעראלע קוואלן פון קולדור. אנטדעקטע נאָך אין פאָריקן יאָרהונדערט, זײַנען זיי שוין העכער הונדערט יאָר שטארק פּאָפּולער ניט נאָר בא די ווײַטמיזרעכניקעס, נאָר אויך בא די אײַנוווינער פון א סאך מײַרעוור־געגנטן פון לאנד.

די נאטור האָט באשאָנקען די געגנט מיט א סאך נוצלעכע אויסגראָבונגען. אין די טיפעניש פון די בערג פונעם קלײנעם כינגאן איז פאראן אײַזנארץ, צין, ברוסיט, מארמאָר, א סאך אנדערע מינעראלן און מעטאלן. אינמיטן פונעם פארגאנגענעם יאָרהונדערט, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די באזעצונג פונעם ווײַטן מיזרעך, זײַנען צוזאמען מיט די אײַנוואנדערער געקומען צו פאָרן אין דעם דאָזיקן פארוויסטן קאנט אויך געלערנטע. צווישן זיי איז געווען דער געאָלאָג ע. ע. אנערט. ער האָט גענומען מינעראלע וואסער פון קולדור אף אן אויספאָרשונג. אין פינף יאָר ארום האָט א. א. בוג אויסגעפאָרשט דעם קוואל און רעקאָמענדירט זײַן וואסער צוליב אויסנוצן אף היילונג, פאָרזאָגנדיק פאר קולדור א גרויסע צוקונפט.

אין דער סאָוועטישער צײַט האָבן מיטן דערלערנען די הייל־אייגנשאפטן פון די מינעראלע וואסערן פון קולדור זיך פארנומען די אָנגעזעענע געלערנטע ג. פּ. לאנג, וו. פּ. אווערבורג, מ. יא. נישנעוויטש, ד. א. איגאָשין, וו. ט. וואָורטשאָק און א סאך אנדערע. א באזונדער גרויסן צושטייער אין דער אנטוויקלונג פון דער וויסנשאפט וועגן מינעראלע וואסערן האָט ארײַנגעטראָגן דער פּראָפעסאָר פונעם כאבאראָווסקער מעדיצינישן אינסטיטוט מ. יא. נישנעוויטש. ער איז דער גרונטלייגער פון א ריי מעטאָדיקעס פון היילן מענטשן, וועלכע לײַדן פון היפּערטאָנישער קראנקײַט און פון רעוומאטישע קראנקײַטן פונעם הארץ.

שוין העכער פופציק יאָר ווערן געפירט סיסטעמאטישע פאָרשונגען פון די הייל־אייגנשאפטן פון אָט די קוואלן. די וואסער פונעם קוראָרט היילט דערפאָלגרײַך קראנקײַטן פון דער נערוון־סיסטעם, הינעקאָלאָגישע קראנקײַטן, הויט־קראנקײַטן. אין 1982 האָט מען אין קולדור אויסגעבויט דעם ערשטן אפן ווײַטן מיזרעך קינדערשן סאנאטאָרי „זשעמטשוזשינא כינגאנא", אף זײַן בויונג האָט די מעלוכע אויסגעטײלט העכער 5 מיליאָן רובל. סאכאקל פאר עטוואָס מער פון א יאָר האָבן זיך אויסגעהיילט פון פארשיידענע קראנקייטן 2,5 טויזנט יונגע בירגער פון אונדזער לאנד. די קולדורער מעדיקער האָבן געפונען אין די מינעראלע קוואלן נײַע אייגנשאפטן, וואָס ווײַזן ארויס א גינסטיקע אופווירקונג אף א ריי קינדער־קראנקײַטן. פאר דער דאָזיקער גרויסער וויסנשאפטלעכער ארבעט איז דער קאָלעקטיוו „זשעמטשוזשינא כינגאנא" באערט געוואָרן מיט רעכט צו זײַן אן אָנטיילנעמער אין דער אויסשטעלונג פון די דערגרייכונגען אין דער פאָלקסווירטשאפט פון פססר, איז באלוינט געוואָרן מיט א דיפּלאָם פון דער דאָזיקער אויסשטעלונג.

א פּרעכטיקע נאטור רינגלט ארום דעם עלטסטן אפן ווײַטן מיזרעך היייל־אנשטאלט — דעם קוראָרט קולדור. די הויכע בערג, דער געדיכטער צעדערוואלד פארוואנדלען אים אין איינעם פון די סאמע מערקווירדיקע ווינקעלעך פון דער אווטאָנאָמער געגנט. אָבער דער סאמע ווערטפולער נאטור־געשאנק פון קולדור זײַנען די הייסע מינעראלע קוואלן, וועלכע ברענגען שוין א סאך יאָרצענדליקער געזונט די סאָוועטישע מענטשן.

די אַלפֿאָלקישע באוועגונג פאר שאָלעם, קעגן דער געפאר פון א נוקלעארן קריג האָט ארומגעכאפּט די שטעט, יישוּווים, קאָלווירטן און סאָווירטן פון דער יידישער אווטאָנאָמער געגנט. דאָס קאָל פון די ביראָבידזשאנצעס האָט געקלונגען אף מיטינגען, פארזאמלונגען און דעמאָנסטראציעס.

מיר דרוקן דאָ איבער מאטעריאלן פון די געגנטלעכע צײַטונגען „ביראָבידזשאנער שטערן“ און „ביראָבידזשאנסקאיא זוועזדא“.

НАРОДЫ ТРЕБУЮТ: „ЕВРОПЕ БЫТЬ БЕЗЪЯДЕРНОЙ ЗОНОЙ!“

Выбить факел из рук поджигателей

Навсегда запечатлелся в моей тогда еще детской памяти день, когда наш оккупированный фашистами город освободили советские воины. В побелевших от солнца и пота гимнастерках, с почерневшими от порохового дыма лицами, они были самыми дорогими и близкими для нас людьми. У каждого солдата нашелся кусочек сахара или хлеба для изголодавшихся, измученных страхом детей.

С той поры прошло более сорока лет. Я уже не просыпаюсь по ночам от гула летящего самолета, но пережитое в детстве навсегда оставило глубокий след. Советские люди не хотят, чтобы их дети, внуки испытали ужасы войны. Не хотят этого и для детей других стран. Но на свете не перевелись еще изуверы с человеконенавистнической психологией, готовящиеся развязать ядерную войну.

Несмотря на протесты народов Европы, правители США не отказываются от своих планов размещения в ряде стран этого континента новых сотен ракет с ядерными боеголовками, наращивают запасы химического и других видов запрещенного оружия. Вместе с другими народами мира советские люди заявляют свое твердое: «Нет — войне!», «Прекратить гонку вооружений!».

Л. ВОРОБЬЕВА,
преподаватель педагогического училища.

На антивоенной манифестации в г. Биробиджане.
Фото М. Шестопалова.

Забыли уроки истории

Позабыв уроки истории, вновь бряцают оружием, на этот раз атомным, господа империалисты из США и их подпевалы разного рода, в том числе и сионисты. Видно, не дают им покоя «лавры», то бишь пеньковые веревки, на которые были повешены по приговору Международного трибунала в Нюрнберге военные преступники гитлеровского рейха.

Но у народов мира крепкая память. А у советских людей крепкие нервы, и их не запугать ни «першингами», ни крылатыми ракетами, которые генералы из Пентагона хотят установить в Европе и нацелить на наши города.

В годы Великой Отечественной войны мы не пожалели ничего для победы над врагом. Она обошлась нам дорогой ценой. Сейчас наши дети и внуки крепят дело мира своим трудом. Они хранят и приумножают традиции старшего поколения и готовы к защите своей священной Родины.

Мы, ветераны войны, осуждаем гонку вооружений. Как и все люди доброй воли во всех странах, выступаем против угрозы ядерного пожара.

М. ГОРЕЛИК,
инвалид Великой Отечественной войны.

די גערעכטיקע זאכ װעט טריומפירנ!

אנטימילכאמע־מאניפעסטאציע אינ ביראבידזשאנ

דעמ 20סטנ מערצ זײנענ טויזנטער אײנװוינער פונ ביראבידזשאנ געקומענ אויפנ פלאצ אויפ װ. אי. לענינס נאמענ. אינ די הענט האבנ זײ געטראגנ לאזונגענ אונ טראנספאראנטנ מיט די װערטער „נײנ — דער יאדער־מילכאמע", „דער װעלט — שאלעמ". „מיר שטיצנ הײס די אײנגעלעבטע אינ איסטערנאציאנאליסטיק פונ דער קאמוניסטישער פארטײ אונ סאװעטישער רעגירונג". „שאנדע דעמ אמעריקאנער אימפעריאליזמ אונ צװישנפעלקערלעכנ ציוניזמ!". דא איז פארגעקומענ א מיטינג, געװידמעט דער װאכ פונ קאמפ פאר שאלעמ אינ לעבנ, קעגנ א יאדער־מילכאמע.

מיט אנ אריינפיר־װארט האט דעמ מיטינג געעפנט דער פארזיצער פונ דער שטאטישער קאמיסיע פונ מיטשיצנ דעמ סאװעטישנ שאלעמ־פאנד, פארדינסטפולע לערערנ פונ דער שול נומער 8 יא. גלײזער. איבער דער װעלט, האט זי געזאגט, פארשפרײט זיכ די געפאר, װאס באדראט מיט א פארניכטונג פונ דער גאנצער מענטשהײט. אינ אלע קאנטינענטנ הילכנ די װערטער, פארשידענע לשונות איבערגעזעצט אויפ דער שפראכ פאר אײנהײטלעכע ליבנ געדאנק: „נײנ — דער יאדער־מילכאמע!"

— איכ, א פשוטע ארבעטערינ, א מוטער פונ צװײ קינדער, בינ אײנשטימיק מיט אלע מיטגלידער פונ װעבשאפט, אלס מיטגליד פונעמ כאבאראװסקער קראנקענקאסע אונ אלס מיטגליד פונ דער ביורא פונ ביראבידזשאנער שטאטקאמ קפסס, — האט געזאגט די װעבערינ פונ דער װאלנ־טריקאטאזש־פאבריק יע. ל. ארנאפלינא. — אלע לעבנ מיר גליקלעכ אינ פארמעגלעכ. אונ מיר פאדערנ פונ די אמעריקא־נער אימפעריאליסטנ אונ פונ די ציוניסטנ פונ ישׂראל: טרײבט ניט קײנ רעכילעס אויפ דער סאװעטישער װירקלעכקײט, באלאסט ניט װעגנ די קלײנערשטע פארפאלגונגענ פונ די ייִדנ אינ סאװעטנפארבאנד אונ הערט אויפ צו באדראענ דער מענטשהײט מיט א נײער װעלט־מילכאמע. מיר דארפנ שאלעמ!

מיטנ געדאנק װעגנ דער נײטװענדיקײט פעסטיקנ דעמ שאלעמ, פירנ אנ אנטשײדענעמ קאמפ קעגנ די װאס גליענ אינ די אגרעסיװע־פלענער, פארדאמענ די יאגעניש פונ באװאפענונגענ, זײנענ געװענ דורכגעדרונגענ אויכ די אויפטרעטונגענ פונעמ װעטעראנ פונ דער מ״ט, דעמ ארבעטער פונעמ זאװאד „דאלסעלמאש" א. אי. לירילאװ, פונעמ פעדאגאג פונ דער פאכשול ז. נ. מכעירזע, פונ דער סטודענטקע פונ דער מעדיצינישער שול יע. ס. פינקעלשטײנ, פונעמ שילער פונעמ צװײטנ קלאס פונ דער מיטלשול נ״ר 11 מעריאשע װינגראד.

א װארט באקומט דער אנטײלנעמער פונ דער גרויסער פאטערלענדישער מילכאמע, בריגאדיר פונ א שלאסער־בריגאדע פונ דער בוי־פארװאלטונג נ״ר 254 פונעמ טרעסט „ביראבידזשאנבוי", קאװאליר פונ א לענינ־ארדנ מ. ב. גרינבערג. ער זאגט:

— מיר, מילכאמע־װעטעראנענ, פארדאמענ אנטשײדנ די יאגעניש פונ די באװאפענונגענ, װעלכע עס האבנ פאנאנדערגעבינדנ די אימפעריאליסטנ פונ די פ״ש״א. מיר זײנענ פולשטענדיק סאלידאריש מיט די, װער עס הײבט אויפ די מענטשנ קעגנ דער געפאר פונ א יאדער־טראפע.

אויפגערופנ הילכנ די װערטער פונ דער װעבערינ פונ דער נײ־פאבריק,

ס. א. פאפאװא, א מוטער פונ פיר קינדער.

— אינדזער פארטײ, דאס סאװעטישע פאלק טוענ אלצ כּדי דעמ, אז די שמײכלענ פונ די מוטערס פונ דער ערד, די ליכטיקע אויגנ פונ די קינדער זאלנ װערנ א סימבאל פונ שאלעמ. די גערעכטיקע זאכ פונ שאלעמ װעט טריומפירנ!

אינ דער אײנשטימיקער רעזאלוציע האבנ די אנטײלנעמער פונעמ מיטינג אויסגעדריקט אנ אנטשײדענעמ פראטעסט קעגנ דעמ, װאס די אימפעריאליסטנ פרוּװנ פאנאנדערבינדנ א יאדער־מילכאמע. זײ האבנ פולשטענדיק באװיליקט די פרידלעכע איניציאטיװנ, װעלכע עס האט ארויסגערוקט אינ זײנע ארויסטרעטונגענ דער גענעראל־סעקרעטאר פונ צק קפסס כאװער י. װ. אנדראפאװ.

נאכנ מיטינג איז פארגעקומענ א מאניפעסטאציע פונ די ארבעטנדיקע, פונ דער סטודענטישער יוגנט אונ שילער פונ די שולנ פונ שטאט.

א. קופערמאנ.

אויפ די בילדער: בײמ מיטינג; עס טרעט ארויס יע. ל. ארנאפלינא.

פאטא פונ װ. בעלינער.

טײַערע לייענער און פאַרשפּרייטער פון „סאָוועטיש היימלאַנד", ליבהאָבער פונעם ייִדישן וואָרט!

די דאָזיקע ווענדונג פון דער רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד" ווערט אײַך איבערגעגעבן ערעוו און בעשאַס דער אַבאָנירקאַמפּאַניע אויפן 1984 יאָר. מיר ווילן דאָ אויסמײַדן אַלגעמיינע ווערטער, ווײַל ס'איז אויסער יעדן ספק, אַז אַ ליטעראַטור האָט דאַן אַ השמעות, אויב ס'איז פאַראַן בײַ איר אַ מאַסן-לייענער. דאָס לייגט אַרויף באַזונדערע פליכטן אויף יעדן פון אונדז, שרײַבער, אויף יעדן פון אײַך, לייענער.

ס'איז אויך איצט שוין איבעריק צו אויפקלערן פאַר אײַך, אָנהענגער און פאַרערער פון „סאָוועטיש היימלאַנד", די גרויסע מײַלעס פונעם זשורנאַל. דאָס ווייסט איר אַליין זייער גוט, און עס גייט אין דעם, איר זאָלט עס איבערגעבן יענע, וועלכע פאַרמאָגן נאָך ניט „סאָוועטיש היימלאַנד" בײַ זיך אין שטוב. פאַרגעסט ניט דערציילן זיי וועגן די לעצטע אויפטוען פונעם זשורנאַל: אַז דער לייענער באַקומט שוין דאָס פערטע יאָר צוזאַמען מיט יעדן זשורנאַל-נומער אַ שיין אַרויסגעגעבן ביכל, און דאָס הייסט, אַז ס'ווערט סיסטעמאַטיש געשאַפן אַ ווערטפולע ביבליאָטעק פון ייִדישער ליטעראַטור אין יעדער שטוב, וווּהין עס קומט אַרײַן „סאָוועטיש היימלאַנד"; אַז דער זשורנאַל דרוקט ווערק פון די ייִדישע קלאַסיקער, וועלכע זײַנען שוין לאַנג ניט אַרויסגעגעבן געוואָרן, און ווער עס האָט זיך פאַרבענקט נאָך שאָלעם-אַליכעמען, מענדעלען, פּערעצן, אַווראָם רייזענען, יוסף אָפּאַטאָשון און אַנדערע, קאָן באַפרידיקן דעם אינטערעס, לייענענדיק רעגולער „סאָוועטיש היימלאַנד"; אַז אויך פאַר דער יוגנט, וועלכע ציט זיך צו מאַמע-לשון, איז פאַראַן גענוג שטאָף אין אונדזער זשורנאַל, אָנהייבנדיק פון לערנען ייִדיש און ענדיקנדיק מיט זינגען ייִדישע לידער; אַז אין „סאָוועטיש היימלאַנד" געפינט דער לייענער, אויסער פּראָזע און פּאָעזיע, אַ שלל מיט מאַטעריאַלן פון ייִדישוויסן און קולטור-לעבן.

די אויפגאַבע באַשטייט אין דעם, אַז אין דער איצטיקער אַבאָניר-קאַמפּאַניע זאָל „סאָוועטיש היימלאַנד" אַרײַנקומען אין יעדער ייִדישער שטוב, ווו מע ווייסט ייִדיש, מע דערמאָנט זיך ייִדיש און מע לערנט ייִדיש. דאָס קאָן פאַרווירקלעכט ווערן, אויב יעדער, ווער עס איז שוין איצט אַן אַבאָנירטער לייענער, זאָל ווערן אויך אַ געזעלשאַפטלעכער פאַרשפּרייטער און ער זאָל אין סוף פון דער אַבאָניר-קאַמפּאַניע קאָנען אונדז מיטיילן, אַז ער האָט אַרײַנגעבראַכט ניט ווייניקער פון איין נײַעם אַבאָנירטן לייענער.

וואָס איז שײַך די געזעלשאַפטלעכע פאַרשפּרייטער, איז זייער פליכט אָנצופירן מיטן גאַנג פון דער אַבאָנירונג בײַ זיך אין שטאָט, אָפּזוכנדיק יעדן מעגלעכן לייענער.

אָט אין דעם באַשטייט אונדזער רוף, טײַערע ליבהאָבער פון דער ייִדישער ליטעראַטור.

מיר ווינטשן אײַך דערפאָלג אין אָט דער נוצלעכער אַרבעט און וואַרטן, איר זאָלט מיטיילן דער רעדאַקציע וועגן די רעזולטאַטן.

כראָניק

צום אָנדענק פון יעהודע אונגער

אין עלטער פון 55 יאָר איז געשטאָרבן דער הויפּט־רעדאַקטאָר פונעם צענטראַלן אָרגאַן פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי פון ייִסראָעל „זאָ האַדערעך" יעהודע אונגער.

י. אונגער איז געבוירן געוואָרן אין 1928 אין בודאַפּעשט. אין 1949 קומט ער קיין ייִסראָעל. צוערשט אַרבעט ער אין אַ קיבוץ גיוואַט־כאַיִם, דערנאָך איז ער איינער פון די גרינדער פונעם קיבוץ יאַד־כאַנאַ. אין 1953 טרעט ער אַרײַן אין דער קאָמוניסטישער פאַרטיי. אין 1961 הייבט ער אָן מיטאַרבעטן אין דער ייִסראָעלדיקער קאָמוניסטישער פּרעסע, שפּעטער ווערט ער הויפּט־רעדאַקטאָר פון דער צײַטונג „זאָ האַדערעך". אין 1969, אויפן 16־טן צוזאַמענפאָר פון דער ייִסראָעלדיקער קאָמפּאַרטיי, איז ער אויסגעוויילט געוואָרן אַלס קאַנדידאַט אין מיטגלידער פונעם צענטראַל־קאָמיטעט, און אויפן 17־טן צוזאַמענפאָר — אַלס מיטגליד פון צק. אָנהייבנדיק פונעם 1981 איז ער קאַנדידאַט אין מיטגלידער פון פּאָליטביוראָ פונעם צענטראַל־קאָמיטעט, באַטייליקט זיך אַקטיוו אין דער טעטיקײַט פון דער קאָמיסיע פאַר פּאָליטיש־אידעאָלאָגישער דערציִונג.

דער פריצײַטיקער טויט פון יעהודע אונגער איז אַ גרויסער פאַרלוסט פאַר דער פּראָגרעסיווער געזעלשאַפטלעכקײַט און פּרעסע.

מאַטעריאַלן פאַר אַ לעקסיקאָן
פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור

קאָוועלמאַן, ייִסראָעל
(1904)

— פּובליציסט, קונסטקענער. געבוירן געוואָרן אינעם שטעטל מאָנאַסטירישטשע, קיִעווער גובערניע. לויט דער ספּעציִעלער בילדונג — אַן אינזשעניער-בויער, קאַנדידאַט פון טעכנישע וויסנשאַפטן, מיטגליד פונעם אַרכיטעקטאָרן-פאַרבאַנד. געאַרבעט אויף פאַרשיידענע בויונגען, דערנאָך אין וויסנשאַפטלעכע אַרכיטעקטור-בויונגס-אינסטיטוטן. פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען און בראָשורן איבער פּראָבלעמען פון אַרכיטעקטור און בויונג. בייס דער גרויסער פאַטערלענדישער מילכאָמע אָנטיילגענומען אין דער בויונג פון שוץ-אָביעקטן הינטער מאָסקווע און סטאַלינגראַד. אָנהייבנדיק פון 1970 פאַרעפנטלעכט אינעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" אַרטיקלען איבער פראַגן פון העברעיִסטיק און קונסט. וווינט אין מאָסקווע.

ווערק: אין „סאָוועטיש היימלאַנד": פּושקינס פינגערל (1970, נומ. 2), רוסישע העברעיִסטיק (1971, נומ. 10, 1975, נומ. 3); ייִדישע ביכער אין די ביבליִאָטעקן פון לאָמאָנאָסאָוון און וואָלטערן (1971, נומ. 11, 1972, נומ. 11); וועגן די קינסטלער אשקינאַזי, מייַמאָן, פאַסטערנאַק, ליסיצקי (1973, נומ. 7, 1974, נומ. 2, 7, 10); וועגן ייִדישע פּאָרטרעטן און אויטאָפּאָרטרעטן (1975, נומ. 11; 1977, נומ. 8); איליוסטראַציעס צו די ווערק פון מענדעלע מויכער-ספאָרים, י.-ל. פּערעץ און שאָלעם-אַליייכעם (1979, נומ. 6) און אַנד.

קאָלעסניק, כאיִם
(1982 — 1904)

— דיכטער, פּעדאַגאָג. געבוירן געוואָרן אין שטעטל מאַכנאָווקע (איצט קאָמסאָמאָלסק), וויניצער געגנט. אין 1929 פאַרענדיקט דעם וויניצער פּעדאַגאָגישן טעכניקום. אין די יאָרן 1929—1932 געאַרבעט אַלס דירעקטאָר פון אַ ייִדישער זיבניאָריקער שול אין זשיטאָמירער געגנט. אין 1936 פאַרענדיקט דעם ליטעראַריש-לינגוויסטישן אָפּטייל פונעם מאָסקווער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט. פון דעם זעלבן יאָר ביזן 1941 געווען דירעקטאָר פון אַ מיטלשול אין סלאַווועטע, כמעלניצקער געגנט. דעביוטירט מיט אַ ליד אין 1927. זיך געדרוקט אין די ליטעראַריש-קינסטלערישע זשורנאַלן „רויטע וועלט", „פאַרמעסט", אין די צייַטונגען „דער עמעס", „שטערן", „יונגע גוואַרדיע", „אָדעסער אַרבעטער" און אַנד. פונעם 1946 געוווינט אין בערדיטשעוו, געאַרבעט אין אַ שול אַלס לערער, זיך געדרוקט אין „סאָוועטיש היימלאַנד".

ווערק: דער בוים און די זון, אַ ליד, זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", 1971, נומ. 2.

קאָטיק, בליומע
(1968 — 1908)

— רעדאַקטאָר, איבערזעצער. געבוירן געוואָרן אין ווילנע אין אַ מישפּאָכע פון ליטעראַטן און געזעלשאַפטלעכע טוער. איר זיידע יעכעזקל איז געווען דער אויטאָר פונעם בוך „מייַנע זיכרוינעס", וועלכן ס'האָט וואַרעם אויפגענומען שאָלעם-אַליייכעם. איר פאָטער אַווראָם איז געווען אַ באַוווּסטער שרייַבער און געזעלשאַפטלעכער טוער, אויטאָר פון פּאָפּולער-וויסנשאַפטלעכע ביכער. בליומע קאָטיק האָט געאַרבעט פאַר דער מילכאָמע און אין די נאָכמילכאָמעדיקע יאָרן אינעם פאַרלאַג „עמעס". זי איז געווען דער רעדאַקטאָר פון קינסטלערישע ווערק. פּרייַ באַהערשט אַ ריי שפּראַכן. אין די 60-ער יאָרן האָט זי געאַרבעט אין דער רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד", רעדאַגירט פּראָזע-ווערק, פּובליקירט איבערזעצונגען.

ווערק: (איבערזעצונגען פון אַנדערע שפּראַכן): וו. גראָסמאַן, טרעבלינקער גיהנעם. מאָסקווע, „עמעס", 1945; אין „סאָוועטיש היימלאַנד": אי. באַבעל, שאַבעס נאַכמו (1964, נומ. 4); מ. גאַלייַ, נאָטיצן פון אַ פּליִער-אויספּרוּווער (1965, נומ. 11); נ. באַבאַשין, קאַרגע הונדערט (1965, נומ. 12); יאָסעליִאַני, פון צוג ביז צוג (1966, נומ. 9); ס. קול-דיאַשווילי, קונדייסים (1966, נומ. 9); ק. זשיוווּלסקאַ, פּוסטע וואַסער (1968, נומ. 4); דזש. בער, דער צוהערער (1968, נומ. 5).

ביבליִאָגראַפיע: בליומע קאָטיק, נעקראָלאָג. זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", 1968, נומ. 5; ר. קאַץ, וועגן בליומע קאָטיק (צום 65-טן געבורטסטאָג), זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", 1978, נומ. 10.

ווי־אזוי עס לייענען פארשיידענע מענטשן







פאָטאָגראַפיעס
פון וו. אכלאָמאָוו

וויאַזוי עס לייענען

פאַרשיידענע מענטשן



פאָטאָגראַפיעס
פון וו. אכלאָמאָוו

ДЛЯ ИЗУЧАЮЩИХ ИДИШ

Урок XXII

פאר די, וואָס לערנען ייִדיש

לימעד צוויי און צוואנציק

אינהאלט:

I. גראמאטיק: **פאסיווע ווערבן.**

II. איבונגען **און טעקסטן**

§40а. В предыдущем уроке было указано на то, что [вэрн] употребляется также как вспомогательный глагол для образования сложных форм страдательного залога — пассива. Сравните значения глагольных форм в следующих примерах:

1) *Рабочие* **строят** школу.	1) די ארבעטער **בויען א שול**
2) *Школа* **строится.**	2) די שול **ווערט געבויט**

(дословно: «становится построенной»)

В первом предложении глагольная форма [бóен] — «строят» стоит как и подлежащее («рабочие») во множественном числе и указывает на то, что лица обозначенные подлежащим («рабочие») **действуют,** что действие **исходит от** подлежащего (от «рабочих»).

Рабочие → **строят** — די ארבעטער←**בויען**

(стрелкой обозначено направление действия от подлежащего)

Во втором предложении глагольная форма [вэрт гэбóйт] — «строится» согласована в числе с подлежащим данного предложения [ди шул] — «школа», — и указывает на то, что предмет, обозначенный этим словом («школа») — **не действует, а подвергается действию,** что действие **направлено на подлежащее** (т. е. на «школу»):

Школа ← **строится** — די שול←**ווערט געבויט**

Форма глагола, указывающая, что подлежащее **действует,** называется **действительным** залогом, в идиш — «[актив]».

Форма глагола, указывающая, что подлежащее не действует, а **подвергается действию** со стороны какого-либо другого лица или предмета называется **страдательным залогом,** на идиш — «[пáссив]».

При форме актив действие исходит от подлежащего — «ученик → читает». «Рабочие → работают».

При форме пассив действие **направлено на подлежащее:** «книга ← читается ← (кем-то)». «План ← выполняется ← (нами)»; «Урок ← был изучен ← (читателем)» и т. п.

Задание 1*: Укажите номера тех предложений, в которых глагол имеет значение страдательного залога (пассива).

У ч т и т е! Глагол с окончанием — «ся» имеет значение пассива **только в том случае,** если можно мысленно поставить к нему вопрос «кем выполняется данное действие?», например: «Ученик опрашивается» (кем? — учителем) — **пассив.** «Ученик улыбается» (вопрос «кем?» — невозможен) — **не пассив.**

Выполняйте задание 1.

1) Дом **строится.** 2) Мальчик **смеется.** 3) Картина **вывешивается** для осмотра. 4) Депутаты **избираются.** 5) Девочка **торопится** домой. 6) План **выполняется.** 7) Письма **отправляются** по адресам. 8) Юноша **моется.** 9) Роман **печатается** в журнале. 10) В городе **открывается** новый клуб.

Ключ к заданию 1: Пассив — №№ 1, 3, 4, 6, 7, 9, 10.

§ 40б. Форма пассива сложная. Она состоит **из вспомогательного глагола [вэрн] и причастия прошедшего времени основного глагола,** например:

1) строиться (кем-то); 2) читаться (кем-то); 3) избираться (кем-то) и т. п.

1) געב׳ויט ווערן; 2) געל׳ייענט ווערן; 3) אויס־ געוויילט ווערן אאוו.

§ 40в. Вспомогательный глагол **[вэрн] изменяется** по лицам, числам и временам, **причастие основного глагола остается без изменения,** сравните:

Единственное число	איינצאָל
1. Я избираюсь (меня избирают) (старостой и т. п.).	1. איך ווער אויסגעווילט (אלס סטאראָסטע)...
2. Ты избираешься (тебя избирают)...	2. דו ווערסט אויסגעווילט (אלס סטאראָסטע)
3. Он был избран (его избрали)...	3. ער איז געוואָרן אויסגעווילט (אלס סטאראָסטע)

Мн. число	מערצאָל
1. Мы избирались (нас избрали)...	1. מיר זײַנען געוואָרן אויסגעווילט (אלס סטאראָסטע)
2. Вы будете избраны (вас изберут)...	2. איר וועט ווערן אויסעווילט (אלס סטאראָסטע)
3. Они будут избраны (их изберут)...	3. זיי וועלן ווערן אויסגעווילט (אלס סטאראָסטע).

§ 40г. Как видно из выше приведенных примеров, грамматическое лицо, число и время узнается по форме вспомогательного глагола [вэрн], а именно:

1) наличие личных форм вспомогательного глагола [вэрн], т. е. **[вэр, вэрст, вэрт, вэрн]** признак **настоящего** времени пассива:

дословно: Я **приглашаюсь** (ты приглашаешься...) **сейчас** к телефону — («Меня приглашают...»)

איך ווער (**דו** ווערסט...) **איצט אײַנגעלאדן צום טעלעפאָן**

2) наличие сложной формы **[флэг, -ст, -т, -н]+[вэрн]**—признак **многократно-прошедшего** времени пассива:

Я (ты...) часто **приглашался** в гости — («Меня приглашали...»)

איך פלעג (**דו פלעגסט**...) **אָפט אײַנגעלאדן** ווערן **צו גאסט**

3) наличие сложной формы **[бин (бист. из, зайнэн, зайнт]+[гэво́рн]** — признак **общепрошедшего** времени:

Я (ты...) **был приглашен** в гости

איך בין (**דו** ביסט...) **אײַנגעלאדן** געוואָרן **צו** גאסט

4) наличие сложной формы **[вэл (вэст, вэ́т, вэлн]+[вэрн]** — признак **будущего** времени:

Я буду (будешь...) **приглашен** в **гости.**

איך וועל (**דו** וועסט...) **אײַנגעלאדן** ווערן **צו גאסט**

№	форма вспомогательного глагола	время
1	**[вэр, -ст, -т, -н]**	настоящее
2	**[флэг, -ст, -т, -н]+[вэрн]**	многократно-прошедшее
3	**([бин, бист, из, зайнэн, зайнт]+[гэворн]**	прошедшее
4	**[вэл, вэст, вэт, вэлн]+[вэрн]**	будущее

Задание 2*. Под номерами 1, 2, 3... приведен ряд предложений на идиш. Ниже под буквенными номерами — «а», «б», «в»... — их перевод на русский язык. Порядок следования русских и еврейских предложений различен. Запишите номера еврейских предложений и рядом с каждым номером укажите буквенный номер соответствующего ему русского предложения (образец записи ответа: —1 — ж», «2 — д» и т. п.).

1) **די ליד** ווערט **געז׳ונגען.** 2) **די ליד** פלעגט **געז׳ונגען** ווערן. 3) **די ליד איז געז׳ונגען** געוואָרן. 4) **די ליד** וועט **געז׳ונגען ווערן.** 5) **דער ראָמאן ווערט געדר׳וקט.** 6) **דער ראָמאן איז אָפגעדרוקט געוו׳אָרן,** 7) **דער ראָמאן וועט געדר׳וקט ווערן.** 8) **איך בין באל׳וינט געוו׳אָרן.** 9) **ער וועט באל׳וינט ווערן.** 10) **דו ווערסט באל׳וינט.** 11) **די איבונג וועט געמ׳אכט ווערן.** 12) **די איבונג איז געמ׳אכט געוו׳אָרן.** 13) **די איבונג פלעגט געמ׳אכט ווערן.** 14) **די איבונג ווערט געמ׳אכט.** 15) **איך בין עקזאמענ׳ירט געוו׳אָרן.** 16) **איך וועל עקזאמענ׳ירט ווערן.** 17) **איך ווער עקזאמענ׳ירט.** 18) **דער בוך ווערט געל׳ייענט.** 19) **דער בוך וועט געל׳ייענט ווערן.** 20) **דער בוך איז געל׳ייענט געוו׳אָרן.**

а) Песня была спета. **б)** Песня поется. **в)** Песня (неоднократно) распевалась... **г)** Песня будет спета. **д)** Роман был напечатан. **е)** Печатается роман. **ж)** Роман будет печататься (напечатан). **з)** Ты награждаешься... **и)** делается (выполняется) упражнение. **й)** Я был награжден. **к)** Он будет награжден. **л)** Упражнение будет сделано. **м)** Упражнение, бывало, выполнялось (многократно). **н)** Упражнение было сделано (выполнялось). **о)** Я на экзамене (сейчас)=(меня экзаменуют). **п)** Я был проэкзаменован. **р)** Я буду экзаменован=(меня будут опрашивать). **с)** Книга была прочитана. **т)** Книга читается. **у)** Книга будет прочитана.

Ключ к заданию 2: 1 — б, 2 — в, 3 — а, 4 — г, 5 — е, 6 — д, 7 — ж, 8 — й, 9 — к, 10 — з, 11 — л, 12 — н, 13 — м, 14 — и, 15 — п, 16 — р, 17 — о, 18— т, 19 — у, 20 — с.

דאָצענט ש. סאנדלער

КРАТКИЙ РАЗГОВОРНИК

М. Х. Кто у тебя спрашивает, сын мой.	вэр фрэгт **ба дир, зун майнэр?**	מ. כ: ווער פרעגט בא דיר, זון מײַנער?
(Все смеются)	(алэ лахн)	(אלע לאכן.)
Я. М. Натан у Вас единственный сын?	Натан из ба айх а бэнйохид?	יא. מ: נאטאן איז בא אײַך א בעניאָכיד?
М. Х. Нет, Натан, наш младший сын. Его старший брат живет в Норильске, на Дальнем Севере, а его старшая сестра живет в Хабаровске, на Дальнем Востоке. У вас есть дети?	нэйн, Натан из ундзэр йынгстэр зун (мизиник), зайн элтэрэр брудэр лэбт ин Норильск, афн вайтн цофн, ун зайн элтэрэ швэстэр лэбт ин Хабаровск, афн вайтн мизрэх. Ир һот киндэр?	מ. כ: ניין, נאטאן איז אונדזער יינגסטער זון (מיזיניק). זײַן עלטערער ברודער לעבט אין נאָרילסק, אפן ווײַטן צאָפן, און זײַן עלטערע שוועסטער לעבט אין כאבאראָווסק, אפן ווײַטן מיזרעך. איר האָט קינדער?
Е. Л. Да, у нас двое детей мальчик и девочка.	йо, мир һобн цвэй киндер: а йингелэ мит а мэйдэлэ	יע. ל: יאָ, מיר האָבן צוויי קינדער: א ייִנגעלע מיט א מיידעלע.
М. Х. По сколько им лет ?	ви алт зайнэн зэй?	מ. כ: ווי אלט זײַנען זיי?
Я. М. Девочке шесть лет, а мальчик моложе на два года.	дос мэйдэлэ из алт зэкс йор, ун дос ингелэ йингер аф цвэй йор.	יא. מ: דאָס מיידעלע איז אלט זעקס יאָר, און דאָס ייִנגעלע איז ייִנגער אף צוויי יאָר.
М. Х. Кто же смотрит за ними?	вэр жэ гит аф зэй а́хтунг?	מ. כ: ווער זשע גיט אף זיי אכטונג?
Е. Л. У них две бабушки и дедушка.	зэй һобн цвэй бо́бэс ун а зэйдн.	יע. ל: זיי האָבן צוויי באָבעס און א זיידן.
М. Х. Не сглазить! Кто-то звонит, иди открой, сынок.	кейн айнһо́рэ! э́мэцэр клингт, гей эфн, зу́нэлэ.	מ. כ: קיין אײַנהאָרע! עמעצער קלינגט. גיי עפן, זונעלע.
Н. Это определенно наш учитель. Он, как всегда точен.	дос из гевис ундзэр лэрэр, эр из, ви штэндик, пи́нктлэх.	נ: דאָס איז געוויס אונדזער לערער. ער איז, ווי שטענדיק, פּינקטלעך.
И. Б. Добрый вечер!	Гутно́внт!	אי. ב: גוטנאָוונט!
М. Х. Здравствуй, Ицик, как поживаешь?	шо́лэм алэ́йхэм, Ицик, вос ма́хсту?	מ. ב: שאָלעם אלייכעם, איציק, וואָס מאכסטו?
И. Б. Здравствуйте, рэб Мойше, спасибо.	алэйхэм шолэм, рэб Мойше, а данк.	אי. ב: אלייכעם שאָלעם, רעב מוישע, א דאנק.
(Входят Злата и Дина)	(эс ку́мэн ара́йн Зла́тэ ун Ди́нэ).	(עס קומען ארײַן זלאטע און דינע)
И. Б. Добрый вечер, Злата, как Вы себя чувствуете?	гутно́внт, Златэ, ви филт ир зих?	אי. ב. גוטנאָוונט, זלאטע, ווי פילט איר זיך?
З. А. Добро пожаловать, Ицикл, ты у нас желанный гость. Я себя чувствую хорошо.	борух һабо́, Ицикл, ду бист ба ундз ан о́нгелэйгтэр гаст. Их фил зих гут.	ז. א: באָרוך האבאָ איציקל, דו ביסט בא אונדז אן אָנגעלייגטער גאסט. איך פיל זיך גוט.
Н. Уважаемый Исаак Борисович, разрешите Вам представить ваших учеников.	хо́шэвэр Исак Борисович, дэрло́йбт айх фо́рштэлн а́йерэ ши́лэр (талми́дим)	נ: כאָשעווער איסאק באָריסאָוויטש, דערלויבט אײַך פאָרשטעלן אײַערע שילער (טאלמידים)
И. Б. Пожалуй представь.	а́дэрабэ, штэл фор	אי. ב. אדעראבע, שטעל פאָר.
(Натан представляет всех).	(Натан штэлт фор а́лэмэн).	(נאטאן שטעלט פאָר אלעמען)
З. А. А сейчас, дорогие гости, прошу всех к столу. Там продолжим беседу.	Ун ицт, либэ гест, бэт их а́лэмэн цум тиш. Дорт вэлн мир фо́рзэцн дэм шму́эс.	ז. א: און איצט, ליבע געסט, בעט איך אלעמען צום טיש. דאָרט וועלן מיר פאָרזעצן דעם שמועס.

А. Герцберг

לאָמיר זינגען נײַע לידער

דאָס גלאָז

ווערטער פון ש. האַלקין | מוזיק פון ל. גאָפמאַן



דאָס גלאָז איז דורכזיכטיק און ריין —
דו זעסט דורך דעם די גאַנצע וועלט:
ווער עס וויינט און ווער עס קוועלט.
נאָר ווי דו האָסט איין זײַט פֿאַרשטעלט
מיט זילבער-פֿאַרב, וואָס האָט די ווערט
א גראָשן געלט צי עטוואָס מער, —
פֿאַרשווינדט פֿון אויג די גאַנצע ערד,
פֿון ריינעם גלאָז א שפּיגל ווערט.
און ווי דער שפּיגל זאָל זײַן ריין, —
דו זעסט אין אים נאָר זיך אליין.

גיט איבער אײַערע באַקאַנטע, וואָס לערנען ייִדיש

די רעדאַקציע פֿון סאָוועטיש היימלאַנד״ האָט ביז איצט אַרויסגעגעבן דרײַ העפֿטן מיט די לימודים פֿון ייִדיש. דער דריטער העפֿט איז דערשינען מיטן נום. 7 פֿונעם זשורנאַל פֿאַר הײַנטיקס יאָר.

די רעדאַקציע פּלאַנירט אַרויסגעבן אין קומענדיקן 1984 יאָר, אויסער דעם פֿערטן העפֿט, אַן איבערדרוק, אין איין ביכל, פֿון די ערשטע צוויי העפֿטן, קעדיי די צוגעקומענע לערנער פֿון ייִדיש זאָלן קאָנען זיך אײַנשאַפֿן דעם גאַנצן קורס פֿון די לימודים.

זאָגט זיי אָן, אַז זיי דאַרפֿן זיך באַצײַטנס אַבאָנירן אױפֿן זשורנאַל צוזאַמען מיט דער צוגאָב־ביבליאָטעק.

selection dedicated to a Bulgarian writer, the late Dora Gabe. In "Our Information", we are printing an article by Viktor Lebediev (Dr. Philology) of Leningrad, "Material on the history of Judaism and its critics in the manuscript repository of the Saltykov-Shchedrin State Public Library".

On the last pages of this issue, there are articles and notes about the Jewish variety theatre ("A Joyous Concert" — a show given by artists of the Vilnius People's Theatre), about the latest in Jewish music ("New Paths" — on the work of young composers S. Chebotarev, S. Berinsky and I Bardanashvili) and about the art of the cinema (Mikhail Romm and his film "Ordinary Fascism").

There are also our regular features, "From the Newspapers and Magazines", "Items of Interest", "A New Song", "Material for a Lexicon of Soviet Jewish Literature" and "An Aid for those learning Yiddish". We are also publishing a note to the readers in connection with the approaching subscriptions to the magazine.

Translated by *Alex Miller*

Supplement: A. Ierusalimsky
"Under the Banner of Internationalism"

RÉSUMÉ

"Sovietish Heimland" ("The Soviet Homeland")
No. 8, August, 1983

The ninetieth birthday anniversary of Vladimir Mayakovsky, the leading poet of the Soviet era, is being commemorated in this number with the publication in Yiddish of his poems "Camp "Nit Gedaiget" and "Soviet Passport".

Our poetry section includes new verse from Iosl Bukhbinder of Kiev, Moishe Pens of Mahachkala and Lev Berinsky of Moscow.

Shmuel Gordon's novel "At the Volga River" is about our own times. Its leading characters are the former builders of the Volga Hydroelectric Station and instructors at a technical school. The novel devotes special attention to moral and ethical problems.

We are continuing to feature Jewish literary classics which have not appeared in print for long time. In this issue, we are publishing the short story "Beyond the Bridge" by leading progressive prose writer Joseph Opatoshu (USA).

Seventy-five years ago, a historic conference was held in the town of Chernovtsy for representatives of the Jewish cultural and literary world at which Yiddish was recognised as the Jewish national language. In connection with this date, "Sovietish Heimland" is publishing the minutes, from forgotten sources, of the proceedings at the first sessions of the conference.

In October 1941, the fascists executed in Minsk a group of underground guerrilla fighters whose names are known except for that of one girl. Journalists Lev Arkadyev and Ada Dikhtyar of Moscow undertook to trace the course of events and have given the title of "The Unknown Girl" to the documentary essay which we are publishing in the current issue.

In our last issue, the feature "Information for our Readers" contained a report by the Israeli commission investigating the mass murder in the Sabra and Shatila Palestinian refugee camps during the bloody invasion of Lebanon by the Israeli army. Keeping the reader informed about the investigation into this crime against humanity, "Sovietish Heimland" is reprinting some items from the "round table" conference conducted by the editors of "Literaturnaya Gareta."

Materials of press-conference Antizionist commettee of Soviet public which took place in Moscow on the 6 june 1983 are published.

Our feature "Reminiscences" is devoted to the conclusion of the biographical notes by the wife of Izi Kharik, one of the founders of Soviet Jewish poetry, and also "Memoirs of a Typist" by Mania Landman of Moscow.

In our literary criticism section, the reader will find an article by Nokhem Oislender (from his literary heritage) about the work of poet and prose writer Buzi Olevsky; reviews of the latest issues of "Almanach of the Jewish Community in Hungary" and of the periodical "Iudaica Bohemiae" (Czechoslovakia); and a

Раздел «Воспоминания» включает окончание биографических заметок жены одного из основоположников советской еврейской поэзии Изи Харика — Дины Харик, а также «Воспоминания машинистки» Мани Ландман (Москва).

Из литературно-критических материалов внимание читателей привлекут статья Наума Ойслендера (из его литературного наследия) о творчестве поэта и прозаика Бузи Олевского, рецензии на новые номера «Альманаха еврейской общины Венгрии» и периодического издания «Юдаика Богемие» (Чехословакия), подборка, посвященная недавно скончавшейся болгарской писательнице Доре Габе. В рубрике «Наши сообщения» печатается статья доктора филологических наук Виктора Лебедева (Ленинград) «Материалы по истории иудаизма и его критики в рукописных фондах Государственной публичной библиотеки им. М. Е. Салтыкова-Щедрина».

На последних страницах этого номера читатель найдет статьи и заметки о еврейской эстраде («Радостный концерт» — выступление артистов Вильнюсского народного театра), о новинках еврейской музыки («Новые пути» — о творчестве молодых композиторов С. Чеботарева, С. Беринского, И. Барданашвили), киноискусстве (Михаил Ромм и его фильм «Обыкновенный фашизм»).

В номере приводятся традиционные рубрики: «Листая газеты и журналы», «Это интересно», «Новая песня», «Материалы для лексикона еврейских советских писателей», «В помощь изучающим идиш». Печатается обращение редакции «Советиш геймланд» к читателям в связи с предстоящей подпиской на журнал.

Приложение к номеру: А. Иерусалимский
«Под знаменем интернационализма»

РЕЗЮМЕ

«Советиш геймланд» («Советская родина»)
№ 8, август 1983

90-летие со дня рождения крупнейшего поэта советской эпохи Владимира Маяковского отмечается в этом номере публикацией в переводе на идиш его стихотворений «Кемп «Нит Гедайгет», «Советский паспорт».

Поэтическая рубрика включает новые подборки стихов Иосифа Бухбиндера (Киев), Моисея Пенса (Махачкала) и Льва Беринского (Москва).

Роман Самуила Гордона «У Волги» посвящен нашему времени. Его главные герои — бывшие строители Волжской ГЭС, воспитатели производственно-технического училища. Видное место в романе отведено морально-этическим проблемам.

Продолжается публикация давно не издававшихся произведений еврейской классической литературы. В этом номере дан рассказ выдающегося прогрессивного прозаика Иосифа Опатошу (США) «За мостом».

75 лет тому назад, в городе Черновцы, происходила историческая конференция деятелей еврейской культуры и литературы, на которой простонародный язык идиш был признан еврейским национальным языком. В связи с этой датой в «Советиш геймланд» печатаются, по забытым источникам, протокольные записи первых заседаний конференции.

В октябре 1941 года фашисты казнили в Минске группу партизан-подпольщиков, имена которых ныне известны, за исключением одной девушки. Журналисты Лев Аркадьев и Ада Дихтяр (Москва) предприняли поиск по следам событий и назвали свой документальный очерк на эту тему, публикующийся в «Советиш геймланд», — «Неизвестная».

В прошлом номере журнала, в рубрике «Информируем наших читателей», был напечатан отчет израильской комиссии по расследованию массового убийства в палестинских лагерях для беженцев Сабра и Шатила, имевшего место в дни кровавого нападения израильской армии на Ливан летом прошлого года. Продолжая информировать читателя о ходе расследования этого преступления против человечества, «Советиш геймланд» перепечатывает в этом номере материалы «Круглого стола», проведенного редакцией «Литературной газеты». Публикуются материалы пресс-конференции Антисионистского Комитета советской общественности, состоявшейся в Москве 6 июня 1983 г.

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

(Советская родина)

Ежемесячный
литературно-художественный журнал

На еврейском языке

Орган Союза писателей СССР
Издается с 1961 г.

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор А. ВЕРГЕЛИС

РЕДКОЛЛЕГИЯ:

Х. Бейдер (зам. главного редактора),
Т. Ген, С. Гордон,
Нотэ Лурье, Х. Меламуд,
Б. Миллер, Б. Могильнер,
Г. Полянкер, И. Шрайбман,
И. Шустер (ответственный секретарь)

Адрес редакции журнала:
101000, Москва, Центр, ул. Кирова, 17.

Телефоны:

главный редактор — 228-27-91
ответственный секретарь — 223-96-07

Художественная и техническая редакция
С. Черняк, Е. Каплан

Корректор Б. Гершман

Сдано в набор 31.05.1983. Подписано к печати
19.07.1983 г. Формат 70×108 1/16. Бумага типо-
19.07.1983 г. Формат 70×108 1/16. Бумага типо-
графская № 1. Печ. л. 11+0,25 вкл. (Усл. печ.
л. 15,75). Бум. л. 5,5+0,125. Цена 80 коп. Зак. 2185.

Ордена Трудового Красного Знамени
московская типография № 7 «Искра революции»
«Союзполиграфпрома» Государственного
Комитета СССР по делам издательств,
полиграфии и книжной торговли.
Москва, 121019, пер. Аксакова, 13.

© Журнал «Советиш геймланд», 1983 г.

Цена 80 коп.

70821

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

СОВЕТСКАЯ РОДИНА

В НОМЕРЕ:

К 90-летию со дня рождения В. В. Маяковского. Стихи о советском паспорте; Кэмп «Нит гедайгет».

С. Гордон. На Волге (роман).

Стихи И. Бухбиндера, М. Пенса, Л. Беринского.

Из нашей классики. И. Опатошу. По ту сторону моста (рассказ).

Л. Аркадьев, А. Дихтярь. Неизвестная (документальный рассказ).

Пресс-конференция Антисионистского комитета советской общественности.

Литературная критика. Вопросы искусства. Н. Ойслендер. О Бузи Олевском. Периодические издания в социалистических странах. Б. Шейнин. Михаил Ромм и его кинофильм «Обыкновенный фашизм».

Наши сообщения. В. Лебедев. Материалы об истории иудаизма и его критике в рукописном фонде библиотеки им. Салтыкова-Щедрина.

Информируем наших читателей. Листая журналы и газеты. Это интересно. Хроника культурной жизни. Материалы для лексикона советской еврейской литературы. В помощь изучающим идиш. Новая песня.

Резюме на русском и английском языках.

1983

№ 8